10 יאָר
פארבאנד
פון יידישע
געזעלשאפטן
אין פראנקרייך

צען יאָר פאַרבאַנד
פון יידישע
געזעלשאַפטן

פארלאג פאריז

ארויסגעגעבן פון „פאַרבאַנד פון יידישע
געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך״. — פאריז
1948

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

מאטעריאלן וועגן דער טעטיקייט פון די
אָנגעשלאָסענע געזעלשאפטן געזאמלט דורך
ב. אלפעראָוויטש און ג. כאנאכאָוויטש.
הילע געצייכנט פון מילקע געצלם.
דרוקעריי ס.י.נ.פ., 14 רי פאראדי. פאריז.

**Dix années de l'Union
des Sociétés Juives
de France**
14 rue de Paradis, Paris 10

Imprimé en France

S.I.P.N., 14, rue de Paradis, Paris-X

אונזער אָנערקענונג און דאַנק

די גרינדער און בויער פונעם פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך :

אנקעלעוויטש און פרוי
אָשלאַק
בראָנעס
גינזבורג
גראַנט
וויינטרויב

פרוי זוסמאַן
טראַפיקאַנט
טשאַרני ב.
יורקעוויטש
סקולפטאָר ליפשיץ זשאַק
לימאָנאַד און פרוי
מאָניקאָווסקי

מיעדזינסקי
סאָסנאָווסקי
פאָזנאַנסקי
פרידמאַן
קרישטאַל
ריבאָזשאַד
שטערן.

די מיטגלידער פון ביוראָ פון פאַרבאַנד אויפן יאָר 1947-48 :

אַנקעלעוויטש
אייזערשטיין
בערענבליט
בראָנעס
דייטעלבוים

פרידמאַן
גינזבורג
גאָלדפאַרב
גראַנט
פרוי יוכט

קרישטאַל
פאָזנאַנסקי
ספעקטאָר
ריבאָזשאַד
שלאַמאָוויטש

די מיטגלידער און די קאָמיטעטן פון די אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן :

עד אַמיקאַל
אַוועניר דע סיאָן
בעסאַראַביע
טשענסטאָכאָוו
הימאַניטע פון 11-טן
אידעאַל פראַטערנעל
קאָנסק
קאַליש
קינדער פון לובלין
פריינט פון פאַריז
פאָלקס-הילף פון בעלוויל
פולאַווי
ראַווא-מאַזאָוויעצק
ראַדאָם
ראָוונאָ

פלאָצק
ווילנע
אגודת אחים
קאָצק-זשעלעכאָוו
קינדער פון פיאָטרקאָוו
פשיטיק
קעלץ
בריסק
אזשאַראָוו
פראַגאַ
אוניאָן מיטיאַליסט דע מאָנמאַרטר
זשיראַרדאָוו
הילף פאַר פריינט
אָכאָטע

קאַלושין
גאַליציאַנער פאַרבאַנד
מינסק-מאַזאָוויעצק
לאָדזש
וולאָצלאַוועק
בעזאַנסאָן
גריצע
כמיעלניק
שעדלעץ
ליוורי-גאַרגאַן
פאָוואָנזעק
וואָלאָמין
טשעכאַנאָוו
אָלקוש
מעזריטש

אין מאָמענט, ווען מיר געבן אָפּ אַ דין וחשבון פון 10 יאָר טעטיקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע, דערמאָנען מיר מיט דאַנקבאַרקייט אַלע פריינט, וועלכע האָבן באַוויזן אין אויסלאַנד אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון אונזער טעטיקייט און געהאָלפן רעאַליזירן אַ טייל פון די אויפגאַבן, וואָס דאָס לעבן האָט געשטעלט פאַר אונז.

מיר שיקן אונזערע האַרציקסטע גרוסן:

- דעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אין ניו־יאָרק און זיין גענעראַל־סעקרעטאַר ראובן זאַלצמאַן,

- דעם ראַט פון וואַרשעווער יידן אין ניו־יאָרק און זיינע פירנדיקע פערזענלעכקייטן וואהל, קלמן פרידמאַן, סעם דרעוונאָוויטש, שנעק, וויך, מאָשקאָוויטש, א. אַ.

- די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן דורך אונזער דעלעגאַציע אין אַפּריל און מאַי 1947 אין ניו־יאָרק און גאָר באַזונדערס: די בריסקער, קאָצקער, ראַדאָמער, גריצער, קאָנסקער, קאַלושינער, זשיראַרדאָווער, קאַלישער, פריינט אָף ווילנע, מאָגעלניצער, מינסק־מאַזאָוויעצקער א. אַנד.

- דער גרופּע פון פרויען אין דעטראָיט און גאָר באַזונדער פרוי האַנדעלסמאַן.

- דעם פריינט לעאָ ווייס פון זשעלעכאָוו אין טשיקאַגאָ.

- די וואַרשעווער, טשענסטאָכאָווער, לובלינער און לאָדזשער בראַנטשן פון פאָלקס־אָרדן אין ניו־יאָרק.

- דעם פריינט זימלער פון דער קאָנסקער סאָסיעטע אין ניו־יאָרק.

- דער פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסלייט פאַריינען אין אַרגענטינע.

- דער פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויטע קעמפנער" אין בראַזיליע.

פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן
אין פראַנקרייך.

דער באַרימטער סקולפטאָר זשאַק ליפשיץ

דער ערשטער ערן־פרעזידענט פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן אין פֿראַנקרייך“, באַגריסט דעם פֿאַרבאַנד צו זיין צעניאָריקן יוביליי

ניו־יאָרק, דעם 6־טן נאָוועמבער 1947.

ליבע פֿריינט,

נישט וויניק שטורעמס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען זייט דעם טאָג, ווען אונזער פֿאַרבאַנד האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דעם כבוד, מיך אויסצוּוויילן צו זיין פרעזידענט.

כ׳האָב נישט מער קיין דאָקומענטן פֿון יענער צייט. דער שטורעם האָט זיי אַוועקגעטראָגן. אָבער דער אָנדענק פֿון יענע אונזערע אָנהייבן לעבט תמיד אין מיין האַרצן.

אויף דעם שווערן וועג פֿון מיין וואַנדערן זייט 1941 האָב איך געקאָנט מעסטן די גאַנצע גרויס און די ווירקונג פֿון אונזער ווערק.

איך דערמאָן זיך אין ליסאַבאָן, אין יוני 1941, אַ מאָגערער און פֿאַרמאַטערטער צוזאַמען מיט מיין פֿרוי, שטייענדיק אין דער ריי פֿאַר די טירן פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, ענלעך צו אונזערער. אָט דאָרטן, עסנדיק אַ באַשיידענע מאָלצייט אין אַ האַרציקער סביבה, וואָס האָט מיר דערמאָנט די אַטמאָספֿערע אויף רי סאַנטאָנזש, האָב איך דערפֿילט, אַז מענטשלעכע סאָלידאַריטעט איז נישט קיין פוסט וואָרט. און איך האָב מיך געפֿילט גליקלעך און געטרייסט.

זאָל אָט דאָס געפֿיל אויך אייך געבן דעם נויטיקן מוט, כדי פֿאָרצוזעצן און צו דערפֿירן צום דערפֿאָלג, די פֿאַרשידנאַרטיקע טעטיקייט, וואָס אייער פֿאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט ווי אַן אויפֿגאַבע.

זשאַק ליפשיץ



Le courage nécessaire pour poursuivre et
mener à bien, les multiples activités dont
votre société assume la tâche

JACQUES LIPCHITZ



דער סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ אין זיין אַטעליע

אונזער בנין היינט

אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען

אלפרעד גראנט

גענעראל־סעקרעטאר פון „פארבאנד
פון די יידישע געזעלשאפטן"

פון קעגנזייטיקער הילף - צום קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן קיום

I

די קינדער־יאָרן פון סאָסיעטע־לעבן

יידישע געזעלשאפטן פון קעגנזייטיקער הילף גרינדן זיך אין פראנקרייך ארום די 90־ער יארן פון פאריקן יארהונדערט. זיי נעמען ארום די פאליטישע און עקאנאמישע עמיגראנטן פון רוסלאנד, וועלכע האבן זיך באזעצט אין פראנקרייך. דער כאראקטער פון קעגנזייטיקער הילף איז געגעבן געווארן די געזעלשאפטן נישט נאר צוליב נויטווענדיקייט, נאר אויך צוליב לעגאליזירונג־טעמים.

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז אויך די פראנצויזישע סינדיקאלע באוועגונג האט אנגעהויבן איר ווידעראויפלעבונג נאך דער שחיטה פון דער קאמונע, אויף די יסודות פון קעגנזייטיקער הילף. דער דאזיקער שטריך האט ארויפגעלייגט זיין שטעמפל אויף דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די סינדיקאטן.

פאר די יידישע אנארכיסטן און סאציאל־דעמאקראטן האבן די סאסיעטעס געדינט ווי א דעק־מאנטל פאר זייער פאליטישער אקטיוויטעט, פאר אן ארט פון צוזאמענקום, א פלאץ פון פאלעמיקע דיסקוסיעס וועגן פארשידענע פראבלעמען.

דא און דארטן זענען די סאסיעטעס געווען פאקטיש סינדיקאטן פון ארבעטער פון זעלבן פאך, ווי ביי די קאפעלוש־מאכער, ביי די שניידער („מאדערנע שניידער" הייסט נאך היינט א סאסיעטע), ביי די האלץ־ארבעטער, ביי די טאפעצירער א. א. וו.

פאר די דאזיקע 2 קאטעגאריעס פון עמיגראנטן איז די באזע פון דער ארגאניזאציע באשטאנען אין דער געמיינשאפט פון אינטערעסן אדער פון דער אידעאלאגיע. די באזע פון דער לאנדסמאנשאפט איז ערשט געבוירן געווארן אין אנהייב פון איצטיקן יארהונדערט, הויפטזעכלעך צווישן די אימיגראנטן פון פוילן.

ווען דער יונגער עקאנאמישער אדער פאליטישער עמיגראנט איז אראפ פון „גאר די נאר", (דער וואקזאל, ווו ס'פלעגן אנקומען די צוגן פון פוילן), אן אויסגעווארצלטער פון דער אלטער היים, אן באציונגען אינעם ארט, ווו ער האט געהאט בדעה צו בויען א נייע היים, איז ער אין דער ערשטער ריי פארפארן צו א לאנדסמאן. דא האט ער נישט געדארפט קענען די פרעמדע שפראך, דא האט ער באקומען אן אדרעס פון א האטעל, פון א פאטראן. דא האט ער אויך געפונען א היימישע סביבה נאך דער שווערער וואך ארבעט. דא האט ער אויפגעפרישט די זכרונות פון דער אלטער היים.

אזוי לאנג, ווי די אימיגראציע איז געווען אן איזאלירטע, האבן די אלע פראגן באקומען א ספאראדישע לייזונג. א פראבלעם איז עס געווארן ערשט דעמאלט, ווען די אימיגראציע איז געווארן א מאסן־דערשיינונג.

אזוי האבן זיך גענומען גרינדן לאנדסמאנשאפטן לויט שטעט, אדער געגנטן.

אט די דריי פארמען פון סאסיעטעס עקזיסטירן אין

פראַנקרייך ביזן היינטיקן טאָג. זיי האָבן באַלד ביי דער אַנטשטייונג באַקומען אַ געמיינזאַמען כאַראַקטער־שטריך: די קעגנזייטיקע הילף און די זאָרג פאַר אַ קבר־ישראל.

דער ערשטער פונקט איז דאָ און דאָרטן נישט מער ווי אַ סימבאָלישער. אָבער אַפילו דאָרט, ווו ער האָט אַן אויסווירקונג פון אַ געוויסן ווערט, איז עס נישט קיין סאָציאַלע פראַגע, נאָר מער אַ פילאַנטראָפּישע הילף. די סאָסייעטע ווערט אַן אָפּגעשלאָסענע קאַסטע, וואָס טראַכט און זאָרגט אויסשליסלעך פאַר די אייגענע מיטגלידער. די אויסערלעכע וועלט דרינגט קיינמאָל נישט אַריין אינעווייניק, נישט מיט אירע פּראָבלעמען, נישט מיט אירע באַדערפענישן.

די קעגנזייטיקע הילף, וואָס איז פאַרשריבן ווי אַ פונקט אין די סטאַטוטן, פאַרנעמען אַ געוויסן פּלאַץ און די באַדערפענישן פון די אַרבעטנדיקע מיטגלידער, ספּעציעל אין פאַל פון קראַנקייט אָדער אַרבעטסלאָזיקייט. אָבער זייער אָפט ווערט דער דאָזיקער 7־טער אַרטיקל פון די סטאַטוטן נישט רעספּעקטירט. לײדער איז די כראָניק פון יענעם פּעריאָד פון לעבן פון די סאָסייעטעס אויסגעפילט מיט ביישפילן פון ווילקירלעכער האַלטונג פון געוויסע סאָסייעטע־פירער.

אַזוי צ. ב. האָט אַ מיטגליד משה טורין געפאָדערט קראַנקן־שטיצע פאַר 3 און אַ האַלב חדשים. לויט אַרטיקל 7 האָט אים געקומט צו 1 פראַנק אַ טאָג. די סאָסייעטע האָט אים „ברייט־האַרציק" פאָרגעשלאָגן 50 פראַנק פאַר דער גאַנצער צייט.

דערביי איז נייטיק צו געדענקען, אַז אין פראַנקרייך האָט מען איינגעפירט די אַלגעמיינע סאָציאַלע פאַרזיכערונג ערשט אין יאָר 1930. ביז דעמאָלט האָט אַן אַרבעטער געמוזט דעקן אַלע אויסגאַבן בעת אַ קראַנקייט. און די מיטגלידער פון די סאָסייעטעס זענען מייסטנס געווען אַרבעטער אָדער אַרבעטנדיקע, וועלכע האָבן שווער געהאָרעוועט פאַר זייער חיונה.

עס זענען געווען פאַלן, ווען מ'האָט אויסגעשלאָסן מיטגלידער פון די סאָסייעטעס, ווייל זיי האָבן נישט געצאָלט מיטגליד־אָפּצאָל צוליב אַרבעטסלאָזיקייט.

ס'זענען געווען נאָך ערגערע פאַלן:

אַ יונגער אַרבעטער ב. טענענבוים איז געשטאָרבן און די סאָסייעטע האָט געפאָדערט 1800 פראַנק פאַר דער קבורה. צוליב דער אַרבעטסלאָזיקייט האָט דער פאָטער פון דעם מת נישט פאַרמאָגט די סומע, און די סאָסייעטע האָט געלאָזט דעם טויטן 4 טעג אָן קבורה.

אַן אַנדער פאַל:

ווען פרוי טייטלבוים האָט זיך געוואָנדן צו דער פרויען־סאָסייעטע „באָן קער" (דאָס גוטע האַרץ) נאָך שטיצע פאַר איר קינד, האָט מען איר פאָרגעשלאָגן צוצונעמען דאָס קינד און עס איבערגעבן אַ רייכער מאַדאַם.

אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט, וואָס די סאָסייעטע „אַמיקאַל איזראַעליט" האָט איינגעאָרדנט אין 1936 וועגן דעם אופן פון טיילן קעגנזייטיקע הילף, האָט דער פּרעזידענט פּאַווידלאָ אָנגעוויזן, אַז 100 סאָסייעטעס פאַרטיילן יערלעך אַן ערך 70.000 פראַנק שטיצע (אַ קאָלאָסאַלע סומע אין יענע צייטן). אָבער די רעזולטאַטן זענען נישט צו זען.

דער סיסטעם פון אַנגאַזשירן איינעם אָדער עטלעכע דאָקטוירים, וועלכע די מיטגלידער האָבן געקאָנט וויזיטירן מיט ביקעמען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומווירקזאַם און האָט געלאָזן אָפן די טירן פאַר פאַרשיידענע חשדים.

פון דעם דרינגט נישט אַרויס, אַז די הילף האָט בכלל נישט עקזיסטירט. דאָס וואָלט געווען איבערגעטריבן.

ענלעך איז געווען מיט די ליי־קאַסעס. געוויסע סאָסייעטעס פלעגן אויסבאָרגן זייערע מיטגלידער צו עטלעכע הונדערט פראַנק אָן פּראָצענטער. אויך דאָ זענען געווען ווילקירלעכע האַנדלונגען. די כראָניק דערציילט, אַז אין איין סאָסייעטע האָט דער פּרעזידענט נישט געוואָלט באָרגן אַ מיטגליד 50 פראַנק, אָבער ער אַליין האָט מיט דער צושטימונג פון קאַסירער אַרויסגעבאָרגט פון דער סאָסייעטע־קאַסע אַ סומע פון 1.000 פראַנק פאַר זיין אייגענעם געשעפט.

אין אַן אַנדערער סאָסייעטע פלעגט דער פּרעזידענט זיך הייסן כסדר קויפן מתנות, אַמאָל פאַר זיך, אַמאָל פאַר דער פרוי, אַמאָל פאַרן זון א. אַ. וו.

אָבער פאָרט האָבן די ליי־קאַסעס געבראַכט אין אַ סך פאַלן זייער ווירקזאַמע הילף.

אַזוי און ענלעך האָט זיך דאָס סאָסייעטע־לעבן געדרייט אין לויף פון יאָרן אַרום לעבנס־פּראָבלעמען (קראַנקייט, אַרבעטסלאָזיקייט, מאַנגל אין פּרנסה), וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פילאַנטראָפּיע, אַמאָל אין אַ קאַמף פאַר כבוד.

נאָר אין איינציקע סאָסייעטעס, ספּעציעל אין די יוניקע, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן דורך רוסישע פּאָליטישע אימיגראַנטן (אַנאַרכיסטן, עסדעקעס), האָט זיך געפירט אַ געוויסע קולטור־אַרבעט, הויפּטזעכלעך דורך רעפעראַטן.

אַזאַ לאַגע האָבן געטראָפן אין פּאַריז די טויזנטער אימיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד און פּוילן נאָכן סוף פון ערשטן וועלט־קריג. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ סך יונגע עלעמענטן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דאָס פייער פון קריג, בייגעווינט די רעוואָלוציעס פון „ספּאַרטאַקוס", פון בעלאַ־קון און פון אָקטאָבער.

עס האָבן געלעבט אין זיי די טראַדיציעס פון נאָענטן עבר און פון די יאָרן־לאַנגע קאַמפן פאַר פרייהייט אין זייערע היים־לענדער. די קולטור־טראַדיציעס פון פּוילן, רוסלאַנד און ליטע זענען געשטאַנען אין קעגנזאַץ צום אָפּגעשלאָסענעם לעבן אין די סאָסייעטעס. די קולטור־אַספּיראַציעס האָבן זיך נישט געקאָנט רעאַליזירן אין די ענגע ראַמען פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט־קאַסטע. אַפילו ווען די קולטור־טעטיקייט זאָל האָבן געבילדעט אַ טייל פון דער אַקטיוויטעט פון דער אָדער יענער געזעלשאַפט.

כדי די־אָ שטרעבונגען זאָלן באַקומען אַ תיקון איז געווען נייטווענדיק, אַז אַלע קולטור־אַקטיוויטעטן זאָלן צענטראַליזירט ווערן אויסער די ראַמען פון די סאָסייעטעס, הגם

נישט אין קעגנזאַץ צו זיי. אַזוי געפֿינען זיך ביי דער גרינדונג פֿון דער פּאַריזער קולטור־ליגע (1922) אויסער די „יונגע“ אויך „אַלטע“ אימיגראַנטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט זייער פּלאַץ אין די פֿאַרשידענע סאָסיעטעס און לאַנדסמאַנשאַפֿטן.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אונטערן איינפֿלוס פֿון די מלחמה־נאָכווייען האָבן די געזעלשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿאַרנומען אַ פֿיל גרעסערן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פֿון דער פּראָגרעסיווער יוגנט, ווי די זאָרג פֿאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט איר אויסגעזען, ווי אַ נעבן־זאַך.

די אידייע פֿון צענטראַליזאַציע ווערט געבוירן

פּרוּוון צו שאַפֿן אַ פֿעדעראַציע פֿון סאָסיעטעס זענען געמאַכט געוואָרן נאָך פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג. אין 1913 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צונויפֿצורופֿן די סאָסיעטעס. אין מערץ 1914 עקזיסטירט שוין אין פּאַריז אַ פֿעדעראַציע צו „אַנטוויקלען דאָס יידישע סאָציאַלע און מוטועלע ווערק“. אָבער די פֿעדעראַציע צעפֿאַלט זיך מיטן אָנקומען פֿון קריג. הגם אין 1916 ווערט געמאַכט אַ נייער פּרוּוו, איז די „פֿעדעראַציע פֿון די יידישע סאָסיעטעס פֿון קעגנזייטיקער הילף“ געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1923. אַרום 1928 ציילט זי אַן ערך 80 אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפֿטן.

די פֿעדעראַציע שטעלט זיך פֿאַר אַ ציל צו רעפּרעזענטירן די באַזונדערע צעשפּליטערטע געזעלשאַפֿטן פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט, בויען צענטראַלע הילפֿס־אינסטאַלטן פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך גרינדן אַלגעמיינע קולטור־אינסטיטוציעס.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די פֿאָרמירונג פֿון דער פֿעדעראַציע האָט געזאָלט זיין אַן ענטפֿער פֿון געוויסע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין יידישן לעבן, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט איינפּאַסן אין פּראָגרעסיוון גייסט פֿון דער דעמאָלט עקזיסטירנדיקער קולטור־ליגע, ווו די יונגע רעוואָלוציאָנערע כוחות פֿון פּוילן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

דער געדאַנק צו צונויפֿירן די באַזונדערע סאָסיעטעס איז געווען אַ ריכטיקער. דער פּראָגראַם אַן אויסגעצייכנטער.

נאָר גאָר גיך איז די אידייע פֿאַרקריפּלט געוואָרן דורך דעם מאַנגל פֿון צוטרוי צו די סאָסיעטעטוער מצד די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון דער פֿעדעראַציע.

די וויכטיקע און ריכטיקע איניציאַטיוון ווערן אָרגאַניזירט אויסערן קאָנטראָל פֿון די אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפֿטן און אָן זייער מיטאַרבעט.

אַזוי האָט די פֿעדעראַציע אָרגאַניזירט אַ זאַמלונג פֿאַר בויען אַ סאַנאַטאָריע. אָבער די אַקציע האָט זיך שנעל געענדיקט מיט אַן עפֿנטלעכן סקאַנדאַל און קיינמאָל איז ניט אָפּגעגעבן געוואָרן קיין דין וחשבון פֿון די געזאַמלטע געלטער.

עס איז אויך באַקאַנט אַן אַקציע פֿאַר אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָט אויך ניט געקאָנט דערשיינען מיט איר חשבון פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט.

אין די סאָסיעטעס, ווו די צענטראַליזירונג פֿון די סאָציאַלע אַקטיוויטעטן האָט געפֿונען אַ סימפּאַטישן אָפּקלאַנג, קריסטאַליזירט זיך אַרויס דער געדאַנק וועגן לייגן די פּראָבלעמען אויף אַן אייגענעם אופֿן.

די שווערקייטן זענען וואָס אַמאָל גרעסערע, די באַדערפֿענישן וואַקסן, די אַרבעטסלאָזע, די קראַנקע נויטיקן זיך אין הילף, אָבער די קאַסעס פֿון די סאָסיעטעס זענען ניט בכוח נאָכצוקומען אַלע פֿאָדערונגען, ניט נאָר פֿון די אויסערלעכע נויט־באַדערפֿטיקע, נאָר אַפֿילו פֿון די אייגענע מיטגלידער.

ניט פֿאַראַן קיין אַנדער אויסוועג, ווי זוכן אַ לייזונג אין אַ פֿאַראייניקונג פֿון די כוחות. אָבער די פּאַטענטירטע דעה־זאָגער פֿאַרשטייען ניט, אַז די אַרבעטנדיקע מיטגלידער פֿון די סאָסיעטעס קאָנען ניט טאָלערירן מ'זאָל זיי אָנוואַרפֿן דעם ווילן פֿון אויבן־אָן און נישט צולאָזן זיי צו דער אָנפֿירונג.

אויף דעם באָדן, אויפֿן באָדן פֿון קאַמף פֿאַר פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿאַר דעמאָקראַטיע און פֿאַר אייניקייט, שפּילט זיך אָפּ דער קאַמף אין פֿאַרשידענע סאָסיעטעס און לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿאַר צענטראַליזירן די הילף־טעטיקייט.

פֿאַרשידענע סאָסיעטעס פֿאַרלאָזן בישלעכווייז די צענטראַלע און פֿאַרמאַכן זיך צוריק אין זייערע באַגרענעצטע ד' אַמות, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט געמאַכט דעם גרויסן שריט פֿון פֿאַראייניקונג.

דאָס פֿאַרלאָזן די פֿעדעראַציע איז אָבער ניט אין הסכם מיט די שטרעבונגען צו אייניקייטלעכער טעטיקייט. דער געדאַנק פֿון איבערגיין צו אַ ברייטער סאָציאַלער הילפֿס־אַרבעט, צו אַ העכערן שטאַפּל פֿון סאָלידאַריטעט, פֿאַרלאָזט ניט די דעמאָקראַטישע טייל פֿון די סאָסיעטעס.

יאָרן לאַנג האָט דער דאָזיקער געדאַנק באַהערשט פֿאַרשידענע סאָסיעטעס, געעקבערט די מוחות פֿון די דעמאָקראַטישע טוער און געזוכט די געלעגנהייט זיך צו קאָנקרעטיזירן.

די דאָזיקע אַקטיווע און איבערגעגעבענע פֿאָלקס־מענטשן האָבן זיך ניט געקאָנט מיאש זיין פֿון זייערע אַספּיראַציעס, פֿון דעם אינסטינקטיוון ווילן צו געפֿינען אַן אויסוועג פֿאַר די וואַקסנדיקע שוועריקייטן. זיי האָבן געזוכט אויפֿריכטיקע פֿאַרבינדעטע.

נייע כוחות, נייע פּערספּעקטיוון

נאָכדעם ווי די „קולטור־ליגע“ האָט דורכגעמאַכט דעם ערשטן פּעריאָד פֿון סטאַביליזאַציע, נאָכדעם ווי איר טעטיקייט אויפֿן קולטור־געביט האָט באַקומען באַשטימטע, פֿעסטע פֿאָרמען, נאָכדעם ווי די יונגע אַרבעטער־טוער האָבן דער־

גרייכט דעם באַוווּסטזיין פון זייער אחריות פאַרן גורל פון איינגעוואַנדערטן יידישן ישוב, האָט זי גענומען אויסברייטערן איר אַקטיוויטעט. עס ווערט געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פון זאָרג פאַרן אַרבעטער-קינד.

די קאָנסעקווענטע אַרבעטער-טוער, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע פערזענלעכע אינטערעסן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, זענען ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין אַלע שרייפעלעך פון יידישן לעבן אין לאַנד.

זיי האָבן געענטפערט אויף אַלע עוולות, זיך אָנגענומען די קריוודע פון אַלע ליידנדיקע און טרעפן זיך, נאַטירלעך, אַן אויף דער וויכטיקייט פון קעגנזייטיקער הילף אין טאָג-טעגלעכן לעבן. זיי גרינדן נייע אָרגאַניזאַציעס.

זייט 1930 פאָרמירן זיך קודם כל די פאַטראָנאַטן איבער פּאָליטישע אַרעסטירטע (אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם איז פאַראַן אין דער דאָזיקער אויסגאַבע).

אין 1932 גרינדעט זיך די פּראָלעטאַרישע הילפס-אָרגאַניזאַציע, דער אַרבעטער-אָרדן (זע באַזונדערע אָפּהאַנדלונג).

דער נייער אופן פון דענקען פון די יונגע אָרגאַניזאַציעס און ספּעציעל זייער נעגאַטיווע באַציונג צו פילאַנטראָפּיע, האָט אויסגעדריקט די מיינונגען פון גרויסע טיילן פון די מיטגלידער פון די פאַרשידנסטע סאָסייעטעס. די דאָזיקע איינהייטלעכקייט אין די אידייען האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן איינהייט פון טאַט בעת דער קאַמפּאַניע לטובת די ערשטע פליטים פון דייטשלאַנד.

אַלע כוחות אויף דער יידישער גאַס האָבן דאַ געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוּווייזן זייער ערלעכע זאָרג פאַרן פּליט, זייערע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען די ערשטע היטלעריסטישע קרבנות.

לאָמיר ווידער אַ קוק טאָן, וואָס די כראָניק דערציילט וועגן דעם טרויעריקן קאַפּיטל, וואָס הייסט די דייטשע פליטים אין פראַנקרייך.

אין אַ קאַזאַרמע ביי פּאָרט דע לאַ ווילעט, אַ פאַרוואָרלאָזטע זייט לאַנג, האָט מען אָנגעפּאַקט הונדערטער אַנטלאָפענע יידן פון דייטשלאַנד. דער הילפס-קאָמיטעט האָט אַפילו זיך דערלויבט צו רופן פּאָליציי און צו אַרעסטירן 4 פליטים, ווייל זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער שלעכטער באַהאַנדלונג.

אין דער קאַזאַרמע סען-מאָר האָט דער פאַרוואַלטער שטערן געפּלעט דעם קאָפּ פון אַ פליט לאַנדעק מיט אַ שטיק האָלץ.

אַ פליט פון דיסעלדאָרף שניידט זיך איבער די אָדערן נאָך דעם, ווי דער הילפס-קאָמיטעט אויף רי דע לאַ דיראַנס וואַרפט אים אַרויס.

די צייטונג „פּאַריזער היינט” שלאָגט פאָר, אַז די פליטים זאָלן זיך אַנגאַזשירן אין פרעמדן-לעגיאָן, אָדער פאָרן קיין קאָרסיקע, אַרגענטינע, בראַזיליע, אַנגאָלאַ א. אַ. וו.

די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע באַציונג צו געליטענע, צו היימלאָזע און פאַרוואָרלאָזטע אין אַ פרעמד לאַנד, די דאָזיקע טראַגעדיע פון מענטשן, פאַרפאָלגטע פון פאַשיזם, רודערט אויף דאָס געזעלשאַפטלעכע געוויסן.

מען ווערט געוווּיר, אַז ניט נאָר וואָס דער פילאַנטראָפּישער הילפס-קאָמיטעט העלפט ניט איינאָרדענען די פליטים אויף געזונטע באַזעס, נאָר אַז עס געפינען זיך פאַרשוויגן, וועלכע זאָרגן פריער פאַר זייערע אייגענע קעשענעס, ווי פאַר די פליטים, ווי דאָס איז געשען מיטן ה' ש. פון עפּעס אַ הילפס-קאָמיטעט.

עס ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז די אַדמיניסטראַטיווע שיקאַנעס פון דער פּאָליציי זענען אַ פּערמאַנענטע געפאַר פאַר דער צוקונפט פון די פליטים און אַז זייער לעגאַלע סיטואַציע איז בכלל ניט גאַראַנטירט. די אויפרעגונג אין די געזעלשאַפטן שטייגט, ווען מ'ווערט געוווּיר, אַז די אומצופרידענע האָבן אַפילו ניט צו וועמען צו ווענדן זיך, אַז מ'זאָל זיי באַשיצן.

אַזוי צ. ב. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין יולי 1934, אַז דער הילפס-קאָמיטעט ליקווידירט זיך, עס דראָט די פליטים צו בלייבן פולשטענדיק אָן שטיצע, הגם פון פאַרשידענע זייטן איז געווען באַקאַנט, אַז עס עקזיסטירן פאָנדן.

אַ גרופּע פליטים אָרגאַניזירט זיך און שיקט אַ דעלעגאַציע צום באַראָן ראָטשילד און צום „דזשאָינט”-פאַרטרעטער. זי פאָדערט מ'זאָל איר איבערגעבן די פאַרוואַלטונג פון די פאָנדן און פאָרזעצן די הילפס-טעטיקייט.

דער אָפּזאָג איז אַ קאַטעגאָרישער.

אומבאַהאָלפן האָבן זיך צוגעקוקט די צעשפּליטערטע סאָסייעטעס, צו דעם טרויעריקן מצב פון די ערשטע היטלעריסטישע קרבנות. ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען זייער לאַגע, ווען די פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך מיט זיי פאַרנומען! מיט זייער איבערגעגעבנקייט, מיטן פאָלקס-ענטוזיאַזם און קרבנות-גרייטקייט וואָלטן זיי פאַרטראַטן די אָנגעזאַמלטע פאָנדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביוראָקראַטישע הענט, אָן געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל!

אָבער צו דער פאָלקס-איניציאַטיוו, צו איר אונטערנעמונג-גייסט האָט מען זיך ניט געוואָנדן. די אָנפירונג פון הילפס-קאָמיטעט איז געבליבן פאַרשלאָסן פאַר די פאָלקס-פאַרשטייער. דער הילפס-קאָמיטעט איז ניט געווען קיין איינהייטלעכער, ער איז געווען אָנגעפירט פון פראַנצויזישע יידן, ביי וועמען די אידייע פון דערנענטערונג מיט די איינגעוואַנדערטע איז ניט געווען פּאָפּולער.

אין יענעם שווערן מאָמענט אין לעבן פון די ערשטע פליטים האָט באַראָן ראָטשילד אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער פעדעראַציע דערקלערט ווערטלעך:

„איך וואָלט ניט וועלן, אַז דאָ זאָל זיך שאַפן אַ מיספאַרשטייעניש. דאָ ווערן היינט ניט געשאַפן קיין נייע פאַקטן פון אַ פאַרבינדונג צווישן די פראַנצויזישע יידן און דעם מזרח-יידישן ישוב. די גרענעצן פאַרבלייבן”.

וואָס וועט אָבער פאָרט ווערן מיט די פליטים? ווער וועט

זיי פארגיטיקן די עוולה, וואס ווערט באגאנגען לגבי זיי?

דער ארבעטער-ארדן ווענדעט זיך דעמאלט צו די סאסיעטעס. דער איבערברוך איז געמאכט. די צוזאמענארבעט פון די פראגרעסיווע ארבעטער-ארגאניזאציעס און פון די סאסיעטעס נעמט אן פעסטע, קאנקרעטע פארמען. די אספיראציעס פון די דעמאקראטישע סאסיעטע-טוער געפינען אן אנטוויקלונג-באדן און אן אלירטן מיט דינאמישן אונטערנעמונג-גייסט.

עס פארשטייט זיך, אז עס דארפן געבראכן ווערן געוויסע אינערציעס און געוווינהייטן, א געוויסער ווידערגעפיל פון דער, אדער אנדער זייט. דער ביטול פון א טייל ארבעטער-טוער צו די סאסיעטע-פרעזידענטן, ווי דער מאנגל פון פארשטענדעניש פאר דער ראל פון די ארבעטער ומצד די סאסיעטע-טוער. עס איז געווען נויטיק א לאנגער איבערגאנג-פעריאד, דער בונד צווישן די סאסיעטעס און די ארבעטער-ארגאניזאציעס האט זיך אויסגעשמידט אין דער טאג-טעגלעכער ארבעט און זארג.

די נויטווענדיקייט פון דעם דאזיקן בונד איז געווארן א לעבנס-פראגע פאר אלע איינגעוואנדערטע, אין אנבליק פון די ערשטע שארפע אנגריפן קעגן אויסלענדער.

פארטיידיקונג פון די אויסלענדער

עס האנדלט זיך ניט מער אין פליטים, די העמאלטיקע „נייע איינגעוואנדערטע“, וועמען מ׳דארף געבן שטיצע. עס האנדלט זיך אין יארנלאנגע תושבים, וואס האבן ניט באוויזן זיך צו נאטוראליזירן.

דער עקאנאמישער קריזיס, וואס האט דעמאלט געהערשט אין פראנקרייך, אלס רעזולטאט פון קראך אויף וואל-סטריט אין 1929, האט באשאפן אן ארמיי פון עטלעכע הונדערט טויזנט ארבעטסלאזע. געוויסע רעאקציאנערן האבן דאן געטענהט: „ווען פראנצויזן האבן ניט צו עסן, דארף מען ניט געבן קיין ארבעט די אויסלענדער“.

די סאציאליסטישע פארלאמענט-פראקציע שלאגט פאר צו רעדוצירן די אויסלענדער-קוואטע אין די פאבריקן אויף 10 פראצענט. אזוי ווערט איינגעפירט א „נומערוס קלויזוס“ פון 25 פראצענט אין דער שיך-בראנזשע און פון 30 פראצענט אין מאראקינערי, 10 פראצענט ביי פריזירער. שפעטער ווערט זי פארקלענערט אויף דער העלפט.

יעדער אויסלענדער דארף אראפגעבן 10 פראצענט שטייערן פון זיין לוין. פון אן אונטערנעמונג, ווי עס טרעטן ארויס אויסלענדישע ארטיסטן, דארף מען אפצאלן 12 פראצענט.

וואס איז נוגע ארבעטסלאזן-שטיצע, באקומען די אויסלענדער פון אנהייב 9 פר. א טאג, אנשטאט 10 פר. פאר פראנצויזישע ארבעטסלאזע און שפעטער נאר 7 פר.

אזוי ווי די ארבעטסלאזיקייט איז געשטיגן ביי די אויסלענדישע ארבעטער, האבן זיי שטארק געליטן פון מאנגל פון קראנקן-שטיצע, ווייל זי האט ניט פונקציאנירט פאר ארבעטסלאזע.

צו דעם זענען צוגעקומען די אדמיניסטראטיווע פארפאלגונגען און די שוועריקייטן ביים באקומען די נויטיקע פאפירן (קארט ד׳אידענטיטעט).

עס הייבט זיך אויף א קסענאפאבישע קאמפאניע אין לאנד. אין לויף פון דער דיסקוסיע ארום דער סטאוויסקי-אפערע אין פארלאמענט ווונדערט זיך דער ראדיקאלער דעפוטאט לאקור, מיט וועלכער לייכטקייט מען גיט די אויסלענדער א דערלויבעניש צו קומען קיין פראנקרייך און דא „דורכצופירן זייערע שווינדלערייען“.

ווען פרעמיער בארטו ווערט דערמארדעט אין באגלייטונג פון קעניג אלעקסאנדער פון יוגאסלאוויע דורך אן אוסטאשי, פאדערט דער קאלאנעל דע לא ראק (פירער פון דער פראנצויזישער פאשיסטישער פארטיי „קרוא דע פע“): — אויפצולייזן די קאמוניסטישע פארטיי, מאכן אבלאוועס אויף אויסלענדער, ארויסווארפן זיי פון די פאבריקן, אנעמען אויסנאם-מיטלען קעגן זיי.

„פארי מידי“ שרייבט: „די „מעטעקעס“ (פראנצויזישער זידל-נאמען פאר אויסלענדער) רודערן צופיל ארום אין לאנד. „ל׳עוור“ מאכט דעם דעליקאטער: — „די אויסלענדער טרייבן איבער“. און דער סאציאליסטישער ארבעטס-מיניסטער מארקע דערקלערט: „די פראנצויזן דארפן זיך פארטיידיקן קעגן די אויסלענדער“.

עס קומען פאר אבלאוועס אויף אויסלענדער, אויף „אומגעוווּנטשענע“ אויפן בעלוויל, פלעצל, מאנמארטר א. א. וו.

דער פירער פון די פוילישע קוילנגרעבער, א נאטוראליזירטער פראנצויז, אלשאנסקי, ווערט ארויסגעשיקט.

די צייטונג „פטי פאריזיען“ פאדערט דאן צו פארשיקן די אויסגעוויזענע אויסלענדער אויף א ווילדן אינזל.

דער אנגריף גייט איבער אויף אנדערע שיכטן פון אויסלענדער. די האנטווערקער-ארגאניזאציע פון די ווינעגרייע זאגט זיך אפ איינצושרייבן די אויסלענדער אלס מיטגלידער. אויסלענדישע מארשאנען (הענדלער) ווערן באדראט. די פאשיסטישע בריגאדעס פון שארל מאראס פאדערן א נומערוס קלויזוס פאר אויסלענדישע סטודענטן. די זעלבע שילער פון „אקסיאן פראנסעז“, די מאניפעסטאנטן פון דער לאזונג „לא פראנס א פראנסע“ (פראנקרייך פאר פראנצויזן), זענען געווען שפעטער אין דער ערשטער ריי פון דער לאזונג: „לא פראנס א ל׳אלמאן“ (פראנקרייך פאר די דייטשן).

וואס טאן? ווי אזוי פארזיכערן אט די אויסגעבויטע נייע היים? ווי אזוי באשיצן די אפגעהארעוועטע דערגרייכונגען? ווו זאלן גיין די אויסלענדישע יידן, אויב מ׳זאל זיי פארטרייבן פון פראנקרייך? פארוואס האט דאס גאסט-פרייַנטלעכע פראנקרייך אפגעזאגט זיך פון אירע טראדיציעס?

אין דעם מאמענט איז דערשינען א בראשורע, ארויסגעגעבן פון דער מ. א. אי. - קאמיסיע (אויסלענדער-קאמיסיע) ביי די אוניטערע סינדיקאטן (ס. זש. ט. א.). די בראשורע,

וואָס איז באַשטימט פאַר די פראַנצויזישע אַרבעטער און אַרבעטלאָזע, קלערט אויף, ווער עס איז שולדיק אין קריזיס, וואָס צילט די פראַנצויזישע רעאַקציע מיטן אָנגריף אויף די אויסלענדער, אין וועלכע באַדינגונגען עס קומט אויס צו אַרבעטן די אויסלענדישע אַרבעטער און די טאָפּלטע עקספּלואַטאַציע פון זיי. די בראָשורע רופט צו אַ בונד צווישן אַלע אונטערדריקטע קעגן געמיינזאַמען שונא — דעם פאַשיזם.

נייע האָריזאָנטן האָבן זיך געעפנט. דער קאַמף איז אַלזאָ ניט צווישן אויסלענדער און פראַנצויזן, נאָר צווישן פאַשיסט און אַנטי־פאַשיסט. די אויסלענדער האָבן דערזען אַ מעכטיקן פאַרבינדעטן.

עס אַנטשטייט אַ פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט פון די אויסלענדישע יידן, וועלכער אַרבעט אויס אַ מעמאָראַנדום וועגן דער לאַגע אין די יידישע פאַכן — שניידעריי, קויטשוק, שיך, מאַראָקינערי א. א. וו.

צום ערשטן מאָל גייען סאָסייעטעס אַרויס פון זייערע באַגרענעצטע ראַמען, די ערשטע שוואַלבן פון אַ נייעם גייסט. עטלעכע שליסן זיך אָן אין פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט. אין דער סאָסייעטע „באָנ'ז אמי“ ווערט איינגעאָרדנט אַ טיי־אָוונט מיט אַ דיסקוסיע און די מיטגלידער, נאַטוראַליזירטע יידן, שטעלן זיך צו דער פאַרטיידיקונג פון זייערע איינגעוואַנדערטע ברידער.

די סאָסייעטע „אַמיקאַל דע קואַפער“ רופט אַ מיטינג קעגן דער 10 פּראָצענט נאָרמע אין פריזירער פאַך.

די „קולטור־ליגע“ רופט דיסקוסיע אָוונטן, אויף וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די מיטגלידער פון די סאָסייעטעס — אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אויסלענדער — וועלכע זענען באַדראָט פון די געזעצן און שיקאַנעס, דאַרפן זיך פאַרטיידיקן. די געזעלשאַפטן קאָנען מער ניט בלייבן ביי זייער אַלטער טראַדיציע.

די אידייע פון איינהייטלעכע פאַרטיידיקונג־אַקציעס באַקומט בלוט און פלייש.

דער פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר דער עפנטלעכקייט מיט זיין טעטיקייט און גערופן אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון ישוב צוצושטיין. ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין מעמאָראַנדום, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף עפנטלעכע זיצונגען.

די אויסלענדישע יידן באַקומען צוטרוי אין די אייגענע כוחות און זוכן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע אויסלענדישע גרופּירונגען, ווי אויך מיט דעמאָקראַטישע, אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. עס דערשיינט די צייטונג „פראַטערניטע“ (ברידערלעכקייט), אין וועלכער עס אַרבעטן מיט אַנרי באַרביס, פּראָפעסאָר פּרענאַן, וויקטאָר מאַרגעריט א. א.

יידישע אַרבעטער נעמען אַנטשלאָסן אָנטייל אין די קאַמפן פון פעברואַר 1934 קעגן פאַשיזם, וויסנדיק, אַז שוין אָט די שלאַכטן דעצידירן אויך זייער גורל.

ווען דער פּשיטיקער ייד פירשט ווערט אויסגעוויזן פאַר סינדיקאַלער טעטיקייט, גייט אַ דעלעגאַציע אין אינערן־מיניסטעריום און פאָדערט צוריקציִיע דעם אויסווייז.

דער צענטראַלער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט נעמט אָן אַ רעזאָלוציע קעגן די אויסווייזן און קעגן דער אַנטי־אויסלענדער־העצע. עס ווערט געפאָדערט, אַז דער ווילקירלעכער אויסווייז זאָל אָפּגעשאַפן ווערן און אַז „יעדער אויסלענדער זאָל האָבן רעכט זיך צו פאַרטיידיקן“.

די „פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן“ האָט פון איר זייט אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום וועגן די אויסלענדער, נאָר ער איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אינטערעסאַנט, אַז פּיער טעטאַנזשע, פירער פון די „קאַמלאָ די רואַ“ (אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע), און שפּעטערדיקער מער פון פּאַריז ביי די דייטשן, איז צוגעשטאַנען צו דער אַקציע פון דער פעדעראַציע. און ווען מאַריוס מוטע, סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט און שפּעטערדיקער מיניסטער, האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין דער פעדעראַציע דעם 27־טן פעברואַר 1935 וועגן סטאַטוט פאַר אויסלענדער, איז צו אים צוגעגאַנגען דער אַלטער עסדעק קראַטקין און אים געזאָגט:

— הי דעפּוטאַט, דאָס הייסט ניט פאַרטיידיקן אויסלענדער. אַלנפאַלס, דאַרף ניט אַ סאָציאַליסט אַזוי פאַרטיידיקן אויסלענדער. (מוטע האָט פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פאַל פון אויסווייז).

גאָר באַרויערנדיק איז געווען די האַלטונג פון דער קאָנסיסטאָריע־צייטונג „אוניווער איזראַעליט“, אין וועלכער מאַרסעל ביקאַר, פירער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי „פראַנסיסטן“ (שפּעטערדיקער היטלערישער אַגענט) האָט געשריבן, אַז „מ'דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד צווישן איזראַעליטן־פּאַטריאָטן און מעטעקעס“.

די אויסלענדישע יידן זענען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס אָפיציעלע יידישע פּערזענלעכקייטן, יידישע אָרגאַניזאַציעס און צייטונגען, פאַרבינדן זיך מיט רעאַקציאָנערע פראַנצויזישע פירער, אַנשטאָט צו אָנערקענען און אויסצודריקן די צופרידנקייט, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל פאַרשטענדעניש אין דער פאַרטיידיקונג פון די אויסלענדער.

וואָס געשעט דאָ? — האָבן זיך געפרעגט די יידישע מאַסן — פאַרוואָס האָבן די פּראָמינענטסטע פראַנצויזישע פּערזענלעכקייטן זיך געוואָרפן אין קאַמף פאַר אַ יורידישן סטאַטוט, געגרינדעט אַ פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום, געשאַפן אַ פּאַטראָנאַזש־קאָמיטעט און אַרויסגעגעבן די חודש־צייטונג „פראַטערניטע“? און פאַרוואָס האָט באַראָן ראָטשילד, פאַרקערט, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער קאָנסיסטאָריע נערוועז אויסגעשריען וועגן די זעלבע אויסלענדישע יידן:

— אויב עס געפעלט זיי ניט, זאָלן זיי גיין!

די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און די סאָסיעטעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, האָבן אָפּגעשאַצט ווי עס געהער צו זיין די דאָזיקע לאַגע. דערמוטיקט פון די פראַנצויזישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן ניט געקענט דערלאָזן, אַז די אויסלענדער זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שקלאַפן און לוין־דריקער דורך די פראַנצויזישע פאַשיסטן, זענען זיי דעצידירט געגאַנגען פאָרויס אין דער פאַרטיידיקונג פון זייערע וועזנטלעכסטע אינטערעסן.

די איינִיקייט ברייטערט זיך אויס און גייט אַריבער די ראַמען פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. זי נעמט שוין אַרום פיל וויכטיקערע פּראָבלעמען, ווי די סאָציאַלע הילף, וואָס איז ניט מער ווי איין אַספּעקט פון דעם גרויסן געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ פון ייִדישן ישוב.

II

פון אינדיווידועלער צו קאָלעקטיווער סאָלידאַריטעט

הילף פאַר די געליטענע פון דער פאַרפלייצונג אין גאַליציע

אין זומער פון 1934 איז קיין פּאַריז דערגאַנגען די ידיעה, אַז אין גאַליציע, באַזונדערס אין קראָקעווער געגנט, האָט די וויסל פאַרפלייצט גרויסע שטחים לאַנד, און אַז אויך אַ סך ייִדן געפינען זיך צווישן די געליטענע און זיי רופן נאָך הילף.

כדי צו ענטפערן אויפן רוף פון די גאַליציאַנער ייִדן, האָבן די פּאַטראָנאַטן גענומען די איניציאַטיוו און צונויפגערופן אַ ברייטע קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע פאַראייען און אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון סאָסיעטעס. מערערע סאָסיעטעס האָבן געשיקט זייערע פאָרשטייער אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 26־טן יולי 1934. זיי האָבן זיך גלייך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער איניציאַטיוו, דערקלערנדיק זייער גרייטקייט צוזאַמענצואַרבעטן אין אַן איינהייטלעכער פאָלקס־אַקציע לטובת די געליטענע.

דאָס איז אָבער ניט געווען די מיינונג פון די אַנדערע אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ. די בונדישע פּאַרטיי, צ. ב. האָט געהאַלטן, אַז מיט די סאָסיעטעס קאָן זי ניט גיין צוזאַמען, ווייל זיי זענען „אַן אויסדרוק פון קליינבירגערטום“ און „אַלס רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי“, קאָן זי ניט פירן קיין קאַמפּאַניע פאַר כלל ישראל“. די פעדעראַציע האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַן אייגענע קאַמפּאַניע.

די אַקציע איז פאָרט דורכגעפירט געוואָרן, און ניט געקוקט אויף די זומער־חדשים, תיכף געבראַכט רעזולטאַטן.

פאַר די סאָסיעטעס איז די דאָזיקע הילפס־אַקציע געווען אַ פּרוווּשטיין פאַר דער דערנענטערונג מיט די אַרבעטער־טוער און מיט זייער אויפפאַסונג פון צוזאַמענאַרבעט מיט די געזעלשאַפטן פון קעגנזייטיקער הילף.

דאָס איז געווען, צום ערשטן מאָל אין פּאַריז, אַ ברייטע איינהייטלעכע אונטערנעמונג פון אַ גרעסערן פאָרנעם, אַ רעזולטאַט פון דער איניציאַטיוו פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אָריענטירט אויף דער אויפריכטיקער צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי האָט יעדע געזעלשאַפט געדאַרפט (ניט נאָר געהאַט אַ רעכט) אַריינשיקן אין אָנפירנדיקן אָרגאַניזם איין פאָרשטייער, און די ראַדאָמער, פּיאָטרקאָווער, שעדלעצער און קעלצער סאָסיעטעס געהערן צו די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכער אַקציע. שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע.

עס איז געווען אַ נייעס, אַז די סאָסיעטעס זאָלן אַרויס פון זייערע ראַמען און זיך פאַרנעמען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען נישט דירעקט נוגע זייערע מיטגלידער, וואָס זענען אָבער אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

דער פאָלקסטימלעכער און איינהייטלעכער גייסט פון דער אַקציע, דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל פון די געזאַמלטע פאָנדן, האָבן געפונען אַ ברייטן עכאָ אין די סאָסיעטעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פילן ווי וויכטיקע און ווירקזאַמע אָרגאַניזאַציעס פון אַ גרעסערן פאָרנעם. זיי האַלטן נאָך איין דעם לאָקאַלן כאַראַקטער פון דער סאָסיעטע, דערפילן זיך אָבער אַלס באַשטאַנדטייל פון ייִדישן פאָלק.

די אידייע פון פאָלקס־פראָנט

די יאָרן 1934 און 1935 גייען אַדורך אין פראַנקרייך אונטערן צייכן פון די צוגרייטונגען צו דער פאַרטיידיקונג פון די פאָלקס־מאַסן קעגן אָנגרייפנדיקן פאַשיזם. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דערפילן בפועל ממש, אַז דער היטלעריזם איז ניט בלויז אַ דייטשער פּראָדוקט, נאָר אַז זיין אָנוועזנהייט ביים ריין איז אַ פּערמאַנענטע געפאַר פאַר דער דעמאָקראַטיע און פאַר דער רעפּובליק.

שוין פּרובירן אויס די פראַנצויזישע פאַשיסטישע כוחות זייער קאַמף־גרייטקייט; די געשעענישן פון 6־טן פעברואַר זענען אַן אָנדייטונג פאַר די שפּעטערדיקע אָנגריפן. די באַוווסטזיניקע עלעמענטן פון פאָלק גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דער דירעקטער געפאַר. אויפן רוף פון די קאָמוניסטן און די

סינדיקאַטן, געבן די אַרבעטער אַן עקספּערט דעם 9-טן פעברואַר און דעם 12-טן פעברואַר אין 2 אימפּאָזאַנטע מאַניפעסטאַציעס.

זייט די טעג — אין וועלכע אַ גרויסע צאָל יידן האָבן אָנטייל גענומען — זענען מיר עדות פון אַן אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג צו שאַפן דעם איינהייט־פראָנט און שפּעטער דעם פאָלקס־פראָנט פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות.

אין דער יידישער סביבה האָט די אידייע פון איינהייט־פראָנט און פון פאָלקס־פראָנט אַדורכגעמאַכט אַן ענלעכע אַנטוויקלונג. עס איז שווער געווען איבערצוצייגן געוויסע פּאַרטיי־פירער, אַז דער היטלעריזם איז פאַשיזם, און אַז זיין שאָטן איז אַנטיסעמיטיזם.

מיר דערמאָנען זיך, אַז נאָך אויף דער דערעפענונג פון דער ערשטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע (1936), האָט י. לעשטשינסקי דערקלערט, אַז דער היטלעריזם איז דער זיג פון קליינבירגערטום אין דייטשלאַנד. די דאָזיקע וואָרטזאָגער האָבן ניט גאַלוואַניזירט די מאַסע און זיי ניט באַוואָפנט מאָראַליש צום ווידערשטאַנד קעגן שונא. אָבער דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט די געפאַר דערפילט אינסטינקטיוו. 10 טויזנט פאָלקס־מענטשן זענען געקומען אין יולי 1935 אין גרויסן פּאַריזער זאַל „מיטואַליטע" אויפן מיטינג קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן אין דייטשלאַנד.

שלום שוואַרצבאַרד שרייבט דאַן אין דער פּאַריזער פראָגרעסיווער יידישער צייטונג „נייע פּרעסע" (5. 8. 35): „ווען דער שונא שטייט פאַר אונזערע טויערן, כאַפּט מען וואָס ס'קומט אונטער דער האַנט, כדי זיך צו פאַרטיידיקן; און דער, וועלכער שטייט אין צייט פון קריג פונדערווייטנס, איז אַ פחדן און פאַררעטער פון זיינע מיטמענטשן".

דער „אַרבעטער־אָרדן" רופט אַ קאָנפערענץ וועגן אַ געמיינזאַמען פראָנט צום קאַמף קעגן היטלעריזם. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ (יולי 1935) האָט די דעלעגאַציע פון „בונד" זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַן איינהייטלעכער אַקציע ווייל „זי טראָגט אַ כלל ישראל כאַראַקטער און ווייל די קאַמפּאַניע איז נאָר באַגרענעצט אויפן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם אין דייטשלאַנד און ניט אין דער גאַנצער וועלט".

די דעלעגאַטן פון דער פעדעראַציע, אין צוזאַמענשטעל פון ספּרויקין, האַנאַן און ווינניקאַמען דערקלערט זיך גרייט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, אָבער ניט קעגן פאַשיזם. זי איז אויך קעגן שאַפן אַ פאָלקס־פראָנט - באַוועגונג, וואָס זאָל אַריינעמען אין פּראָגראַם פראַגן פון אַלגעמיינער און פראַנצויזישער פּאָליטיק.

דאָס איז דערקלערט געוואָרן אין מאָמענט, ווען די פאַרשלאַגן וועגן גרינדן אַ פאָלקס־פראָנט־באַוועגונג האָבן פאַראויסגעזען די פאַרטיידיקונג פון די אויסלענדישע האַנטווערקער, קעגן וועמען מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ סעריע דעקרעטן.

דעם 20. 9. 35 נעמט אָן דער צ. ק. פון דער פעדעראַציע פאָלגנדיקן באַשלוס: „דער צ. ק. האַלט פאַר ניט מעגלעך זיך צו באַטייליקן אין דער פאָלקס־באַוועגונג. ער קאָן ניט אָנטיילנעמען אין אַ באַוועגונג, וועלכע האָט אַ וועלכע ניט איז פּאָליטישע טענדענץ, אַ רעכטע, אָדער אַ לינקע".

אַלס ענטפער אויף דעם דאָזיקן אַרגומענט, שרייבט לערמאַן: („נייע פּרעסע, 22. 9. 35) — „צי איז דען מעגלעך צו פירן אַקציעס פאַר פאַרטיידיקונג פון יידן אין פראַנקרייך, אָדער אין דייטשלאַנד אומאָפּהענגיק פון די פּאָליטישע כוחות אין לאַנד ?"

אין די יידישע געזעלשאַפטן האָט, פאַרקערט, דער גייסט פון צוזאַמענאַרבעט צווישן זיך און הויפּטזעכלעך מיט דעם פראַנצויזישן פאָלקס־פראָנט, געמאַכט כסדרדיקע פאָרשריט און, בעיקר, דורך דער פאַרמיטלונג פון „סאַנטר דע ליעזאָן" (פאַרבינדונג־צענטער פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס) מיט די פאָרשטייער און פּערזענלעכקייטן פון די פראַנצויזישע פּאַרטייען און אינטעלעקטועלע.

עס איז, ליידער, ניט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע צוזאַמענקונפטן און באַראַטונגען, אַלע מאַניפעסטאַציעס און דעלעגאַציעס, וואָס זענען דאַן איינגעאָרדנט געוואָרן, צוזאַמען מיט די פּראָמינענטסטע טוער פון דעם קעמפערישן פאָלקס־פראָנט, וועגן יורידישן סטאַטוט פאַר אויסלענדער.

אָט דער דאָזיקער בונד האָט דערפירט צו דער רעזאָלוציע פון דער פּאַריזער קאָנגרעס ס. זש. ט. לטובת די אויסלענדער און, לאָמיר אויך אָנערקענען, צו דער שפּעטערדיקער רעטונג פון אַ גרויסן טייל פון אונזער ישוב בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

ווען דער פאָלקס־פראָנט־קאָמיטעט רופט דעם 8-טן אָקטאָבער 1935 אַ קאָנפערענץ וועגן באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד און וועגן אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קומען 150 דעלעגאַטן פון 60 אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי מערערע סאָסיעטעס, ווי „סעקור אַז אַמי", פּיאָטרקאָוו, ראַדאָם, „לעז אַמי דע פּאַרי" א. א.

די אַטמאָספער פון קאַמף, דער דראַנג צו פרייהייט, דער ווילן פון ווידערשטאַנד קעגן אָנגרייפנדיקן פאַשיזם, דרינגט אַריין אויך אין דער יידישער סביבה. ווי האָט דען געקאָנט זיין אַנדערש ?

דאָס יידישע פאָלק האָט שוין דאַן געציילט טויזנטער היטלעריסטישע קרבנות. אויך דעם פראַנצויזישן ישוב האָט געדראָט די געפאַר מצד די אָרטיקע שילער פון נאַציזם.

איז דען אַ וואונדער, וואָס בעת די וואַלן צום שטאָט־ראַט (1935) און צום פּאַרלאַמענט (1936) גרופּירן זיך די נאַטוראַליזירטע יידן אַרום די קאַנדידאַטן פון פאָלקס־פראָנט, ספּעציעל אין 3-טן, 4-טן, 11-טן, 12-טן, 18-טן און 20-טן אַראָנדיסמאַנען פון פּאַריז ? זיי האָבן אפילו אַגיטירט פאַר די ניט־יידישע קאַנדידאַטן פון פאָלקס־פראָנט, קעגן די יידישע קאַנדידאַטן פון דער רעאַקציע, צ. ב. קעגן ערמאַנד בלאָך אין 4-טן אַראָנדיסמאַן.

דערגרייכונגען פון דער אייניקייט אויפן סאָציאַלן געביט

נאָכדעם ווי דער אַרבעטער-אָרדן האָט געגרינדעט אַ דיספּאַנסער אין 1934, האָט ער זיך געווענדן צו פאַרשידענע געזעלשאַפטן און זיי פאָרגעשלאָגן צו שטעלן דעם דיספּאַנסער צו דער דיספּאָזיציע פון זייערע מיטגלידער.

דער „מאַרשאַנעס-פאַריין“ (הענדלער) האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער אינסטיטוציע און האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן דיספּאַנסער וועגן מעדיצינישער הילף פאַר זיינע מיטגלידער. באַלד קומט נאָך די פּראַגער סאָסיעטע און שליסט אַן ענלעכן אָפּמאַך.

דעם 18טן נאָוועמבער 1935 רופט דער דיספּאַנסער אַ קאָנפערענץ און גיט אָפּ זיין באַריכט: אין לויף פון די ערשטע 8 חדשים פון זיין טעטיקייט האָט ער באַדינט 2500 קראַנקע, פון וועלכע 70 פּראָצענט זענען ניט געווען קיין מיטגלידער.

אויף דער הײַיקער קאָנפערענץ אין קאַפע טאַמבור (פּלאַס דע לאַ באַסטיל) זענען אַנוועזנדיק געווען 38 סאָסיעטעס, נאָמלעך: טשענסטאָכאָוו, איזרא, לעז אַמי איזראַעליט דע פראַנס, ווערסיטע פראַטערניטע פון 11-טן, לעז אַמי פון 11-טן, מאַרשאַנעס, בראָקאַנטער פון בעלוויל, לעז אַמי דע פּאַרי, מינסק ומאַזאָוויעצק, זכרון לישראל, יידישע אויפלעבונג, שיך-קאָאָפּעראַציע, באָן קער איזראַעליט, קעגנזייטיקע הילף, ברעסט-ליטאָווסק, „משהם גזעזץ“, ניי-לובלין, בענדינער סאָסיעטע, פריינט פון קאַליש, זשעליעכאָוו, לעז אַמי דע פראַנס, אָריזשינער דע לובלין, קינדער פון פּיאָטרקאָוו, פּאַקס-אוניטאַס, אַמי דע פראַנס, פּאָוואָנזעק, שעדלעץ, לעז אַמי דע פּאַרי, בענדין.

עס ווערט באַשלאָסן אויסצוברייטערן דעם דיספּאַנסער פון אַרבעטער-אָרדן און אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלקס-קליניק, וואָס זאָל באַדינען מיט מעדיצינישער הילף אַלע סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן.

דאָס איז דער געבורטס-אַקט פון דער פאָלקס-קליניק, איינע פון די וויכטיקסטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין פּאַריז.

דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ מאַראַן פון פּאָוואָנזקער סאָסיעטע, האָט באַלד אַוועקגעשטעלט אַ טראָפּ אויף דעם הויפּט-פּונקט:

— די קליינע און צעשפּליטערטע סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן, וואָס געבן אַליין מעדיצינישע הילף זייערע מיטגלידער, וועלן אַ סך ניט קאָנען אויפטאָן. פאַראייניקט, וועלן מיר דערגרייכן אַ סך מער.

דער אייניקייט-גייסט שפּאַרט זיך אַדורך אַ וועג אויך אויף דעם געביט, און די פאַרזאַמלטע אַרבעטן אויס אַ פּלאַן פון אַן אַקציע פאַר 50 טויזנט פר. אויף איינצוקויפן מכשירים און איבערצונעמען דעם דיספּאַנסער פון אַרבעטער-אָרדן, וועלכער האָט אַוועקגעשאָנקען אָן באַדינגונגען זיין גאַנץ פאַרמעגן.

דער ערשטער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ווייך (שעדלעץ), ספּערא (א״א), סאָסנאָווסקי, (קינדער פון פּיאָטרקאָוו), אַבראַמאָוויטש (פּראַטערניטע פון 11-טן), גראָסמאַן (לעז אַמי דע פּאַרי), שוואַרצבאַרד (קאַליש), בערקאָוו (איזרא), זאַוואָזשניק, קאַמינסקי (בענדין), קריסטאַל, גינזבורג (בריסק), ווינגדערהויז (זכרון לישראל), ד״ר אלי און ד״ר גלאַז, אָשלאַק (מינסק מאַז.), ווינטרויב (פּראַגע), פּערלשטיין (ניי-לובלין).

דער קאָמיטעט לאָזט אַרויס דעם 29-טן דעצעמבער 1935 אַן אויפרוף צו אַלע סאָסיעטעס מיט פאָלגנדיקע פאָרשלאָגן:

1) עפענען די פאָלקס-קליניק צום ערשטן פעברואַר 1936.

2) מיטגלידער פון סאָסיעטעס וועלן באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע קאָנסולטאַציעס און אַ דאָקטאָר אין שטוב אין פאַל, ווען דער קראַנקער וועט ניט קענען קומען אין קליניק.

3) יעדע סאָסיעטע, וואָס וויל זיך אָנשליסן, צאָלט איין 1 פר. פאַר יעדן מיטגליד חודש-אָפּצאָל און 3 פר. איינמאָליק איינשרייב-געלט. נאָך די ערשטע 3 חדשים וועט דאָס איינשרייב-געלט געהעכערט ווערן ביז 5 און 10 פר. אַזוי אַרום, אַז די ערשטע געזעלשאַפטן-פּיאָנערן פון דער פאָלקס-קליניק זאָלן האָבן פּריווילעגיעס פאַר זייערע מיטגלידער.

אָבער ערשט אין אָקטאָבער 1936 באַקומט דער קאָמיטעט אַ מעגלעכקייט צו דינגען אַן אייגענעם לאָקאַל אויף 75 רי טירען. די דערעפענונג קומט פאָר דעם 15-טן נאָוועמבער אין אָנוועזנהייט פון ה' פּלאַמאַן, פאָרשטייער פון געזונטהייט-מיניסטעריום און פון פאָלקס-פראָנט-דעפּוטאַט פון 3-טן אַראָנדיסמאַן, מערכיע.

די פאָלקס-קליניק איז דער יינגסטער דיספּאַנסער אין פּאַריז לעבן די 4 אַנדערע, אָבער זי ווערט שנעל די גרעסטע מעדיצינישע אינסטיטוציע מיט 2500 באַהאַנדלטע קראַנקע מאָנאַטלעך. 28 געזעלשאַפטן שליסן זיך אָן. אין ערשטן יאָר זענען צוויי דריטל פון די קראַנקע, וואָס ווערן געהיילט אין דער פאָלקס-קליניק, ניט-מיטגלידער.

גיך איז זי זיך קונה שם מיט איר פריינטלעכער אויפנאַמע פון די קראַנקע, מיט אירע דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן, מיט איר ספּעציעלער זאָרג פאַרן קראַנקן, וועלכער ווערט ניט באַטראַכט ווי אַ שנאָרער אין אַ פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע. אויך אַ געוויסע צאָל פון פאַרמעגלעכע מיטגלידער באַקומען צוטרוי צו דער ערנסטער און געוויסנהאַפטער באַציונג אין דער פאָלקס-קליניק און העלפן זי בויען.

אָנשטאָט איין דאָקטאָר אין אַ סאָסיעטע, אַרבעטן אין דער פאָלקס-קליניק 24 דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטן, עס ווערט איינגעאָרדנט אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר אַנאַליזן, מען קויפט איין אַפּאַראַטן פון אולטראַ-וויאָלעט און דיאַטערמיע, עס ווערט איינגעשטעלט אַ ספּעציעלער קאָנסולטאַציע-דינסט פאַר נערוועזע קינדער, שפּעטער אויך אַן אָפּטיילונג פאַר קאָפּ-האַלז-אויערן און אויגן-קראַנקייטן.

די אינסטיטוציע אַנטוויקלט זיך און איבעריים ביזן קריג און גיט אַפילו אַרויס 2 נומערן פון אַ פּראַכטפולן מעדיצינישן זשורנאַל „אונזער געזונט".

אין מערץ 1937 עפנט זיך אין לאָקאַל פון אַרבעטער־אָרדן, אויף 18 רי דיהעם, אַ נייער דיספּאַנסער פאַר די איינוווינער פון מאָנמאַרטער. אויך דער דאָזיקער באַשיידענער דיספּאַנסער ווערט איבערגעגעבן אַ ברייטן קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון די מאָנמאַרטער סאָסיעטעס, וועלכער עפנט אין סעפּטעמבער 1938 אַן אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־קליניק אויף 2 פּאַסאַזש פּענעל.

דער באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין ביוראָ מאַבאַק פון פּאָרט דע קליניאַנקור, האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער מאָנמאַרטער אָפּטיילונג, וועלכע האָט, ליידער, ניט פונקציאָנירט מער ווי אַ יאָר, ביזן אויסברוך פון קריג.

די אָנפירונג פון דער אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון: סוכער אובאַגי — פּרעזידענט, לייב וועבמאַן — וויצע־פּרעזידענט (דעפּאָרטירט), יצחק גרייפּמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר (דעפּאָרטירט), זשאַק אָסטראָוואַק, קאַסירער, שיע שטאָקפיש (דעפּאָרטירט), גאַסטאָן גרינער און הענרי אובאַגי — קאָמיטעט־מיטגלידער.

אַדאָלף שוואַרצבאַרד און פרוי
טוער פון דער קאַלישער סאָסיעטע. גרינדער פון דער פאָלקס־קליניק
(ביידע דעפּאָרטירט)

די פּאָפּולאַריטעט פון דער פאָלקס־קליניק איז אַזוי גרויס, אַז אַ גרופּע פריינט, אונטער דער אָנפירונג פון אהרן ניידענשטיין, גרינדעט אַ געזעלשאַפט „פריינט פון דער פאָלקס־קליניק", וועלכע וואַקסט זיך פאַנאַנדער און ציילט בערך 200 מיטגלידער.

די פריינט פון קליניק האָבן געהאָלפן איינקויפן דעם דיאַטערמיע־אַפּאַראַט פאַר דער פאָלקס־קליניק.

אין אָנהייב פון קריג און ביז צו דער דייטשישער אָקופּאַציע איז די פאָלקס־קליניק באַשטימט אַלס אָפיציעלער פּאָסט פון פּאַסיווער פאַרטיידיקונג מיט ד״ר עדעלמאַן אַלס הויפּט־דאָקטאָר. די מערי פון 3־טן אַראָנדיסמאַן האָט אַריינגעפירט אַלע נויטיקע אינסטאַלאַציעס, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אויפצונעמען פאַרוווּנדעטע פון עווענטועלע באָמבאַרדירונגען.

די אַלע מכשירים האָבן צו גאָרנישט גענוצט און די פּאַסיווע פאַרטיידיקונג האָט זיי צוגענומען ... אין יולי 1940.

מ'האָרף אונטערשטרייכן, אַז די פאָלקס־קליניק איז געווען דער איינציקער יידישער דיספּאַנסער, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פון דער פּאַסיווער פאַרטיידיקונג.

עס איז אויך אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע, אַז די סאַניטאַרן־אָרגאַניזאַציע ביים אַרבעטער־אָרדן האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן קורס פאַר יידישע מיידלעך און פרויען, כדי זיי צוצוגרייטן צו דער שנעלער הילף פאַר פאַרוווּנדעטע פון די באָמבאַרדירונגען.

דער דערפאָלג פון דער פאָלקס־קליניק באַשטעטיקט דעם טריומף פון אייניקייט־גייסט און פונעם כוח פון די פאַראייניקטע געזעלשאַפטן. קיינמאָל וואָלט זי ניט אויסגעוואַקסן צו אַזאַ הויך, ווען זי וואָלט ניט פאַרוואַלטעט געוואָרן דירעקט דורך די אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן, ווען די לעצטע פילן ניט זייער סוווערעניטעט איבער דער אינסטיטוציע.

די פאָלקס־קליניק איז די ערשטע גרויסע דערגרייכונג פון דער אייניקייט פון די סאָסיעטעס אויפן סאָציאַלן געביט.

קינדער־קאָלאָניעס

אַרום 1927 האָט די „קולטור־ליגע" אין פּאַריז געגרינדעט די ערשטע צוגאָב־שולן פאַר יידישע קינדער. יעדן דאָנערשטיק און זונטיק זענען זיך צונויפגעקומען די קינדער און באַקומען אַ צוגאָב־דערציונג אין יידיש, יידישער געשיכטע, יידישע טראַדיציעס, יידישן פאָלקלאָר, לידער און טענץ.

די דאָזיקע שולן האָבן דערצויגן שפּעטערדיקע העלדן און קעמפער פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק און פאַר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט. פון זיי זענען אַרויס מאַרסעל ריימאַן, עלי וואַלאַך, שאַרל וואָלמאַרק און צענדליקער אַנדערע שטאָלצע זין פון יידישן פאָלק, וועלכע האָבן ניט געבויגן דעם קאָפּ פאַרן אָקופּאַנט, פאַרן דייטשן מערדער.

אָבער ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אויסצובויען די צוגאָב־שולן פון דער קולטור־ליגע, וואָס זענען שפּעטער פאַרוואַלטעט געוואָרן דורכן אַרבעטער־אָרדן. וויפל אָנשטרענגונג און מי האָבן אָפּגעגעבן די פריינט פאַרבער, מאַמאַס, פּלוגמאַן, קרישטאַל פאַר דעם דאָזיקן ווערק.

דער געדאַנק פון פּראָגרעסיווע צוגאָב־שולן איז ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין די יידישע שטובן און די מאַמעס האָבן געבראַכט זייערע קינדער אין די שול־לאָקאַלן.

אין 1934 זענען פאָרגעקומען 2 כאַראַקטעריסטישע אינצידענטן, וואָס האָבן אויפגערודערט די יידישע אַרבעטנדיקע. דעם 1־טן מאַי זענען גרויסע קינדער פון אַרבעטער־פאַמיליעס פון 19־טן אַראָנדיסמאַן (געגנט רי דע מאָ) ניט געקומען אין דער ראָטשילד־שולע אויף אַווני סעקרעטאַן. די

דירעקציע האָט אָנגענומען סאַנקציעס קעגן די קינדער און אַרויסגערופן די עלטערן אויף אַ פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער מ'האָט איינגעלאַדן דעם „דריטן צד" אַלס שמירה.

די אויפרעגונג איז געווען אַ שרעקלעכע און עד היום רעדט מען נאָך וועגן דער אומדערהערטער האַנדלונג פון אַ יידישער שול-דירעקציע.

אין זעלבן זומער זענען אָנגעקומען קיין פאַריז ידיעות פון אַ קינדער-קאָלאָניע אין בערק-פּלאַזש וועגן די שלעכטע באַדינגונגען, אין וועלכע די קינדער קומט אויס צו לעבן.

די עלטערן פון די קינדער — וועלכע האָבן מייסטנס געוווינט אין דער סיטע לעסאַזש אין 11-טן אַראָנדיסמאַן — האָבן זיך פאַרזאַמלט און געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין בערק-פּלאַזש, וועלכע איז אָבער ניט אויפגענומען געוואָרן.

אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע געשעענישן ווערט געבוירן דער געדאַנק פון גרינדן אַ געזעלשאַפט „פריינט פון אַרבעטער-קינד", וועלכע נעמט איבער די אָנפירונג פון די צוגאָב-שולן און טראַכט צו צו בויען אַן אייגענע קינדער-קאָלאָניע.

ביז דאַן האָט מען די קינדער געפירט זומער-צייט אויף אויספלוגן אין ווענסענער וואַלד. עס האָבן אויך עקזיסטירט איינמאָליקע קאָלאָניעס (אין איל-דע-רע אין מאָנזשעראָן א. א. וו.). דאָס מאָל האָט זיך געהאַנדלט אין אַן אייגענער קאָלאָניע אין בערק פּלאַזש.

געוויסע סאָסיעטעס, ווי ווידזשילאַנס איזראַעליט, לעז אַמי דע פּאַרי, אַריזשינער פון לובלין, טשענסטאָכאָוו, ב. שעזשין, באַשטייערן זיך פאַר די קאָלאָניעס און די צוזאַמענאַרבעט פאַרשטאַרקט זיך אָן אַבעריים. יעדעס יאָר פאַר די וואַקאַנסן באַשטימען די פּראָגרעסיווע סאָסיעטעס גרעסערע, אָדער קלענערע סובסידיעס פאַר די קאָלאָניעס פון „פריינט פון אַרבעטער-קינד", ווו זיי שטעלן פעסט אַ פאָלקסטימלעכע און ערלעכע באַציונג צו די קינדער.

איינקייט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די יידישע ישובים אין דער וועלט

נאָך די פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד אין 1935, ווערט אונזער ישוב אויפגעטרייסלט פון די שוידערלעכע ידיעות, וואָס קומען פון פּוילן און שפּעטער פון רומעניע.

די כשרע שחיטה ווערט פאַרבאָטן אין פּוילן און אין פעברואַר 1936. אין מערץ אַ פּאָגראָם אין פּשיטיק, שפּעטער מינסק-מאַזאָוויעצק, לעמבערג, ספּעציעלע בענק פאַר יידישע סטודענטן אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט א. א. וו.

אויך אין רומעניע גרייפט אָן די „אייזערנע גוואַרדיע" די יידישע באַפעלקערונג.

עס ווערט קלאָר אין פּאַריז, אַז די סיגנאַלן פון בערלין ווערן אויסגעפירט אין די דאָזיקע צוויי לענדער און אַז די געפאַר דערנענטערט זיך צו אונזערע טויערן.

ריכטיק האָט דאַן פריינט בערקאָוו, פּרעזידענט פון „איזרא", דערקלערט: „יעדער סאָסיעטע מיטגליד האָט אַ פאַרשידנאַרטיקע מיינונג וועגן פאַרשידענע פראַגן, אָבער ווען עס שטייט אין קאָן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק, איז פאַראַן בלויז איין ענטפער: איינקייט".

עס איז אויך נויטיק צוצוגעבן, אַז די אָנגריפן אויף אויסלענדער מצד דער דעמאָלטיקער לאַוואַל-רעגירונג ווערן פאַרגעזעצט און רירן שוין אויך אָן די אויסלענדישע קליין-הענדלער (אַן אויסלענדער, וועלכער איז ווייניקער ווי 5 יאָר אין לאַנד, קאָן ניט באַקומען קיין רעכט צו האַנדלען).

אַ ריי מיטינגען ווערן אָרגאַניזירט אין פּאַריז און פּראָווינץ, אויף וועלכע די פאָרשטייער פון מערערע סאָסיעטעס טרעטן אַרויס ביי דער זייט פון די רעדנער פון די פאָלקספראָנט פּאַרטייען.

באַנקעט פון דער סאָסיעטע „איזרא"

אויפן ערשטן פּלאַן זעען מיר פריינט בערקאָוו — גרינדער פון פאָלקס-קליניק (דעפּאָרטירט)

אין אָנבליק פון די געפאַרן, וואָס דראָען די פּוילישע יידן, ענדערן די פּאַטראָנאַטן זייער פּראָגראַם און פון „פּאַטראָנאַטן איבער פּאָליטישע אַרעסטירטע", ווערן זיי פּאַטראָנאַטן איבער די קרבנות פון פּוילישן פאַשיזם.

עס אַנטוויקלט זיך אויך די פעדעראַציע פון פּוילישע יידן, וועלכע ווערט געבוירן אין קאַמף קעגן די מיטאַרבעטער פון פּוילישן קאָנסולאַט, די לאַנדינסקיס, וויעזשביצקיס, הופנאַגעלס א. א. וו. צו דער פעדעראַציע שטייען צו די פּאַטראָנאַטן, די רויטע הילף, די מאַרשאַנעס און מערערע סאָסיעטעס.

זי פּראָקלאַמירט אַן אַקציע פון 200 טויזנט פר. פאַרן יידישן קינד אין פּוילן: די אַקציע דאַרף זיין אַן איינהייטלעכע.

און באמת, נעמט זי אָן אַ ברייטן כאַראַקטער און רופט אַרויס אַ גרויסן אינטערעס.

אָבער די פולשטענדיקע איינקייט ווערט ליידער ניט

דערגרייכט, ווייל די פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן האַלטן, אַז נאָר זי האָט דעם מאָנאָפּאָל צו רעדן אין נאָמען פון די יידישע מאַסן.

אין דער זעלבער צייט, ווי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די אַקציע פאַרן יידישן קינד אין פוילן, ווערן גערופן פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די פּאָגראָמען און קאָנפערענצן וועגן פאַראייניקן דעם יידישן ישוב.

פאַראייניקונג פון יידישן ישוב

דעם 25־טן יאַנואַר ווערט איינגעאָרדנט אַ דיסקוסיע־אָוונט אין לאַנקרי, וווּ די אָנטיילנעמער דעבאַטירן די פראַגע וועגן אַריינטרעטן, אָדער צוזאַמענאַרבעטן מיט דער פעדעראַציע.

די „נייע פּרעסע" עפנט אירע שפּאַלטן פאַר אַן אַנקעטע איבער דער נויטווענדיקייט פון דער אייניקייט. עס זאָגן זיך אַרויס: וועגלינסקי (נאָוואָ־ראַדאָמסק), לעשטמאַן (קיעוו), וואַסערבערג (טראַנסילוואַניע), וראָצלאַווסקי (טשענסטאָכאָוו), ד"ר עדעלמאַן (פויליש־יידישע קאָמבאַטאַנטן), שלום שוואַרצבאַרד, העלמער (לאָדזש), גאַלאַנט (בריסק), בראָנעס (מינסק מאַזאָוויעצק), פרוי פינטשעווסקי (פרויען־אָרג. באַנקער), וואָרצלמאַן (וולאָצלאַוועק), איינהאָרן (גאַליציע), באַבערג (פידעליטע אַ לאַ פראַנס), שטערן (זשעליכאָוו), וויניקאַמען (פעדעראַציע), שוואַרץ (פראַגע), מאָזבערג (לעז אַמי דע פּאַרי) און גאָלדבוים (לובלין).

דער יידישער פאָלקספראָנט־קאָמיטעט ווענדעט זיך צו דער פעדעראַציע מיט אַ בריוו, דעם 9־טן פעברואַר 1937. דעם 23־טן מערץ 1937 דערשיינט אַן אָפענער בריוו וועגן פאַראייניקן דעם יידישן ישוב. ער ווענדעט זיך צו דער פעדעראַציע, פעדעראַציע פון פוילישע יידן, ספרדישע, דייטשע, רומענישע יידן, צענטראַלע פון מאַרשאַנעס, צענטראַלע פון האַנטווערקער, פאָלקס־קליניק. אַלס פּראָגראַם ווערט פאָרגעשלאָגן: „שאַפן אַ גרויסע רעפּרעזענטאַנץ פון די יידישע מאַסן אין פראַנקרייך, וואָס זאָל קאָנען רעדן אין נאָמען פון יידישן ישוב אין לאַנד און אין אויסלאַנד. דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט פון קעגנזייטיקער הילף לטובת די יידן אין פראַנקרייך. אַזוי, גלייבן מיר, וואָלטן מיר מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען געקאָנט שאַפן אַ סאַנאַטאָריע פאַר אָרעמע יידישע קראַנקע; מיר וואָלטן געקאָנט שאַפן אַ נעץ פון קינדער־קאָלאָניעס, פאַרגרעסערן די נעץ פון יידישע צוגאָב־שולן, שאַפן אַ גרויסע צענטראַלע ליי־קאַסע, אַן ערנסטן יידישן פאָלקס־טעאַטער און קומען צו הילף דעם יידישן שרייבער און קינסטלער".

דעם 12.4.37 קומען זיך צונויף די פאָרשטייער פון 11 פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און גרינדן די „צאַפאַ" (צענטראַלע פון אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס). דאָס זענען: דער צענטראַלער קולטור־ראַט (אַראַמיטש, יודין), אינטערסינדיקאַלע קאָמיסיע (מאָניקאָווסקי), אַרבעטער־אָרדן (גראַנט), פריינט פון דער „נייע פּרעסע" (קאַמינסקי), צענטראַלע פון די פּאַטראָנאַטן (וויינבערג), יידישע פרויען־אָרגאַניזאַציע „מוטער און קינד" (זילבערשטיין), פרויען־באַוועגונג קעגן מלחמה און פאַשיזם (פינקעלשטיין), יידישע פאָלקס־הילף (מאָשקאָוויטש), אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „יאַסק" (וויליאַם גרין) און אַרבעטער יוגנט־קלוב „איק" (סאָלאָמאָן ווילנער).

די „צאַפאַ" פאַרעפנטלעכט צוויי ווענדונגען צו די אָרגאַניזאַציעס און ספּעציעל צו דער פעדעראַציע דעם 25-טן אַפּריל און דעם 19-טן מאַי 1937.

די סאָציעטעטן פון זייער זייט פאַרנעמען זיך וואָס אַמאָל מער מיט דער הילף פאַר זייערע לאַנדסלייט אין פוילן, וווּ עס קומט פאָר אַ פּערמאַנענטער פּאָגראָם. עס קומען אָן טראַגישע רופן פון דעמבלין, פון אָדזשיוואָל ביי ראַדאָם און ספּעציעל פון בריסק.

די בריסקער לאַנדסמאַנשאַפט שיקט אַ דעלעגאַציע צום פוילישן אַמבאַסאַדאָר און רופט אַ קאָנפערענץ (25.5.37.) אויף וועלכער עס קומען 30 געזעלשאַפטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָנגרעס, וועלכן עס אָרגאַניזירט דער פאַרבינדונג־צענטער פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס (סאַנטר דע ליעזאָן) פאַר אַ יורידישן סטאַטוט פאַר אויסלענדער, רופט די „צאַפאַ" אַ קאָנפערענץ פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין קאַפע „סאַוואָ" (פּלאַס דע לאַ רעפּובליק — 6.12.37.). די קאָנפערענץ באַשליסט צוצוגרייטן אַ מעמאָראַנדום וועגן די באַדערפענישן און דער באַדייטונג פון דער יידישער אימיגראַציע פאַר דער פראַנצויזישער ווירטשאַפט.

עס ווערט איינגעאָרדנט אין זאַל פון „זשימנאַז זשאַפּי" אַ גרויסער מיטינג מיט רעדנער פון דער ראַדיקאַלער, סאָציאַליסטישער, קאָמוניסטישער פּאַרטייען, ס. זש. ט., ליגע פאַר מענטשן־רעכט, א. א.

אין דער דאָזיקער אינטענסיווער אָנשטרענגונג צו פאַרטיידיקן אונזערע ברידער אין פוילן און די יידן פון פראַנקרייך, ווערט אויסגעשולט דער באַוווסטזיין פון די סאָציעטעטן, און זייער אָנטייל אין עפנטלעכן לעבן נעמט אָן ברייטערע פאָרמען. מערערע סאָציעטעטן באַטייליקן זיך אָפיציעל אין די מאַניפעסטאַציעס קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן די אַנטי־אויסלענדער געזעצן. דאָס געפיל פון אחריות פאַרן גורל פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע פאַרטיפט זיך און זייער אָפט באַמערקט מען, ווי סאָציעטעטן רוקן אַראָפּ די

פראַגן פון קעגנזייטיקער הילף אויפן צווייטן אָרט פון זייערע באַמיהונגען.

דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנעמט דער פּראָבלעם פון קאַמף און פאַרטיידיקונג, דער פּראָבלעם פון אייניקייט. אָבער די צעשפּליטערטקייט פון די סאָסיעטעס, די ירושה פון פריערדיקן קאַסמיע־לעבן, שטייט אויפן וועג און שטערט צו דערגרייכן גרעסערע רעזולטאַטן.

אויב אויפן געביט פון סאָציאַלע און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע פראַגן האָבן זיך די סאָסיעטעס באַוויזן אַרויסצורוקן אויף דער אַרענע, זענען זיי אָבער שטאַרק הינטערשטעליק אויפן קולטור־פראָנט.

זיי זענען נאָך ניט דערגאַנגען צו דער שטופע פון קענען אַנטיילנעמען אין אַזאַ גרויסער אייניקייט־מאַניפעסטאַציע, ווי עס איז געווען דער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, וואָס האָט געגרינדעט דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד („איקוף“).

זיי האָבן נאָך אויך ניט געהאַט די קראַפט, כדי אַנטיילצונעמען אין דער גרינדונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע.

III

דער ערשטער פאַרמעסט פון די אייגענע כוחות

די געבורט פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן

די פאָרשטייער פון די פאַרשידנסטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט צונויפגעטראָפן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און געפירט געמיינזאַמע אַקציעס, האָבן איינגעזען די נויטווענדיקייט פון אַ צענטראַלן אָרגאַניזם, וועלכער זאָל זיי קענען רעפּרעזענטירן אַזוי אין די אויסערלעכע, ווי אין די אינערלעכע ענינים.

דינסטיק, דעם 8־טן מערץ 1938 קומט פאָר אין קאַפע 22 רי בעראַנזשע די ערשטע באַראַטונג פון פאָרשטייער פון 30 לאַנדמאַנשאַפטן, געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַשליסט זיך צו קאָנסטיטויִרן אַלס אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע יידישע דעמאָקראַטישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך און טיילט אויס אַ ביוראָ פון 15 מאַן.

דאָס איז די געבורטס־דאַטע פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן. זיינע חבלי לידה זענען אַדורך אין דער זאָרג פאַר די יידן אין פּוילן, אין דייטשלאַנד, אין רומעניע און אין פראַנקרייך. זיין געבורט איז באַגלייט פונעם קאַמף קעגן דער דראָענדיקער געפאַר מצד די פראַנצויזישע פאַשיסטן. זיין דערשיינען אויף דער אַרענע איז נאָכגעפאָלגט פון דעם אַנטשלאָסענעם ווילן אַנטקעגנצושטעלן זיך אַלע שונאים פון אונדזער פאָלק און צו פאַרבינדן זיך מיט אַלע אויפריכטיקע פריינט, אונדזערע נאַטירלעכע אַלירטע, די דעמאָקראַטישע כוחות אין לאַנד און באַזונדערס מיטן פראַנצויזישן פאָלק.

וואָס זאָגט דער ערשטער אויפרוף פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט (38. 4. 10)?

„ביז איצט זענען אונדזערע כוחות שטאַרק צעשפּליטערט.

אַרום 200 באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אין פראַנקרייך. די צענטראַלע אינסטיטוציעס נעמען אַרום בלויז אַ קליינעם טייל פון זיי. אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט, ווי דער, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, איז די דאָזיקע צעשפּליטערונג אַ שעדלעכע פאַר אונדזערע אינטערעסן...

די פאַראייניקונג וואָלט אונדז דערלויבט:

צו פירן אַ שטאַרקע טעטיקייט לטובת אונדזערע גערודפטע ברידער אין אַנדערע לענדער.

צו אַנטוויקלען ברייטע הילפס־אַקציעס פאַר נייאיינגעוואַנדערטע, פאַר ליידנדיקע און נויט - באַדערפטיקע, פאַר מוטער און קינד א. א. וו.

צו העלפן דעם יידישן הענדלער און האַנטווערקער, וועמענס לאַגע איז אַ שווערע.

צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון יידישן ישוב, צו שאַפן נייע קולטור - אינסטיטוציעס, העלפן דעם יידישן טעאַטער, עפענען נייע צוגאָב־שולן.

צו פאַרגרעסערן די אַרבעט פון קעגנזייטיקער הילף (דיספּאַנסער. קליניק, ליי־קאַסעס).

צו פאַרנעמען זיך מיט יונגע שרייבער און קינסטלער, וועלכע ליידן טייל מאָל נויט...

ווי איר זעט פון די אונטערשריפטן, ווערט די קאָנפערענץ גערופן דורך אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע געהערן צו פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. אַלעמען פאַרבינדט בלויז די זאָרג פאַרן וווּל פון די יידישע פאָלקס־מענטשן אין לאַנד“.

דער אויפרוף איז אונטערגעשריבן פון: איינהאָרן, באַבערג, בראָנעס, בערקאָוו, בירגער, גאָלאַנט, גאָלדבוים, דזשאַלאָשינסקי, דיאַמאַנט, דזשאַלאָווסקי, וועגלניסקי, וויראָבניק, וואַרשאַווסקי, טשאַרני, ווילער, זוסמאַן, זינגער, יעראַכימאָוויטש, יודין, לייזעראָוויטש, לערמאַן, מעלצער, מילשטיין, פרוי מילשטיין, סאָקאָל, סאָסנאָווסקי, ד״ר עדעלמאַן, פּוטערפלאַם, פוקס, ציגמאַן, קאַדישעוויטש, קאַנטאָראָוויטש, קרישטאַל ריבאַזשאַר, ראָסטיקער, שוואַרצבאַרד, שינקמאַן, שוואַרץ און שטערן.

די קאָנפערענץ אין סערקל סוויס

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנקום פון פּליטים פון עסטרייך, באַשטימט דער איניציאַטיוו-קאָמיטעט אַ דעלעגאַציע פון אַראָן, קרישטאַל, איינהאָרן, מאָניקאָווסקי, סאָסנאָווסקי, און וואַרשאַווסקי, וואָס זאָל אונטערהאַנדלען מיט דער פעדעראַציע, אַז עס זאָל זיך מער ניט איבערחזרן די שפּיל פון פאַרשיידענע צעשפּליטערטע אַקציעס.

אויף דעם צוזאַמענטרעף מיט דער פעדעראַציע דעם 20-טן מערץ 1938 ווייזט קרישטאַל אָן, אַז עס האַנדלט זיך ניט איצט וועגן שאַפן אַ באַזונדערע צענטראַלע, נאָר וועגן אַ געמיינזאַמען צוגרייטן פון דער קאָנפערענץ פון 24-טן אַפּריל, וואָס זאָל דורכפירן אַ פאַראייניקונג.

אין די געזעלשאַפטן וואַרט מען מיט אומגעדולד אויף דער דאָזיקער ערשטער אייניקייט-קאָנפערענץ. מען וויילט דעלעגאַציעס, מען רעדט אויף פאַרזאַמלונגען און די אַטמאָספער ווערט יום-טובדיק.

די סאָציעטעס פילן שוין זייערע אייגענע קראַפט, וואָס איז פעיק צו גרינדן אַ צענטראַלע און אַליין זי אָנצופירן, אָן די פּאַטענטירטע דעה-זאָגער. די רעדנער פון דער פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיסיע טרעטן אַרויס אומעטום און ווייזן אָן אויף דער נויטווענדיקייט פון אייניקייט, און אַז אייניקייט, דאָס איז אַקציע.

די קאָנפערענץ אין סערקל סוויס (24. 4. 38) האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. 300 דעלעגאַטן פון 90 געזעלשאַפטן און סאָסיעטעס זענען געקומען. די פּראָווינץ האָט צוגעשיקט באַגריסונגען. דער ענטוזיאַזם איז געווען אומבאַשרייבלעך. נייע פּערספּעקטיוון האָבן זיך געעפנט, נייע מעגלעכקייטן. נייע מענטשן זענען אַרויס פון די טיפענישן פון פאָלק און האָבן גענומען דעם רודער פון זייערע ענינים אין זייערע אייגענע הענט. מ'וועט זיך שוין אין פראַנקרייך אָן זיי ניט באַגיין. מ'וועט זיך שוין מיט זיי רעכענען, מ'וועט שוין מוזן נאָכטאָן זייער בייִשפּיל.

די יידישע פאָלקס-מאַסן האָבן דערזען, אַז אַ נייער, ערלעכער און איבערגעגעבענער כוח איז צוגעקומען אין יידישן לעבן.

אָט דאָס איז די ליסטע פון די 90 געזעלשאַפטן, וואָס זענען געקומען אויף דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין סערקל-סוויס (10 רי דע לאַ מעסאַזשערי, פּאַריז 10): מינסק-מאַזאָוויעצק, קאָזשעניץ, פראַטערנעל איזראַעליט דע פּאַרי, לוקאָווער סאָסיעטע, האַנטווערקער - פאַרבאַנד, בריסק, פאָלקס-הילף, פּולאַווע, קאַליש, הילף פאַר פריינט, אוניאָן מיטואַליסט, פריינט פון דער „נייע פרעסע", פשיטיק, איזראַעליט דע פּאַרי, פריינט פון פאָלקס-קליניק, גראָדזשיסק-מאַזאָוויעצק, פריינט פון באַלטיק, צענטראַלע פון פּאַטראָנאַטן, אוניאָן דע סיאָן, פאָלקס-אוניווערזיטעט, קינדער פון לובלין, ביאַלע פּאָדלאַסק, צענטראַלער קולטור-ראַט, פאַרבאַנד פון יידיש-פּוילישע וואָלאָנטערן, קינדער פון פּיאָטרקאָוו, אַרבעטער-אָרדן, יידישע אויפלעבונג גאַליציע, קעגנזייטיקע הילף פון יידן אין פראַנקרייך, יידישע ברידערלעכע הילף, איזראַ, שרייבער-פאַרבאַנד, טאָמאַשאָוו, אידעאַל פראַטערנעל, גראָדזשיסק, בראָקאַנטער פון בעלוויל, סעקור מיטיעל דע וואַרסאָווי, פאָלקס כאָר, פאַרבאַנד פון אַלט-יידן, חסד של אמת, „צאַפּאַ", קאָצק, איניאָן מיטיעל דע מאָנמאַרטר, סעקור דעז זאַמי, פריינט פון בעלוויל, פרויען געזעלשאַפט, פריינט פון יידן אין פראַנקרייך, אַרבעטער-קינד, אָריזשינער דע פּאָלאָן, איק. יאַסק, פּאָוואָנזקער סאָסיעטע, קאָנסק, וואַרשעווער לאַנדסלייט, זכרון לישראל, רעמבלינער, אַמיקאַל ד'אַרטיזאַן, סאָקאָל פּאָדלאַסקי, זשעלעכאָוו, לאַסקאַזשעוו, פראַטערנעלע הילף פון אָרזשאַניטי, גאַרוואָלין, שעדלעץ, פּאַקס-אוניטאַס, עד פראַטערנעל איזראַעליט, וואָלאָנטער זשוויף, טראַנסילוואַניע, בראָקאַנטער פון סענטואַן, אַנטראַד באַמיליאַל, טשענסטאָכאָוו, קואָפּערק, פּראַגע. פון פּראָווינץ: לאַנס, ליל, נאַנסי (מאַרשאַן-פאַריין, ביקור-חולים, בני ישראל, פרויען-באַוועגונג, דעמאָקראַטישע סטודענטן, פרעסע פריינט, דעמאָקראַטישע ספּאָרט-יוגנט). פון מעץ (חסד של אמת, פרויען-פאַריין, האַנטווערקער-פאַריין, פריינט פון קינד, פרעסע-פריינט).

די קאָנפערענץ פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט צו די יידישע פאָלקס-מאַסן אין פראַנקרייך, אין וועלכן עס ווערן איבערגעחזרט די מאָמענטן פון דער רעזאָלוציע פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט וועגן די צילן פון דער פאַראייניקטער קערפּערשאַפט. דער מאַניפעסט גיט פולמאַכטן דער נייער אָנפירונג צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַציע: „די קאָנפערענץ מאַנדאַטירט דעם קאָמיטעט צו פירן די אונטערהאַנדלונגען ביז צו אַן ענדגילטיקער פאַרשטענדיקונג וועגן צונויפרופן אַ גרויסן קאָנגרעס פון גאַנצן פראַנצויזישן יידנטום. אין פאַל, ווען די דאָזיקע איינציקע דעמאָקראַטישע לייזונג וועט זיך אָנטרעפן אויף אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד דער פעדעראַציע, באַפולמעכטיקט די קאָנפערענץ דעם קאָמיטעט צו אונטערהאַנדלען, אין אָנבליק פון דער ערנסטער לאַגע, וועגן רעאַליזירן די אייניקייט אין אַ באַגרענעצטער פאָרם דורך אַ קאָלעקטיוון אַריינטריט פון די באַטייליקטע געזעלשאַפטן אין דער פעדעראַציע"

אַלס ענטפער אויפן פאָרשלאַג פון דער קאָנפערענץ וועגן קאָלעקטיוון אַריינטריט, דערקלערט די פעדעראַציע: „יעדע געזעלשאַפט, וועלכע וויל זיך אָנשליסן אין דער פעדעראַציע, דאַרף זיך ווענדן דירעקט און אינדיווידועל צום צענטראַל-קאָמיטעט מיט אַ ביטע, אונטערגעשריבן פון פּרעזידענט און סעקרעטאַר פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. די ביטע וועט באַטראַכט ווערן דורך דעם צ. ק. לויט דער אָנגענומענער פּראָצעדור".

ניט געקוקט אויף דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן ענטפער, באַשליסט דער פאַראייניקונג-קאָמיטעט אויסצופילן אינדיווידועלע דעקלאַראַציעס וועגן אָנשלוס אין דער

פעדעראַציע און שטעלט צו 34 אַזעלכע ווענדונגען. אָבער די פעדעראַציע וואַרפט זיי אָפּ מיט תירוץ, אַז צווישן די 34 פיגורירן אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק.

דער פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט די ווענדונגען אין דער פעדעראַציע, נאָר האָט אויך אונטערגענומען אַן אַקציע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע" אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט מעלדן אין דער פּאָליציי און וועמענס גורל איז געווען אַן אומזיכערער.

עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן יורידישע פּערמאַנענצן אין פּאַריז און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ געלט־אַקציע לטובת די געליטענע פון די אַנטי־אויסלענדער דעקרעטן. אין ערשטן טאָג זענען אַריינגעפאַלן 40 ביטעס וועגן שטיצע אין דער פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, וועלכער האָט נאָך ניט געהאַט ניט קיין לאָקאַל, ניט קיין אַדמיניסטראַציע, איז דאָך אַנטקעגנגעקומען די אַלע ווענדונגען.

דער פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט שלאָגט אויך פאָר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס צוזאַמגרייטן געמיינזאַם דעם יידישן מעמאָראַנדום צו דער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געדאַרפט עפענען אין עוויאַן וועגן די פּראָבלעמען פון פּליטים אויף דער איניציאַטיוו פון פּרעזידענט רוזוועלט. די ווענדונג בלייבט אָן אַן ענטפער.

די גרינדונג פון פאַרבאַנד

צוויי חדשים זענען פאַרביי זייט דער קאָנפערענץ פון סערקל סוויס. די לאַגע פון די אויסלענדער האָט זיך פאַרשאַרפט. די רעגירונג האָט אָנגענומען אַ ריי אויסנאַם־געזעצן.

מינכען האָט זיך געגרייט, די קסענאָפאָביע קעגן די אַרבעטנדיקע אויסלענדער האָט פאַרדעקט די אַקטיוויטעטן פון קאָמיטעט „פראַנס־אַלעמאַן" און פון אָטאָ אַבעץ, פירער פון דער 5־טער קאָלאָנע.

האַנטווערקער האָט מען אָפּגעזאָגט די אַרטיזאַנאַלע קאַרטן, און ניט גענומען אין אַכט די באַדערפענישן פון דער פראַנצויזישער עקאָנאָמיק.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך צעשפּרייט אונטער אַלע פאָרמען.

די צעטיילונג־פּאָליטיק האָט געגעבן פרוכטן און די „מעטעקעס" זענען אַבאָלירט געוואָרן טאָג־טעגלעך. די יידישע מאַסן זענען געוואָרן אומרואיק און ביי געוויסע עלעמענטן האָט זיך געשאַפן אַ פּאַניק־שטימונג. דער פאַראייניקונג־קאָמיטעט באַשליסט צו רעאַגירן.

אין די 2 חדשים זענען די פּערספּעקטיוון וועגן אָרגאַנישער איינהייט מיט דער פעדעראַציע בלאַסער געוואָרן און דער פאַראייניקונג־קאָמיטעט רופט אַ צווייטע קאָנפערענץ אין סערקל סוויס דעם 9־טן יולי 1938.

ניט געקוקט אויף די זומער־חדשים, קומען פאַרשטייער פון 70 געזעלשאַפטן און באַשליסן צו גרינדן דעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך.

דעם 6־טן אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר אַרבעט דער פאַרבאַנד אויס אַ מעמאָראַנדום צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און שטעלט אים צו צום פאָלקס־פראָנט־קאָמיטעט מיט אַלע זאַכלעכע באַווייזן.

דעם 19־טן אָקטאָבער ווערט פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג קעגן דער פּאַניק, קעגן האַס צום פראַנצויזישן פאָלק, פאַר פאַרברידערונג, פאַר דערנענטערונג. עס ווערט צונויפגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַדוואָקאַטן פאַר דער יורידישער פאַרטיידיקונג.

זבאָנשין

די יונגע אָרגאַניזאַציע ווערט אָבער באַלד אויסגעפּרוווט ביי אַ דראַמאַטישער געשעעניש אין לעבן פון יידישן פאָלק.

ניט געקוקט אויף דער דעמאַגאָגיע וועגן גאַראַנטירטן שלום אין מינכען, ניט געקוקט אויף די מתנות, מיט וועלכע מען האָט באַשאָנקען טשעמבערלען און דאַלאַדיע — אַלס „די היטער פון שלום" — ווערט פאַר דער ברייטער מאַסע קלאָר אַז היטלער־דייטשלאַנד גרייט דעם קריג און אַז נאָכגעבן אים וואָס אַמאָל מער — דאָסמאָל די צעטיילונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע — הייסט קאַפּיטולירן און עפענען די וועגן פאַר אַלע אַוואַנטורעס.

די דעלעגאַציע
פון פאַרבאַנד
אין זבאָנשין

אין דערמיט זעט מען נאָדעלמאַן און טראַפּיקאַנט.

דער פאַרבאַנד און די אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן באַגרייפן די ערנסטקייט פון דער לאַגע. עס פאַרשווינדט די אינערציע פון דעם אַמאָליקן באַגרענעצטן סאָסייעטע־לעבן. די געפאַר, וואָס לויערט, האָט אַרויסגערופן שוווּנג און דינאַמיזם. אַלץ שטייט אין קאָן, דאַרף מען מאָביליזירן אַלע כוחות !

ווען די נאַציס האָבן אויסגענוצט דעם שאָס פון יונגן גרינשפּאַן, וועלכער האָט דערמאָרדעט דעם סעקרעטאַר פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, פאָן ראַט, (7. 11. 38) און פּאָגראָמירט אויף אַ שוידערלעכן אופן אַלע פּוילישע יידן, טרייבנדיק זיי אין „קיינעמס לאַנד" פון זבאָנשין, האָט דער

פאַרבאַנד געוואָרפן תיכף אַלע זיינע אָרגאַניזאַציעס אין דער הילפס-אַקציע.

די לאַגע פון די אַרויסגעטריבענע איז געווען שרעקלעך. מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך מיטאַמאָל געפונען אויסער זייערע וווינונגען, אָן קליידער, און עסן, אָן געלט, אויפן פרייען פעלד, צווישן דער פוילישער און דייטשער גרענעץ. עס האָט ניט געהאָלפן די אינטערווענץ פון פּרעזידענט רוזוועלט, די דייטשן האָבן געבושעוועט. וואָס האָבן זיי זיך מורא צו האָבן? אָט וואָס האָבן צוויי אויסערן-מיניסטאָרן אָפּגעמאַכט: אַ גאַנץ לאַנד אין מינכען. ווי וועלן זיי זאָרגן פאַר אַ פּאָר טויזנט מענטשן?

דער פאַרבאַנד הויבט אָן אַ פּראָטעסט-קאַמפּאַניע און אַ זאַמל-אַקציע דעם 17. 11. 38. אַן אַקציע-קאָמיטעט, אונטערן פאָרזיץ פון סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ ווערט געגרינדעט. אויף אַלע בעלער, פאָרשטעלונגען, טעאַטער-פאָרשטעלונגען ווערט געזאַמלט געלט, קליידונג און שפּייז. אין זאַמל-טאָג פון 8-טן יאַנואַר 1939 נעמען אויך אָנטייל די קינדער פון די צוגאַבשולן. אַ דעלעגאַציע, אין באַשטאַנד פון נאַרעלמאַן (האַנטווערקער), מאַהאַפיקאַנט (פּריינט פון בעלוויל) און גרינבוים (בראָקאַנטער פון בעלוויל), פאָרט קיין זבאָנשין און פירט מיט זיך 50 טויזנט פר. געזאַמלט דורכן פאַרבאַנד און 50 טויזנט פראַנק געזאַמלט דורך די מאַראָקינער-פאַבריקאַנטן, אונטער דער אָנפירונג פון יוסף שטאַמפּאַטער.

די דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד
ווערט אויפגענומען אין זבאָנשינער הילפס-קאָמיטעט

דער אַקציע-קאָמיטעט רודערט אויף די גאַנצע עפנטלעכקייט, יידישע, ווי נישט-יידישע, וואָרנט פאַר דער אומשטענדיקער קראַנקהייט פון פּאָגראָמען און רופט צו סאָלידאַריטעט.

דער גרויסער יידישער שרייבער זלמן שניאור פאַרעפנטלעכט אַן אַפּעל: „די פאַרטריבענע רופן", וווּ ער שרייבט: „... ווען איר זעצט זיך ביי אייערע געגרייטע טישן, פאַרגעסט ניט אין זיי. זאָל צוגעקלעפּט ווערן אונזער צונג צום גומען, אויב מיר וועלן אונזערע פאַרטריבענע פאַרגעסן!".

דער סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן שרייבט: „דאָרט געפינט זיך דאָך אַזוי נאָענט פון אונז, געפינט זיך ביי אונזער שוועל. „זיי" דאָס איז אפשר מאָרגן „מיר".

די פאַרזאַמלונגען פאַרמערן זיך, צענדליקער סאָסיעטעס באַשטייערן זיך אַליין און זאַמלען פאַר די געליטענע.

ווי ווייט איז שוין אַוועק די אינדיווידועלע סאָלידאַריטעט — די קעגנזייטיקע הילף צווישן מיטגלידער — צו דער העכסטער שטופע פון סאָלידאַריטעט — די נאַציאָנאַלע!

אויב די קאַמפּאַניע פאַר די זבאָנשינער קרבנות האָט געהאַט אַזאַ פאַרצווייגטן פאַרנעם, איז עס דערפאַר, וואָס די אַקציעס פאַר די פאַרפליצטע אין קראָקעווער געגנט, די אַקציעס פאַר די פּליטים, פאַר די פּאָגראָמירטע אין פּוילן און רומעניע, קעגן אַנטיסעמיטיזם און קסענאָפאָביע אין פראַנקרייך, האָבן אַרויסגעבראַכט נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, נייע מענטשן, וועלכע האָבן גאָרניט געטאָן אין דער צושטימונג פון דער מאַסע. דער פולשטענדיקער צוטרוי צו די פאָלקס-מענטשן האָט אַריינגעגעבן אַ נייעם גייסט אין אַלע קאַמפּאַניעס.

די קיך פון 8, רי סאַנטאַנזש

עס הויבן זיך אָן באַווייזן אין פּאַריז די פרישע קאַטעגאָריעס פּליטים, פון זבאָנשין און פון דייטשלאַנד. די צרה-בעמכלאָזיקייט שאַפט אויך נייע שיכטן נויט-לײַדנדיקע. דער פאַרבאַנד באַשליסט צו גרינדן אַ קיך, וואָס ווערט געעפנט דעם 24-טן יאַנואַר 1939 אויף 8 רי סאַנטאָנזש.

אין דער צייט, ווען דער וואַנער קאָמיטעט, דער הויך-קאָמיסאַריאַט פאַר פּליכטלינגען, זוכט „לייזונגען" פאַר די פּליטים, וועלנדיק זיי שיקן ... קיין גייאַנע, האָט דער פּאַריזער ישוב, אונטער דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד, געשטיצט צו תיכפדיקער הילף. אַ מכּה אַזאַ ביי געוויסע „פירער" אין „פאַרזאָרגער" צו טראַכטן וועגן „גרויסע פּלענער" און לאָזן די אומגליקלעכע קרבנות פון הימלעריזם האָפן אויף אוטאָפּישע מוח-אָפּעראַציעס.

צווישן די יידישע געזעלשאַפטן האָט די אידייע פון דער קיך אויפגעוועקט נייע ענערגיעס. דעלעגאַציעס וויזיטירן די קיך און באַוווּנדערן די ריינקייט, אָרדנונג און באַציונג צו די עסער (די פאַרוואַלטונג איז אויסגעוויילט פון די עסער גופא). קצבים גיבן אומזיסט פלייש, ביינער, פעטס; בעקער שיקן ברויט, שפּייז-קרעמער באַזאָרגן מיט פאַרשידענע שפּייז. יידן פון אַ גאַנץ יאָר ברענגען וואָס זיי קאָנען און העלפן האַלטן אָרדענונג.

אין די זאַמלונגען, וואָס ווערן דאַן פאַרעפנטלעכט, טרעפן מיר אַזעלכע זאַצן: מאַדאַם אַנקעלעוויטש געזאַמלט 70 אייער און 160 פר. מאַדאַם לימאַנאַד „רופט די פרויען פון 3-טן אין 4-טן צו קומען העלפן אין דער קיך. עס איז דער חוב פון אונז, יידישע מיטערס, צו העלפן אונזערע הונגעריקע ברידער אין זייער נויט".

דער „פּאַט" (פּאַריזער יידישער אַרבעטער-טעאַטער) גיט אַן אומזיסטע פאַרשטעלונג פאַר דער קיך.

אָבער דער „דזשאָינט" אָנערקענט נישט די קיך און שטיצט זי ניט. אַלע מיטלען ווערן געשאַפן דורך די אָרגאַניזאַציעס פון פאַריז און פּראָווינץ, אָנגעשלאָסענע, צי ניט אָנגעשלאָסענע אין פאַרבאַנד. דאָס דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן 5000 מיטאָגן אַ וואָך.

אַ גרופּע טוער פון דער פאָלקס־קיך

אין דעם מאָמענט באַשליסט די ביוראָ צו נעמען ווידער קאָנטאַקט מיט דער מאַסע פון אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן און זי רופט צונויף די ברייטע קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין האָטעל „אימפּעראַטאָר", דעם 19-טן מערץ 1939.

מאַרק שאַגאַל שרייבט דאַן: „לאָמיר אַרבעטן צוזאַמען... אויף די באַשטימטע קאָנקרעטע צילן וועלן זיך יידן קענען אפשר צוגעוווינען זיך צונויפצורעדן וועגן העכערע אידייאישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויפגאַבן פאַר אונזער לעבן. עס איז שוין לאַנג צייט..."

דער סקולפּטאָר זשאַק ליפשיץ שרייבט אין אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אין דער צייט פון אָנגריף" — „אין מיין באַטייליקונג אין דער היינטיקער קאָנפערענץ זע איך אַ סימבאָל פון פאַרבינדונג צווישן די אַרבעטנדיקע און דער אינטעליגענץ... כ'פריי זיך, וואָס אין קיך קומען עסן שפּאַניער און טשעכן און יידישע קצבים זענען צופרידן, וואָס זיי קענען אויך זיי געבן פלייש, אַרויסווייזנדיק אַזאַ פיין געפיל פון סאָלידאַריטעט".

די ברייטע קאָנפערענץ שטייט אונטערן צייכן פון קאַמף פאַר אייניקייט, זעלבסטהילף און רעכט.

ווען די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פאַרערגערט זיך נאָך דער אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע דורך דער דייטשער אַרמיי, פאַרעפנטלעכט דער פאַרבאַנד פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע אין דער פרעסע און ראַדיאָ:

„אויב טראָץ אַלע פאַרייניקטע אָנשטרענגונגען פון די פּאַציפיסטישע נאַציעס וועט פראַנקרייך זיין געצוווּנגען צוזאַמען מיט אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער זיך צו פאַרטיידיקן מיטן געווער אין דער האַנט קעגן אַן אַגרעסיע פון די טאָטאַליטערע לענדער, דערקלערן מיר, אַז אַלע איינגעוואַנדערטע יידן וועלן ספּאָנטאַן און מיט מוטיקן שוווּנג פאַרבינדן זייער גורל מיטן גורל פון דער פראַנצויזישער נאַציע, דער שטענדיק גאַסטפריינטלעכער און ברייטהאַרציקער (20.4.39).

עס ווערט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַן אַקציע מיטן ציל צו שאַפן אַן עסקאַדריליע פון אַוויאָנען פאַר דער פראַנצויזישער אַוויאַציע.

דער פאַרבאַנד שטיצט אויך אונטער דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, אַז אויסלענדער זאָלן זיך קענען אַנגאַזשירן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און אַז שטאַטלאָזע זאָלן תיכּף גיין דינען.

קוים האָט זיך פאַרענדיקט די אָנשטרענגונג פאַר די זבאָנשינער יידן, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע דראַמע.

פּליטים איבער די ימים.
„די שיפן פון פאַרצווייפלונג"

אין מאָנאַט מאַי 1939 איז די וועלט אויפגעציטערט געוואָרן דורך פאַרצווייפלטע רופן פון יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, וואָס זענען געפאָרן אין דרום-אַמעריקאַנישע האַפנס. מערערע שיפן האָבן באַוויזן אַראָפּצולאָזן זייערע רייזנדיקע אין צענטראַל און דרום-אַמעריקע, נאָר די אימיגראַנטן פון דער שיף „סען לואי" זענען געבליבן שטעקן אין קובאַנער האַפן, האַוואַנאַ, און דער גרענעץ-קאָנטראָל האָט זיי אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש צו לאַנדן. פון 961 פּליטים זענען נאָר 218 אויסגעשטיגן, ווייל פאַמיליעס האָבן פאַר זיי איינגעצאָלט אַ געוויסע סומע.

עס האָט געדראָט די פּליטים צוריקגעשיקט צו ווערן קיין האַמבורג. זיי שווערן אָבער, בעסער זיך צו וואַרפן אין וואַסער ווי צוריקפאָרן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

מ'קאָן זיך קוים פאָרשטעלן די טראַגעדיע! קוים זיך אַרויסגעריסן פון די היטלעריסטישע נעגל און פון דער פּערמאַנענטער געפאַר פון אויסראָטונג, און איצט דראָט זיי צוריקצוקומען אין גיהנום.

2500 קובאַנער בירגער ווענדן זיך צום פּרעזידענט פון דער קובאַנער רעפּובליק מיט אַ טעלעגראַפישן אַפּעל, אַז מ'זאָל דערלויבן די אומגליקלעכע אויסצושטייגן פון דער שיף. אויף דער שיף געפינען זיך 200 קינדער און 250 פרויען.

דער קאָמענדאַנט דערקלערט, אַז ס'פעלט אים אויס וואַסער און עסנוואַרג פאַר אַ לענגערער רייזע.

אַלע בקשות און ווענדונגען גיבן ניט קיין רעזולטאַטן, די שיף מוז צוריקפאָרן. דערווייל קומט אָן אַ צווייטע שיף „פלאַנדר", אויף וועלכער עס געפינען זיך אַ 100 פליטים אָן דערלויבענישן צו לאַנדן, און די 2 שיפן נעמען דעם וועג אויף צוריק קיין אייראָפּע. וועלן זיי טאַקע קומען קיין האַמבורג?

דאַן נעמט אַ וואָרט דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט און דעם 39. 6. 10 ווערט אַריינגעטראָגן אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע, אַז די רעגירונג זאָל זוכן אַ הומאַניטאַרן אויסוועג פאַר דער טראַגישער אָדיסייע פון די עמיגראַנטן.

דער רעזולטאַט איז אַ באַלדיקער: פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיע און האָלאַנד, וועלן אויפנעמען די 1.000 פּאַסאַזשירן פון די „שיפן פון פאַרצווייפלונג".

ווען דער פראַנצויזישער קאָנטינגענט קומט אָן קיין בולאָן דאָס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע לכבוד דער עמאַנסיפּאַציע פון יידן אין פראַנקרייך און פון צוגעבונדנקייט צו דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע.

200 פאָרשטייער פון סאָסיעטעס נעמען אָנטייל אין דעם דאָזיקן באַנקעט.

די גרעסטע פראַנצויזישע פּערזענלעכקייטן, ווי מיניסטער קאַמפּענקי, מיניסטער לעאָ לאַגראַנזש, ראָמען ראָלאַן, זשאַק דיקלאָ א. א. שיקן צו באַגריסונגען צו דער מאַניפעסטאַציע פון יידישפראַנצויזישער פריינטשאַפט.

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָבן פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע אונז פאַרזיכערט, אַז פּונקט ווי בעתן דרייפוס-פּעריאָד, וועלן זיי מיט אַלע כוחות באַקעמפן דעם גיפט פון אַנטיסעמיטיזם „מעיד אין דזשערמיעני".

אויף דעם דאָזיקן אָוונט האָבן די שליחים פון ייִדישן ישוב פּראָקלאַמירט זייער צוגעבונדנקייט און קרבנות-גרייטע טרייַשאַפט צום פראַנקרייך פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט.



UNION des SOCIÉTÉS
JUIVES de FRANCE

Une escadrille d'avions
pour la France

No 28

Frs

Le 1939

Adresse:

UNION des SOCIÉTÉS
JUIVES de FRANCE

Une escadrille d'avions
pour la France

No 28

Frs

Le 1939

Adresse:

UNION des SOCIÉTÉS JUIVES de FRANCE
9, Rue du Château d'Eau, PARIS Tél. Bot. 43.97

PARTICIPATION A L'ACHAT D'UNE ESCADRILLE D'AVIONS POUR LA FRANCE

No 28

Reçu la somme de

versée à titre de don par

rue n°

Le 1939

אַ קוויטונג פון דער זאַמל-אַקציע פאַר דער עסקאַדריליע, וואָס דער „פאַרבאַנד" האָט געשענקט דער פראַנצויזישער אַרמיי.

אויף דער שיף „ראַקאַריס" דעם 20-טן יוני 1939, שיקט דער פאַרבאַנד זיי אַנטקעגן אַ דעלעגאַציע אונטער דער אָנפירונג פון י. מאַניקאָווסקי, וועלכע קאָנפערירט מיט די פּרעפעקטאָראַלע אינסטאַנצן וועגן אַדמיניסטראַטיווע פאָרמאַליטעטן. די דעלעגאַטן באַגלייט פון אַ. ראַיסקי, רעדאַקטאָר פון דער „נייע פּרעסע", האָבן אויך מיטגעבראַכט 60 פּעקלעך מיט פרוכט, שאָקאָלאַד, צוקערוואַרג און געבעקס.

די יונגע אָרגאַניזאַציע האָט אויך ביי דער דאָזיקער דראַמאַטישער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די היטלעריסטישע קרבנות.

150 יאָר פראַנצויזישע רעוואָלוציע

כּדי צו פייערן, פון זיין זייט, דעם 150-טן יאָרטאָג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט דער פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַנקעט אין פּאַלע ד'אָרסעי דעם 14-טן יוני 1939.

די מלחמה

די אַטמאָספער ווערט דערדריקנדיק. די מלחמה-געפאַר פאַרשאַרפט, די היטלעריסטישע מלחמה-צוגרייטונגען אַלץ בולטער. די פראַנצויזישע פּאַרטייען, די לאַוואַלס, באָנעס מאַכן אַן אָנשטעל פון צוגרייטונגען צום ווידערשטאַנד קעגן היטלעריזם.

פאַר די אויסלענדישע, ווי פאַר די פראַנצויזישע יידן שטעלט זיך נישט קיין דילעמע. די פראַגע איז קלאָר: אַלע כוחות דאַרפן געוואָרפן ווערן קעגן היטלעריזם. טויזנטער יידן מעלדן זיך פרייוויליק אין די רעקרוטירונגס-ביוראָען און אַנגאַזשירן זיך אויף דער צייט פון קריג.

אין מאָמענט פון דער קריג-דערקלערונג, געפינען זיך נאָך אַלע פירער פון פאַרבאַנד אין פּאַריז. די מאָביליזאַציע הייבט אָן אָנריירן געוויסע קאַדרען. אַלע פאָלקס-מענטשן זענען גרייט זיך צו שטעלן אין די ערשטע רייען צו פאַרטיידיקן די פרייהייט און צו באַקעמפן די היטלעריסטן.

אָבער די פינפטע קאָלאָנע, די מענטשן פון קאָמיטעט

„פראַנקרייך-דייטשלאַנד”, דעמאָראַליזירן דעם פאָלקס-ווילן און דער ענטוזיאַזם ווערט געבראָכן. די סאָלדאַטן פאָרן ניט אָפּ אין די מאָביליזאַציע-צענטרען מיטן שטורמישן געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע. פון די מאָביליזירטע קומען אָן שלעכטע ידיעות וועגן דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס הערשט אין די קאַזאַרמעס.

אין פאַרבאַנד האָבן גרינהויז (איזראַעליט דע פּאַרי) און קאַן (האַנטווערקער) אויפגעהויבן אַ שאַרפע פּאָליטישע דיסקוסיע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד און אָפּגעשוואַכט זיין אָנפירערישע ראָל אין יידישן לעבן.

דער קריזיס אין דער אָנפירונג, די צעשמעטערטע אייניקייט אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע, האָבן פּאַראַליזירט דעם פאַרבאַנד און ער האָט נישט באַוויזן צו שפּילן די וויכטיקע ראָלע, וואָס דער ישוב האָט פון אים דערוואַרט אין אָנהייב פון קריג, ד. ה. באַוואָפנען אים צום אָנגריף און זיג.

עטלעכע איבערגעבליבענע טוער האָבן פאָרגעזעצט די סאָציאַלע אַקטיוויטעט אין דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש. עס איז אויך געעפנט געוואָרן אַ צווייטע קיך אויף 6 רי וואָקולער. ביידע קיכן האָבן אויסגעטיילט 1600 מיטאָגן טעגלעך. (1000 אויף סאַנטאָנזש און 600 אויף וואָקולער).

די עטלעכע מאָנאַטן פון „מאָדנעם קריג” זענען פאַרביי אָן ספּעציעלע דערשיינונגען אין פאַרבאַנד. דער „עקזאָד” פון מאָנאַט יוני 1940 האָט אויסגעליידיקט פּאַריז פון אַ גרויסן טייל סאָסיעטע-טוער. בלויז איינצלנע, ווי נאָדעלמאַן, שוואַרצבאַרד א. א. האָבן ניט פאַרלאָזט פּאַריז און געבליבן מיט דער מאַסע פון נויט-באַדערפטיקע יידן, נאָכן אָנקום פון דער דייטשער כאַלדאַבעסקע.

די קיך אויף סאַנטאָנזש ווערט צוריק געעפנט, אַ דאַנק דעם, וואָס פריינט נאָדעלמאַן האָט דעם צוטרוי פון ברייטע שיכטן און באַקומט די געהעריקע פאָנדן. מען הויבט אויך אָן צו טיילן שטיצע פאַר פרויען פון מאָביליזירטע און קריגס-געפאַנגענע.

יוסף שטאַמפּאַמער באַוויזט צו באַאיינפלוסן די מאַראָקינעריסטן, וואָס רופן זיך אָפּ זייער וואַרעם. אַ דאַנק זייער הילף ווערט פאָרגעזעצט די אַרבעט.

אָבער עס איז מער ניטאָ דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל. דאָס סאָסיעטע-לעבן איז אָפּגעשטעלט, דער אַרבעטער אָרדן געשלאָסן, די „נייע פּרעסע” פאַרמאַכט. דער פולשטענדיקער ווילקיר פון דער געשטאַפּאָ, געשטיצט פון ווישי, הייבט זיך אָן.

אָקופּאַציע-יאָרן

אין יולי 1940 האָבן זיך איינגעפונען עטלעכע יידן, וואָס זענען גרייט געווען אויסצושטרעקן אַ האַנט דעם דייטשן אָפיציר דאַנעקער, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יידישע ענינים אין פראַנקרייך, כדי אויסצופירן דעם ווילן פון דער „פּראָפּאַגאַנדע-שטאַפּעל” און פון הימלערן.

דאַנעקער רופט צונויף אַ באַראַטונג, צו וועלכער ער לאַדט איין אַלע יידישע אינסטיטוציעס, ספּעציעל דעם קאָאָרדינירקאָמיטעט ביי דער פעדעראַציע (קאָלאָני סקאָלער, קיך רישע, קיך בעראַנזשע, קיך פון „בונד”) און די קאָנסיסטאָריע. מיר דערקלערן דורך אונזערע פאַרטרעטער, דער שפּעטער-דערמאָרדעטער איקאַ, און דער שפּעטער דעפּאָרטירטער מאַבטשע, אַז מיר האַלטן פאַר אַ פאַרברעכן צו גיין אויף אַזאַ באַראַטונג און צו דריקן די האַנט פון אַ נאַציישן אָפיציר. מיר ווערן אָבער געוואויר, אַז מערערע פּערזאָנען זענען דאָך געגאַנגען אויף דעם צוזאַמענטרעף און אַז קרוקער און הר. רייכמאַן זענען מסכים געווען צו גרינדן דעם „יודנראַט”, וואָס איז אין דעצעמבער 1941 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אוזשיף”*).

פריינט נאָדעלמאַן באַקומט אַן אינסטרוקציע בעסער צו שליסן די קיך אויף רי סאַנטאָנזש, ווי באַקומען די אָפיציעלע דערלויבעניש צו פונקציאָנירן לעגאַל און צו דינען די דייטשע פּלענער. אגב, איז שוין דאַן געווען קלאָר, אַז קיין ווידערשטאַנדבאַוועגונג וועט אין לעגאַלע באַדינגונגען ניט מעגלעך זיין און אַז די אָפענע לאָקאַלן קאָנען נאָר דינען פאַר דער געשטאַפּאָ אַלס אַ פּולאַפּקע פאַר אַבלאַוועס. (דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, אַזוי אין רי וויי די טאַמפּל, ווי אויף רי אַמלאָ, רי רישע, רי דע לאַ ביענפעזאַנס, אין דער פרייער זאָנע, א. א. וו.)

ווען די דייטשע סאָלדאַטן זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז (אין יוני 1940), האָט אויך די פאָלקס-קליניק זיך ניט געשלאָסן. אין יאַנואַר 1941 מאַכט די פּאָליציי אַ רעוויזיע און אין חודש מאַי, ווען די ערשטע 5 טויזנט אויסלענדישע יידן ווערן אינטערנירט אין פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד, ווערט דער פּרעזידענט ריבאָזשאַד גערופן אין דער פּאָליציי-פּרעפעקטור, וווּ אַ פאַרשטייער פון „יודנראַט” פאָדערט אים אויף איבערצוגעבן אָפיציעל די פאָלקס-קליניק אונטער זיין אַפּיטראָפּסות. ריבאָזשאַד פאָדערט צייט אויף צו פאַרשטענדיקן זיין קאָמיטעט, ווייל די אינסטיטוציע איז אַ געזעלשאַפטלעכע.

די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון קאָמיטעט באַפעלן ריבאָזשאַד צו פאַרלאָזן זיין וווינונג און צו שליסן די פאָלקס-קליניק, (דאָס איז דער איינציקער דיספּאַנסער, וואָס האָט אַזוי געהאַנדלט, פּונקט ווי די איינציקע קיך סאַנטאָנזש האָט זיך געשלאָסן).

די פּאָליציי באַוויזט צו אַרעסטירן דעם פאַרשטייער פון אַרבעטער-אָרדן, לאַסקאַ און דעפּאָרטירט אים. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנד פון: ריבאָזשאַד פּרעזידענט, בערקאָוו קאַסירער, שוואַרצבאַרד און גראָסמאַן — וויצע-פּרעזידענטן, גראַני — גענעראַל-סעקרעטאַר, גינזבורג — געהילף-סעקרעטאַר, פּרימאָרגן, גאַמפּעל, לאַסקאַ — קאָנטראָלערן, צוגעבאַלט זיך.

---

*) Union Générale des Israélites de France.

בעת דער אָקופּאַציע ווערן דעפּאָרטירט די חברים לאַסקאַ, שוואַרצבאַרד, בערקאָוו און ראַשמאַן.

פאַר די געבליבענע טוער האָט זיך געשטעלט די נויטווענדיקייט פון אַן אומברחמנותדיקן אומלעגאַלן קאַמף קעגן נאַצי. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס עלעמענטאַרע געזעץ פון ווידערשטאַנד, אַז אין דעצידירטן קאַמף פאַלן ווייניקער קרבנות, ווי אין פּאַסיוון אָפּוואַרטן, ווי אין דער פאַרטיידיקונג-לאַגע.

אָבער די באַזונדערע געזעלשאַפטן זענען ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ קאַמף. הגם אָפיציעל ווערט קיין געזעלשאַפט ניט אויפגעלייזט, שטעלט זיך אָבער אָפּ יעדע לעגאַלע אַקטיוויטעט, פשוט צוליב דער געפאַר פון יעדער מאַסן-צוזאַמענקונפט. די מיטגלידער און קאָמיטעטן פון די סאָסיעטעס האָבן גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע געפאַר און ניט געלאָזט זיך אָפּנאַרן.

די פאַנאַנדערטיילונג פון לאַנד אין צוויי זאָנעס האָט אויך צעבראָקלט די מיטגלידערשאַפט און אָפּגעשטעלט יעטוועדע אָרגאַניזירטע לעגאַלע טעטיקייט. די דייטשן האָבן אויך בלאָקירט די סאָסיעטע-קאַסעס אין די בענק און פאַראַליזירט די מעגלעכקייט פון געבן שטיצע די נויט-באַדערפטיקע מיטגלידער.

די פאַר-מלחמהדיקע אַקטיוויטעט פון פאַרבאַנד האָט פאַרשטענדלעך געלאָזן טיפע שפּורן אין דער מאַסע. די אידייען פון פאַרברידערונג מיטן פראַנצויזישן פאָלק האָבן געראַטעוועט טויזנטער יידן פון דעפּאָרטאַציע. די אַרגומענטן פון שרייבערן האָבן געהאַט ווייניק שליטה אויף דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. די עמורים שמוץ פון געבעלס האָבן ניט פאַרדעקט דאָס אמתע בילד, וואָס די פראַנצויזישע דעמאָקראַטן האָבן זיך געמאַכט פון די יידן, ווען זיי האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט אונז קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן קסענאָפאָביע, פאַר אַ יורידישן סטאַטוס, פאַר די פּרינציפּן פון מענטשלעכקייט און פון 1789.

אָט די ביימער, וואָס זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן פאַרן קריג, האָבן געבראַכט פרוכטן בעת דער אינוואַזיע, ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אָפּגעשטויסן מיט עקל אַלע דייטשע אימפּאָרטן, אַזוי אַנטיסעמיטישע, ווי אַנדערע.

די פאַרמלחמהדיקע אַקציעס פון ווידערשטאַנד קעגן דער קסענאָפאָביע, קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר אַ יורידישן סטאַטוס, פאַר סאָלידאַריטעט מיט די היטלעריסטישע קרבנות, האָבן צוגעגרייט די יידישע באַפעלקערונג צום ווידערשטאַנד קעגן אָקופּאַנט.

ניט קאָנענדיק פירן קיין לעגאַלע הילפס-אַקציע פאַר די נויטליידנדיקע, פאַר די פרויען פון אינטערנירטע און קריגס-געפאַנגענע, זענען — נאָך איידער די קיכן און די פאָלקס-קליניק האָבן זיך געשלאָסן — אייניקע טוער פון פאַרבאַנד איבערגעגאַנגען צו אומלעגאַלע פאָרמען און צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג „סאָלידאַריטעט”. זיי האָבן פאַרשפּרייט די מאַרקעס פון „סאָלידאַריטעט”, פאַנאַנדערגעטראָגן די באַשטימטע שטיצע אין די וווינונגען, אָנטיילגענומען אין געהיימע פאַרזאַמלונגען, פאַרטיילט אומלעגאַלע ליטעראַטור און, הויפּטזעכלעך, געהיטן די מאָראַל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דער אָנפירונג פון „סאָלידאַריטעט” געפינען די סאָסיעטע-טוער די פריינט אַ. ראַיסקי, יודין, ראַווין, קוטנער, מוניע נאַדלער, י. קאַרמאַן א. אַ., מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט פאַר דער מלחמה, און וועלכע זיי האָבן געזען אין אַלע קאַמפן פאַר די אינטערעסן פון יידישן ישוב.

אין יענע צייטן איז עס שווער געווען אַ פּאַריזער ייד ניט אַרונטערצופאַלן אונטערן איינפלוס פון די טאָג-טעגלעכע זיגערישע קאָמוניקאַטן פון גענעראַל דיטריך, און צו באַקומען די ידיעות וועגן דער ווירקלעכער לאַגע.

די פּערספּעקטיוו פון אונזער זיג און די נויטווענדיקייט פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג זענען פּראָפּאַגירט געוואָרן דורכן געשריבענעם און געדרוקטן אונטערערדישן וואָרט.

אין גרופּעס צו 3 און 4 זענען זיך צונויפגעקומען די טוער פון סאָסיעטעס און פּאַטראָנאַטן, קאָנטראָלירט די געזאַמלטע געלטער און באַשטימט די אונטערשטיצונגען, ווי אויך אָנגענומען מיטלען, כדי צו שיצן די יידישע באַפעלקערונג קעגן די אָפּנאַרערישע דייטשע פאָדערונגען.

איינע אַזאַ אָנפירערישע גרופּע, אונטער דער לייטונג פון קרישטאַל פון אַרבעטער-אָרדן, איז אַדורכגעפאַלן אין דער וווינונג פון וואַלאַך (לובלינער פּאַטראָנאַט). דער יונגער עלי וואַלאַך איז אַרעסטירט געוואָרן ביים אויספירן אַ מיסיע פון די פּאַרטיזאַנען, און איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן.

עס איז היינט באַקאַנט, אַז די דייטשע טאַקטיק איז באַשטאַנען אין איינשלעפערן די וואַכזאַמקייט פון זייערע צוקונפטיקע קרבנות און מאַכן זיי אָפּהענטיק אין מאָמענט פון אָנגריף. אַזוי האָבן זיי פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דעפּאָרטאַציע הייסט אַרבעט, אַז עס עקזיסטירן קאַטעגאָריעס צווישן יידן און אַז מ'וועט די דאָזיקע קאַטעגאָריעס (פראַנצויזישע בירגער, געוועזענע פראָנט-קעמפער, פרויען פון קריגס-געפאַנגענע, שוואַנגערע, קינדער ביז 6 יאָר א. א. וו.) — פאַרשידנאַרטיק באַהאַנדלען.

קעגן דעם אַלעם זענען אַרויסגעטראָטן די אומלעגאַלע גרופּעס אין גערופן צו וואַכזאַמקייט און פאַרזיכטיקונג. באַרימט איז דער רוף פון 14טן יולי 1942, וואָס האָט געמאָלדן מיט 2 טעג פריער וועגן דער אַקציע, וואָס די דייטשן גרייטן צו, און געהייסן אָננעמען פאַרזיכטיקייט-מיטלען.

וויפל טויזנטער יידן קאָנען היינט פאַרדאַנקען זייער פרייהייט אָט דעם דאָזיקן אויפרוף!

די קאָמיטעטן האָבן אויך געוואָרנט קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון „אוזשיף“ און קעגן דעם אויפהאַלטן פון לעגאַלע ביוראָען, וואָס האָבן געטיילט גראָשנס און צוגעשטעלט גרייטע ליסטעס מיט אַדרעסן, ספּעציעל פון יידישע קינדער צו די דייטשן.

מיט די דאָזיקע לעגאַלע אינסטיטוציעס האָבן געקאָסט דאָס לעבן פון טויזנטער יידן, וועלכע זענען געקומען נעמען שטיצע אין די דאָזיקע לאָקאַלן.

די „סאָלידאַריטעט“-קאָמיטעטן האָבן צעשטערט די לעגאַליסטישע אילוזיעס און פאַרגעזעצט אונטער די שווערע באַדינגונגען זייער הילפס-אַרבעט.

זיי האָבן אויך געזאָרגט פאַר די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די פּאַרטיזאַנען און זיי געשטיצט רעגולער. דער באַוווסטזיין פון דער נויטווענדיקייט פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד ווערט וואָס אַמאָל רייפער אויך ביי פאַרשידענע סאָסיעטע-טוער, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען. צווישן די העלדן ,געפינען מיר דעם זון פון שוואַרצבאַרד, פּרעזידענט פון קאַלישער סאָסיעטע, געפאַלן אין ליאָן. הונדערטער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם העראָישן קאַמף פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, פאַר דער פרייהייט, פאַר פראַנקרייך.

IV

פּעריאָד פון וווּקס און רייפקייט

נאָך דער באַפרייונג

שוין אין אָקטאָבער 1944, קוים 2 חדשים נאָך דער באַפרייונג פון פּאַריז — אָבער נאָך ניט פון גאַנץ פראַנקרייך — האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טויבן פון נח'ס תיבה און געזוכט אַ מקום מקלט. עס קומען אָן נאָך דעם מבול די ערשטע געוועזענע פּרעזידענטן, די ערשטע געוועזענע קאָמיטעט־מיטגלידער. נאָר די פראַגע שטעלט זיך נאָך נישט וועגן צוריקשטעלן די פריערדיקע סאָסיעטעס. די פראַגע שטייט, ווו וועט מען וווינען און וואָס וועט מען טאָן.

דאָס יידישע פּאַריז איז נאָך אין דעם מאָמענט אין כאַאָטישן צושטאַנד, קיין שום פראַגע ווערט נישט געלייזט אויף אַ נאָרמאַלן וועג. די פראַגע פון וווינונגען האָט זיך רעגולירט דורך צופאַלן, דורך פּערזענלעכע אַראַנזשירונגען, טיילמאָל דורך געוואַלט. וועגן אַרבעט איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן. עס האָבן פונקציאָנירט די קיכן און די הילפס-קאַסעס פון איינהייט-קאָמיטעט.

אָבער שוין אין אָט דעם שווערן מאָמענט האָבן עטלעכע געראַטעוועטע טוער געוואָרפן די לאָזונג פון ווידעראויפבוי פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן. די ערשטע פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן זענען געווען: ראַזשאַלאָשינסקי, שמערן און ריבאָזשאַד. און ווען זיי האָבן באַלד נאָכדעם פאַנאַנדערגעשיקט בריוו, האָבן זיך געמאָלדן 17 סאָסיעטע־פּרעזידענטן, ווי אַנקעלעוויטש, בוים, שאָר, ליבעסקינד, לעשטשינער, קאָרנעט, בערענבליט און אַנדערע.

וואָס האָבן זיי פעסטגעשטעלט אויף דער דאָזיקער ערשטער באַראַטונג?

1) **אַז נייע פּראָבלעמען שטייען פאַרן יידישן ישוב פראַנקרייך.**

2) **אַז אַ נייער כּוח איז אַנטשטאַנען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך — די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.**

3) **אַז אַ נייער אופן פון טעטיקייט איז דאָס געבאָט פון יעדער געזעלשאַפט אָדער סאָסיעטע.**

אין רעזולטאַט פון קריג און פון דער אָקופּאַציע, זענען געבליבן גרויסע חורבות, וועלכע מ'דאַרף צוריק אויפבויען, גרויסע וווּנדן, וועלכע מ'דאַרף פאַרהיילן. עס איז געבליבן אין דער ערשטער ריי דאָס קינד פון דעפּאָרטירטן און דערשאָסענעם.

אַלע האָבן געפילט, אַז דער פּראָבלעם פון יידישן קינד פון דעפּאָרטירטע עלטערן איז דער הייליקסטער פּראָבלעם. עס איז נאָך דאַן ניט געווען באַקאַנט, אַז די דאָזיקע קאַטעגאָריע נעמט אַרום אַן ערך 15.000 יידישע קינדער און מ'האָט אויך ניט געהאַט קיין אַנונג, אַז דער גרעסטער טייל פון די קינדער וועלן בלייבן יתומים.

דער צווייטער פּראָבלעם, וואָס האָט זיך געשטעלט, איז געווען צוצוגרייטן דעם צוריקקום פון די דעפּאָרטירטע. גרויס זענען געווען די אילוזיעס. מיר האָבן גערעכנט, אַז אַ גרויסער טייל פון די 130.000 דעפּאָרטירטע יידן פון פראַנקרייך וועט זיך אומקערן. אמת, ענדע 1944 האָבן ווירקלעך נאָך געלעבט אַ גרעסערע צאָל פון די דעפּאָרטירטע, אָבער ליידער, זענען אַ סך פון זיי אומגעקומען בעת די עוואַקואַציעס פון די לאַגערן. אין סך־הכל זענען קוים 2.000 געבליבן לעבן.

אַלס דריטער פּראָבלעם איז געשטאַנען די פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע. אמת, דער פאַרבאַנד איז נישט געווען בכלל צוגעגרייט צו קאָנען לייזן די גרויסע שוועריקייטן פון דער רעקאָנסטרוקציע פון יידישן לעבן. עס האָבן נאָך דאַן ניט עקזיסטירט קיין סטאַטיסטיקעס און ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז 25.000 יידישע וווינונגען זענען באַזעצט געוואָרן דורך אַנדערע לאָקאַטאָרן און אַז דער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים האָט רואינירט די יידישע קליינהענדלער, אַרטיזאַנען, אונטערנעמער, סוחרים און אַנדערע. אַלע האָבן דערוואַרט, אַז די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע וועט שנעל ליקווידירן די איבערבלייבענישן פון היטלעריזם און ווישיזם,

אַז די געהעכטיקייט וועט שנעל איינזען די גרויסע עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי אונז און אַז די געהעריקע מאַסמיטלען וועלן אָנגענומען ווערן, כדי צו פאַריכטן דעם שאָדן, כדי צו אַנטשעדיקן די באַראַבעוועטע און צו באַשטראָפן די שולדיקע, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן דעם שונא אין רויב.

די צווייטע פעסטשטעלונג איז געווען, אַז אַ נייער כוח איז אַנטשטאַנען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן — דאָס איז די יידישע רעזיסטאַנץ, די יידישע ווידערשטענדלער. בעת דער אָקופּאַציע האָבן זיי נישט פאַרלאָזט דעם קאַמף-פּלאַץ און פאַרטיידיקט שטאָלץ, אונטער די גרעסטע געפאַרן, דאָס יידישע לעבן און דעם יידישן כבוד. זיי זענען נישט געווען פון די, וועלכע זענען געלאָפן קיין שווייצאַריע, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן פון נעמען אָנטייל אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן די נאַצי־באַרבאַרן.

פאַרן פרייז פון די הונדערטער קרבנות, פון אַן אומבאַגרענעצטער קאַמף-גרייטקייט, האָבן זיי געראַטעוועט דאָס לעבן פון טויזנטער יידן, פרויען און קינדער. די יידישע באַפעלקערונג ווייסט ווי אָפּצושאַצן די פאַרדינסטן פון די טוער פון דער דאָזיקער איינציקער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַניזאַציע פון יידישן ווידערשטאַנד, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף” („אוניאָן”).

אין יעדנס זכרון וועלן שטענדיק בלייבן די רומפולע טאַטן פון ראַטעווען יידישע קינדער פון די הענט פון דער פּאָליציי, ווי פון די לאָקאַלן פון „אוזשיף”. אין יעדנס זכרון איז אויף אייביק איינגעקריצט די העלדישקייט פון „אוניאָן”-מיטגלידער, ווי מוניע נאַדלער, דוד קוטנער און צענדליקער אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרן פון יידישן ווידערשטאַנד, דערמאָרדעטע דורך די דייטשן.

אַט די פייער-פּראָבע, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די טוער פון די פּראָגרעסיווע פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע די סאָסיעטעס זענען געווען אין באַציִונג פאַר דער מלחמה, האָט פאַרשטאַרקט דעם בונד פון די לעצטע מיטן „אוניאָן”.

די דאָזיקע פאַרבינדונג איז נישט געווען קיין סענטימענטאַלע, נאָר אַן אויפגעבויטע אויף דערפאַרונג און אויף דער פעסטער איבערצייגונג, אַז אַזאַ פאַרבינדונג איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַרן קאַמף פאַר אונזערע רעכט און פאַרן ווידעראויפבוי פון אונזער פרייען, זיכערן לעבן.

ווידער האָבן די סאָסיעטע-טוער געפונען ביי זייער זייט די פריינט ראַיסקי, קאַרמאַן, יודין, אַדאַמיטש, מאַניקאָווסקי, ראַווין, קעניג אַלס קעמפער פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

עס איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז מען קאָן זיך מער נישט באַגנוגן פאַרצוזעצן די טעטיקייט פון פאַרבאַנד אויף די פאַרמלחמהדיקע יסודות. דעמאָלט האָט זיך יעדע געזעלשאַפט פאַרנומען מיט אַ באַגרענעצטער צאָל פראַגן. איצט איז נייטיק געווען צו צענטראַליזירן די גאַנצע אַרבעט און צוזופּאַסן די טעטיקייט פון יעדער געזעלשאַפט צו די וויכטיקסטע, צענטראַלע אויפגאַבן.

אַט דאָס איז געווען די גרונט-איינשטעלונג פונעם פאַרבאַנד. אַזוי האָט ער גענומען אַנטוויקלען זיין אָרגאַניזאַציע, זיך שטיצנדיק דערביי הויפּטזעכלעך אויף אייגענע כוחות, און נישט האָפנדיק קיין מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פון אויסלאַנד.

ערשטער קאָנגרעס פון פאַרבאַנד נאָך דער באַפרייונג

דעם 3 מערץ 1946 איז אין דער מערי פון 11-טן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז צוזאַמענגעקומען דער ערשטער קאָנגרעס פונעם פאַרבאַנד נאָך דער באַפרייונג. עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען פאָרשטייער פון 36 געזעלשאַפטן, וואָס האָבן שוין באַוויזן אויפצושטעלן זייערע קאָמיטעטן אַ דאַנק דעם אימפּולס, וואָס איז געקומען פונעם פאַרבאַנד גופא.

בכלל איז אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייונג פאָרגעקומען אַן אייגנאַרטיקער פּראָצעס: פאַר דער מלחמה האָבן די סאָסיעטעס געגרינדעט דעם פאַרבאַנד. איצט האָט די אָנפירונג פונעם פאַרבאַנד פון איר זייט רעקאָנסטיטואירט די סאָסיעטעס.

פון רעכטס אויף לינקס: וואָל, סעם דרעוונאָוויטש און קלמן פרידמאַן, פירער פון ראַט פון וואַרשעווער יידן אין אַמעריקע, צו גאַסט ביים פאַרבאַנד אין פּאַריז, אין זומער 1946.

דער באַריכט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויפן דאָזיקן קאָנגרעס, ווייזט די אַקטיווע אַרבעט פונעם פאַרבאַנד אויף אַלע געביטן פון ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן אין פראַנקרייך. כדי צו געבן אַ גענויערן איבערבליק איבער דער דאָזיקער טעטיקייט, גלויבן מיר, אַז ס'וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון די וויכטיקסטע טיילן פונעם דאָזיקן באַריכט.

די דערעפענונג פון צווייטן קאָנגרעס פון פאַרבאַנד דעם 15־טן מערץ 1947 אין זאַל „שימי“.

עס זיצן אין פּרעזידיום פון לינקס אויף רעכטס: לעשצינער, סקולפּטאָר פערעלמאַן, אנקעלעוויטש, קרישטאל, מאַניקאָווסקי, ד״ר איידעלמאַן, טראַפיקאַנט, לאַטערשטיין, סטרילרעווער, און בערנבליט. ביים מיקראָ, רעדנדיק אַלפרעד גראַנט.

די טעטיקייט פון פאַרבאַנד אין די ערשטע אנדערטהאַלבן יאָר נאָך דער באַפרייונג

(אויסצוגן פון באַריכט)

אונזער ערשטער אַרויסטריט איז געווען די אקציע פאר די דעפּאָרטירטע. ארום פארבאנד האָבן זיך דאן נאָך גרופּירט א קליינע צאָל געזעלשאַפטן, אָבער אויך די דאָזיקע געזעלשאַפטן זענען נאָך נישט געווען קאָנסטיטואירט און נישט פאַרמאָגט דעם כוח, וועלכן זיי שטעלן היינט פאָר. דאָ און דאָרט האָט נאָר עקזיסטירט א פּרעזידענט, דאָ און דאָרט א גרופּע מענטשן פון א סאָסיעטע, אָן א קאָמיטעט, אָן א קאָנטאקט מיט די מיטגלידער. וויפל אלגעמיינע פארזאמלונגען זענען פאָרגעקומען אין ווינטער 1944־1945? זייער ווייניק. אָבער דער אימפּולס, דער נייער גייסט, וואָס דער פארבאנד האָט אריינגעבראכט אין יידישן לעבן, האָט געגעבן רעזולטאטן.

די אקציע פאר די דעפּאָרטירטע האָט דערגרייכט בלויז די סומע פון 130 טויזנט פראנק, וואָס זענען פארטיילט געוואָרן צו 1.000 און צו 500 פראנק. עס זענען געוואָרן ארויסגעשיקט 150 דעפּאָרטירטע און קריגס־געפאַנגענע אויפן דאָרף זיך אָפּצורוען. פארשידענע סאָסיעטעס האָבן אויך געמאכט אייגענע זאמלונגען און פארטיילט דירעקט שטיצע פאר זייערע לאַנדסלייט.

מ׳דאַרף זיך מודה זיין, אז די דאָזיקע אקציע איז ווייט נישט געווען דאָס, וואָס מיר האָבן זיך געוואונטשן, און אוודאי נישט דאָס, וואָס מ׳האָט פון אונדז דערוואַרט.. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס מיר האָבן געמיינט, אז דער יידישער ישוב אין פראנקרייך וועט ווירדיקער און ברייטהאַרציקער אויפנעמען די שארית־הפליטה. מיר האָבן אָנטיילגענומען אין אַלע קאָנפערענצן, ווו עס האָט געזאָלט אָרגאַניזירט ווערן אַ צענטראַלע און איינהייטלעכע אקציע פון גאנצן ישוב. נאָר ווייזט אויס, אז געוויסע אָרגאַניזאציעס האָבן געוואָלט, אז די אויפנאַמע פון די דעפּאָרטירטע זאָל זיין אזא, אז די געראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום זאָלן ווערן אנטמוטיקט און געשטויסן צו עמיגרירן ערגעץ אַנדערש. און אזוי איז נישט צושטאַנד געקומען די איינהייטלעכע אקציע פאר די דעפּאָרטירטע.

די צווייטע אָנשטרענגונג פאַר די וואַקאַנסן פון 1945 איז געווען דאָס צוריקאויפשטעלן פון דער פאָלקס־קליניק.

אין דערזעלבער צייט איז דער פארבאנד צוגעשטאַנען צו דער אקציע פון „אוניאָן“ לטובת דעם יידישן קינד. נישט פאַראַן איצט קיין צוזאַמענטרעף, קיין ברית, קיין אונטערנעמונג, ווו אונזערע פריינט זאָלן נישט זאמלען פאר די קינדער.

דער פארבאנד האָט אויך אָנטיילגענומען אין די זאמלונגען פון דער וואָך פאַרן קינד, קרבן פון קריג און פאשיזם, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן צוזאמען מיט די פראנצויזישע אָרגאניזאציעס.

איבערגייענדיק צו אן אנדערן צווייג פון סאָציאַלער אקטיוויטעט, איז וויכטיק צו זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דער יורידישער אָפּטיילונג, וואָס איז אויך אָרגאניזירט צוזאמען מיטן „אוניאָן“ און איז אָפן פאר אלע מיטגלידער פון די אָנגעשלאָסענע סאָסיעטעס. דערדאָזיקער אמט האָט א קאָלאָסאַלע באַדייטונג אין דער איצטיקער קאָמפּליצירטער יורידישער לאגע פון דער גרויסער צאָל יידן און עס פאָדערט זיך אָפּטמאָל א באזונדערע אָנשטרענגונג, כדי ארויסצוּוויקלען די פּראָצעסן.

די אויפגאַבע פונעם יורידישן אמט איז נישט באַגרענעצט אויף עצות, אינטערווענצן, נאָר באַשטייט אויך אין דער נאָכפאָלגונג פון די געזעצן, און זייער פּאָפּולאַריזאַציע צווישן דער מאַסע און הויפּטזעכלעך אין באַטראַכטן, ווי אזוי מען קען אויסבעסערן די עקזיסטירנדיקע געזעצן. אזוי איז אויסגעפּועלט געוואָרן, אז דער טערמין פאר די ווענדונגען וועגן קריגס־אנטשעדיקונגען פאר די בארויבטע זאָל פארלענגערט ווערן, נאָך דעם 31־טן דעצעמבער 1945.

פאר די באַדערפענישן פון דער רעקאָנסטרוקציע איז אויך אויסגעבויט געוואָרן א ליי־קאסע.

א גאָר וויכטיקע באַדייטונג האָט אָנגענומען די אָפּטיילונג פון אויפזוכן און פארבינדן משפחות און באַקאַנטע. פון אַלע עקן וועלט קומען אָן ווענדונגען: פון פּוילן, פון דייטשלאַנד, פון אמעריקע און אפילו פון ווייטן כינע. מ׳דאַרף צוגעבן, אז דער גרעסטער טייל זוכונגען האָבן געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאטן. דער פארבאנד איז געוואָרן אן אינטערנאציאָנאַלער אדרעס, ווו מ׳קומט זוכן פריינט, באַקאַנטע, לאַנדסלייט און משפחה. נישט פאַראַן קיין טאָג, אז מ׳זאָל נישט אין דער ביוראָ זען א נייעם אימיגראַנט, א דעפּאָרטירטן, א סאָלדאַט פון דער יידישער בריגאַדע און ענלעכע, קומען זיך פרעגן אויף אדרעסן.

דער פארבאנד האָט אויך אָנטיילגענומען אין מערץ 1945 מיט א גרעסערער צאָל דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס פון „קאַדי“ (קאָמיטעט צו פארטיידיקן די אימיגרירטע), וועלכער האָט געשפּילט א גרוי־

סע ראָל פאר דער לייזונג פון אויסלענדער־פראָבלעם אין פראנקרייך.

אויך אויף דעם געביט פון קולטור־טעטיקייט, וועלכער איז אין א געוויסער מאָס געווען ווייט פון סאָסיעטע־לעבן, זענען פאראן געוויסע דערגרייכונגען. אין דער ערשטער ריי האָבן מיר געהאָלפן אונזער ווילנער לאַנדסמאַנשאפט ארויסגעבן דעם ערשטן גרעסערן יידישן בוך אין פראנקרייך — „ווילנער געטאָ" פון א. סוצקעווער.

כדי צו פאַרינטערעסירן די יידישע סאָסיעטעס מיטן יידישן קונסט־טעאטער „ייקוט" האָבן מיר איינגעאָרדנט א ספעציעלע טעאטער־פאָרשטעלונג פון „פישקע דער קרומער" פאר די מיטגלידער פון די געזעלשאפטן.

אין צוזאמענהאנג מיטן באזוך פון דער ענגליש־אמעריקאנער קאָמיסיע אין פאריז, איז דער פאַרבאנד געוואָרן איינגעלאדן צו פרעציזירן זיין שטעלונג אין דער פראגע פון די יידישע פליטים און וועגן ארץ ישראל. זיין דעקלאראציע האָט זיך הויפטזעכלעך אָפּגעשטעלט אויף דער לאגע פון די יידן אינטערנירטע אין דייטשלאנד, פאָדערנדיק פאר זיי די תיכפדיקע באפרייונג און די פרייהייט פון באַוועגונג און עמיגראציע. דער פאַרבאנד האלט, אז אין דער ערשטער ריי איז נויטיק צו באפרייען די 100.000 יידן*) פון די לאגערן און זיי געבן די מעגלעכקייט פריי צו דעצידירן וועגן זייער עמיגראציע אין אלע לענדער.

א גאָר באזונדער קאפיטל פארנעמט די פראגע פון דער איינקייט. עס האנדלט זיך צו שאפן איין גרויסע, איינהייטלעכע און דעמאָקראטישע צענטראלע פון די יידישע אָרגאניזאציעס, וועלכע קאָן אפילו הייסן פעדעראציע פון יידישע געזעלשאפטן, אָבער דארף הויפטזעכלעך זיין דער אויסדרוק פון דעם כוחות־צוזאמענשטעל פון פראנצויזישן ישוב.

לאָמיר אינקורצן איבערחזרן די פאַרהאנדלונגען:

ווען די „אוניאָן" האָט מיט א יאָר צוריק זיך געוואָנדן צו דער „פעדעראציע" וועגן פאריייניקונג האָט נאָך די „פעדעראציע" נישט געהאלטן פאר נויטיק צו באטראכטן דעם „פארבאנד פון די יידישע געזעלשאפטן" אלס צד. ביסלעכווייז האָט זיך דער פארבאנד פארשטארקט. מ'האָט אים מער נישט געקאָנט איגנאָרירן. מ'האָט געמוזט זיך רעכענען מיט די 36 געזעלשאפטן און איינלאדן זיי צו די אונטערהאנדלונגען.

די פעדעראציע שלאָגט פאָר צו שאפן די איינהייט מיט פארבאַנד אָן דער „אוניאָן", ד. ה. זי איז מסכים צו פאריייניקן דורך... שפאלטן.

אין צוזאמענהאנג מיטן קאָנגרעס פון דער „פעדעראציע" (אפריל 1946) ווילן מיר זאָגן עפנטלעך, אז עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן פאריייניקונג, אויב זי וועט נישט פאָרקומען אויף דעמאָקראטישע יסודות, ד. ה. אויב עס וועט נישט צונויפגערופן ווערן א פאריייניקונג־קאָנגרעס, וועלכער זאָל אויסגעוויילט ווערן דעמאָקראטיש אויף דער באזע, און דעמאָקראטיש באשליסן וועגן דער אָנפירונג פון דער איינהייטלעכער פעדעראציע.

נאָר אין די דאָזיקע באדינגונגען זענען מיר גרייט פאָרצוזעצן די אונטערהאנדלונגען מיט דער „פעדעראציע". און כדי צוצוגרייטן דעם דאָזיקן פאריייניקונגס־קאָנגרעס זענען מיר גרייט אויסצוטיילן פראָוויזאָריש 5 פאָרשטייער אין צענטראל־קאָמיטעט און 2 אין ביוראָ פון דער „פעדעראציע". (עס איז פארשטענדלעך, אז די „אוניאָן" דאַרף באקומען איר באזונדערע רעפרעזענטאנץ).

די קאָנסאָלידאַציע פונעם ישוב

דער דאָזיקער קורצער אויסצוג באווייזט די ריזיקע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעלט פאר די אויפוואַכנדיקע געזעלשאַפטן און די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט ביי זייער רעאַליזירונג.

אָבער די אחריות פון די מוער פון פאַרבאַנד און זייער אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט האָבן באַזיגט א סך שטערונגען און מניעות אין דער רעאַליזירונג פון די סאָציאַלע אויפגאַבן.

שטופנווייז מיט דער קאָנסאָלידאַציע פון ישוב נאָך דער מלחמה, מיט דער פאַרפעסטיקונג פון זיינע אָרגאַניזאַציעס און הויפּטזעכלעך אונטער דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד, ווערן געבוירן נייע איניציאַטיוון, וואָס ברענגען פּאָזיטיווע און פרוכטבאַרע תוצאָות.

אויפן יסוד פון די באַשלוסן פונעם ערשטן קאָנגרעס, אימפּולסירט דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פאַריז אין דער ריכטונג פון א ברייט־פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן — סאָציאַלע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע — און אין דער ריכטונג פון איינהייט. עס

א גרופּע דעלעגאַטן אויפן צווייטן קאָנגרעס פון פאַרבאַנד (מערץ 1947) אין דער מערי פון 9־טן אַראָנדיסמאַן.

---

*) אין מערץ 1946 זענען נאָך אין די לאגערן נישט געווען מער ווי אזויפיל יידן.

וועלן ווידער אויפגעשטעלט די אַלטע געזעלשאַפטן און עס גרינדן זיך נייע. מ'הערט שוין זאָגן אין דער יידישער סביבה רעדן מיט אַ ביטול וועגן די „סאָסיעטעס“, ווייל זייער פּראָגראַם איז שוין ווייט ניט ענלעך צו דעם פאַרמלחמהדיקן.

דאָס, אָבער, וואָס עס וואַרפט זיך אַמערסטן אין די אויגן, איז די ליקווידאַציע פונעם פילאַנטראָפּישן אופן פון טיילן שטיצע, און דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון די אינסטיטוציעס. די פאָלקסטימלעכקייט און די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן דרינגען אַריין אין דער גרעסטער צאָל געזעלשאַפטן פון קעגנזייטיקער הילף. די ווינטשן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר די דאָזיקע פּרינציפּן מיט יאָרן צוריק, האָבן געזיגט.

דער צווייטער קאָנגרעס פון פאַרבאַנד. פון רעכטס אויף לינקס: מאַרטשאַק, מאָשקאָוויטש, ל. גאָרדאָן, ניסענהאָלץ, סטאַווקאָווסקי, אַלפרעד גראַנט, אַלבוים, דזשאַלאָשינסקי, פישמאַן און יונגפער. עס רעדט א. פרידמאַן

בנוגע דער פראַגע פון איינִיקייט, זענען די אונטערהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַציע דורכגעגאַנגען פאַרשידענע פאַזעס. איינמאָל איז די פעדעראַציע איינגעגאַנגען אויף אַן אינטעגראַלער איינהייט ד. ה. פולשטענדיקע צונויפגיסונג מיטן פאַרבאַנד און „אוניאָן“. אָבער ווען די לעצטע זענען געווען דערויף מסכים, איז געקומען פון דער פעדעראַציע אַ פאָרשלאָג צו פאַראייניקן בלויז די סאָציאַלע אָפּטיילונגען.

נעמענדיק אין אַכט, וואָס ביז דעמאָלט זענען די אונטערהאַנדלונגען געפירט געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן, האָט די דעלעגאַציע פון דער ראַדאָמער סאָסיעטע פאָרגעשלאָגן אויפן 2-טן קאָנגרעס פון פאַרבאַנד (15-טער-16-טער מערץ 1947), אַז אין נאָמען פון פאַרבאַנד זאָלן פירן די אונטערהאַנדלונגען נאָר פאָרשטייער פון סאָסיעטעס. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און אין לויף פון עטלעכע וואָכן זענען פאָרגעקומען זיצונגען און באַראַטונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דער גרינדונג פון אַ פאַרשטענדיקונג־קאָמיטעט. ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאָלגנדיקער געמיינזאַמער קאָמוניקאַט:

די פאָרשטייער פון „אוניאָן“, פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, און פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, פאַרזאַמלט דעם 13־טן יולי 1947, האַלטן, אַז עס איז געקומען די העכסטע צייט דורכצופירן די איינִיקייט פון טאַט פון די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך.

זיי באַשליסן באַלד אָנהייבן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט פון די וויכטיקסטע צווייגן פון סאָציאַלער הילף פאַרן וווּל פון אונזער גאַנצן ישוב:

1) גלייך צוטרעטן צו שאַפן אַ צענטראַלע קאָמיסיע פאַר קינדער־הילף און דערציונג.

2) צוגרייטן אַ געמיינזאַמע אַקציע פאַר קינדער־קאָלאָניעס צום קומענדיקן יאָר.

3) נעמענדיק אין אַכט די ספּעציפישע לאַגער פון אונזער צייט, ווען אַזוי פיל זקנים, ביי וועמען מען האָט אַוועקגערויבט זייערע שפּייזער, מוזן אָנקומען צו דער הילף פון דער געזעלשאַפט, שלאָגן די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס פאָר צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע צו פאַרזאָרגן די זקנים.

4) לגבי די דרינגנדיקע סאָציאַלע און קולטורעלע פּראָבלעמען פון דער נייער אימיגראַציע און כדי צו באַזאָרגן די פּליטים, וואָס וואַנדערן נאָך צוויי יאָר נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה און קענען זיך נישט איינוואָרצלען, און וועמען עס מוז געגעבן ווערן די וואַרעמסטע הילף — באַשליסן די 3 אָרגאַניזאַציעס צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע פאַר איינאָרדענען די פּליטים און פאַרלייכטערן זייער שווערן גורל.

5) כדי צו פאַרשנעלערן דעם ווידעראויפבוי פון ישוב, שטעלן פעסט די דריי אָרגאַניזאַציעס די נייטיקייט פון שאַפן אַ פאָלקס־באַנק פאַר רעקאָנסטרוקציע און פּראָדוקטיוויזאַציע.

די דריי אָרגאַניזאַציעס טרעטן צו צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער איינִיקייט פון טאַט מיט דער איבערצייגונג, אַז זי וועט שנעל פירן צו זייער פולשטענדיקער פאַראייניקונג.

אין קעגנוואַרט פון די באַנייטע פאַשיסטישע פאַרשווערונגען קעגן דער רעפּובליק, וואָס פאַרשטאַרקן די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם, באַשליסן די דריי אָרגאַניזאַציעס זיך צו ווענדן צום אַלגעמיינעם יידישן פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, ער זאָל אָננעמען די איניציאַטיוו פאַר צונויפזאַמלען די דעמאָקראַטישע קרעפטן פון לאַנד אין אַ ברייטן און טעטיקן קאָמיטעט צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

פאַר דער „אוניאָן“: א. ראַיסקי, י. מאַניקאָווסקי, אַדאַמיטש.
פאַר דער פעדעראַציע: דרורי, וויקטאָר, לעווין, רייכמאַן.
פאַרן פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן: אייזערשטיין, פרידמאַן, גאָלדפאַרב, בראַנעס, שלאָמאָוויטש.

אינצווישן האָבן די אָרגאַניזאַציעס אָרגאַניזירט אַ קאַמפּאַניע צו זאַמלען קליידונג פאַר די קינדער אין דייטשלאַנד. דער



אויפנאַמע פאַר דער דעלעגאַציע פון דער „וועלט־פעדעראַציע פון פוילישע יידן“.

עס זיצן פון לינקס אויף רעכטס: אַרנאָלד, מאַדאַם און ד״ר טענענבוים, אַנקעלעוויטש, גרינבערג. עס באַגריסט אַלפרעד גראַנט.

אייניקייט־גייסט איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די געזעלשאַפטן.

אַ באַזונדערע קאָמיסיע האָט אויך געזאָלט צוגרייטן אַ געמיינזאַמע אַקציע לטובת דעם יידישן יתום, נאָר אַלע אונטערהאַנדלונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך דער „פעדעראַציע“. דער פאַרשטענדיקונג־קאָמיטעט האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס נייע געפאַרן האָבן אָנגעהויבן צו באַדראָען די יידן אין פראַנקרייך און וואָס די פּערספּעקטיוו פון אַ יידישער מדינה אין ארץ ישראל האָט געפאָדערט אַן איינהייטלעכע אָפענסיווע פון יידישן פאָלק.

נייע געפאַרן פון אַנטיסעמיטיזם און קסענאָפאָביע

נאָך די וואַלן אין אָקטאָבער 1947 דערשיינען אין דער פּאָזיטיוויסטישער צייטונג „ל’עפּאָק“ אַ סעריע אַרטיקלען קעגן די נאַטוראַליזאַציעס פון אויסלענדישע — מייסטנס יידישע — דאָקטוירים. זייט דער באַפרייאונג זענען טויזנטער אויסלענדישע יידן: געוועזענע קריגסגעפאַנגענע, פּאַרטיזאַנער־קעמפער, ווידערשטענדלער א. א. וו. געוואָרן פראַנצויזישע בירגער. עס האָט זיך באַמערקט אַ געוויסע אָנשטרענגונג מצד געוויסע דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן צו דערנענטערן די אויסלענדער צו דער פראַנצויזישער נאַציע און אָפּצושאַפן די פאַראָרדנונגען, וועלכע האָבן שטענדיק געדראָט די אויסלענדער.

אַזוי צ. ב. האָבן אויסלענדער מער זיך ניט געדאַרפט מעלדן אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן ביים טוישן די וווינונג. זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּאָליציי־דרוק ביים אָנטייל נעמען אין סינדיקאַלן, אָדער פּאָליטישן לעבן; די אַדמיניסטראַטיווע פאָרמאַליטעטן ביים באַקומען די קאַרט־ד’אידענטיטעט זענען רעדוצירט געוואָרן. עס איז אַפילו איינגעפירט געוואָרן אַ קאַרטע פון אַ פּריווילעגירטן אויסלענדער פאַר די, וואָס זענען שוין 10 יאָר אין לאַנד. אַרבעט־רעכט האָט מען באַקומען לייכט און שנעל; „אומלעגאַלע אימיגראַנטן“ זענען תיכף לעגאַליזירט געוואָרן, אָן ספּעציעלע שוועריקייטן; די נאַטוראַליזאַציעס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צו 2000 אַ וואָך א. א. וו.

אָבער די לאַגע האָט זיך געענדערט סוף 1947. זייט דעם נעמט זיך פילן אַ נייער קורס לגבי די אויסלענדער.

אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז ווידער עפנטלעך דערשינען. דאָ און דאָרטן הייבט מען אָן צו געפינען אין ערנסטע צייטונגען געוויסע אַנטי־יידישע אָנדייטונגען. די פאַשיסטישע פּרעסע דערלויבט זיך ווידער צו אַטאַקירן די יידן. אַ ביישפּיל ווערט, אגב, געגעבן פון אויבן, ווען דער פאַשיסט קסאַוויע וואַלאַ, קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים אין ווישי, פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער דעפּאָרטאַציע פון 120 טויזנט יידן פון פראַנקרייך, באַקומט ניט מער ווי 10 יאָר תפיסה.

דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן דער באַנייונג פון אַ קסענאָפאָבישער אַקטיוויטעט, וואָס האָט אַפילו באַקומען אַן עכאָ אין געוויסע אָפיציעלע דעקלאַראַציעס אין דער עפנטלעכקייט.

די ניי־געשאַפענע אַטמאָספער רופט אַרויס ווידעראַמאָל אַן אומרו ביי די יידן אין פראַנקרייך. די געזעלשאַפטן טראָגן איבער דעם פּראָבלעם צום פאַרבאַנד. עס איז קלאָר, אַז דער אָנגריף אויף יידן און אויסלענדער איז ניט קיין איזאָלירטע דערשיינונג און אַז די אמתע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זענען אויף אונזער זייט.

און אָט איז אונטערגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט דאָס ווידעראַמאָל באַשטעטיקט.

פון זבאָנזשין ביז פּאָרט דע בוק

די דראַמע פון די 4.500 פליטים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די שטעכל־דראָטן און געשוואומען קיין ארץ־ישראל אין מאָנאַט מאי 1947, האָט מיטאַמאָל אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. קוים 2 יאָר נאָך אוישוויץ האָט די ענגלישע מאַכט אויפגעבויט אַ „שווימענדיקן אוישוויץ“. מיר האָבן ניט געקאָנט בלייבן רואיק, מיר האָבן ניט געקאָנט צוגעווינען ווידעראַמאָל די וועלט צום טעראָר, צו דער ברוטאַליטעט, צו קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צו ווילקיר, זאָל עס דאָס מאָל זיין פון אַן אַנדער רעגירונג, ווי די דייטשע. מיר האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז די האָפענונגען פון די געראַטעוועטע פון דער היטלעריסטישער שחיטה צו בויען זייער מלוכה, זאָלן דערדריקט ווערן דורך דעם ענגלישן מאַנדאַטאָר פון ארץ־ישראל.

ווי נאָר עס קומט אָן די ידיעה, אַז די ענגלישע לייבאָר־רעגירונג האָט באַשלאָסן איבערצופירן די פליטים פון דער שיף „עקזאָדוס“ קיין פראַנקרייך, שיקט דער פאַרבאַנד אַ דעלעגאַציע קיין מאַרסעיל און שפּעטער קיין פּאָרט דע בוק.

די אַקטיוויטעט פון פאַרבאַנד און פון „אוניאָן“ אין דעם דאָזיקן פּעריאָד (זומער 1947) איז דערציילט אין אַ ספּעציעלער בראָשור, דערשינען אין פראַנצויזיש אונטערן נאָמען „עקזאָדוס“.

עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז אויב אין דער דראַמע פון זבאָנזשין האָבן זיך נאָר אָפּגערופן יידישע אָרגאַניזאַציעס, איז די טראַגעדיע פון „עקזאָדוס“ ווייט אַריבערגעוואַקסן די גרענעצן פון ישוב.

אויך פאַר דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטישער וועלט איז דער געדאַנק פון נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן געוואָרן אומדערלאָזבאַר. ניט בלויז, וואָס די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער וועלט פון

וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור, פּאָליטיק זענען אַרויסגעטרעטן שאַרף קעגן דער ענגלישער האַלטונג, נאָר אַ גרופּע אינטעלעקטועלע האָט אפילו אויפגעקלעבט אויף די פּאַריזער גאַסן ריזיקע אַפישן, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט.

די יידישע געפּייניקטע פּליטים זענען געוואָרן אַ סימבאָל פון קאַמף קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס, קעגן צוריקער צו היטלעריסטישע מעטאָדן, פאַר פרייהייט, פאַר מענטשלעכע רעכט, פאַרן רעכט פון מענטשן צו באַשטימען זייער אייגענעם גורל.

אין דער הינזיכט האָט די פאַרצווייגטע און אָנגעשטרענגטע אַקטיוויטעט פון „אוניאָן" און פאַרבאַנד געבראַכט קאָלאָסאַלע נוצן דעם אַלגעמיינעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער פרייהייט. מען קאָן נאָך איצט נישט אָפּשאַצן די פּערספּעקטיוון, אָבער די נאָענטסטע צוקונפט וועט, אָן שום ספק, אַנטפּלעקן דעם צוזאַמענהאַנג און די אידענטישקייט פון די אַספּיראַציעס און אינטערעסן פון די יידן און פון די אַנדערע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער.

פּאַראַלעל מיט דער קאַמפּאַניע פאַר די פּליטים פון „עקזאָדוס" האָט זיך דער פאַרבאַנד אָנגאַזשירט אין דער אַקציע פאַר ראַטעווען די שארית הפליטה, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד.

ליקווידירן די לאַגערן אין דייטשלאַנד

די דראַמע פון „עקזאָדוס" האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט די גרויסע טראַגעדיע פון צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות פון היטלעריזם, וואָס וועגעטירן אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד.

עס איז נאָך ניט גענוג געזאָגט געוואָרן וועגן די ליידן פון יידן אין די דייטשע לאַגערן, וועגן זייערע אַנטוישטע האָפענונגען און פאַרלאָרענע אילוזיעס, וועגן זייערע שטרעבונגען צו אַ רואיק און זיכער לעבן, זייערע אַספּיראַציעס צו קומען אין אַן אייגן לאַנד, וועגן זייערע אָנשטרענגונגען צו ענדיקן מיטן וואַנדער־לעבן.

זיי האָבן קודם־כל געהאָפט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער לייזונג פון זייער פּראָבלעם, אויף די קאָנפערענצן פון „אונרא", פון „איראַ", און זיי האָבן זיך געווונטשן צו ווערן פריי און צו קאָנען דעצידירן וועגן זייער ווייטערדיקן לעבן.

אין פראַנקרייך האָט דער פאַרבאַנד געהערט צו די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָפן און שאַרף געפאָדערט צו געבן פרייהייט אונזערע געראַטעוועטע ברידער און די מעגלעכקייט צו עמיגרירן דאָרט, ווו זיי ווינטשן. אין די קאָנפערענצן, אויף די מיטינגען, אויף די באַראַטונגען פון יידישע און פראַנצויזישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן די פאַרשטייער פון פאַרבאַנד געפאָדערט צו ראַטעווען די פּליטים פון דער שרעקלעכער מאָראַלישער סיטואַציע, אין וועלכער דאָס לאַגער־לעבן האָט זיי אַריינגעבראַכט.

דער וויצע־פּאָרזיצער פון פאַרבאַנד, קרישטאַל, האָט אָנטיילגענומען אין דער דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן אין די לאַגערן אין זומער 1946. עס האָבן אויך באַזוכט די לאַגערן די דעלעגאַטן דייטלבוים (כמיעלניק) און קירשנער (קעלץ) אין 1947. פון דאָרט איז געקומען דער רוף צו אָריענטירן זיך אויף דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע, העלפנדיק די יידן אין דייטשלאַנד צו פאַרלאָזן די לאַגערן. אויף די ווענדונגען פון פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פראַנקרייך און אין אויסלאַנד, איז אָרגאַניזירט געוואָרן די סאָציאַלע אָפּטיילונג, כדי אַריבערצוברענגען אַ גרעסערע צאָל יידן קיין פראַנקרייך און זיי דאָ איינצואָרדענען.

די נייע אימיגראַציע

דער לעגאַליזאַציע־אַמט דערציילט אין אַ באַזונדערן באַריכט וועגן די אויפטוען פון פאַרבאַנד פאַר דער איינאָרדענונג פון די נייע אימיגראַנטן אין פראַנקרייך און פאַר זייער פאַרטיידיקונג, ספּעציעל וועגן פּראָצעס פון 17־טן יאַנואַר 1948.

דאָ האָט זיך ניט בלויז געהאַנדלט וועגן דער פאַרטיידיקונג פון די נייע אימיגראַנטן, נאָר הויפּטזעכלעך וועגן אַ קאַמף קעגן אָנגריף אויף אַלע אימיגראַנטן בכלל, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון גאַנצן ישוב. דאָס האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען די פראַנצויזישע יידן, און זיי האָבן אָנערקענט די וויכטיקע אַרבעט פון פאַרבאַנד אויפן דאָזיקן געביט.

עס איז נייטיק צוצוגעבן, אַז אין אויגוסט 1946 האָט דער פאַרבאַנד געהערט צו די 19 יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשאַפן אַ רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט פאַר אונטערהאַנדלונגען מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג וועגן אַריינלאָזן עטלעכע טויזנט אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד און פּוילן. אָט דער קאָמיטעט, וואָס הייסט „אינטער־אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַט פון הילף פאַר טראַנזיטערן און אימיגראַנטן"*), האָט באַקומען די דערלויבעניש אַריינצופירן אין לאַנד 8000 יידן, אַלס דורכרייזנדיקע (טראַנזיטערן), ווען עס איז אָבער איבערגעגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען אין לאַנד, אויב זיי האָבן דאָס געוואונטשן.

דער „דזשאָינט" האָט זיך אונטערגענומען צו פינאַנסירן דאָס איבערפירן פון די אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך און זיי אויסצוהאַלטן אין דער ערשטער צייט.

ליידער, האָבן פאַרשידענע האַנדלונגען פון „דזשאָינט" באַוויזן, אַז ניט שטענדיק האָבן זיינע אַמטן אין דייטשלאַנד געהאַט דעם געהעריקן ווילן איבערצופירן די אימיגראַנטן קיין פראַנקרייך, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן פאַרמאַגט

---

*) Comité Inter-œuvre d'Aide aux Transitaires et Immigrés Juifs.

די וויזעס פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. אין דעצעמבער 1947 איז געמאָלדן געוואָרן מיצד דעם „דזשאָינט", אַז די אימיגראַציע פון דייטשלאַנד ווערט אָפּגעשטעלט.

אין יאַנואַר 1948 איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג אין דער האַלטונג פון „דזשאָינט". ער איז מסכים געווען אויסצופירן זיין אָפּמאַך מיטן „אינטער־אָרגאַניזאַציאָנעלן ראַט" אונטערן באַדינג, אַז די אימיגראַנטן זאָלן ניט פאָדערן פון „דזשאָינט" קיין אונטערשטיצונג.

די דאָזיקע אונטערשטיצונג ווערט איצט געגעבן פון די פאַרשידענסטע לאַנדסמאַנשאַפטן און סאָסייעטיס און שטייגט אַריבער אין דער לעצטער צייט עטלעכע מיליאָן פראַנק. אין דער הינזיכט האָט דער פאַרבאַנד באַוויזן צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד, וואָס געוויסע „אַלטע" תושבים האָבן אַרויסגעוויזן ביים געבן הילף די „נייע".

עס איז אויך געפירט געוואָרן אַן אויפקלערונג־אַרבעט וועגן איינשרייבן תיכף אַלע נייע לאַנדסלייט אין די געזעלשאַפטן, וועגן העלפן זיי מיט אַלע מיטלען, וועגן געבן זיי אַרבעט־קאָנטאַקטן און אַרבעט אַפילו העמאַלט. ווען דאָ און דאָרטן איז די האַלטונג פון אַ „גרינעם" ניט פון די בעסטע.

דעלעגאַציע קיין אַמעריקע

אָבער די הילף פאַר די פּליטים, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט־גענוגנדיק. דער פראַנצויזישער ישוב האָט גרויסע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען די טויזנטער אָנקומענדיקע. די אויפנאַמע־פעיִקייטן זענען נאָך דער היטלעריסטישער קאַטאַסטראָפע באַגרענעצטע. די תושבים מוזן אַליין מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס. אמת, די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך באַמיט, אַז די הילף־טעטיקייט זאָל באַקומען אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער, אַז די פאַרטיילטע שטיצע — איבער 2 מיליאָן אַ חודש — זאָל דינען פאַר שאַפן אַ געזונטע באַזע, אַן עקאָנאָמישע צוקונפט פאַרן געשטיצטן.

וואָלט דען נישט געווען ראַציאָנעלער צו געבן אַ גרעסערע סומע אויף איינצואָרדענען אַ נייעם אימיגראַנט, ווי צו שטיצן אים חדשים לאַנג אָן יעדע פּערספּעקטיוו?

אַזעלכע הילף־סעקטאָרן זענען ניט געווען ביכולת צו ברענגען אַ לייזונג אין דער פראַגע, אָדער כאָטש צו לינדערן אין אַ געוויסער מאָס די שוועריקייטן.

די מיינונג פון פאַרבאַנד איז געווען, אַז דער „קאָזשאַסאָר" — ספּעציעלער אָרגאַניזם צו פאַרטיילן די פאָנדן פון „דזשאָינט" אין פראַנקרייך — איז ניט גענוג רעפּרעזענטאַטיוו און אַז זיין טעטיקייט איז נאָך באַהערשט מיט די מעטאָדן פון אַמאָליקן הילף־קאָמיטעט פאַר די ערשטע דייטשע פּליטים.

אַזאַ אָרגאַניזם האָט געדאַרפט אָנגעפירט ווערן קודם כל פון די פאַראינטערעסירטע גופא און פון פאָרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פאַרבאַנד, וואָס זאָרגט טאָג־טעגלעך פאַר די פּליטים, ווייל זיי געפינען זיך אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די נויט־באַדערפטיקע און ווייסן זייערע באַדערפענישן.

אויסער דעם האָט די דערפאַרונג באַוויזן, אַז אָן דעם אָנטייל פון פאָלק, ד. ה. בלויז דורך אַן אַדמיניסטראַציע מיט אַ בודזשעט, קאָנען קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען ניט געלייזט ווערן. האָט מען שוין פאַרגעסן די דערפאַרונג פון דער קיך פון די סאַנטאַנזש?

די פאָדערונג פון פאַרבאַנד איז דעריבער געווען, אַז די אָנפירונג פון „קאָזשאַסאָר" זאָל אויסגעברייטערט ווערן דורך די פאָרשטייער פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע ביי דער ס. זש. ט., פון די האַנטווערקער, פון די געוועזענע פראָנט־קעמפער און פון פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „העפּיד" (זע באַזונדערן באַריכט) כדי צו העלפן אין דער איבערקלאַסירונג פון געוויסע גרופּן פון דער נייער אימיגראַציע. נאָר עס איז קלאָר געווען, אַז די דאָזיקע אַקטיוויטעט איז צופיל באַגרענעצט, צו קליין לגבי דעם גרויסן פּראָבלעם.

אויפנאַמע
פאַר דער דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק.
עס רעדט קלמן פרידמאַן. רעכטס פון אים — ריבאַזשאַד. לינקס — אַלפרעד גראַנט, דעלעגאַטן פון פאַרבאַנד.

פון דער אַנדערער זייט האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן פעסטגעשטעלט, אַז די אונטערשטיצונג, וואָס קומט פון אויסלאַנד דירעקט צו זיי, איז ניט קיין פּראָפּאָרציאָנעלע צו די באַדערפענישן.

די סיטואַציע האָט געפירט צום געדאַנק צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ניו־יאָרק מיטן ציל זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די דאָרטיקע לאַנדסמאַנשאַפטן און זיי אויפקלערן די ריכטיקע

לאַגע. דעריבער האָבן דער וויצע-פאָרזיצער פון פאַרבאַנד, א. ריבאָזשאַד (פּראַגע-וואַרשע) און דער אויטאָר פון די שורות, פאַרלאָזט פּאַריז אָנהייב אַפּריל 1947 און געפאָרן אויף 2 חדשים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרטן זענען באַזוכט געוואָרן 40 לאַנדסמאַנשאַפטן און רעליף-קאָמיטעטן, וווּ עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער גאַנצער שאַרף דער חוב פון אַמעריקאַנער ייִדנטום לגבי די געליטענע אייראָפּעישע ישובים.

די דעלעגאַציע האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער געאָגראַפישער לאַגע פון פראַנקרייך, וואָס דערמעגלעכט אַ גרעסערע אימיגראַציע און אויף דער וויכטיקייט פון עפענען די טויערן פון אַמעריקע פאַר די יונגע, וועלכע ווינטשן צו פאַרלאָזן די לאַגערן און בויען אַ נייע היים אין נייע באַדינגונגען.

אין אַלגעמיין איז די דעלעגאַציע גוט אויפגענומען געוואָרן און די רעזולטאַטן נעמען זיך שוין פילן אין די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן. אָבער דער וויכטיקסטער פּראָבלעם — פרייערע מעגלעכקייטן פון אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן — איז ניט געלייזט געוואָרן.

מאָנומענטן פאַר די קדושים

צו די איניציאַטיוון פון פאַרבאַנד געהערט אויך דער געדאַנק פון פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די דעפּאָרטירטע ייִדן פון פראַנקרייך.

אין יאַנואַר 1946 וואַרפט דער פאַרבאַנד די אידייע פון שטעלן אַ מאָנומענט פאַר אַלע דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע ייִדן פון פראַנקרייך. אונזער פּלאַן איז געווען אויפצובויען אַזאַ קאָלעקטיווע מצבה, וווּ עס זאָלן זיך געפינען פאַרצייכנט אַלע 120 טויזנט נעמען פון די אומגעקומענע און וווּ די לעבן-געבליבענע זאָלן קאָנען מזכיר-נשמות זיין.

דער פאָרשלאַג איז איבערגעשיקט געוואָרן צום צענטראַלן אייניקייט-קאָמיטעט, אָבער דאָרטן איז ער דערטרונקען געוואָרן אין אַ ים פון רייד פון די פאָרשטייער פון „בונד” און „פעדעראַציע”.

די געזעלשאַפטן האָבן דאַן באַשלאָסן צו שטעלן מצבות נאָר פאַר זייערע געוועזענע מיטגלידער און אויף אַזאַ אופן זענען אין יאָר 1947 אַוועקגעשטעלט געוואָרן צענדליקער מאָנומענטן אויפן בית עולם אין באַניע. עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן טרויער-אַקאַדעמיעס פאַר די חרוב-געוואָרענע היים-שטעט און געוויסע געזעלשאַפטן האָבן אַרויסגעגעבן יזכור-בוכער וועגן זייערע געבורטס-ערטער. (לייענט די באַריכטן פון די באַזונדערע געזעלשאַפטן).

קולטור-אַרבעט

אַ שווערן וועג האָט זיך געמוזט אַדורכשניידן די קולטור-טעטיקייט און די באַדערפעניש פון קולטור-טעטיקייט. קיין טראַדיציעס האָבן אין די געזעלשאַפטן ניט עקזיסטירט. פאַרקערט, יעדער באַוווסטזיניקער מיטגליד האָט זיך אויסגעלעבט קולטורעל אויסער דער סאָסיעטע.

מ'דאַרף אויך פעסטשטעלן, אַז אין לויף פון יאָרן איז די פאַרשידנאַרטיקייט פון סאָציאַלן שטאַנד פאַרשאַרפט געוואָרן. דער ניוואָ פון די קולטורעלע באַדערפענישן פון די באַזונדערע מיטגלידער האָט זיך געפונען אויף פאַרשידענע הייכן, אָפט שטאַרק פאַרשידענע. אויסער דעם איז צוגעקומען דער פּראָבלעם פון שפּראַך צווישן דער אַלטער און יונגער גענעראַציע.

נאָך דער מלחמה איז די זאָרג פאַר דער ייִדישער קולטור, פאַרן ייִדישן בוך, פאַרן ייִדישן טעאַטער, פאַר ייִדישער קונסט דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלן חוב, צו אַ טייל פונעם קאַמף פאַרן קיום פונעם ייִדישן פאָלק.

אַמאָליקע צייטן איז אַ פּראָגראַם אויף אַ באַל געווען מער אָדער ווייניקער „צוגעטשעפּעט”. פון וויזיטירן אַן אויסשטעלונג, אַ מוזיי, פון אַרויסגעבן ביולעטינען, ביכער איז ניט געווען קיין רייד.

זייער ווייניק געזעלשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט דראַמקרייזן. איין איינציקע האָט פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק.

אויך אויפן דאָזיקן געביט איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַן ענדערונג. מערערע סאָסיעטעס אָרדנען איין ליטעראַרישע און קינסטלערישע אונטערנעמונגען, באַזונדערס די ווילנער. ביכער פון ייִדישע שרייבער ווערן אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פאַרשידענע סאָסיעטעס (בריסק, ווילנע, פולאַוו, קראַשניק, לובלין א. א. וו.) די טעאַטער-פאָרשטעלונגען פון ייִדישן קונסט-טעאַטער („ייקוט”) ווערן אָפּגעקויפט פאַר די סאָסיעטעס, די אויסשטעלונגען פון ייִדישן קינסטלער-פאַרבאַנד ווערן רעגולער באַזוכט דורך דעלעגאַציעס פון פאַרבאַנד און פון סאָסיעטעס א. א. וו.

פאַר יעדער קולטור-אינסטיטוציע זענען די סאָסיעטע-מיטגלידער גוטע אָפּנעמער, און הגם די רעזולטאַטן זענען נאָך ווייט ניט צופרידנשטעלנדיק, באַמערקט זיך אָבער אַ בעסערע באַציִונג צו אַלע קולטור-אונטערנעמונגען.

איז דען ניט כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ווילנער האָבן איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט לטובת דער „הגנה”, פייערנדיק דעם 100־טן יאָרטאָג פון מענדלסאָן-באַרטאָלדי? איז דען ניט אָריגינעל און אַ סימן פון דער טייער צייט, אַז די כעלעמער לאַנדסלייט האָבן אָרגאַניזירט אין דער סאָרבאָנע אַ רעפעראַט וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין פּאַריז.

אויב די סאָסיעטעס האָבן ניט בייגעוווינט די געבורט פון „איקוף”, וועלן זיי אָנטיילנעמען אין דער אייראָפּעישער קולטור-קאָנפערענץ פון 1948. דער פאַרלאַג „אויפסניי” און דער חודש-זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען ציילן אַ געוויסע צאָל אַבאָנענטן צווישן די סאָסיעטע-מיטגלידער.

מען קען, אַלזאָ, זאָגן, אַז דער באָדן איז צעאַקערט און וועט ברענגען אין די קומענדיקע יאָרן אַ גוטע גערעטעניש.

צום שוץ פון ארץ ישראל

די פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע נאַציעס אין לייק-סוקסעס אין מאַי 1947, האָט געעפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַרן יידישן ישוב אין ארץ ישראל און פאַרן יידישן פאָלק אין דער וועלט. עס האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט די מעגלעכקייט פון אַ יידישער מלוכה.

מיט פאַרכאַפּ האָבן יידן אויפגענומען די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. אמת, אַ טייל מלוכות האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער די האָפענונגען אויף דער אונטערשטיצונג מצד די פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע מלוכות זענען געווען באַגרינדעטע און האָבן געשטאַרקט דעם אָפּטימיזם, די זיכערקייט, אַז די פאַראייניקטע נאַציעס וועלן באַשליסן צו געבן די יידן אַן אייגענע מדינה.

עפּעס האָט זיך געענדערט, האָבן אַלע געפילט. טראַכטנדיק וועגן די פאַרשידענע ענגלישע אונטערזוכונג-קאָמיסיעס, וועגן דער אַנגלאָ-אַמעריקאַנער קאָמיסיע פון 1946 און זיי פאַרגלייכנדיק מיט דער ערשטער קאָמיסיע פון דער „אָנו“, וואָס האָט געבראַכט אַ פּאָזיטיווע לייזונג.

באַנקעט לכבוד דער אויפירונג פון „נקמה-נעמער“ אין יידישן קונסט-טעאַטער אין פּאַריז

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: דער מחבר ד"ר ח. סלאָוועס, י. קאַרמאַן, אַלפרעד גראַנט, פרוי פּאָזנאַנסקי, פּאָרזיצער פון פאַרבאַנד פּאָזנאַנסקי, דיאַנע בלומענפעלד און דער רעזשיסאָר יאָנאַס טורקאָוו.

די טויער פון די סאָסיעטעס און פון פאַרבאַנד האָבן אָפּגעשאַצט די פאַרשידנאַרטיקע שטעלונגען פון די מיטגלידער פון דער „אָנו“ און געמאַכט אַ דיפערענציאַציע צווישן די פריינט פון יידישן פאָלק און זיינע אָפענע, אָדער באַהאַלטענע קעגנער.

שוין אין מאַי 1947 באַמערקט זיך אַ וועזנטלעכער אונטערשיד אין די דעקלאַראַציעס פון די פּוילישע און סאָוועטישע דעלעגאַטן פון איין זייט און פון די אַנגלאָ-אַמעריקאַנישע פון דער צווייטער. דאָך ברענגט די געאייניקטע קאָמיסיע אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג צו לייזן די פראַגע אין די אינטערעסן פון דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג.

דער פאַרבאַנד האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע:

די ביוראָ פון פאַרבאַנד איז גליקלעך פעסטצושטעלן, אַז אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל האַלט ביים געבוירן ווערן. זי דריקט אויס די געפילן פון דאַנקבאַרקייט פון אירע 50 אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן צום ראַטנפאַרבאַנד פאַר דער אינטערווענץ פון זיין דעלעגאַט אין דער „אָנו“, צאַראַפּקין, וועלכער האָט אין וואַרעמע ווערטער אונטערגעשטיצט די באַרעכטיקטע אַספּיראַציעס פון יידישן פאָלק צו גרינדן אַן אומאָפּהענגיקע און דעמאָקראַטישע מלוכה אין ארץ ישראל.

די דאָזיקע אינטערווענץ איז דעצידירנדיק פאַר דער אָפּשטימונג פון דער איצטיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע נאַציעס, און, נעמענדיק אין אַכט די צוזאָגן, וואָס אַמעריקע האָט געגעבן דורך איר פאָרשטייער דזשאָנסאָן, דערשיינט אויפן האָריזאָנט די היסטאָרישע געשעעניש: אַ יידישע אומאָפּהענגיקע מלוכה אין ארץ ישראל.

מיר ווייסן אָבער, אַז די שלאַכט הויבט זיך ערשט אָן.

די פּראַכטפולע פאַרשטענדעניש און סאָלידאַריטעט פון פראַנצויזישן פאָלק בעת דער דראַמע פון „עקזאָדוס“, די ווירדיקע האַלטונג פון די בולגאַרישע און רומענישע רעגירונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוריק אַריינצולאָזן אין זייערע פּאָרטן 2 שיפן מיט אומלעגאַלע עמיגראַנטן קיין ארץ ישראל, די מערמאָליקע סימפּאַטישע דעקלאַראַציעס פון די פאָרשטייער פון נייעם פּוילן אויף די פאַרזאַמלונגען פון „אָנו“, גיבן אונז די זיכערקייט, אַז אין דער צוקונפט וועלן די דעמאָקראַטישע פעלקער געבן זייער פולשטענדיקע אונטערשטיצונג דעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין קיום.

די ביוראָ פון פאַרבאַנד האָט צוטרוי אין דעם ראַטנפאַרבאַנד, אַז ער וועט בייהילפיק זיין אין קאַמף פאַר גרינדן אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל, אין דער שכנות פון דער אַראַבישער, אָבער מיט אַן עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט פון ביידע מלוכות, וואָס וועט פאַרלייכטערן די שפּעטערדיקע פאַרשטענדעניש פון אַלע איינוווינער פון לאַנד.

די ביוראָ פאָדערט ביי דער געלעגנהייט צו ליקווידירן די לאַגערן פון יידן אין דייטשלאַנד, וואָס איז די חרפה פון די היינטיקע צייטן, און האָפט אויף דער אונטערשטיצונג פון אַלע לענדער, מיטגלידער פון דער „אָנו“, אַז זיי וועלן עפענען די טויערן פון די לאַגערן און געבן אַ מעגלעכקייט פון אימיגראַציע קיין ארץ ישראל פאַר די יעניקע, וועלכע ווילן דאָרט בויען אַ נייע היים און אַ ניי פאָטערלאַנד.

די ביוראָ רופט אַלע מיטגלידער פון פאַרבאַנד אָנטייל צו נעמען, ביי דער זייט פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות, אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַן אומאָפּהענגיקער און דעמאָקראַטישער מלוכה אין ארץ ישראל און צונישט צו מאַכן אַלע פּלענער פון דער רעאַקציע, וועלכע שטרעבט אַריינצוּוואַרפן ארץ ישראל אין פייער און פלאַם און אויסצוראָטן איבער דער וועלט די געראַטעוועטע פון דער היטלעריסטישער שחיטה.

פּאַריז, דעם 15 אָקטאָבער 1947.

צוזאַמען מיט דער „אוניאָן“ האָט דער פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אַ גרויסע פייערונג אין „מיטיאַליטע“, וווּ עס איז פייערלעך פאַרזיכערט געוואָרן די גרייטקייט צו העלפן דאָס ייִדישע לאַנד מיט אַלע מיטלען. שוין דאַן איז געווען פאַראויסצוזען, אַז די ענגלישע מאַנדאַטאַר-מאַכט וועט ניט גיי-

ווייליק אָפּטרעטן פון איר פּאָזיציע, און אַז זי וועט זיין גרייט צו פאַרטיידיקן אירע נאַפט-אינטערעסן מיט אַ ים פון יידיש בלוט.

די געשעענישן האָבן, לײַדער, דאָס באַשטעטיקט. די יונגע יידישע מדינה ראַנגלט זיך איצט פאַר איר עקזיסטענץ, נאָך איידער זי איז אויפגעשטעלט. דער טעראָר אין לאַנד בושעוועט, די פּראָוואָקאַציעס מערן זיך, די הינדערטער קרבנות פאַלן אומשולדיק.

אינדערצייט, ווען די מופטי-לייט האָבן אַלע באַדינגונגען אויף צו באַוואָפענען זיך מיט געווער, ווערט די „הגנה" אָפט אַנטוואָפנט און דער „אַמבאַרגאָ" אויף געווער פאַר יידן ווערט שטרענג אָפּגעהיט.

עס צייכנט זיך אויך אָן די געפאַר, אַז דער באַשלוס פון 29-טן נאָוועמבער זאָל סאַבאָטירט ווערן מצד די אַמעריקאַנער. די ענגלענדער פון זייער זייט הערקלערן, אַז זיי וועלן גאָרנישט צוהעלפן דער קאָמיסיע פון „אָנו" אַדורכצופירן די באַשטימונגען פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז פאָרגעקומען אין פּאַריז די קאָנפערענץ אין האָטעל „קאָנטינענטאַל" מיטן אָנטייל פון 87 יידישע אָרגאַניזאַציעס (11. 1. 1948). אויף דער קאָנפערענץ ווערט פּראָקלאַמירט די קאַמפּאַניע לטובת דער „הגנה", לטובת אַ שוץ-פאָנד פאַר דער יידישער אַרמיי אין ארץ ישראל, פאַר שיקן געווער די פאַרטיידיקער פון ישוב.

די דעקלאַראַציע פון פאַרבאַנד אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ אַנטהאַלט פאָלגנדיקע פּונקטן:

„מיר זענען גרייט אָנטיילצונעמען אין דער קאַמפּאַניע:

1) כדי צו גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע און דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין ארץ־ישראל, באַפרייט פון ענגלישן מאַנדאַטאָר.

2) כדי צו שאַפן אַ היים פאַר די צענטליקער טויזנטער פּליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע שטרעבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

3) כדי צו דערמעגלעכן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל צו רעאַליזירן די שטרעבונג צו יידישער מלוכהשקייט.

4) כדי די יידישע מלוכה — באַפרייט פון ענגלישע קייטן — זאָל זיין אַ לאַנד פון פעלקער־פריינטשאַפט, וואָס זאָל אונז דינען אַלס ביישפּיל צום קאַמף קעגן פעלקער־פיינטשאַפט און קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס".

די לאַנדסמאַנשאַפטן וואַרפן זיך גלייך אין דער קאַמפּאַניע און אַנטוויקלען אַ ברייטע אַקטיוויטעט.

אַ טייל סאָסייעטעס האָבן גערופן ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען, אַנדערע האָבן איינגעאָרדנט אונטערנעמונגען, קאָנצערטן א. א. וו. די זאַמל־ליסטעס זענען פאַרפלייצט געוואָרן, כדי צו דערגרייכן די 100 מיליאָן פר. וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַר דער „הגנה" האָט זיך אָנגעזשירט צו זאַמלען.

אָבער אין אָנבליק פון דער געפאַר, אַז די יידישע מלוכה זאָל רואינירט ווערן און דער ענגלישער מאַנדאַטאָר זאָל בלייבן אין לאַנד, האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע סאָסייעטע־טוער באַגריפן, אַז זייער אָנשטרענגונג איז נאָך ניט געווען גענוגנדיק. זיי נעמען זיך וועקן און רופן, אויפקלערן און מאָביליזירן, זיי דעקן אויף די הינטער־קוליסן־שפּיל פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער פּאָליטיק, זיי דעפינירן אויך די ריכטיקע נאַציאָנאַלע יידישע פּאָליטיק.

וואָס הייסט דאָס?

אין לויף פון די יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען די יידן אין פראַנקרייך האָבן זיך אָרגאַניזירט צום קאַמף קעגן פאַשיזם און היטלעריזם, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלק, האָבן זיי אויסגעפּרוּווט און אויסגעשמידט אַ וויכטיק געווער: די צוזאַמענאַרבעט מיט דער דעמאָקראַטיע, דער אָנשפּאַר אויף די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס.

דאַרף מען דאָס באַווייזן פאַר די יידן פון פראַנקרייך? זענען דען די קאַמפּאַניעס קעגן קסענאָפאָביע, פאַר די פּליטים פון „סען-לואי" און פון „עקזאָדוס", קעגן ראַסיזם פון ווישי און שטרייכער ניט אַ גענוגנדיקער באַווייז? האָט דען ניט איבערגעוויגן ביז איצט אין די רייען פון דער רעגירונג דאָס געפיל פון יושר און מענטשלעכקייט, ווען די פראַנצויזישע דעלעגאַטן אין „אָנו" האָבן געדאַרפט שטימען איבער די פאָרשלאָגן פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע וועגן פּאַלעסטינע?

עס איז איבעריק דאָס איבערצוחזרן, ווייל דאָס זענען פּשוטע, אומעטום באַקאַנטע אמתן. פּונקט ווי עס איז מער ניט נייטיק צו באַווייזן, אַז די רעאַקציע, די פאַשיסטן, זענען שטענדיק און אומעטום שונאים פון יידישן פאָלק, אפילו ווען זיי ווערן געשטיצט פון יידישן באַנקירן, אפילו ווען זיי האַלטן פייערלעכע פילאָסעמיטישע רעדעס אין יידישע סינאַגאָגעס. עס עקזיסטירן היינט ווייניק נאַאיווע מענטשן, וואָס גלייבן, אַז רעאַקציע און פאַשיזם קאָנען זיין יידן־פריינטלעך און העלפן בויען די יידישע מלוכה. די יעניקע, וועלכע פּרעדיקן נאָך די דאָזיקע קאָנצעפּציעס, זענען נאַציאָנאַלע פאַררעטער. ווייל די רעאַקציע איז ניט נאָר אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויסראָטונג, אונטערגאַנג פון דער שארית הפליטה.

אַ נאַציאָנאַלער ייד איז ניט דווקא דער יעניקער, וואָס שאַפט אַ פּאַרטיי מיט אַ נאַציאָנאַלן נאָמען, נאָר דער יעניקער ייד, וועלכער פאַרבינדט זיך מיטן לאַגער פון דעמאָקראַטיע, וואָס וועט אויסקעמפן די פרייהייט פון יידישן פאָלק צוזאַמען מיט דער פרייהייט פון די פעלקער. אָפּטיילן זיך פון דער דעמאָקראַטיע און אירע כוחות, הייסט איזאָלירן דאָס יידישע פאָלק און לאָזן עס אויף הפקר פאַרן ווילקיר פון פאַשיזם.

אַזוי טראַכטנדיק, פרעגט זיך דער אויפריכטיקער ייד, ווי אַזוי וועט מען פאַרזיכערן דאָס לעבן פון יידישן ישוב פון ארץ ישראל, אויב מ'וועט פון איין זייט אָפּשטעלן די הילף פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, וואָס האָבן געשטיצט פאַר דעם באַשלוס פון 29-טן נאָוועמבער און ווילן אים אויספירן, און פון דער צווייטער זייט, אויב מ'וועט לאָזן ארץ ישראל

צווישן די מיל־שטיינער פון די אימפּעריאַליסטישע נאַפט־קעגנזאַצן, צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד. דער מעזים, אַז דער פּרעזידענט וועט ניט מקריב זיין די עטלעכע מיליאָן יידישע וויילער פון אַמעריקע בעת די פּרעזידענט־וואַלן פון 1948, איז אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער און אומבאַרעכטיקטער. די געשיכטע האָט אונז באַוויזן, אַז די רעאַקציע איז גרייט מקריב צו זיין גאַנצע לענדער, מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס פאַר אירע אינטערעסן.

אין דער היינטיקער קאָנסטעלאַציע פון וועלט־כוחות, אין דער היינטיקער צוזאַמענפלעכטונג פון דער וועלט־פּאָליטיק, איז קינדיש צו וועלן אויסמיידן די יידישע מלוכה און דאָס יידישע פאָלק און צו מיינען, אַז קיין זאַך גייט זיי ניט אָן.

דער זאַץ „אם אין אני לי, מי לי“, האָט אויף אַזויפיל אַ ווערט, אויף וויפל דאָס יידישע פאָלק וועט זיין אַ באַשטאַנד־טייל אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט. פילן מיר דען ניט, אַז די וועלט, די אומות העולם, רעספּעקטירן אונזער פאָלק, ניט צוליב דער גרויסער צאָל קרבנות אין לעצטן קריג, נאָר צוליב דער גבורה פון אונזערע פּאַרטיזאַנער פון פּוילן, רוסלאַנד, פראַנקרייך, פון אונזערע סאָלדאַטן פון די אַלירטע אַרמייען; און פון דער פּאַלעסטינער בריגאַדע ? איז דען דער 29-טער נאָוועמבער 1947 ניט אַ רעזולטאַט פון 8-טן מאַי 1945, ווען אויך יידישע סאָלדאַטן האָבן אַרויפגעדריקט זייער מיליטערישן שטיוול אויפן גאָרגל פון היטלעריזם און אים געצוואונגען צו קאַפּיטולירן ?

דער חותם פון דער היינטיקער צייט, פון אונזער דור, איז קאַמף, איז האַרטנעקיקער, אומברחמנותדיקער קאַמף פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. מיינען, אַז די יידישע מלוכה וועט עקזיסטירן, אַז די יידישע ישובים וועלן בלייבן לעבן דורך חסד פון אַנדערע פעלקער, אָן אונזער אָנטייל, — הייסט זיך צוגרייטן אַ ביטערע אַנטוישונג, הייסט פאַראַטן דעם קיום פון יידישן פאָלק.

באַוואָפנט מיט די דאָזיקע געדאַנקען, גייען די טוער פון די סאָסיעטעס דרייסט צו די יידישע מאַסן, זיכער, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי אויספירן די גרויסע מיסיע, וואָס ליגט אויף די יידישע דעמאָקראַטישע עלעמענטן : די פאַרטיידיקונג פון דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, וואָס איז די העכסטע אויפגאַבע פון דער היינטיקער צייט.

V

אונזער קאַמף וועט זיין זיגרייך

דאָס איז דער וועג באַרג אַרויף, וואָס עס האָבן אַדורכגעמאַכט די סאָסיעטעס און לאַנדסמאַנשאַפטן אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרבאַנד; דאָס זענען די שוועריקייטן, וואָס זענען געלעגן אויפן דאָזיקן וועג; דאָס זענען אויך די דערגרייכונגען פון דעם אָרגאַניזירטן און פאַראייניקטן כוח, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן.

אַ גרויסער מהלך איז פאַראַן צווישן אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 1900 און פון 1948 ! וואָס פאַר אַ מעטאַמאָרפאָזע האָט אַדורכגעמאַכט אַ געזעלשאַפט, ווען זי שטעלט היינט אַוועק אויף דער טאָג־אָרדענונג דעם פּראָבלעם פון פאַרטיידיקן די נייע אימיגראַציע און די אַקציע פאַר שיצן די אַנטשטייענדיקע יידישע מדינה !

די געשיכטע וועט אָפּשאַצן אין ריכטיקן ליכט די אָנפירנדיקע ראָלע פון „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן“ ביים דערגרייכן אַזעלכע רעזולטאַטן.

ווען מען זאָגט „צען יאָר פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן“, הייסט עס אין דער אמתן, אַז מיט 10 יאָר צוריק האָט זיך באַוויזן עפּעס נייעס אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט אין פראַנקרייך, אַ נייע אויפפאַסונג פון לעבן אין די יידישע געזעלשאַפטן און סאָסיעטעס, נייע אופנים פון לייזן אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען, אָדער ווערן געשטעלט דורך דעם לעבן.

די געשיכטע פון פאַרבאַנד איז אַ קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער יידישער אימיגראַציע אין פראַנקרייך זייט די לעצטע 50 יאָר, זייט דעם אָנקום פון דער יידישער כוואַליע פון פאָריקן יאָרהונדערט, די כוואַליע, וואָס האָט זיך געגאָסן קיין אַמעריקע און זיך פאַרהאַלטן ביים אַטלאַנטיק.

די געשיכטע פון פאַרבאַנד איז אַ טייל פון דער געשיכטע פון קאַמף, וועלכן עס האָבן געפירט די פּראָגרעסיווע אימיגראַנטן פון פּוילן אין די 20-ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, פאַר קולטור און פּראָגרעס אין יידישן לעבן אין פראַנקרייך, פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר אייניקייט.

מיט איין וואָרט, דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט און איז דערצויגן געוואָרן אין קאַמף פאַר אַ נייעם סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס איז שטופנווייז קלאָר געוואָרן אין באַוווסטזיין פון די ערלעכע פאָלקס־מענטשן אין די סאָסיעטעס. די דאָזיקע פאָרמען טראָגן די נאָבעלע נעמען: פאָלקסטימלעכקייט קעגן פילאַנטראָפּיע, אייניקייט קעגן צעשפּליטערטקייט, דעמאָקראַטיע קעגן ווילקיר.

אויף דעם דאָזיקן וועג האָבן די דעמאָקראַטישע סאָסיעטע־טוער אָנגעטראָפן אַן אויפריכטיקן פאַרבינדעטן, אַן ערלעכן קעמפער פאַר אידענטישע אידייען. דאָס איז די פּראָגרעסיווע אַרבעטער־באַוועגונג.

די יידישע אַרבעטנדיקע און פאָלקס־מענטשן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט דער פראַנצויזישער רעאַליטעט און זיך ביס-

לעכווייז „אויסגעגרינטע", האָבן זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען פון פאַרטיידיקער פון אַלע באַדערפענישן פון ישוב: סאָציאַלע ווי קולטורעלע און פּאָליטישע. דער פּעריאָד פון רייף־ווערן איז אַ לאַנגער און אַ שווערער, אָבער די באַטעגלעכע שלאַכט פאַר פּראָגרעס הײַנט ווי אַן אויסגעצייכנטער אוניווערזיטעט. און ווען מיר קוקן הײַנט אויף צוריק, זענען מיר שטאָלץ — מיר „אַלטע" אימיגראַנטן — אויף די קאָלאָסאַלע ענדערונגען, וואָס אונזער לעבן האָט אַדורכגעמאַכט, אויף די נײַע כוחות, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף דעם צעבליטן פעלד פון די פאַרשידנסטע אַקטיוויטעטן: סאָציאַלע — לײַ־קאַסעס, פאָלקס־קליניקעס, קינדער־היימען, הילף פאַר די אַלטע לײַט, הילף פאַר די נײַע אימיגראַנטן, לעגאַליזאַציע־אַמטן א. א. וו. קולטורעלע — פאָלקס־אוניווערזיטעטן, צײַטונגען, ליטעראַרישע זשורנאַלן, טעאַטערס, כאָרן, רעפעראַטן, קאָנצערטן א. א. וו. פּאָליטישע — קאַמפּאַניעס לטובת פּליטים, קעגן אויסלענדער־געזעצן, פאַר ליקווידירן די לאַגערן, קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פאַר ארץ ישראל, קעגן ענגלישן ווילקיר, לטובת די פּליטים פון „עקזאָדוס", קעגן די פּראָצעסן פון די נײַ־אײַנגעוואַנדערטע א. א. וו.

עס איז נויטיק צו זאָגן, אַז אין דעם אַקטיוו פון פאַרבאַנד גייט ניט נאָר אַריין אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטאָן מיט אײַגענע הענט, נאָר אויך אַלץ, וואָס ער האָט אינספּירירט, דעם בײַשפּיל, וואָס ער האָט געגעבן, די איניציאַטיוו, וועלכע האָבן אויך אַנדערע אָנגערעגט, זײַן אימפּולס אינעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די פאַרשידנסטע מאָמענטן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע באַוועגונג האָט דערצויגן מענטשן, וואָס זענען געוואַקסן מיט דער באַוועגונג. פון יונגע, אומבאַקאַנטע טוער, זענען זיי געוואָרן די וואָרט־זאָגער אין אַלע פּראָבלעמען, רעספּעקטירט פון אַלע שיכטן, פירער פון ישוב, אויסגעפּרוווט אין פייער.

עטלעכע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם דאָזיקן וועג צו ליב פּערזענלעכע אינטערעסן, האָבן געפּרוווט עס צו פאַרדעקן מיטן מאַנטל פון פאַלשע אידעאָלאָגיעס. זייער פלאַץ איז גלייך פאַרטראָטן געוואָרן.

אַנדערע זענען העלדיש געפאַלן אין שלאַכט פאַר דער זאַך פון פאָלק. זייער בײַשפּיל וועט דינען די יינגערע גענעראַציעס אַלס וועג־ווייזער און די פאָרזעצונג פון זייער קאַמף וועט זיין אַ באַווייז, אַז דער שונא האָט זיי נישט באַזיגט. זיי האָבן זיך אויפגעבויט אַ מאָנומענט, אַ שיינע געביידע, מיט וועלכער די יידן פון פראַנקרייך שטאָלצירן הײַנט.

די געזעלשאַפטן שטעלן הײַנט פעסט, אַז זיי קאָנען אַרויסברענגען אַלע זייערע שוועריקייטן פאַרן פאָרום פון דער געאייניקטער אָרגאַניזאַציע מיט דער איבערצייגונג, אַז אַלץ וועט געטאָן ווערן, כדי די שוועריקייטן צו באַזיגן. זיי פאַרשטייען, אַז אָן דער געאייניקטער אָרגאַניזאַציע, וואָלט זייער אַקטיוויטעט וועגעטירט, געבליבן אַנאַכראָניש און וואָלט נישט געשפּרודלט מיט לעבן, ווי עס איז הײַנט. זיי גרופּירן זיך, וואָס אַמאָל מער אַרום פאַרבאַנד, ווו זיי געפינען דעם דעמאָקראַטישן אויסדרוק פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס אין דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד קאָנען זיצן ביי איין טיש און האַרמאָניש צוזאַמענאַרבעטן יידן פון די פאַרשידנסטע פּאָליטישע אָנשויונגען, רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע דעלעגאַטן, אויסגעוויילטע דורך זייערע געזעלשאַפטן. זיי גייען געאייניקט פאָרויס, כדי צו לייזן לעבנס־פּראָבלעמען פון די יידן פון פראַנקרייך און פון יידישן פאָלק. זייערע אָנשטרענגונגען גייען אין דער ריכטונג פון אייניקייט פון יידישן ישוב צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע כוחות פון לאַנד. זיי האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז דער פאַרבאַנד איז הײַנט די איינציקע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע אַרום וועלכער עס קאָנען זיך גרופּירן אַלע געזעלשאַפטן, ווייל זיין וועג איז דער אָנערקענטסטער און דער ריכטיקסטער.

פון דער געביידע „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן" לויכט אַרויס די אחריות און איבערגעגעבנקייט, די זאָרג און קאַמף־גרייטקייט, דער ווילן און די זיכערקייט אין כוח פון יידישן פאָלק, די איבערצייגונג, אַז דער קאַמף פאַרן קיום פון יידישן פאָלק וועט זיין זיגרייך.

דינה אַוערבוך

צום שוץ פון דער יונגער אימיגראַציע

די אָפּטיילונג פון סאָציאַלער הילף פאַר פליטים און אימיגראַנטן ביים „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך“ איז געשאַפן געוואָרן מיטן ציל צו לייסטן אַ דרינגענדיקע הילף פאַר דער גרויסער כוואַליע פון יידישער אימיגראַציע, וואָס איז געקומען אין לאַנד זייט ענדע קריג.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די נייע אימיגראַציע? וואָס זענען אירע באַדערפענישן? וואָס האָבן מיר אויפגעטאָן לטובת איר?

דער סוף פון קריג האָט פאַראורזאַכט אין מזרח־אייראָפּע אַ געוואַלדיקן אויפמיש פון מענטשלעכע מאַסן. אַנשטאָט די אויסראָטונגס־לאַגערן, האָבן זיך אין דייטשלאַנד געבילדעט ריזיקע מענטשלעכע רעזערוואַרן, אָפּגעצוימטע אין די נייע לאַגערן און ווו די צאָל יידן איז געווען גאַנץ גרויס.

די לעבן - געבליבענע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערס האָבן ניט געפונען אין זיך קיין מוט צוריקצוקערן זיך אין די לענדער, פון וועלכע זיי שטאַמען, ווייל זייערע פאַמיליעס און זייערע היימען זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך דעם קריג און די נאַציס.

די יידן, וועלכע האָבן זיך פון אָנהייב קריג געראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד און האָבן אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם קריג און זיינע סכנות — זענען צוריקגעקומען אין זייערע לענדער, האָבן אָבער דאָרט קיינעם פון די אייגענע נישט געפונען. דעמאָראַליזירנדע, צעטומלטע, האָבן זיי זיך לייכט געלאָזט פאַרפירן פון אַלערליי פאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיי געשטויסן אויסצוואַנדערן.

דער „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך“ איז געווען איינע פון די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט אונטערגענומען די אַקציע פאַר אויפלייזן די לאַגערן. זי האָט במילא אויך די ערשטע פאַרויסגעזען, וואָס פאַר וויכטיקע אויפגאַבן עס שטעלן זיך אַוועק אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנקומען פון די אימיגראַנטן, ווען מען דאַרף געבן סאָציאַלע הילף, כדי צו דערמעגלעכן די אָנגעקומענע צו בויען אַ נייע היים אויף געזונטע יסודות.

זאָרגן וועגן דעם האָט געמוזט טאַקע דער „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן“, ווייל וועמען זוכט דען אַ ווילנער, אַ גאַליציאַנער, אַ לאָדזשער, קומענדיק קיין פּאַריז? ער זוכט, נאַטירלעך, אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז שוין דאָ פון לאַנג אָן איינגעאָרדנט. דער „פאַרבאַנד“, וועלכער פאַרבינדט אַמבעסטן די אַלע קעגנזייטיקע הילפס־אָרגאַניזמען, איז תיכף געוואָרן די נאַטירלעכע הילפס־צענטראַלע און האָט געשאַפן דאָס נויטיקסטע אין יענעם מאָמענט, דעם אָרגאַניזם פאַר די נייאיינגעוואַנדערטע — דעם לעגאַליזאַציע־אַמט.

לעגאַליזאַציע-אַמט

די ערשטע אויפגאַבע פון דעם אַמט איז געווען פאַרלייכטערן די ניי־אָנגעקומענע זייערע אָפיציעלע באַמיונגען ביי דער מאַכט, צו העלפן זיי און פאַרטיידיקן זיי אין אַ פאַל פון אַרעסט פאַר ניט האָבן קיין פּאַפּירן.

דער אַמט איז געשאַפן געוואָרן דעם 15-טן אָקטאָבער 1946, די סטאַטיסטיק פון זיין אַקטיוויטעט האָט באַוויזן זיין ווירקזאַמקייט און וויכטיקייט. די צאָל פערזאָנען, וואָס זענען אַרויך אין דעם אַמט, שטייגט איבער 5000 פאַרן ערשטן יאָר, ד. ה. 400 אַ מאָנאַט.

די מאַסע וואַנדערער יידן האָט אָפּזיכטלעך פאַרלאָרן אַלע שפּורן פון לעגאַלער אידענטיטעט. פיל פון זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ פּיינלעכן און אויסערגעוויינלעכן וואַנדער-וועג. מען האָט געדאַרפט קענען אַלע שפּראַכן פון דער וועלט און זיין געניט אין געאָגראַפיע, כדי צו רעדן מיט זיי.

די יידישע פּאַרטיזאַנען פון פּוילן האָבן זיך אין משך פון יאָרן באַנוצט מיט דער פּוילישער שפּראַך. די יידישע יוגנט,

וואָס האָט געלעבט אין ווייטן סיביר, האָט נישט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך ווי רוסיש. די ייִדן, וואָס זענען אַרויס פון שאַנכײַער געטאָ, האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ מין ווײַט-אַזיאַטישן לשון און די אַלטע חסידים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די וועבערייען פון קאַזאַקסטאַן, האָבן גערעדט מיט אַ מאָנגאָלישן אַקצענט.

אונגאַרישע, רומענישע, יוגאָסלאַווישע, איטאַליענישע, טערקישע, גריכישע אָדער האָלענדישע ייִדן, אָנגעקומענע אַהער מיט אַלערליי צרות, פלעגן זיך אויסרעדן זייער האַרץ, דערציילנדיק זייערע לײַדן און אויסדריקן אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן ענדלעך בײַקומען אַלע שוועריקייטן און שאַפן זיך אַ נײַע עקזיסטענץ.

אין דער פּרעפעקטור

די שוועריקייטן פאַר זיי פלעגן זיך אָנהייבן אין דער פּאַריזער פּאָליציי־פּרעפעקטור, אין אַ אומבאַשרײַבלעכן געדראַנג, בײַ פאַרמלחמהדיקע שיקאַנעס פון פאַרשידענע פּאָליציי־באַאַמטע און צווישן אַ מחנה יונגאַכערס, וואָס האָט געזוכט אין די קאָרידאָרן צו „באַאַרבעטן“ זייערע קליענטן.

אָנהייבנדיק אונדזער הילפס-אַרבעט פאַר די אימיגראַנטן, האָבן מיר געוואָלט זי פירן אָפן און לעגאַל. אונדזערע אַסיסטענטינס פלעגן קומען מיט ליסטעס און אַרויסרופן אין די לאָקאַלן גופא פון דער פּרעפעקטור די פאַרינטערעסירטע פּערזאָנען. דער דאָזיקער אָפענער און לעגאַלער אַרבעט האָט געשאַפן צוטרוי בײַ דער מאַסע. מען האָט אָנגעהויבן רעספּעקטירן אונדזערע אָנגעשטעלטע.

אַ דאַנק דער רעגולערער אַרבעט און אַ דאַנק אונדזער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר געפּועלט בײַ דער פּרעפעקטור, אַז עס זאָל דאָרט געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר נײַע אימיגראַנטן, וואָס קומען באַגלייט דורך פאַרטרעטער פון קאָמיטעטן.

די צוגרייטונג־אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן בײַ אונדז אין ביוראָ און די באַגלייטונג פון די אימיגראַנטן אין דער פּרעפעקטור, האָט זיי פאַרשפּאָרט פיל איבעריקע טירחה און שיקאַנעס פון די פּאָליציי־באַאַמטע.

אונדזער אַרבעט איז געפירט געוואָרן 6 טעג אין דער וואָך, אינדערפרי און נאָכמיטאָג. יעדער אימיגראַנט, וואָס האָט זיך צו אונדז געמעלדן פאַר 6 אינאָוונט — האָט שוין צומאָרגנס פרי געהאַט אַ פּאַפּיר אַרויסגעגעבן דורך דער פּרעפעקטור. פאַר דער ערשטער נאַכט האָט מען אונדז געגעבן די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן פּראָוויזאָרישע באַשײַניקונגען. (די יעניקע, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט באַגיין אָן דער הילף פון די קאָמיטעטן און וועלכע מען פלעגט כאַפּן בײַ אַבלאַוועס אין דער גאַס, פלעגן אָפּגעפירט ווערן אויפן 5-טן שטאָק פון פּרעפעקטור אויף אַן אויסווייז).

אַבלאַוועס

אין אַ געוויסער עפּאָכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַבלאַוועס אין די אימיגראַנטישע אויפנאַם־צענטערן, 4 רי דע ראָזיע, 16 רי לאַמאַרק. די אַבלאַוועס פלעגן פאָרקומען פאַרטאָג. דאָן פּאָליציי פלעגט פאַרנעמען אַלעמען. מענער, פרויען, קינדער, זקנים און די דירעקציע פון אַזיל פלעגט בלײַבן גלײַכגילטיק. ס'רוב אַבלאַוועס פלעגן פאָרקומען שבת, אָדער ערב יום-טוב און די אַרעסטירטע פלעגן אָפּזיצן אָן שום הילף ביז מאָנטיק. מאָנטיק פלעגט מען זיי שוין אָפּפירן אין טריבונאַל, פאַרמשפּטן און גלײַך אַרײַנזעצן אין טורמע. קיינער האָט זיך וועגן זיי ניט געקימערט, ווײַל שבת נאָכמיטאָג זענען אַלע קאָמיטעטן געשלאָסן.

מיר האָבן פון אָנהייב אָן אַנטשלאָסן גענומען זיך קעמפן קעגן אַזעלכע מעטאָדן. מיר פלעגן אינטערווענירן אין דעפּאָ פון דער פּרעפעקטור, באַלד נאָך די אַרעסטן, אַפילו שבת פאַרנאַכט. אונדזערע אַסיסטענטינס פלעגן זיך דאָרט אָפּוואַלגערן ביז שפּעט אין אָוונט און פלעגן אַליין אָפטמאָל אויסשטיין אַן אמתן פאַרהער.

מיר האָבן באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ דרינגענדיקע הילף פאַר די אַרעסטירטע, שיקן זיי פּעקלעך און אַפילו — אין אויסנאַם־פאַלן — באַזוכן זיי אין טורמע. אַזוי למשל ווי דער פאַל פון דער פאַמיליע פ. וועלכע איז אָפּגעזעסן 6 וואָכן צײַט און פאַר וועלכע עס האָבן אינטערווענירט 4 פון אונדזערע אַדוואָקאַטן.

אַן ענערגישע אינטערווענץ פון „פאַרבאַנד פון ייִדישע געזעלשאַפטן“ בײַם אינערן־מיניסטער האָט געמאַכט אַ סוף צו די דאָזיקע שבתדיקע אַבלאַוועס.

דאַן איז אָבער געשען עפּעס אַנדערש. מען פלעגט פאַרהאַלטן מענטשן, אָפּפירן זיי אויפן 5-טן שטאָק און האַלטן זיי דאָרט שעהן־לאַנג, כדי צו פאָטאָגראַפירן און מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. מען פלעגט זיי דאָרט וועגן און מעסטן און אויספרעגן ווי קרימינעלע פאַרברעכער און זיי פלעגן אַרויס פון דאָרט מיט אַ מורא פאַר דער צוקונפט. ערשט איצט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די מורא איז טאַקע נישט געווען אומזיסט. די גאַנצע געשיכטע איז געווען אַ צוגרייטונג צו די שפּעטערדיקע פּראָצעסן פאַר אומלעגאַל אַרײַנקומען אין לאַנד. מיר וועלן זיך צו דער פראַגע נאָך צוריקקערן.

די ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן בײַם באַזאָרגן מיט אַרבעט

מיר האָבן כסדר זיך אינטערעסירט מיט דער נײַער אימיגראַציע אויך אויף אַנדערע געביטן און האָבן אונדזער טעטיקייט צוגעפּאַסט צו דער לאַגע.

וווין־רעכט אין לאַנד פאַר די נײַ־געקומענע „אומלעגאַלע“ האָט מען געגעבן נאָר מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן ווערן פּראָדוקטיווע עלעמענטן. פראַנקרײַך האָט נאָכן קריג זיך געניי־

טיקט אין פרעמדע אַרבעט־הענט פאַרן ווידעראויפבוי פון לאַנד. מען האָט אַלזאָ די מאַסע ניי־איינגעוואַנדערטע געדאַרפט איינגלידערן אין דער פּראָדוקציע, באַקומענדיק אַ דערלויבעניש אויף אַרבעט פון אַרבעטס־מיניסטעריום.

אין דער דאָזיקער אויפגאַבע האָבן אונדז געגעבן אַ גרויסע הילף די לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפטן, אָנגעשלאָסענע אין „פאַרבאַנד“.

אויב מיר האָבן מיט דערפאָלג דורכגעפירט אַלע אונזערע אינטערווענצן אין די מיניסטעריומס, די אַרבעטס־קאָנטראָלע ביי די אונטערנעמער — איז עס אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון די לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפטן, אָנגעשלאָסענע אין דעם „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן“, וועלכע האָבן געגעבן דאָס וויכטיקסטע: די אַרבעטס־קאָנטראַקטן און אַרבעט, ווי אויך די ערשטע דרינגענדיקע מאַטעריעלע הילף.

און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די מאָראַלישע שטיצע פון די געזעלשאַפטן פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע איז געווען אַ סך מער ווערטפול ווי די מאַטעריעלע שטיצע צו קענען איינאָרדנען זיך אין פראַנקרייך.

פון אָנהייב אָן פון אונזער אַקטיוויטעט האָבן מיר פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט איינצושטעלן אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן דער מאַסע ניי־איינגעוואַנדערטע און די לאַנדסמאַנשאַפט - געזעלשאַפטן. צו דעם צוועק האָבן מיר יעדן מאָנאַט געשיקט ליסטעס פון די ניי־איינגעוואַנדערטע צו די אַנטשפּרעכנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן. מיר האָבן אויך געשיקט ליסטעס לויט די נעמען פון אימיגראַנטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין דרום־אַמעריקע. די דעלעגאַציע פון אונזער „פאַרבאַנד“, וואָס איז אין 1947 געפאָרן קיין ניו־יאָרק, האָט מיטגענומען אַ קאָמפּלעטע ליסטע פון אַלע אימיגראַנטן, וואָס זענען אַדורך אין אונזער אַמט. פון 15-טן אָקטאָבער 1947 האָבן די 46 לאַנדסמאַנשאַפטן אָנגעשלאָסענע אין „פאַרבאַנד“ באַקומען ליסטעס מיט 5000 נעמען פון נייע אימיגראַנטן.

די דאָזיקע ליסטעס זענען דער בעסטער סימבאָל פון אַריינטרעטן אין אַ נייעם, פּראָדוקטיוון לעבן פון די 5000 יידן, וואָס זענען אַריין אומלעגאַל אין פראַנקרייך און וואָס האָבן זיך שוין היינט איינגעגלידערט אין אונזער ישוב.

13.013 אינטערווענצן

דאָס רעגולירן די לאַגע פון די אומלעגאַלע אימיגראַנטן פאָדערט אַ געוויסע צאָל אינטערווענצן אין דער פּאָליציי־פּרעפעקטור און אין אַנדערע אַדמיניסטראַציעס. מיר געבן דאָ דעם פּלאַן פון דער אַרבעט לויט פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון די פאַלן:

1. צוזאַמענשטעלן די דאָסיעס פאַר יעדן פאַל וואָס ווערט צוגעשטעלט אין דער פּרעפעקטור, אָדער אין אַ מיניסטעריום: געבורט־שיינען, סערטיפיקאַטן וועגן פּראָפעסיע, נאַציאָנאַליטעט, פאַמיליען־צוזאַמענשטעל א. אַ. וו.

פון 15־טן אָקטאָבער 1946 ביזן 1־טן יאַנואַר 1948 — 4.429 דאָסיעס.

2. די אַרבעט אין דער פּרעפעקטור גייט אין פאַרשידענע אַמטן און אָפּטיילונגען.

א) 13.013 אינטערווענצן אין דער פּרעפעקטור.

ב) אין 5-טן ביוראָ פאַר אויסלענדער אַריינגעטראָגן 3.682 דאָסיעס מיט דער ביטע פון אידענטיטעט־קאַרטעס.

ג) 489 דאָסיעס אין דערווייטערונג־אַמט אין שייכות מיטן אָפּזאָג פון פּאַפּירן, עקספּולסיעס, אַרעסטירונגען צווישן וועלכע עס פיגורירן ניט די אַרעסטירונגען בעת די מאַסן־אַבלאַוועס אין די אויפנאַמע־צענטערן אין ווינטער 1947-1946.

ד) אַלגעמיינער אויסקונפט־אַמט אין דער פּרעפעקטור ווו ס׳ווערן געפירט אַנקעטעס וועגן די איינגעוואַנדערטע, וועגן זייערע פּאַפּירן, זייער אַרבעט, זייערע מיטלען צום לעבן, פאַמיליען־פאַרבינדונגען. מיר קאָנטראָלירן צוערשט די פּאַפּירן פון די פּערזאָנען, וואָס ווערן גערופן צו דער אַנקעטע און באַגלייטן זיי אין דער פּרעפעקטור. 2163 דאָסיעס ביזן 1־טן יאַנואַר 1948.

ה) הייראַט־דערלויבענישן, וואָס ווערן באַקומען אין ביוראָ 209. מיר האָבן צוגעשטעלט 183 דאָסיעס וואָס האָט דערלויבט אַ סך מענטשן צו רעגולירן זייער פאַמיליען־לאַגע. די פרויען און קינדער האָט עס דערמעגלעכט צו געניסן פון די סאָציאַלע זיכערקייט־קאַסעס און ענלעכע סאָציאַלע אָרגאַניזמען. אָפטמאָל האָבן אונזערע אינטערווענצן דערלויבט די פאַרינטערעסירטע צו באַקומען שנעל די מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן אין אַמעריקע.

ו) ענדערונג פון נאַציאָנאַליטעט אויף דער קאַרט־ד׳אידאַנטיטע. אויסבעסערונגען אין די דאַטעס פון געבורט, געבורטס־אַקט א. א.

פאַרבינדונג מיט די קאָנסולאַטן

די אימיגראַנטן, וואָס האָבן געמוזט אַריבער פאַרשידענע גרענעצן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלערליי לאַגערן א. אַ. וו. האָבן אָפטמאָל ניט קיין נאָרמאַלע פּאַפּירן. זיי ווייסן אַמאָל ניט גענוי ווו זיי זענען געבוירן, וואָס פאַראַ בירגער זיי זענען א. אַ. וו. מיר האָבן צוערשט געהאַט צו באַקעמפן די טענדענצן פון דעם „צווישן רעגירונגס־קאָמיטעט“, וועלכער האָט געשטרעבט אויפצוהאַלטן די אימיגראַנטן אַלס בירגערלאָזע. מיר האָבן איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט זייערע לענדער. אַדאַנק דעם זענען טויזנטער אימיגראַנטן געוואָרן רעגולערע בירגער, געשטעלט אונטערן שוץ פון זייערע קאָנסולאַטן. די אויסבעסערונגען אין

זייערע פּאַפּירן האָבן דערלויבט אַ סך עמיגראַנטן צו באַקומען וויזעס (אין קאַנאַדע, סטודענטן־וויזעס א. אַ. וו.) דאָס רעגולירן זייער בירגערשאַפט האָט אויך דערמעגלעכט פיל עמיגראַנטן צוריקצופאָרן אין זייערע לענדער, ווו די לאַגע האָט זיך אַ סך געבעסערט און סטאַביליזירט. פיל איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן איצט זייערע פּאַספּאָרטן אין אָרדענונג, זענען בעסער געשיצט און ריזיקירן מער ניט צוריק דעפּאָרטירט צו ווערן אַלס בירגערלאָזע אין די „ד. פּ.“־לאַגערן אין דייטשלאַנד.

געלט־שטראָף פאַר „אומלעגאַלע“

לכתחילה האָט מען איינגעפירט אַ שטראָף פון 2000 פר. פאַר יעדן אומלעגאַלן און מען האָט געוואַרט מיט צאָלן די שטראָף ביז דער אימיגראַנט פלעגט אָנהויבן אַרבעטן. אין זומער 1947 איז מען געוואָרן שטרענגער. מען האָט געהעכערט די שטראָף לויט דער נאַציאָנאַליטעט. פּאָליאַקן האָבן געמוזט צאָלן 7.500 פראַנק און אַ פאַמיליע פון 3 פּערזאָן האָט געהאַט אויף זיך העכער 20.000 פראַנק צו צאָלן, און דאָס — אויף איין מאָל. מיר האָבן אינטערווענירט, אַז מען זאָל באַטראַכטן די אימיגראַנטן אַלס „אַפּאַטרידן“ און אַזוי אַרום האָט מען פון זיי געפאָדערט בלויז 1.500 פראַנק.

חוץ דעם האָבן מיר געפּועלט ביי דער פּרעפעקטור, אַז פאַמיליעס זאָלן באַקומען לענגערע טערמינען אויסצוצאָלן זייערע געלט־שטראָפן.

שוואַנגערע פרויען און קראַנקע

אויסער די נאָרמאַלע און אַרבעט־פעיקע עלעמענטן פון דער אימיגראַציע האָבן מיר אויך געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע, וואָס זענען געקומען אַהער צעבראָכענע און אָן כוחות. אין ווינטער 1947 זענען אַ סך פרויען געקומען אַהער שוואַנגערע, אויסגעשעפּטע און מען האָט זיי געמוזט דרינגלעך אָפּפירן אין שפּיטאָל. עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז אַזעלכע פרויען פלעגט מען מוזן אָפּפירן פון דעם געדראַנג אין דער פּרעפעקטור דירעקט אין ראָטשילד־שפּיטאָל צום געבורט פון זייער קינד. אונזערע אַסיסטענטינס פלעגן זיך מיט זיי באַשעפטיקן און פלעגן פאַר זיי אויך באַזאָרגן די פּאַפּירן. גרויסע שוועריקייטן זענען אַזוי אַרום אויסגעמיטן געוואָרן די אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען קראַנקע און שוואַכע און האָבן ניט געקאָנט גיין אַרבעטן, וואָס האָט זיי געדראָט מיט אַן אויסווייז. זייער צאָל איז צום גליק ניט געווען גרויס, ווייל ס'רוב פון די ייִדישע אימיגראַנטן האָט זיך אַרויסגעוויזן ענערגיש, געזונט און פעיק צו אַרבעט.

די טראַנזיט־אימיגראַנטן

אַ באַזונדערן קאַפּיטל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאַטעגאָריע פון טראַנזיט־אימיגראַנטן. פאַרשידענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוברענגען אין לאַנד 8000 פּערזאָנען מיט אַ וויזע אויף 90 טעג. דאָס האָט געשאַפן אַ צערודערונג אין דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט נישט געוואָלט פאַרלענגערן די וויזעס. די דאָזיקע טראַנזיטאָרן האָבן נישט געקאָנט בעטן קיין אַרבעטס־רעכט, קיין דערנערונגס־קאַרטעס. שוואַנגערע פרויען און קינדער האָבן דערפון שטאַרק געליטן. מען פלעגט זיי פאַרלענגערן זייערע וויזעס אַלע 30 טעג. עס האָט זיך דאָ ביסלעכווייז געשאַפן אַ גאַנצער שיכט אַזעלכע פּראָוויזאָרישע טראַנזיטאָרן, וואָס האָבן געלעבט אין באַזונדערס שווערע באַדינגונגען.

די אַדמיניסטראַציע האָט געפאָדערט אַ באַשטעטיקונג פון דזשאָינט, היאַס, אַז די מענטשן קענען ווייטער ניט פאָרן און די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן נישט גערן געגעבן אַזאַ באַשטעטיקונג, וועלכע איז געווען אַ באַווייז, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד אויסצופירן זייער עמיגראַציע־אויפגאַבע.

אַ דאַנק אונזערע אינטערווענצן האָט די אַדמיניסטראַציע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיי פּאַפּירן אויף 3 מאָנאַטן, מיט דערנערונגס־קאַרטעס. מיר האָבן אָנגעגעבן אין אינערן־מיניסטעריום 400 ביטעס פאַר אַזעלכע פּראָוויזאָרישע טראַנזיטאָרן, וואָס זענען געקומען מיט קאָלעקטיווע וויזעס. מיר האָבן אינטערווענירט פאַר אַזעלכע טראַנזיטאָרן, וואָס האָבן נישט געקאָנט ווייטער פאָרן און אויך פאַר מענטשן, וואָס זענען געקומען אַהער פון דער פּראָווינץ, און וועמען די פּרעפעקטור פלעגט סיסטעמאַטיש אָפּזאָגן דאָס רעכט צו באַזעצן זיך דאָ, (צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די פּליטים פון „עקזאָדוס“).

„עקזאָדוס“

ווען די שיפן מיט די אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פון מאַרסעיל האָט דער פּרעפעקט קאָלאַווערי דערקלערט צו די אומגליקלעכע ייִדן:

„די פראַנצויזישע רעגירונג האַלט פאַר נייטיק צו לאָזן וויסן די אימיגראַנטן, אַז אויב זיי ווילן, וועלן זיי באַקומען אַן אַזיל אין פראַנקרייך. די וואָס ווילן אַראָפּ אויפן ברעג, וועלן געניסן פון דער פרייהייט, וואָס פראַנקרייך האָט תמיד געגעבן די אומגליקלעכע און פאַרפאָלגטע.“

ווען די שיפן האָבן פאַרלאָזן די פראַנצויזישע ברעגעס זענען בלויז 180 קראַנקע אַראָפּגעלאָזן געוואָרן פון זיי.

וואָס איז געוואָרן פון די 180 צעבראָכענע מענטשן, וועמען פראַנקרייך האָט אַזוי פריינטלעך פאָרגעשלאָגן גאַסטפריינטלעכקייט?

אַראָפּגייענדיק אויפן ברעג האָבן די מענטשן באַקומען מיט דער הילף פון „אוניאָן“ אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי קומען פון „עקזאָדוס“ און פּאַפּירן פון דער מאַרסעילער פּרעפעקטור גילטיק אויף 30 טעג.

נאָך אַן אויפנטהאַלט אין שפּיטאָל האָבן זיי גענומען זאָרגן וועגן זייער ווייטערדיקן גורל און וועגן אויפנטהאַלט־רעכט.

מען האָט אָנגעהויבן פּאַרציען און אַפּליִיגן דעם ענטפּער פֿון איין וואָך אויף דער צווייטער. אָן רעגולערע פּאַפּירן האָבן די מענטשן נישט געקענט זיך באַוועגן און פֿאָרן אויף דערהאַלונג. זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין רעכנונגס־קאַרטעס. די פֿרויען און קינדער האָבן געליטן אַמייסטן. די מענער און פֿרויען וואָס האָבן זיך געפֿילט בעסער האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין אַרבעטס־רעכט, נישט האָבנדיק קיין שום פּאַפּירן אויף וווין־רעכט.

די דאָזיקע סיטואַציע האָט געדויערט ביז דעצעמבער 1947. נאָך אַ ריי ענערגישע אינטערווענצן מצד דעם „פֿאַרבאַנד פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן אין פֿראַנקרייך" אין אינערן־מיניסטעריום האָבן די אימיגראַנטן ענדלעך באַקומען אַ רעסעפּיסע, וואָס ווערט באַנייט אַלע 3 חדשים.

הילף דורך אַרבעט

דער וויכטיקסטער טייל פֿון אונזער טעטיקייט באַשטייט אין באַזאָרגן די אימיגראַנטן מיט אַרבעט. פֿון אָנהויב אָן האָבן מיר זיך געשטעלט אַלס ציל צו העלפֿן די ניי־איינגעוואַנדערטע צו ווערן פּראָדוקטיווע עלעמענטן.

מען מוז פֿעסטשטעלן, אַז דאָס לעבן אין די דייטשע לאַגערן האָט ביי זיי אָפּגענומען דעם באַגריף פֿון דער וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט. און די דאָזיקע לייכטע באַציונג איז אויפֿגעהאַלטן געוואָרן דורך די הילפֿס־מעטאָדן פֿון „דזשאָינט", „היאַס", „קאָזשאַסאַר", וועלכע האָבן מיט זייערע פּעקלעך, קליידער א. אַ. וו. ניט ווייניק געהאָלפֿן צו אַנטוויקלען דעם שוואַרצן האַנדל אויף די ריוואַלי און אַנדערע יידישע צענטערן.

עס איז נייטיק געווען צו שאַפֿן אַ קייט צווישן דער זיכערקייט וואָס האָט געשאַפֿן דאָס באַקומען די פּאַפּירן און זייער ווייטערדיקן פּראָדוקטיוון לעבן. מיר האָבן אין דעם פּרט געשאַפֿן אונזער דינסט „הילף דורך אַרבעט".

די אַרבעט איז געגאַנגען אין דריי ריכטונגען:

1) פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַרבעט ביי די אימיגראַנטן.

2) באַמיונגען לטובת די אימיגראַנטן, צו געפֿינען פֿאַר זיי אַרבעטס־פּלעצער און שאַפֿן אַ פֿריינטלעכע סביבה אַרום זיי.

3) באַמיונגען אין אַרבעטס־מיניסטעריום.

מיר פּלעגן זיך אינטערעסירן מיטן גורל נאָר פֿון יענע אימיגראַנטן, וועלכע זענען געווען גענייגט צו אָריענטירן זיך אויף אַ פּראָדוקטיוון לעבן. מיר האָבן זיך נישט באַשעפֿטיקט מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געקליבן זיך צו פֿאָרן ווייטער. מיר האָבן גענומען אויף זיך די זאָרג נאָר פֿאַר יענע, וואָס האָבן געוואָלט דאָ בלייבן און אַרבעטן און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפֿן צווישן אונזערע פּראָטעזשירטע אַ מאַסע מענטשן מיט אייניטלעכע אינטערעסן, וואָס האָט אונז פֿאַרלייכטערט די אָרגאַניזאַציע פֿון אונזער אַרבעט.

מיר האָבן געשאַפֿן אַ קאָנטאַקט צווישן דער מאַסע און אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי די האַנטווערקער, אינטערסינדיקאַלע קאָמיסיע און די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, גרופּירטע אַרום פֿאַרבאַנד. די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונז געהאָלפֿן געפֿינען אַרבעט פֿאַר די אימיגראַנטן און מיר האָבן דאַן אינטערווענירט אין אַרבעטס־מיניסטעריום, צו באַקומען פֿאַר זיי אַרבעטס־רעכט.

אַרבעטס־פּאַפּירן

ביזן 1טן יאַנואַר 1948 האָבן מיר אין אַרבעטס־מיניסטעריום איבערגעגעבן 2936 דאָסיעס צו באַקומען אַרבעטס־רעכט. 248 אינטערווענצן האָבן מיר געמאַכט לטובת פּערזאָנען, וואָס מען האָט אָנטזאָגט די אַרבעטס־קאַרטע, אָדער וועמענס ביטעס עס זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען.

דערמיט האָט זיך אָבער אונזער טעטיקייט נישט באַגרענעצט. מען דאַרף נישט נאָר באַזאָרגן דעם מענטש מיט אַרבעט. מען דאַרף אויך נאָכפֿאָלגן אים, זען, ווי ער אַרבעט, אויסגלייכן אַלערליי קאָנפֿליקטן א. אַ. וו. אונזער אַמט האָט דורכגעפֿירט 740 אַנקעטעס אין דעם פּרט, און די אַנקעטעס קענען שאַפֿן אַ רייכן בייטראַג צו דער געשיכטע פֿון צופּאַסן די נייע יידישע אימיגראַציע אין פֿראַנקרייך צו אַ נאָרמאַלן, פּראָדוקטיוון לעבן.

אינטערווענצן אין יידישע אינסטיטוציעס

די סאָציאַלע זייט פֿון אונזער טעטיקייט, האָט זיך אַ חוץ די אַלע אַדמיניסטראַטיווע אינטערווענצן באַצויגן צו די פֿאַרהעלטענישן צווישן די ניי־איינגעוואַנדערטע מיט אַלערליי יידישע קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס.

מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט פֿאָלגנדיקע אינסטיטוציעס:

1) דזשאָינט און היאַס, כדי צו צוטיילן דאָס אָפּפֿאָרן פֿון די אימיגראַנטן, פֿאַר וועלכע עס האָבן אינטערווענירט ביי אונז זייערע לאַנדסמאַנשאַפֿט־געזעלשאַפֿטן, סיי היגע, סיי פֿון אַמעריקע. די דאָזיקע דורכרייזנדיקע — טראַנזיטאָרן — וועלכע האָבן געהאָפֿט שנעל אָפּצופֿאָרן צו דער פֿאַמיליע, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי מעבר לים, האָבן זיך אין פּאַריז אָנגעטראָפֿן מיט געוויסע שוועריקייטן אין די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס. דאָס האָט זיי אָפֿט געגעבן דאָס געפֿיל, אַז עס ווערט באַגאַנגען לגבי זיי אַן עוולה און אַז די באַציונג פֿון די אָנגעשטעלטע איז אָן אַ געהעריקער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זייער לאַגע. זיי ווענדן זיך צום פֿאַרבאַנד נאָך הילף, נאָך אַן אינטערווענץ. מיר האָבן כמעט שטענדיק באַוויזן אויסצוגלייכן די שוועריקייטן.

2) קאָזשאַסאַר ס. ס. אי.*) שטייט אויפֿן צווייטן אָרט פֿון די יידישע אינסטיטוציעס, וווּ מיר האָבן געהאַט צו אינטערווענירן פֿאַר די אימיגראַנטן.

---

*) קאָזשאַסאַר איז דער הילפֿס־אָרגאַניזם צו שטיצן מיט דזשאָינט־פֿאָנדן די נויטבאַדערפֿטיקע אין פֿראַנקרייך.
Comité Juif d'Action Sociale et de Reconstruction.

ווי געזאָגט, זענען פאַריקן ווינטער געווען אַ סך געבורט-פאַלן צווישן די ניי-געקומענע פרויען. זייער לאַגע נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל איז געווען טראַגיש און זיי זענען געווען איינגאַנצן אָנגעוויזן אויף דער הילף פון ס. ס. אי.*)

דאָס לעבן איז פאַריקן ווינטער געווען שווער אין פּאַריז. די ניי-איינגעוואַנדערטע האָבן געלעבט אין האָטעלן, אָן באַהייצונג, אָן דער מעגלעכקייט צו וואַשן די קינדער-וועש, צוגרייטן זיי וואַרעמע מילך א. א. וו. ס'האָבן געפעלט ווינדעלעך. פון ראָטשילד-שפּיטאָל האָט מען אונדז כּסדר געשיקט פרויען מיט ניי-געבוירענע קינדער, וועלכע האָבן נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן זיך.

דער קאָזשאַסאָר האָט אַנטזאָגט אונדזער דיספּאַנסער צו געבן ווינדעלעך פאַר קינדער. אויך דער מעדיצינישער „דישאַנט" האָט אונדז גאָרנישט געגעבן. דאָס פּראָבלעם פון ווינדלען איז געווען אומלייזבאַר.

אונדז איז געלונגען צו באַקומען אַ געוויסע צאָל קינדער-וועש אין סאָציאַלן אַמט פאַר עמיגראַנטן ביים אַרבעטס-מיניסטעריום. די זאַמלונגען וואָס עס האָבן דורכגעפירט אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפט-געזעלשאַפטן האָבן אונדז דערלויבט צו געבן הילף אין די דרינגענדיקסטע פאַלן.

נאָך אַ ריי אינטערווענצן און אַ דאַנק דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָט דער קאָזשאַסאָר אָרגאַניזירט אַן אויפנאַם-צענטער פאַר פרויען און זייערע ניי-געבוירענע קינדער.

3) אונדזערע באַציונגען מיטן קאָזשאַזאָר פון אַוועני סוקרעטאַן זענען געווען אָפטע אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג און שאַפן היימען פאַר די נייע אימיגראַנטן. די אומאָרדנונג און שלעכט אָרגאַניזירטע הילפס-פּאָליטיק פאַר די אימיגראַנטן, האָט אונדז געצוווּנגען צו אינטערווענירן דאָרט גאַנץ אָפט.

די אַרבעט פון אונדזער פאַרבאַנד, ווי אויך די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די דעמאָקראַטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון פּראָפעסיאָנעלער איבערקלאַסירונג האָט געהאָלפן שאַפן דעם „העפּוד"**), דעם „קאָפּיעזש"***), וועלכע האָבן איבערגענומען אַ טייל פון אונדזער אַרבעט.

*

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די אַלגעמיינע לאַגע אין פראַנקרייך שטאַרק געענדערט זייט אַ יאָר צייט, אַזוי אַז אונדז איז טאָג-טעגלעך אויסגעקומען צו אינטערווענירן, אין דער אָנוועזנהייט פון כּסדרדיקע שיקאַנעס מצד דער אַדמיניסטראַציע. עס פלעגן כּסדר אויפשווימען נייע שוועריקייטן און די ניי-איינגעוואַנדערטע האָבן אויף זיך אַליין געפילט, אַז פיל האָט זיך געענדערט אין לאַנד. נאָך די געשעענישן פון אָקטאָבער 1947 האָט זיך אויף די ניי-איינגעוואַנדערטע אַ שאָט געטאָן אַ האָגל מיט שווערע שטראָפן פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ און אונדזער אַמט האָט דאָ געהאַט דורכצופירן אַ ריזיקע שוץ-אַרבעט.

פּראָצעסן קעגן ניי-איינגעוואַנדערטע

פון סוף אָקטאָבער 1947 האָבן מיר אָנגעהויבן אויפנעמען אַ גרויסע צאָל ניי-איינגעוואַנדערטע, וועלכע פלעגן קומען צו אונדז מיט אויפאָדערונגען צוצושטעלן זיך פאַרן טריבונאַל.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זיי אַלע געהערן צו דער קאַטעגאָריע געהיימע אימיגראַנטן, אַריינגעקומענע אין לאַנד אין משך פון 1946. ביי זייער אָנקומען אין פּאַריז, זענען זיי אַדורך דעם 8-טן ביוראָ פון דער סירטע, וווּ מען האָט דעמאָלט פעסטגעשטעלט זייער אידענטיטעט און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל פון אַריבערגיין געהיים די גרענעץ. שפּעטער האָבן זיי געהאַט דורכצומאַכן 2 אַנקעטעס: 1) פון באַפעלקערונג-מיניסטעריום (אַ ספּעציעלע אַנקעטע) און 2) פון דער פּאָליצײַ (וועגן זייערע פּאַפּירן, זייער אַרבעט, זייערע לעבנסמיטלען א. א. וו.).

זייט דעם איז שוין אַדורך אַ לאַנגע צייט. אַ סך פון זיי האָבן באַקומען פּאַפּירן מיט וווין-רעכט, אַרבעטס-רעכט, א. א. וו. און אָט האָט מען זיי גענומען שטעלן פאַרן טריבונאַל, ווו זיי האָבן אָפטמאָל באַקומען שווערע שטראָפן פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ.

אַזוי צום ביישפּיל, האָט מען אין דער 6-טער קאָרעקציאָנעלער קאַמער געמשפּט אַ מאַן און באַשטראָפט אים מיט 3000 פר. געלט-שטראָף. פאַר דעם זעלבן חטא האָט מען זיין פרוי אין אַ צווייטער קאַמער פאַרמשפּט צו 3 חדשים טורמע.

צווישן די ניי-איינגעוואַנדערטע האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אַ מהומה-שטימונג, זיי האָבן זיך אַלע געפילט באַדראָט. דער יורידישער ראָט ביים „אוניאָן" האָט דעם 13-טן דעצעמבער 1947 זיך פאַרזאַמלט און באַטראַכט די לאַגע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן אַן אַקציע, סיי ביים אויסערן-מיניסטעריום, סיי ביים פאַראייניקטן ראָט פון די אָרגאַניזאַציעס, סיי ביים „קאַדי" און אויב נייטיק, אויך אין יוסטיץ-מיניסטעריום. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו אַלאַרמירן די פּרעסע און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

דעם 14-טן דעצעמבער 1947 האָט אַ דעלעגאַציע פון „אוניאָן" און אונדזער פאַרבאַנד באַזוכט דעם „קאַדי". אַ

---

*) ס. ס. אי. — אָפּטיילונג פון קאָזשאַסאָר פאַר נייע אימיגראַנטן. **Service Social aux Immigrés.**

) „העפּוד" איז אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט דעם ציל צו געבן אַ פּראָפעסיע אין משך פון אַ קורצער צייט, דערוואַקסענע אימיגראַנטן. **Habillement des Enfants des Fusillés et Déportés.

***) געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אָריענטירן די ניי-איינגעוואַנדערטע בעלי-מלאכות און אויך די, וואָס ווילן זיך לערנען אַ מלאכה. **Comité d'Orientation Professionnelle des Immigrés Juifs.**

צווייטע דעלעגאַציע האָט זיך געטראָפן מיטן פּרעזידענט פון דער קאָנסיסטאָריע ה' מיים.

מיר האָבן אויך איבערגעגעבן דער פראַנצויזישער פּרעסע אַ ברייטן מעמאָראַנדום, אויסרעכענענדיק פאַרשידענע קאָנקרעטע פאַלן. אונזער מעמאָראַנדום איז געווען אונטערגעשריבן פון פאַרשידענע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן.

אין אינערן-מיניסטעריום און אַנדערע אַדמיניסטראַציעס האָט מען אונז געענטפערט, אַז מען ווייסט גאָרנישט וועגן די אַלע פאַלן. געוויסע רעאַקציאָנערע צייטונגען, פראַנצויזישע און יידישע, האָבן אונז פאָרגעוואָרפן, אַז מיר „טרייבן איבער" די פאַקטן.

לײַדער איז עס אָבער געווען ניט אַזוי. אין איינעם אַ שבת פון חודש דעצעמבער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז פאַר דער 12-טער קאָרעקציאָנעלער קאַמער דאַרף געשטעלט ווערן אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע צאָל אימיגראַנטן.

מיר האָבן תיכף אַלאַרמירט דעם יורידישן ראַט פון „אוניאָן", אונזער צענטראַל-קאָמיטעט פון פאַרבאַנד און אַלע האָבן געקענט בייוווינען אַ פּיינלעכן ספּעקטאַקל.

צענדליקער יידישע נעמען זענען אויסגערופן געוואָרן דורכן ריכטער. כ'רוב זענען די אָנגעקלאָגטע ניט געווען אַנוועזנדיק, ווייל זיי האָבן די אויפפאָדערונג צום געריכט ניט באַקומען. מען האָט זיי פאַרמשפּט „אונטער די אויגן" און מען האָט זיי באַשטראָפט מיט 6 ביז 8 חדשים תפיסה און 20 ביז 40 טויזנט פר. געלט־שטראָף.

צווישן דער נייער אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק. מענטשן האָבן זיך געשראָקן פאַר זייער זיכערקייט. איייניקע האָבן שוין אַוועקגעוואָרפן זייערע נייע היימען, זייערע געשעפטן, און זענען צוריק אַוועק אין דייטשלאַנד, אין די לאַגערן. אונזער ביוראָ איז באַלאַגערט געוואָרן פון אַן עולם אָנגעשראָקענע מענטשן.

אַ ריי יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, דער „אוניאָן", דער „פאַרבאַנד" און „אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע יידן" האָבן באַלד געשאַפן אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט פאַר די איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס שטאַמען פון די יידישע לאַגערן. דער קאָמיטעט האָט באַקומען די אונטערשטיצונג פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי האנרי וואלאן, פּאָל עלואַר, עמיל בירע, מאַרסעל קאַשען, זשאַן־זשאַק בערנאַר.

חוץ אַפּעל און מעמאָראַנדום, וואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן, האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג. די פּרעסע האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן. עס האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען אין „אָרדר", „טעמואַניאַזש קרעטיען", „אַקסיאָן", „פראַן טירער" א. אַנד.

אַ פּראָצעס פון 2 פון אונזערע פּראָטעזשירטע איז ספּעציעל באַרימט געוואָרן: דער פּראָצעס פון מאַדאַם ר. און ה' ז. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן „אונטער די אויגן". עס איז געמאַכט געוואָרן אַן „אָפּאָזיציע" און דער פּראָצעס איז ווידער געקומען פאַר דער 12-טער קאַמער דעם 17-טן יאַנואַר 1948. די אַדוואָקאַטן מאַראַ-דזשיאַפּערי און י. פרענקעל האָבן זיי פאַרטיידיקט.

אַלס עדות זענען אויפגעטרעטן דער באַקאַנטער מלוכה־מאַן זשיסטען גאָדאַר און אַדוו. שאַרל לעדערמאַן. דער סאָציאַלער דינסט פון פאַרבאַנד איז אויך אויפגעטרעטן אויפן פּראָצעס, ווו עס האָט זיך אַגב געדרענגט אַ גרויסער עולם פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, פאַרטרעטער פון דער גאַנצער פּרעסע, אַדוואָקאַטן א. אַ. וו.

די אַדוואָקאַטן פרענקעל און מאַראַ דזשיאַפּערי האָבן אין זייערע רעדעס אויפגעשטעלט פאַרן טריבונאַל דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון די יידן, וואָס זיצן נאָך אין די דייטשע לאַגערן. צום ערשטן מאָל נאָך דער באַפרייונג האָט זיך פאַרן פראַנצויזישן געריכט אויפגעהויבן אַ שטימע צו פאַרטיידיקן די מאָראַלישע און יורידישע רעכט פון דער יידישער שארית הפּליטה. די פּראַזע פון אַדוואָקאַט מאַראַ דזשיאַפּערי: — „זיי האָבן גענוג באַצאָלט! זיי קומען מער גאָרנישט!" — וועט בלייבן אַ היסטאָרישע פּראַזע און דערמאָנען דעם קרבן פון די 6 מיליאָן אומגעבראַכטע יידן און די לײַדן פון די איבערגעבליבענע, קעגן וועלכע די רעאַקציע פירט כסדר אַ קאַמף.

דער פּראָצעס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. ער האָט זיך אָבער פאַרצויגן אויף קנאַפּע 2 מאָנאַטן און די שטראָף איז געמילדערט געוואָרן.

מיר האָבן שפּעטער אויך געווירקט, אַז פאַרשידענע גרופּעס פון פּאַרלאַמענט זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון די ניי־איינגעוואַנדערטע און אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע דעפּוטאַטן פון אַלע פּאַרטייען, וואָס האָט צוגעזאָגט צו פאַרטיידיקן די רעכט פון דער יידישער נייער אימיגראַציע. די גרופּע וועט אַריינטראָגן אַן אַנטשפּרעכנדיקן געזעץ-פּראָיעקט אין פּאַרלאַמענט.

די אַרבעט פון אונזער פאַרבאַנד גייט אָבער ווייטער. מיר האָבן איצט צו פאַרטיידיקן די ניי-איינגעוואַנדערטע אויף אַנדערע געביטן: רעכט אויף אַרבעט, דראָונגען פון אויסווייז צוליב פּאַרטייאישע אַנקעטעס פון באַפעלקערונג-מיניסטעריום. וווינרעכט פאַר אומפּעיקע צו אַרבעטן, פאַר קראַנקע, הילף דער יוגנט, וואָס וויל זיך לערנען א. אַ. וו.

אויב אונזער באַריכט שיינט צו זיין אָרעם און ניט פולקאָם, איז אָבער כדאַי צו וואַרפן אַ בליק אויף דער פאַרגאַנגענער אַרבעט און צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער איצטיקער לאַגע פון דער אימיגראַציע און וועגן איר צוקונפט. דאָס קען געבן אַן אָנונג ווי שווער עס איז די אַרבעט, וואָס וואַרט אויף אונז און ווי גרויס עס איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אונז טאָג-טעגלעך.

לאַזאַר וויינאַפּעל

זאָרג פאַר די קינדער - זאָרג פאַר דער צוקונפט

גלייך נאָך דער באַפרייונג פון דער היטלער-אָקופּאַציע איז די ערשטע און דרינגענדיקסטע זאָרג געווען צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון אונזער ישוב ד. ה. צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ און די דערציונג פון אונזערע קינדער, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די נאַצישע נעגל, זענען אָבער געבליבן אָן עלטערן.

צו דעם צוועק האָבן דער „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף" („אוניאָן") און דער „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן" געשאַפן צוזאַמען די **צענטראַלע קינדער-קאָמיסיע**, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאַציע און דורכגעפירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, וועמענס רעזולטאַטן זענען גאָרנישט הויך גענוג אָפּצושאַצן.

וואָס מיר האָבן געטאָן פאַר די געראַטעוועטע יידישע קינדער אין פראַנקרייך

אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייונג איז די גרעסטע זאָרג פון דער צענטראַלער קינדער-קאָמיסיע געווען דאָס אויסגעפינען די יידישע קינדער, וועלכע זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין די פאַרשידענע באַהעלטענישן צעוואָרפן איבער גאַנץ פראַנקרייך. עס זענען געווען פיל קינדער, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן דורך זייערע עלטערן ביי פּריוואַטע פראַנצויזישע פאַמיליעס אויפן דאָרף און די עלטערן זענען נאָכדעם דעפּאָרטירט געוואָרן. אַדאַנק דער צענטראַלער קינדער-קאָמיסיע און אירע סעקציעס אין דער פּראָווינץ, זענען אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייונג אָפּגענומען געוואָרן הונדערטער קינדער, וואָס די צענטראַלע קינדער-קאָמיסיע האָט גענומען אונטער איר קאָנטראָל און אויפזיכט.

שאַפן קינדער-היימען פאַר די געראַטעוועטע קינדער — איז געווען פון די דרינגענדיקסטע אויפגאַבן. אַ שווערע אויפגאַבע אין אַ צייט פון חורבן, ווען די גאַנצע באַפעלקערונג איז פאַראָרעמט און דערשעפּט פון די ביטערע מלחמה-יאָרן. דערצו זענען נויטיק געווען גרויסע געלט-מיטלען. ניט געקוקט אויף די געוואַלדיקע שוועריקייטן, האָט דער „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף" (אוניאָן) צוזאַמען מיטן „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפט", געפּרוווט צו שאַפן די ערשטע קינדער-היים פאַר קינדער פון דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע עלטערן.

מיט דער הילף פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אין מערץ 1945 דערעפנט געוואָרן די ערשטע קינדער-היים אין מאָנטרוי, ווו דרייסיק קינדער פון פאַרשידענעם עלטער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן.

אין דער קינדער-היים זענען זיי געקומען פון דאָרף, ווו זיי זענען געווען אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים, ביי „נוריסן", ביי גלחים און אַפילו אין שטראָף-הייזער. אויסגעהונגערטע, מאָגערע און אָפּגעשוואַכטע, אין צעריסענע מלבושים, אָפט פאַרלויזיקטע און שמוציקע, מיט פיל שרעק אין די אויגן, מיט אומצוטרוי צום גאַנצן אַרום.

אין דער קינדער-היים האָבן זיי געפונען אַ וואַרעמע סביבה, פיל אויפמערקזאַמקייט און ליבע מצד די דערציער, מעדיצינישע אויפזיכט, אַ זויבער בעט און גוטע דערנערונג.

די אויסברייטערונג פון קינדער-היימען-נעץ

מיט פיל עקשנות און אָפּפערווילִיקייט טרעטן די טוער פון דער צענטראַלער קינדער-קאָמיסיע צו אויפצובויען נייע קינדער-היימען פאַר די פאַרוואָרלאָזטע קינדער. עס פעלן אָבער געלט-מיטלען. די יידישע באַפעלקערונג ווערט גערופן

זיך צו באַטייליקן אין אַ זאַמל־אַקציע פֿאַר פֿינף מיליאָן פֿראַנק, וואָס דער „פֿאַרבאַנד פֿאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף" (אוניאָן) נעמט אונטער צוזאַמען מיטן פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטן.

די סומע פֿון 5 מיליאָן פֿראַנק איז דערגרייכט געוואָרן אין איייניקע מאָנאַטן. צען טויזנט מענטשן האָבן צוגעטראָגן זייער ביישטייער. אַרבעטער, אַרבעטנדיקע און פֿאָלקס־מענטשן — איבערגעגעבענע פֿריינט האָבן געגעבן זייער חלק הילף, יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן. אַלע האָבן זיי געפֿילט די אחריות פֿאַר דער ירושה — די הונדערטער פֿאַרבליבענע יתומים — פֿאַר וועמען עס איז נויטיק צו בויען היימען און פֿאַרזיכערן זייער צוקונפֿט.

אַן אַרויסמאַרש פֿון די קינדער

אין דער זעלבער צייט מיילט אויך דער „דזשאָינט" צו אַ געוויסע שטיצע און אין אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט ווערן דערעפֿנט 7 קינדער־היימען: אין סענט־מאַקסים, אין רייַנסי (2 קינדער־היימען), אין אַנדרעזי, אין עקס־לע־בען. אין מאָנטרוי ווערט דערעפֿנט די זיבעטע קינדער היים פֿאַר יינגלעך. די קינדער ווערן איינגעטיילט אין די קינדער־היימען לויטן עלטער, און די ערשטע קינדער־היים פֿון מאָנטרוי ווערט אָפּגעגעבן פֿאַר גרעסערע מיידלעך (פֿון 14 ביז 17 יאָר). איין קינדער־היים אין רייַנסי איז באַשטימט פֿאַר די קלענסטע (3-4־יאָריקע) פֿאַר אַ קינדער־גאָרטן.

די אַכטע קינדער־היים איז דערעפֿנט געוואָרן אין אָקטאָבער 1947 אין ליווריי־גאַרגאַן. אין די קינדער־היימען לעבן ביז היינט צו טאָג 460 קינדער.

אַלע קינדער פֿון שול־עלטער באַזוכן די קאָמונאַלע שולן. עס ווערט געלייגט גרויס אַכט אויף די יעניקע קינדער, וואָס זענען הינטערשטעליק צוליב די מלחמה־יאָרן אין די לימודים. פֿאַר די גאָר קליינע איז אין דער קינדער־היים פֿון רייַנסי טעטיק אַ פֿרעבל שול. אַ גרעסערע צאָל קינדער באַזוכט די גימנאַזיע, אַנדערע ווידער לערנען פֿאַך אין פּראָפֿעסיאָנעלע שולן, אָדער אין וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן.

אין דער קינדער־היים באַקענט זיך דאָס קינד מיטן יידישן לעבן, מיט יידישע פּראָבלעמען. דורך פֿאָרלעזונגען, שמועסן, יידישע געשיכטע, קינדער־פֿאַרוויילונגען, יום טובים, מעשהלעך, לידער און געדיכטן — דערוויסט זיך דאָס קינד וועגן זיין אָפּשטאַם, וועגן זיין פֿאָלק.

אַחוץ די קינדער־היימען, פֿאַרנעמט זיך אויך די צענטראַלע קינדער קאָמיסיע מיט געבן מאַטעריעלע און מעדיצינישע הילף אַ גרעסערע צאָל קינדער. אין מאָנאַט יאַנואַר 1948 האָבן 350 קינדער באַקומען שטיצע. די קינדער באַקומען שפּייז, קליידער און אַנדערע נויטיקע פּראָדוקטן און זאַכן.

אַלץ פֿאַרן געזונט פֿון די קינדער

כדי צו פֿאַרבעסערן דאָס געזונט פֿון די קינדער, האָט די צענטראַלע קינדער־קאָמיסיע גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע אַרויסצושיקן זיי אין די פֿעריען־חדשים אויף זומער־אָפּרו. אין יענעם זומער פֿון 1945 האָבן 610 קינדער גענאָסן פֿון אַ חודש אָפּרו. זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין די בערג, ביים ים און אויפֿן דאָרף.

אין דער צייט פֿון די ווינטער־פֿעריען צו ניי־יאָר 1946 זענען 100 קינדער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די אַלפּן בערג.

די צאָל קינדער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף זומער־אָפּרו אין 1946 איז שטאַרק פֿאַרגרעסערט געוואָרן. צוויי טויזנט קינדער האָבן דאָסמאָל פֿאַרבראַכט אין די קאָלאָניעס ביים ים, אויפֿן דאָרף און אין די בערג. אַ קלענערע צאָל האָט אויך פֿאַרבראַכט אין ענגלאַנד.

אויך צו ניי־יאָר 1947 זענען 300 קינדער אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אָפּרו אין די בערג.

פֿון די קינדער־קאָלאָניעס האָבן גענאָסן קינדער פֿון אונטער 6 ביז 18 יאָר. דער ווייט גרעסטער טייל (79 פּראָצענט) זענען דאָס געווען קינדער פֿון דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע עלטערן.

די ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער סיטואַציע אין לאַנד און די שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן באַשווערט אונטערנעמען און אָרגאַניזירן די זומער־קאָלאָניעס אין 1947. אַ יקרות און גלייכצייטיק אַ מאַנגל פֿון לעבנס־מיטל — צוויי נישט גינסטיקע פֿאַקטאָרן, וואָס קענען גורם זיין אַ דורכפֿאַל פֿון אַזאַ אונטערנעמונג.

און די „אוניאָן" און דער פֿאַרבאַנד, אָפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון פֿון די גרויסע שוועריקייטן און גלייכצייטיק פֿון די נויטן פֿון דער גרויסער קינדער־מחנה — האָבן דאָך פֿאַרגענומען צו שאַפֿן די נייטיקע אָפּרו־קאָלאָניעס פֿאַר 2.500 קינדער.

גרויסע מי און אָנשטרענגונג האָט געקאָסט דאָס געפֿינען די פּאַסיקע ערטער און געביידעס פֿאַר די קאָלאָניעס. און דאָך

איז געלונגען צו געפינען די פאַסיקע פלעצער פאַר די קאָלאָניעס. גלייכצייטיק האָבן אויך די „אוניאָן"-סעקציעס פון טולוז, נאַנסי, מעץ, שטראַסבורג און מאַרסעיל איינגעאָרדנט זומער-קאָלאָניעס, אַדאַנק וועלכע 2.500 קינדער האָבן געקראָגן די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַ געזונטן און פרייִדיקן אָפרו.

אַדאַנק אונזערע פריינט פון ענגלאַנד, האָלאַנד, דענעמאַרק, האָט אַ צאָל קינדער פון די קינדער-היימען פאַרבראַכט דאָרט די זומער-פעריען. אונטער דער פאָטערלעכער השגחה פון די אָרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די קינדער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון די יידישע ישובים אין די געגעבענע לענדער.

די צענטראַלע קינדער-קאָמיסיע האָט געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן אויפצונעמען אַ גרופּע קינדער, וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון פוילישע יידן האָט געבראַכט קיין פראַנקרייך פון פוילן, ספּעציעל איינגעלאַדן זיי צו פאַרברענגען די פעריען-צייט מיט די יידישע קינדער אין פראַנקרייך.

יידישע דערציונג

נאָך דער באַפרייונג האָט די צענטראַלע קינדער-קאָמיסיע דערעפנט יידישע צוגאָב-שולן און געגעבן יידישע קינדער די מעגלעכקייט זיך צונויפצוזאַמלען אין אַ היימישער אַטמאָספער. אין אַ גאָר קורצער צייט זענען אין 1945 יאָר דערעפנט געוואָרן 10 שולן. עס איז אָבער נישט מעגלעך געווען אַוועקצושטעלן די דערציונגס-אַרבעט אויף אַ געהעריקן ניוואָ. די מלחמה און די דעפּאָרטאַציעס האָבן אויך נישט אויסגעמיטן דעם יידישן לערער-פּערסאָנאַל.

עס איז געווען אַ מאַנגל אין לערער און לערנמאַטעריאַל און גלייכצייטיק מיטן דערעפענען די שולן, איז אויך דערעפנט געוואָרן אַ לערער-קורס און אַ יידיש לערנבוך „איך לערן יידיש" (אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון „דזשאָינט" און פּראָטערנעלן פאָלקס-אָרדן אין אַמעריקע) איז דערשינען צום צווייטן שול-יאָר נאָך דער באַפרייונג.

ביים היינטיקן טאָג פונקציאָנירן 9 צוגאָב-שולן אין פאַריז מיט אַ צאָל פון 550 קינדער. אויך אין די שטעט נאַנסי, טולוז, מאַרסעיל, ליאָן האָבן די „אוניאָן"-סעקציעס דערעפנט יידישע צוגאָב-שולן.

אין די שולן לערנען קינדער יידיש, יידישע געשיכטע, באַקענען זיך מיטן יידישן לעבן, מיטן יידישן שאַפן, לערנען זינגען יידישע לידער, מאַכן האַנט-אַרבעטן, וואַנט-צייטונגען, אויספלוגן און עקסקורסיעס אויפן פרייען פעלד, אין מוזעאומס און טעאַטער, פאַרווײַלונגען און יום-טובים.

דער ציל פון די שולן איז — דערנענטערן דאָס יידישע קינד צו דער יידישער היים. דאָס קינד, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט פון קריג אויסבאַהאַלטן און אָפּגעפרעמדט, דאַרף באַקומען אַ פּראָגרעסיווע יידישע דערציונג.

די קינדער פון די צוגאָב-שולן, ווי אַלע אַנדערע קינדער אונזערע, זענען אונטער שטענדיקער מעדיצינישער אויפזיכט פון דער פאָלקס-קליניק („מעדיצינישע הילף" ביי דער „אוניאָן" און „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן").

די „אוניאָן" פירט אויך אָן מיט אַ יוגנט-אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין 1945 יאָר מיט אַ צאָל פון 80 יוגנטלעכע און ציילט היינט 500 מיטגלידער אין פאַריז און בערך 200 — אויף דער פּראָווינץ.

צו דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע געהערן יוגנטלעכע פון 13 ביז 17 יאָר. די יוגנטלעכע פירן אַ דערציערישע און ספּאָרטיווע טעטיקייט: כאָרן, דראַמקרייזן, שמועסן און רעפעראַטן וועגן געזעלשאַפטלעכע און אַקטועלע פראַגן. איינצייטיק מאַכן זיי ספּאָרט, אויספלוגן, קאַמפּינג און שווימען.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט אויך דאָ געשאַנקען דער יידישער דערציונג.

„מיר זענען דאָ"

...קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פויק טון אונזער טראָט, מיר זענען דאָ!
(פון הירש גליקס פּאַרטיזאַנען-ליד)

נאָך אַזויפיל קלעפּ, אַזויפיל פּיין און נויט, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן אין לעצטן מערדערישן נאַצי-קריג — זאָגן מיר: מיר זענען דאָ! מיר זענען דאָ מיט אַ ווילן ווייטער צו לעבן, ווייטער צו בויען אונזער חרוב געוואָרן לעבן, ווייטער דערציען אונזערע קינדער. אונזער ווילן צו לעבן האָבן מיר פאַרייביקט אין אַ פילם. די דאָזיקע רעאַליזירונג איז נישט סתם אַ פילם צוליב פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן. דער פילם איז געבויט אויף דער ווירקלעכקייט. ער גיט אַ בילד, ווי אַזוי די קינדער אונזערע זענען געראַטעוועט געוואָרן, ווי זיי לעבן איצט אין זייערע קינדער-היימען און ווי אַזוי זיי האָבן פאַרבראַכט אין די קינדער-קאָלאָניעס. דער פילם איז אַ רעאַל בילד פון אונזערע קינדער-היימען, פון אונזערע זומער-קאָלאָניעס, מיט אונזערע קינדער, וועלכע באַווייזן אייך, ווי זיי לעבן, שלאָפן, עסן, וויילן זיך, לאַכן און זינגען זייערע אייגענע לידער.

דער פילם דאַרף אויך דינען צו באַווייזן די יידן אין פראַנקרייך, וועלכע האָבן געהאָלפן בויען דאָס דאָזיקע ווערק, — אַז זייער ביישטייער איז פאַרווענדט געוואָרן אויף נוצלעכע צוועקן. אויך אַנדערע יידן פון פראַנקרייך, ווי די יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, דאַרפן אַדאַנק דעם פילם זיך באַוווּסט ווערן, אַז ס'זענען געבליבן יידישע קינדער — יתומים, פאַר וועלכע מען מוז זאָרגן און העלפן דערציען.

ד״ר פּיער גרינבערג

דירעקטאָר פון פאָלקס-קליניק „מעדיצינישע הילף“

די זאָרג פאַרן געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג

געזונט — דאָס איז אָן שום ספק דאָס הייליקסטע רעכט, וואָס די געזעלשאַפט דאַרף אָנערקענען פאַר יעדן מענטש.

די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין דער ריכטונג פון אַן אָרגאַניזירטן, קאָלעקטיוון לעבן איז אַ פאַקט. נישט קיין באַדויערן און נישט קיין ווינטשן וועלן עס אָפּהאַלטן. אויב די מעדיצין פאַרשליסט זיך אין אירע איצטיקע געוווינהייטן און דאָגמעס, אויב זי נעמט נישט אין באַטראַכט די נייע פאָדערונגען, וואָס ווערן געשטעלט לגבי איר דורך אַן אינדוסטריאַליזירטער ווירטשאַפט, קאָן זי מער נישט דערפילן אירע אַלערערשטע שליחות: שוץ פון מענטשן.

אַ צענטער פאַר דיאַגנאָסטיק און היילונג איז אויפגעבויט אויף אַ נייער קאָנצעפּציע פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון מעדיצינישער הילף פאַר דער באַפעלקערונג. אין קעגנזאַץ צו דער „באַלמעלאָכעשער“ קאָנצעפּציע פון דער טראַדיציאָנעלער היילקונסט שטעלט זי פאַר דעם פּרינציפּ פון אַן „עקיפּ“, אַ בריגאַדע, אַזוי צו זאָגן, וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו די טעכנישע דעראָבערונגען פון דער העלפט פון 20-טן י. ה. דער צענטראַלער געדאַנק פון אָט דער קאָנצעפּציע איז דער, אַז די מעדיצין דאַרף אויסנוצן לטובת הכלל די לעצטע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער טעכניק, כדי צו פאַרזיכערן דער באַפעלקערונג די בעסטע הילף. דאָס הייסט, אַז די מעדיצין דאַרף זיך שטיצן אויף אַ פולקומענעם טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס דערלויבט דעם דאָקטאָר דורכצופירן גיך און מיט אַ מינימום פון הוצאות אַלע נויטיקע אַרבעטן, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דער דיאַגנאָסטיק צי פאַר דער באַהאַנדלונג פון קראַנקן. פון דעם איז געדרונגען, אַז מען דאַרף האָבן נישט בלויז אַ מאָדערנע אינסטאַלאַציע נאָך אויך אַ גרופּע פון מעדיקער-ספּעציאַליסטן פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער מעדיצין. ספּעציאַליסטן, וואָס זאָלן אַרבעטן אין ענגסטער פאַרבינדונג איינער מיטן צווייטן.

די הײַנטיקע נייע פאָרמולע פון אַ דיספּאַנסער ווייזט אויס צו זיין פילקומען פון קוק-ווינקל פון דער מעדיצין אָן און פאַר זיך. אָבער די מעדיצין איז נישט קיין אַבסטראַקטע וויסנשאַפט. זי איבט אויס איר קונסט אויפן מענטש, אויף אַ סאָציאַלן וועזן, וועמענס גאַנץ לעבן שפּיגלט אָפּ די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער פירט זיין עקזיסטענץ-קאַמף. די פאַרשידענע קראַנקייטן, וואָס ער מאַכט דורך אין זיין לעבן, זייער היילונג הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון אָט די באַדינגונגען. דער מעדיצינער טאָר נישט פאַרגעסן אָט דעם פאַקט. דערפאַר טאַקע וועט ער אונטערזוכן מיטן גרעסטן אינטערעס דעם אַלגעמיינעם פיזישן צושטאַנד פון קראַנקן, אים געבן הילף, ראַט און אונטערשטיצונג. סאָציאַלע אַקציע, מעדיצינישע אַקציע — איינע אָן דער צווייטער איז גאָרנישט. ביידע דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק.

*

אין 1946 איז געוואָרן 10 יאָר זייט דעם אַנטשטיין פון דער פאָלקס-קליניק. זי האָט ערשט איצט אָנגעהויבן זיך ווידער אַנטוויקלען. אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייונג איז זי געווען אין אַ טרויעריקן צושטאַנד. די נאַצישע באַרבאַרן זענען אַדורך אויך דורך איר. ווי אין אַלע יידישע היימען האָט זייער דורכגיין אויך דאָ איבערגעלאָזן צעשטערונג און טרויער. די לאָקאַלן פון דיספּאַנסער פאַרוויסט און באַזעצט, די מעבל צעבראָכן, די אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן — מער נישט צו פאַרווענדן. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פונעם אַמאָליקן דיספּאַנ-

טער אויף די טירען. מען האָט געמוזט אָנהייבן אויפסניי, אויפבויען אַלץ פון סאַמע אָנהייב.

די אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע. אָבער די, וואָס האָבן בשעתו פאַרטראַכט און אויפגעבויט די פאָלקס-קליניק, האָבן געהערט צו די, וואָס האָבן אין די יאָרן פון קאַמף זיך צוגעוווינט איינצושטעלן זייער לעבן און זייער פּערזאָן, זיך צוגעוווינט נישט צו פאַרלירן דעם מוט פאַר שוועריקייטן.

אויך איצט האָבן זיי נישט פאַרלוירן קיין צייט און די אויפגאַבע איז טאַקע געווען אַ דרינגענדיקע. די לעבנגעבליבענע פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען. די געראַטעוועטע קינדער האָבן פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע מעדיצינישע פלעגע, און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך גענויטיקט, נאָך די יאָרן פון פיזישע און מאָראַלישע ליידן, אין אַ פאַכמענישער, מעדיצינישער הילף.

דער „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך”, וואָס האָט שוין פאַר דער מלחמה אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון געזונט-וועזן, האָט אויך איצט נישט געקאָנט בלייבן פּאַסיוו. זיין גענעראַל-סעקרעטאַר, אַלפרעד גראַנט, איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער פאָלקס-קליניק פאַרן קריג, האָט איצט ווידער געוואָרפן דעם רוף צו די יידישע מעדיצינער און זיי געבעטן מיטצואַרבעטן אין דער נייער פּאָליקליניק, וואָס מען האָט אָנגעהויבן איינצואָרדענען. צענדליקער יידישע דאָקטוירים האָבן געענטפערט אויפן רוף: מיר זענען דאָ!

דעם 15-טן יוני 1945 האָט דער דיספּאַנסער אָנגעהויבן נאָרמאַל צו פונקציאָנירן מיט 9 מעדיצינישע אויפנאַם-שעהן אַ וואָך. דער לאָקאַל און די איינריכטונג זענען נאָך געווען נישט-גענוגנדיקע. נישט פאַרמאָגנדיק קיין גרויסע פאָנדן (ערשט זעקס חדשים נאָך זיין דערעפענונג האָט דער „דזשאָינט” אָנגעהויבן אים צו סובסידירן), אָנגעוויזן בלויז אויף דער הילף פון די מיטגלידער פון דער „אוניאָן” און פונעם „פאַרבאַנד”, האָט דער דיספּאַנסער נישט געקאָנט דערפילן אַלע פונקציעס פון אַ מעדיצינישן צענטער. זיין געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער, וואָס שליסט אויס יעדע סתם פילאַנטראָפּיע, די סימפּאַטיע, וואָס ער רופט אַרויס ביי די ברייטע קרייזן פון דער פּאַריזער יידישער באַפעלקערונג, האָבן אָבער דערמעגלעכט זיין עקזיסטענץ און זיין דערפאָלג. מער ווי 4.000 קראַנקע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די ערשטע זעקס חדשים, פון יוני ביז דעצעמבער 1945.

דער דיספּאַנסער באַקומט אַ נייעם שווונג נאָכדעם, ווי ער ווערט אַריבערגעפירט אויף 14 רי פּאַראַדי. איינגעאָרדנט לויט אַלע כללים פון דער היגיענע, אין אַן אָנגענעמען און פריינטלעכן לאָקאַל, וואַקסט ער גיך אויס צו אַ גרויסן מעדיצינישן צענטער. די פאָלגנדיקע סטאַטיסטיק ווייזט די אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאָליקליניק:

די צאָל קראַנקען-באַזוכער 1946-1947:

חודש	1946	1947
יאַנואַר	817	1.915
פעברואַר	765	1.966
מערץ	836	2.194
אַפּריל	718	2.523
מאַי	1.179	2.191
יוני	1.559	3.016
יולי	1.659	2.588
אויגוסט	833	1.886
סעפּטעמבער	1.052	1.416
אָקטאָבער	1.809	2.139
נאָוועמבער	1.811	2.158
דעצעמבער	1.756	1.875

באַלד האָט מען געדאַרפט אויסברייטערן באַשטימטע אָפּטיילונגען און שאַפן נייע. אַזוי האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן יעדן טאָג פאַר- און נאָכמיטאָג אַ דאַנטיסטישער קאַבינעט, ס'זענען געשאַפן געוואָרן נייע קאָנסולטירונגען פאַר אָפטאַלמאָלאָגיע, כירורגיע און אַלגעמיינע מעדיצין. אין אָקטאָבער 1946 האָט מען געעפנט אַן אָפּטיילונג פאַר ראַדיאָסקאָפּיע און ראַדיאָגראַפיע. די



דיאַגראַמע, וואָס ווייזט דעם פאַרנעם פון דער מעדיצינישער טעטיקייט פון דער פאָלקס-קליניק.

דאָזיקע אָפּטיילונג צוזאַמען מיט דער שוין באַשטייענדיקער אָפּטיילונג פאַר דיאַטערמיע און אולטראַ־פיאָלעטע שטראַלן באַדייט אַ וויכטיקן עטאַפּ אין דער מאָדערניזירונג פון אונזער מעדיצינישן צענטער.

אונטערזוכונג פון זויג־קינדער אין דער פאָלקס־קליניק.

די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם צענטער האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע נישט בלויז צו שאַפן אַ מעדיצינישן צענטער נאָר אויך אַ סאָציאַלן צענטער אין דינסט פון דער יידישער באַפעלקערונג. די סאָציאַלע הילף ווערט אַדורכגעפירט דורך אַסיסטענטן און אַסיסטענטקעס, וואָס באַזוכן די קראַנקע אין דער היים און אין די שפּיטעלער, פאַרטיילן אומזיסטע מעדיקאַמענטן פאַר נויטבאַדערפטיקע, באַזאָרגן זיי מיט פּלעצער אין סאַנאַטאָריומס, פּרעווענטאָריומס און אָפּרו־הייזער.

דער שוץ פון קינדער־געזונט באַשעפטיקט אונז אין ערשטער ריי. אונזער צענטער האָט צוזאַמענגעשטעלט מער ווי 4.000 געזונטהייט־ביכלעך פאַר קינדער פון 3 ביז 18 יאָר. אַלע קינדער פון אונזערע קינדער־היימען, אַלע קינדער, וואָס ווערן באַזאָרגט דורך אונזער אָרגאַניזאַציע, די קינדער פון די צוגאָבשולן און פון די זומער־קאָלאָניעס ווערן מסדר מעדיציניש קאָנטראָלירט דורך אונזער צענטער.

די דעמאָגראַפישע פראַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג ציט אַלץ מער צו אונזער אויפמערקזאַמקייט. די יידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע געפינט זיך נאָך דער היטלערישער אויסראָטונג אין ערגערער לאַגע ווי די אַנדערע פעלקער. די היטלער - קאַטאַסטראָפע איז אויסגעבראָכן אין אַ מאָמענט ווען די יידישע דעמאָגראַפישע לאַגע האָט אָנגעהויבן אויפצווייזן באַאומרואיקנדיקע סימפּטאָמען. שוין פאַרן ערשטן וועלט־קריג איז ביי די יידן פון מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע די שטערבלעכקייט - ציפער געווען גרעסער ווי די געבורטן־ציפער. נאָר ביי די מזרח - אייראָפּעישע יידן האָט די געבורטן־צאָל אַריבערגעשטיגן די שטערבלעכקייט. איצט איז דער גרעסטער טייל פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן אויסגעמאָרדעט געוואָרן, אַזוי אַז דאָס אייראָפּעישע יידנטום קאָן אַפּילו מער נישט אויפהאַלטן זיין איצטיקן, פאַרמינערטן באַשטאַנד. דער איינציקער מיטל צו פאַרמיידן אַ ווייטערדיקע פאַרמינערונג פון די יידן אין אייראָפּע איז צו הייבן די געבורטן־צאָל. אין די לענדער, ווו די מלוכה אינטערעסירט זיך נישט גענוג צו פאַרגרעסערן די געבורטן־צאָל פון דער באַפעלקערונג, איז עס דער חוב פונעם גאַנצן יידישן ישוב צו פאַרלייכטערן פאַר דעם יינגערן דור די דערפילונג פון זיין אויפגאַבע. מען דאַרף זאָרגן דערפאַר, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל געניסן פון די דעמאָגראַפישע שוץ־געזעצן פונעם לאַנד. (שוץ פון קינד, מוטער - פאַרזיכערונג, פאַמיליען - אונטערשטיצונג א. אַ. וו.)

מיטן דאָזיקן ציל האָבן מיר אין מאַי 1947 אויך געשאַפן אַ קאָנסולטאַציע־שטעלע פאַר שוואַנגערע פרויען און פאַר זויג--קינדער.

אונזערע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אָנערקענט דורך דעם אַמט פאַר מוטער־ און קינדער־שוץ ביי דער פּרעפעקטור און דער „סאָציאַלער זיכערקייט”, האָבן די מעגלעכקייט דורכצופירן דעם מעדיצינישן קאָנטראָל פון די צוקונפטיקע מוטערס, נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון די ניי־געבוירענע קינדער און אויסצוצאָלן די פאַמיליען־אונטערשטיצונגען פאַר די, וואָס האָבן אויף דעם אַ רעכט.

מיר גלויבן, אַז דורכדעם פירן מיר נישט בלויז דורך אַ הומאַניטאַר ווערק, — נאָר מיר אַרבעטן אויך פאַר דעם ווידעראויפלעבן פונעם יידישן פאָלק.

אין מאַי 1947 האָבן, אויף אונזער איניציאַטיוו, אַלע יידישע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס דורכגעפירט אַן אַלגעמיינעם קאָנטראָל פון דער יידישער באַפעלקערונג מיטן ציל אַרויסצוגעפינען אַלע שפּורן פון טובערקולאָז. 4.000 מענער, פרויען און קינדער פון אַלע באַפעלקערונגשיכטן זענען ראַדיאָלאָגיש אונטערזוכט געוואָרן דורך ספּעציאַליסטן. די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט דערלויבט צונויפצוזאַמלען זייער וויכטיקע מעדיצינישע באַאָבאַכטונגען און אויסצואַרבעטן אַנטשפּרעכנדיקע פּראָפילאַקטישע מאָסמיטלען. זי האָט אויך געשאַפן די באַזע פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער און פּראַקטישער צוזאַמענאַרבעט צווישן די פאַרשידענע סאַניטאַר - מעדיצינישע אָרגאַניזאַציעס.

מיר האָבן טאַקע זייט דער באַפרייונג נישט אויפגעהערט צו רופן צו אַזאַ צוזאַמענאַרבעט. אויך אין דער אויבנדערמאָנטער קאַמפּאַניע, וואָס איז אַן אוניקום אין דער געשיכטע פון דער יידישער באַפעלקערונג ,האָבן מיר בלויז אַדאַנק אונזער עקשנות געקאָנט גובר זיין געוויסע מניעות אין דער רוטינע פון געוויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

די אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלע מעדי־

ציניִשע קאָמיסיע ביים „דזשאָינט“, וואָס איז געשאַפן געוואָרן במשך פון אָט דער קאַמפּאַניע, האָט אויפגענומען דעם געדאַנק פון אַ קאָאָרדינאַציע פון דער מעדיציניש-סאָציאַלער טעטיקייט. צום באַדויערן האָט זי אַנטוישט די האָפענונגען, וואָס מיר האָבן אויף איר געלייגט, אַז זי וועט באַזייטיקן די צעברעקלונג פון די כוחות און ברענגען צו אַ צוזאַמענאַרבעט אויפן מעדיצינישן געביט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג.

דער סך־הכל פון די לעצטע צוויי יאָר באַווייזט אַ גרויסן פּראָגרעס פון אונזער קליניק. אָנערקענט און צוגעלאָזן דורך דעם מיניסטעריום פאַר געזונט און סאָציאַלער זיכערקייט (קאַטעגאָריע „אַ“), פאַרנעמט ער אַ בכבודיק אָרט צווישן אַלע אַנדערע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס. ער איז אָן שום ספק איצט דער גרעסטער יידישער דיספּאַנסער אין פּאַריז, הן ווי אַ צענטער פאַר דיאַגנאָסטיק און היילונג, הן ווי אַ צענטער פאַר פּראָפילאַקטיק. זיין סאָציאַלער כאַראַקטער, באַזירט אויפן פּרינציפּ פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס שליסט אויס יעדע פילאַנטראָפּיע, האָט אים דערוואָרבן דעם צוטרוי פון די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

זיין אַדמיניסטראַטיווער ראַט איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון פאַרבאַנד און פון „אוניאָן“. דאָס גאַראַנטירט אַ געזונטע אַדמיניסטראַציע און אַנטשפּרעכט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע שיכטן.

דער דיספּאַנסער איז אַן אָרגאַן פון אַ סאָציאַל-מעדיצינישער טעטיקייט פון גרויסער באַדייטונג. זיין דערפאָלג איז צו פאַרדאַנקען דער איבערגעגעבנקייט פון מעדיצינישן פּערסאָנאַל, וואָס באַשטייט פון 15 דאָקטוירים און 3 דאַנטיסטן, און פון הילפס־פּערסאָנאַל, ביידע פון הויכער פּראָפעסיאָנעלער קוואַליטעט. דער דאָזיקער דערפאָלג איז דערמעגלעכט געוואָרן אַדאַנק דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון „דזשאָינט“. ער איז קודם־כל צו פאַרדאַנקען דער צוגעבונדנקייט פון אַלע מיטגלידער פונעם „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן“, פונעם „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף“ („אוניאָן“) און דער אונטערשטיצונג פון די אַרבעטנדיקע שיכטן פון דער פּאַריזער יידישער באַפעלקערונג.

ביי דער פייערונג פונעם 10-יאָריקן יובליי פונעם „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן“ דאַרף מען דערמאָנען די וויכטיקע ראָל, וואָס די פאָלקס-קליניק האָט געשפּילט און שפּילט אויך איצט אינעם יידישן לעבן. די מיטגלידער פונעם „פאַרבאַנד“ זענען שטאָלץ אויף דער טעטיקייט פון זייער אינסטיטוציע און וועלן אויך ווייטער פאַרדאָפּלען זייערע אָנשטרענגונגען, כדי צו פאַרזיכערן איר אַנטוויקלונג און צוקונפט לטובת דעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך.



דער דאַנטיסטישער קאַבינעט — אַ מתנה פון „דזשאָינט“.

ל. רייכמאַן

די טעטיקייט פון דער ליי־קאַסע

ווען מען בלעטערט דורך די פּראָטאָקאָלן פון די ערשטע זיצונגען פונעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט פון דער ליי־קאַסע, זעט מען באַשיינפּערלעך די גאַנצע סיסטעמאַטישע, שווערע אָבער אויך דערפאָלגרייכע ארבעט ביים אויסבוי פון דער וויכטיקער אינסטיטוציע.

די ליי־קאַסע איז געשאַפן געוואָרן דורך צוויי גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס: „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף” („אוניאָן”) און „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן”. דער ערשטער פּראָטאָקאָל טראָגט די דאַטע פון 1־טן אָקטאָבער 1945. דאָרט ווערן אויסגערעכנט די פאַרשידענע איניציאַטיוון צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן.

דעם 6־טן נאָוועמבער קומט פאָר די ערשטע עפנטלעכע קאָנפערענץ אין זאַל פאַקראַ, בולוואַר באָן מאַרשע; און דעם 19־טן נאָוועמבער 1945 ווערט איינגעאָרדנט אַ טיי־אָוונט אין סאַלאָן וויאַנעי, אויף וועלכן דעלעגאַטן און מיטגלידער פון געזעלשאַפטן און „אוניאָן”־סעקציעס דעקלאַרירן און צאָלן גלייך איין קאָטיזאַציעס און באַשטייערונגען.

אויפן דאָזיקן אָוונט ווערט געשאַפן די סומע פון 400.000 פר. און עס ווערט גלייכצייטיק באַשלאָסן, אַז די ליי־קאַסע הויבט אָן איר טעטיקייט דעם 15־טן דעצעמבער 1945.

אין אַ גיכן טעמפּאָ בויט מען ווייטער די וויכטיקע אינסטיטוציע:

אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן, ברייטע מיטגלידער־מאַסן, סתם פּאַריזער יידן, וואָס האָבן אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך־פינאַנציעלע אינסטיטוציע, טראָגן אַריין באַשטייערונגען, מיטגליד־אָפּצאָל און געבן לאַנגטערמיניקע הלוואות.

די ערשטע הלוואה ווערט אויסגעצאָלט דעם 22־טן דעצעמבער 1945. שפּעטער אין נאָוועמבער 1946 לייט דער „דזשאָינט” אונזער קאַסע די סומע פון איין מיליאָן פראַנק.

אויך דער יידישער פראַטערנעלער פאָלקס־אָרדן אין אַמעריקע האָט באַשטימט פאַר דער ליי־קאַסע אַ סובווענציע פון 1 מיליאָן פראַנק.

דער חודש דעצעמבער 1945 ווערט אַזוי אַרום פאַר דער טעטיקייט פון די צוויי גרויסע דעמאָקראַטישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אַ גאָר וויכטיקע דאַטע: אַ דאַטע פאַרן אָנהייב פון דער פאַרווירקלעכונג פונעם לאָזונג: עקאָנאָמישע ריקאָנסטרוקציע.

די קאַסע האָט געהאַט וויכטיקע אויפגאַבן: נאָך דער שרעקלעכער אינוואַזיע פון די דייטשע באַרבאַרן, האָבן גאָר אַ גרויסע צאָל יידן זיך געפונען אין אַ האָפנונגסלאָזער עקאָנאָמישער סיטואַציע. צעראַבעוועטע און פאַרניכטעטע וואַרשטאַטן, צוגענומענע און רואינירטע וווינונגען, פעלן פון יעדן פאָנד, כדי ווידער אויפצושטעלן דעם וואַרשטאַט, זיך צו קויפן נייע אַרבעט־מכשירים, א. א. וו.

די ליי־קאַסע האָט געדאַרפט העלפן ווידער אויפצובויען און צו באַפעסטיקן דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פונעם ישוב אין פראַנקרייך.

לאָמיר זען אויף וויפל זי האָט במשך פון איר צוויי־יאָריקער עקזיסטענץ דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע:

עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן ערך 700 הלוואות אויף אַ סומע פון איבער 13 מיליאָן פראַנק. די דאָזיקע אָנפּראָצענטיקע הלוואות האָבן אַזוי אַרום באַוויזן צו העלפן 700 פאַמיליעס זיך ווידער צו שטעלן אויף די פיס און זיך איינצוגלידערן אינם פּראָדוקציע־פּראָצעס פון לאַנד.



די הלוואות זענען געגעבן געוואָרן פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

לויט פאַכן :	%
אַרבעטער און האַנטווערקער	70
סוחרים	16
פרייע באַרופן	5
פאַרשידענע	9

לויט נאַציאָנאַליטעטן :	%
פּוילישע בירגער	60
פראַנצויזישע בירגער	23
פאַרשידענע	17

אויף וועלכע צוועקן האָט מען געבאָרגט :	%
אויף איינאָרדנען וווינונגען	52
אויף מאַשינען	21
אויף סחורה	11
אויף איינאָרדנען אַטעליעס	10
אויף מכשירים	3
פאַרשידענע	3

38,5 פּראָצענט בקשות צו באַקומען אַ הלוואה שטאַמען פון דעפּאָרטירטע, אָדער געוועזענע אינטערנירטע, וועלכע ווערן גענומען אין אַכט אין ערשטער ריי.

די ביילעגטע דיאַגראַמעס שפּיגלען אָפּ די טעטיקייט פון דער ליי-קאַסע.

אַט די ציפערן און די דיאַגראַמעס גיבן אַ פאָרשטעלונג פון דער גרויסער אַרבעט און באַדייטונג פון דער קאַסע. אָבער נאָך בולטער און קלאָרער ווערט איר ראָלע, ווען מיר באַטראַכטן עטלעכע קאָנקרעטע ביישפּילן.

אַט האָבן מיר אַ ווענדונג פון אַ שוסטער, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין בראַזיליע. נישט קענענדיק זיך דאָרטן איינאָרדענען, קומט ער צוריק קיין פּאַריז. ער האָט אַ קליינע וווינונג, אָבער עס פעלט אים אַ מאַשין. די ליי-קאַסע לייט אים דאָס געלט און ער אָרדנט זיך ווידער איין.

אַזוי איז אויך מיט דעם קוואַפער, וואָס פאַרווענדעט די הלוואה צו קויפן אַ טרוקן-אַפּאַראַט.

עס ווענדט זיך צו אונז אַ שניידער, וואָס באַזיצט זייט 14 יאָר הינטער פּאַריז אַ באַראַק. אין צייט פון דער מלחמה איז דער באַראַק באַשעדיקט געוואָרן. עס רינט אַריין און ער האָט נישט ווו צו וווינען. די ליי-קאַסע העלפט אים אַרויס און איצט האָט ער שוין ווו צו וווינען און צו אַרבעטן.



אַ ניי-איינגעוואַנדערטער, וואָס האָט נישט ווו אַ נאַכט איבערצונעכטיקן. האָטעלן זענען טייער. זיין פּאַטראָן דערלויבט אים איבערצושלאָפן אין אַטעליע אויף אַ טיש. די ליי-קאַסע באָרגט אים געלט אויף אַ וווינונג און איצט האָט ער שוין זיין דירה און וועט זיך נישט מער אַרומוואַלגערן אויף טישן.

אָדער אַ צווייטער ניי-איינגעוואַנדערטער. ער קען קריגן אַ וווינונג, האָט האַנט-געלט, דאַרף אָבער צוגעבן נאָך 20.000 פר, אַניט פאַרלירט ער די וווינונג און דאָס האַנט-געלט. די ליי-קאַסע באָרגט אים די 20.000 פראַנק און ער ציט זיך אַריין אין דער דירה.



עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז אין די לעצטע 2 יאָר ציט זיך קיין פּאַריז אַ ברייטער שטראָם פון ניי-געקומענע. יידן פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד קומען טאָג-טעגלעך. דאָס ערשטע, אין וואָס זיי נויטיקן זיך, איז אַ וווינונג. אונזער דיאַגראַמע ווייזט עס קלאָר, אַז 52 פּראָצענט פון די הלוואות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן טאַקע אויף וווינונגען. דערביי איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין יאָר 1947 שטאַמען 48,3 פּראָצענט ווענדונגען פון ניי-איינגעוואַנדערטע.

דער „דזשאָינט" האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון דער קאַסע און איר געבאָרגט אין יוני 1947 אַ צווייטן מיליאָן פראַנק.

אַט אַזוי זעט אויס די אַרבעט פון ביידע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויפן סעקטאָר פון קאָנסטרוקטיווער הילף פאַרן ישוב אין פראַנקרייך.

מיר ווייסן, אַז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך האָט נאָך ניט פאַרהיילט זיינע ווונדן און די באַדערפענישן און נויטן זענען נאָך זייער גרויסע. עס פילט זיך דעריבער אַרויס די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן די פינאַנציעלע אינסטיטוציע, זי אַרויסצושטעלן אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב, ד. ה. שאַפן אַ פאָלקס-באַנק, וואָס זאָל קענען אוועקשטעלן די קאָנסטרוקטיווע הילף אויף גאָר ברייטערע יסודות. דאָס איז אַן אויפגאַבע פאַר דער נאָענטער צוקונפט.

דער אַמט פאַר קרובים־אויפזוכן ביים פאַרבאַנד


$100,000 EMERGENCY CAMPAIGN
AMERICAN COUNCIL for WARSAW JEWS inc.
COUNCIL OF JEWISH COMMUNITIES IN BOHEMIA AND MORAVIA-SILESIA
BY AIR MAIL
UNION DES SOCIETES
RUE DES PARADIS
FRANCE
VIA AIR MAIL
VIA AÉREA
"VITA KEMPNER"
PAR AVION

דער אמט פאר אויפזוכן און פארבינדן פריינט, קרובים, לאנדסלייט ביים „פארבאנד פון יידישע געזעלשאַפטן" האלט אָן באציונגען מיט פאָלגנדיקע לענדער: פוילן, פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע, מעקסיקע, קאָלומביע, אורוגוואַי, באָליוויע, בראזיליע, ארגענטינע, אויסטראליע, ארץ־ישראל, כינע, טשעכאָסלאָוואקיע, בעלגיע, האָלאנד, רומעניע, דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליע א. א.

ציגל צום בניו

פון נעכטן ביז היינט

א. פאָזנאַנסקי

פרעזידענט פונעם פאַרבאַנד

די יידישע געזעלשאַפט אַמאָל און היינט

א. פאָזנאַנסקי

שוין צען יאָר ווי עס עקזיסטירט דער פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך. פאַר דער צייט זענען פאַרגעקומען אין לעבן פון אונזער ישוב ווי אין לעבן פון אונזער פאָלק בכלל גרויליקע, טראַגישע און אויך העראָישע געשעענישן.

די יידישע געזעלשאַפט פון אַמאָל איז נישט געווען דאָס, וואָס זי איז היינט. די סאָסיעטע, די געזעלשאַפט איז באַווירקט געוואָרן פון די צייט-געשעענישן און ביסלעכווייז געענדערט איר פרימיטיווע אָרגאַניזאַציאָנעלע און סאָציאַלע געשטאַלטונג.

די יידישע געזעלשאַפט אַמאָל

עס קאָן זיך אויסדוכטן ביים ערשטן אויגנבליק, אַז אַ סאָסיעטע, געגרינדעט בעיקר מיטן ציל צו גרופירן לאַנדסלייט פון איין שטאָט אָדער פראָווינץ האָט זיך פאַרנומען נאָר מיטן אָרגאַניזירן צוזאַמענקונפטן ביי שמחות, אָדער חלילה, ביי לוויות פון די מיטגלידער, פאַר וועמען מען האָט איינגעקויפט אַ געמיינזאַמען מקום-קבורה.

אינדערעמתן האָבן די געזעלשאַפטן תיכף ביי זייער גרינדונג געהאַט אַלס ציל די קעגנזייטיקע הילף, מעדיצינישע הילף און אונטערשטיצונג פון די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער, אָבער דאָס איז געווען מער אַ טעאָרעטישע הנחה ווי אַ פראַקטישע טעטיקייט און דאָס גאָר פשוט דערפאַר, ווייל פאַר דער מלחמה האָבן די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער ווייניק הערוואַרט פון דער סאָסיעטע. יעדער פון די מיטגלידער האָט זיך פאַרדינט זיין לעבן, איינער אויף אַ לייכטערן אופן, דער צווייטער שווערער.

דאָס קאָן געזאָגט ווערן סיי בנוגע לאַנדסמאַנשאַפט-געזעלשאַפטן, סיי בנוגע געזעלשאַפטן פון שכנים, און סתם גוטע פריינט, וואָס האָבן זיך גרופירט אין די האָזיקע סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן.

היטלערס קומען צו דער מאַכט ענדערט דעם כאַראַקטער פון די געזעלשאַפטן

דער כאַראַקטער פון די סאָסיעטעס ווערט געענדערט און באַקומט אַ מער בדייטערן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם, ווען עס הויבן זיך אָן די יידן-פאַרפאָלגונגען פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד און פון זיינע נאָכפאָלגער אין די שכנותדיקע לענדער.

אין יענע יאָרן זענען קיין פראַנקרייך אָנגעקומען אַ סך פליטים פון דייטש-עסטרייכישן היטלער-גיהינום. די יידישע געזעלשאַפטן בראָש מיט די איבערגעגעבענע פאָלקס-טוער ווי תנחום נודעלמאַן, שוואַרצבאַרד, אַנקעלעוויטש, שטאַמפער און אַנדערע, פאַרשטייען, אין אָנבליק פון דעם פאָלקס-אומגליק, די נויטווענדיקייט זיך צו פאַרייניקן און אויסצובריטערן זייער טעטיקייט, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות קומען צו הילף די געפלאָגטע און פאַרפאָלגטע ברידער, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען.

די מער פון די געזעלשאַפטן באַנעמען די וויכטיקייט פון בשותפותדיקער, קאָאָרדינירטער טעטיקייט הן לטובת די פליטים, הן לטובת זייער אייגענער מיטגלידערשאַפט. עס ווערט דעמאָלט געגרינדעט די פאָלקס-קליניק, עס ווערט געעפנט אַ פאָלקס-קיך און עס ווערט דורכגעפירט אַ ברייטע סאָלידאַריטעט-אַקציע לטובת די פאַרטריבענע יידן אין זבאָנזשין.

נאָך דער באַפרייונג

אַט די מעטיקייט פון די געזעלשאַפטן פאַר דער מלחמה קומט אויס ווי אַ קינדער-שפּיל, לגבי דער ברייטן-פאַרצווייגטער, נאַציאָנאַל-וויכטיקער און סאָציאַל-פאַרמיטעטער טעטיקייט, וואָס ווערט געפירט היינט אין די איינצלנע געזעלשאַפטן און בעיקר צוזאַמען מיט זיי אינעם פאַרבאַנד פון די געזעלשאַפטן.

תיכף נאָך דער באַפרייונג האָבן זיך די יידישע סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן גענומען גרופּירן אַרום דעם פאַרבאַנד. „קומט און פאַרייניקט אייך! — לאָמיר שאַפן צוזאַמען איין גרויסן פאָלקס-אָרגאַניזאַציע פון אַלע געזעלשאַפטן, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות ווידער אויפבויען אונזער לעבן אויפס ניי“. דאָס איז געווען דער געבאָט פון דער שעה, דער רוף פון פאַרבאַנד.

48 סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן האָבן תיכף געענטפערט אויפן רוף. 4500 פאַמיליעס האָבן זיך גרופּירט צוזאַמען.

די אויפגאַבן זענען דורכגעפירט

ביים ווידעראויפבוי פונעם ישוב, נאָך דער באַפרייונג האָבן זיך געשטעלט פאַרן פאַרבאַנד פאָלגנדיקע הויפּט-אויפגאַבן:

1. צוריק גרופּירן די פאַמיליעס.
2. פאַרזאָרגן די יתומים פון די דערשאָסענע און חעפאַרטירטע.
3. העלפן צוריק איינאָרדענען די בעל-מלאכות, אַרבעטער, און באַשעפטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס, סיי יורידיש, סיי פינאַנציעל.
4. געבן מעדיצינישע הילף.
5. העלפן בויען אונזער קולטור-בנין (צייטונג, טעאַטער, פאַרלאַג א. אַ. וו.).
6. אויפנעמען די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן ווי אויך די ניי-איינגעוואַנדערטע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען געקומען קיין פּאַריז פון די לאַגערן, אָדער פון פּוילן.

מיר קענען היינט זאָגן, אַז אַט די הויפּט-אויפגאַבן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר-היום פון אונזערע געזעלשאַפטן און פונעם פאַרבאַנד, זענען, נישט געקוקט אויף כל-ערליי שוועריקייטן, דורכגעפירט געוואָרן ווי געהעריק.

צוזאַמען מיטן „אוניאָן“ — פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף — און מיט אַנדערע פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי קינדער-היימען פאַר די הונדערטער יתומים.

עס זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן ברייטע פאָלקס-אַקציעס פאַר זומער-קאָלאָניעס, וווּ עס האָבן באַקומען פרישע געזונט 2,500 קינדער פון די שטאַרק געפּרוווטע און געליטענע פאָלקס-מענטשן.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ליי-קאַסע, וואָס האָט מיט אירע הלוואות דערמעגלעכט די איינאָרדענונג פון הונדערטער פאַמיליעס. זי האָט געליען 5 מיליאָן פראַנק.

די פאָלקס-קליניק האָט ווידער אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מיט אַ קאָלעגיום פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן.

אויך אויפן קולטור-געביט האָט דער פאַרבאַנד מיטגעווירקט צו דעם ווידעראויפבוי פון אונזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס. עס איז געשטיצט געוואָרן די „נייע פּרעסע“, דער פאַרלאַג „אויפסניי“, וועלכער האָט שוין אַרויסגעגעבן 6 ביכער, דערינען דעם „יזכור-בוך“, געווידמעט די אומגעקומענע יידישע שרייבער, אַ לערנבוך פאַר אונזערע קינדער, אַ לידער זאַמלונג פון משה שולשטיין, אַ דראַמע פון ד"ר חיים סלאָוועס, אַ ראָמאַן פון ב. שלעווין און אַ זאַמלונג דערציילונגען פון א. ווייץ.

דער פאַרבאַנד און איינצלנע געזעלשאַפטן האָבן מיטגעהאָלפן סיי מיטן אַרויסגעבן די דאָזיקע ביכער סיי מיטן פאַרשפּרייטן און פאַרקויפן די דאָזיקע אויסגאַבן.

זאָרג פאַר די ניי-איינגעוואַנדערטע

דער וויכטיקסטער און דרינגנדיקסטער פּראָבלעם וואָס איז געשטאַנען און שטייט נאָך ביז היינט אין צענטער פון אונזער אויפמערקזאַמקייט — איז די פראַגע פון די ניי-איינגעוואַנדערטע.

אין די דייטשע לאַגערן שמאַכטן נאָך ביי 250 טויזנט פּליטים. אַ סך פון די לעבנגעבליבענע רייסן זיך אַהער, כדי צוריק אויפצושטעלן אַ נאָרמאַל מענטשלעך, פּראָדוקטיוו לעבן.

זייער ערשטער עטאַפּ איז פּאַריז.

ווען דער ניי-איינגעוואַנדערטער קומט קיין פּאַריז — ווייסט ער דעם אַדרעס: 14, רי דע פּאַראַדי. דאָ גיט מען אים דעם אַדרעס פונעם פּרעזידענט פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט-געזעלשאַפט. מיט אַ בריוו פונעם פאָרשטייער פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט קומט ער צוריק אין פאַרבאַנד, ווו דער לעגאַליזאַציע-אַמט פאַרנעמט זיך מיטן באַזאָרגן אים סיי מיט וווינרעכט, סיי מיט אַרבעט-רעכט.

אַ גרעסערע צאָל ניי-איינגעוואַנדערטע זענען געקומען אַהער מיט פאַמיליעס, מיט קליינע קינדער. זייערע לאַנדסלייט פאַרנעמען זיך מיט פיל ליבע און ברידערלעכער סאָלידאַריטעט מיט די עלנטע, הילפלאָזע ניי-געקומענע. איטלעכע געזעלשאַפט לויט אירע מעגלעכקייטן און אָפט איבער די כוחות. אין דורכשניט קומט אויס, אַז די הילף פאַר אַ נייעם אימיגראַנט באַטרעפט פון 10 ביז 20 טויזנט פראַנק.

נעמענדיק אין אַכט, אַז אַ געזעלשאַפט ציילט 50-60 מיטגלידער, קען מען פאַרשטיין וויפל אָנשטרענגונגען עס דאַרפן געמאַכט ווערן, כדי ממשותדיק צו העלפן די ניי-איינגעוואַנדערטע ברידער און שוועסטער.

די לאַנדסמאַנשאַפטן-געזעלשאַפטן אין אַמעריקע האָבן מיטגעהאָלפן די היגע ברידער-געזעלשאַפטן מיט פינאַנציעלע

מיטלען, אָבער נישט גענוגנדיק און נישט אַנטשפּרעכנדיק די דרינגנדיקע הילף־אויפגאַבן, וואָס שטעלן זיך פאַר די געזעלשאַפטן, נאָך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

מאָנומענטן און געדענק־אָוונטן פאַר אונזערע קדושים

כדי צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע לאַנדסלייט פון פראַנקרייך און פון דער אַלטער היים, האָבן כמעט אַלע סאָסיעטעס אָרגאַניזירט יזכור־אָוונטן, איינגעשטעלט אָדער גרייטן זיך אויפצושטעלן אויף די בית־עולמס מאָנומענטן מיט די נעמען פון אַלע קדושים.

איניקע האָבן אַרויסגעגעבן און גרייטן זיך אַרויסצוגעבן ספּעציעלע יזכור־אַלבומען, געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע קהילות און די הונדערטער טויזנטער קרבנות פון היטלעריזם.

דער פאַרבאַנד און אַלע געזעלשאַפטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאָלקס־באַשטייערונג פאַרן מאָנומענט פון אונזערע העלדישע קעמפער און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ.

אַמאָל — אַ סאָסיעטע
היינט — אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט

די היינטיקע יידישע לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפט איז פון אַ פּרימיטיווער סאָסיעטע מיט גאַנץ באַגרענעצטע אויפגאַבן און צילן אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקער פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס ווירקט מיט, אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער גאַנצער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַזוי ווי אַ נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע און סאָציאַל־אַקטיווע קערפּערשאַפט לטובת אונזער פאָלק אין זיין קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

י. מאַניקאָווסקי

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן

שוין סוף פון די 20־ער יאָרן און גאָר באַזונדערס אין אָנהייב פון די 30־ער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַמעלעך אין די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן.

די יידישע סאָסיעטעס אין פראַנקרייך, וואָס זענען אַ לאַנגע צייט געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען די „קאָוואָ־סאָסיעטעס“, האָבן איינציקווייז, אונטער דער אויסווירקונג פון די געשעענישן אין דייטשלאַנד און אונטער דעם איינפלוס פון דער לאַגע אין פראַנקרייך, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אין דער וועלט האָט זיך וואָס געענדערט און אַז מען דאַרף דעריבער געפינען נייע פאָרמען פאַרן סאָסיעטע־לעבן.

אַ גרויסן חלק און אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די דאָזיקע ענדערונגען האָט געהאַט די ברייטע פאַנאַנדערוויקלונג פון די יידישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זענען אַלץ מער און מער דערשינען ווי דער הויפּט־כוח ביי די יידישע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן.

דאָס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד פון דער היטלער־באַנדע, האָט מיט רעכט אַרויסגערופן ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך אַ גרויסע באַאומרואיקונג, אָבער אויך גלייכצייטיק דעם ווילן צונויפצוזאַמלען אַלע יידישע כוחות צום קאַמף קעגן דער געפאַר פונעם פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

אַלץ מער און מער האָט זיך אָנגעהויבן צו מאַניפעסטירן דער ווילן פון אַ גרעסערער צאָל סאָסיעטע־פּרעזידענטן צו שאַפן אַ צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן און צוזאַמענבינדן אַלע געזונטע יידישע כוחות אין פראַנקרייך.

עס האָט אָבער נאָך געפעלט די האַנט, וואָס וואָלט געקאָנט צוזאַמענעמען אָט די אַלע, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין דער „פעדעראַציע“, אָדער זי שוין געהאַט פאַרלאָזט, וואָס האָבן אָבער פאַרשטאַנען, ווי נויטיק ס׳איז צו האָבן אַ צענטראַלע אָנפירונג.

דער אַרבעטער־אָרדן האָט שוין אין יענע יאָרן געהאַט אַרויסגעשטעלט די לאָזונג פון צונויפזאַמלען די יידישע געזעלשאַפטן פאַר דער רעאַליזירונג פון אַ געמיינזאַמען יידישן דיספּאַנסער.

מיר געדענקען דעם ברייטן אָפּקלאַנג פון אָט דער קאַמפּאַניע און די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט געהאַט דער דיספּאַנסער פון די טירען פאַרן אַנטשטיין פונעם פאַרבאַנד.

עס איז געשאַפן געוואָרן דער באָדן פאַר אַן ענגערער צוזאַמענאַרבעט פון די יידישע פּראָגרעסיווע כוחות מיט די יידישע געזעלשאַפטן. ביי דער טעגלעכער אַרבעט האָט מען זיך קעגנזייטיק בעסער דערקענט. די סאָסיעטע־פּרעזידענטן האָבן זיך איבערצייגט, אַז די יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס זענען פעיק צו רעאַליזירן גרויסע ווערק לטובת דעם יידישן ישוב, און צו פירן אַן אויפריכטיקן קאַמף קעגן פאַשיזם, וואָס איז אונזער אַלעמענס גרעסטער שונא.

אין די זומער־חדשים פון 1936 איז אַ גרופּע יידישע פּרעזידענטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די פאַרשטאָרבענע פריינט בערקאָוו, גרינהוז, ווי אויך די פריינט אַראָן, שטערן, צוזאַמענגעקומען מיט די פריינט טשאַרני און דעם שרייבער פון די שורות, כדי צו באַטראַכטן געמיינזאַם די מעגלעכקייט פון דער ברייטסטער קאָנצענטראַציע פון אַלע יידן צום קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

אינעם דאָזיקן פּעריאָד האָט שוין יעדער ייד קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָס בלייבן פון היטלערן ביי דער מאַכט אין דייטשלאַנד הייסט ניט בלויז די ליקווידאַציע פונעם יידישן

ישוב אין דייטשלאַנד. מיר האָבן שוין דעמאָלט אָנגעוויזן אויף די געפאַרן, וואָס לויערן אויך אויף אונזער ישוב און בכלל אויף אַלע יידישע ישובים אין אייראָפּע.

אויף דער ערשטער באַראַטונג האָבן אַלע אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז די „פעדעראַציע“, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער צענטראַלער אָרגאַניזם פון די יידישע געזעלשאַפטן, דערפילט נישט אירע אויפגאַבן, די סאָסיעטעס פאַרלאָזן זי און ס'איז דעריבער נויטיק צו שאַפן אַ כוח, פעיק אָנצופירן מיט אַט דער ברייטער צונויפזאַמלונג.

נאָך עטלעכע זיצונגען איז אַנטשטאַנען אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט, מיטן ציל צו רופן אַ גרויסע יידישע קאָנפערענץ פון אַלע געזעלשאַפטן, ווו די פראַגע זאָל ברייט באַהאַנדלט ווערן און ווו ס'זאָל גיך געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע פעדעראַציע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטן.

אין די פרילינג־חדשים פון 1938 איז דאַן פאָרגעקומען די באַוווסטע קאָנפערענץ אין „סערקל סוויס“, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן פון 87 געזעלשאַפטן.

נאָך קיינמאָל ניט האָבן די פאָרשטייער פון די געזעלשאַפטן בייגעוווינט אַזאַ קאָנפערענץ מיט אַזאַ גרויסער צאָל דעלעגאַטן און ווו ס'האָט געהערשט אַזאַ באַגייסטערונג און ווילן צו אייניקייט.

אַ ריי יידישע שרייבער, מאָלער און סקולפּטאָרן זענען אויך געקומען אויף אַט דער וויכטיקער קאָנפערענץ.

עס איז נאָך ביי מיר פריש אין זכרון מיט וואָס פאַר אַ שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן דער עולם האָט אויפגענומען די אויספירונגען פון ראַפּאָרטער, דעם פריינט ב. טשאַרני, ווי אויך די אַנדערע רעדנער, וואָס האָבן גערופן צו דער פאַראייניקונג פון ישוב.

די קאָנפערענץ אין „סערקל סוויס“ איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין יידישן לעבן. זי האָט באַוויזן דעם גרויסן דראַנג צו אייניקייט, וואָס איז פאַראַן אין די געזעלשאַפטן און אויך דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנטיילצונעמען אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס עס האָט שוין דעמאָלט געפירט דאָס פראַנצויזישע פאָלק פאַר ברויט און פרייהייט קעגן פאַשיזם און קעגן דער מלחמה־געפאַר.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעטיילט אַ צייטווייליקע אָנפירונג, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו רעאַליזירן אַ גיכע פאַראייניקונג מיט דער „פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן“.

נאָך אַ ריי אונטערהאַנדלונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ טייל פירער פון דער דעמאָלטיקער „פעדעראַציע“ האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן צו אַזאַ ברייטער פאַראייניקונג און גאַראַנטירן אַ געהעריקע פאָרשטייערשאַפט פון די סאָסיעטעס אין די אָנפירנדיקע אָרגאַניזמען פון דער „פעדעראַציע“.

מען האָט דאַן גערופן אַ צווייטע קאָנפערענץ, וואָס האָט נאָכן אויסהערן די באַריכטן וועגן די אונטערהאַנדלונגען, באַשלאָסן צו שאַפן דעם „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך“.

אַלס ערן־פּרעזידענט איז אויסגעוויילט געוואָרן דער באַקאַנטער יידישער סקולפּטאָר ליפּשיץ, אַלס פּרעזידענט דער אַדוואָקאַט לעווין, אַלס סעקרעטאַר דער שרייבער פון די שורות.

אינעם קאָמיטעט זענען אַריין די פריינט: גרינהויז, בערקאָוו, שוואַרצבאַרד, אַנקעלעוויטש, שטערן, אַראָן, בראַנעס, יורקעוויטש, זוסמאַן, נודעלמאַן, קאַהן, קרישטאַל, טראַפּיקאַנט.

די ערשטע אַקציעס

די געשעענישן האָבן זיך שנעל געדרוקט פאָרויס.

דער נאַציזם האָט אַלץ מער און אַלץ ברוטאַלער אָנגעגריפן די יידן אין דייטשלאַנד. טויזנטער פּליטים זענען געקומען נאָך פראַנקרייך.

די איבערגעגעבענע טוער פונעם פאַרבאַנד האָבן גענומען די איניציאַטיוו צו ברענגען הילף פאַר אַט די ערשטע יידישע קרבנות פון היטלערן, ניט טראַכטנדיק זיכער וועגן דעם, אַז אַט די זעלבע קיך וועט אין די יאָרן פון 1940־41 דינען אויך אונזערע יידן פון פראַנקרייך, וועלכע זענען געוואָרן קרבנות פון דעם זעלבן בלוטיקן שונא.

אין אַ קורצער צייט האָבן די יידישע געזעלשאַפטן געזאַמלט די נויטיקע סומען און טויזנטער יידישע פּליטים האָבן באַקומען אַ וואַרעם מיטאָג און אַ פריינטלעכע ברידערלעכע באַהאַנדלונג.

אַרום אַט דער פאָלקס־קיך פון 8 רי סאַנטאָנזש האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט צו העלפן די פּליטים. די יידישע בעקער האָבן געליווערט אַ לאַנגע צייט ברויט אומזיסט. די יידישע פליישער האָבן געשיקט פלייש און די יידישע עפּיסיערס האָבן באַזאָרגט אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט.

דאָס רעאַליזירן פון אַט דער פאָלקס־קיך אין אַזאַ קורצער צייט האָט באַוויזן, אַז דער יונגער פאַרבאַנד האָט אַ סך איניציאַטיוו און זאָרגט פאַר די נייטן פון דער באַפעלקערונג.

די רדיפות אין דייטשלאַנד זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און מיר דערמאָנען זיך אַלע, ווי געטראָפן מיר זענען געוואָרן, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער שיף „סען לואי“ מיט פּליטים פון דייטשלאַנד, וואָס האָט געזאָלט איבערלאָזן די פּאַסאַזשירן אין מעקסיקע און אַז די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אויפצונעמען. די שיף — האָבן מיר זיך דערוווסט — שווימט אויפן וואַסער און קיין לאַנד וויל ניט אויפנעמען די מענער, פרויען און קינדער.

גרויס איז דעריבער געווען אונזער פרייד, ווען מיר האָבן דערהאַלטן די ידיעה, אַז די שיף קומט אָן קיין פראַנקרייך. די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן צו שיקן קיין בולאָן איר וויצע-פרעזידענט מיטן סעקרעטאַר, דעם שרייבער פון די שורות. קומענדיק אין בולאָן, האָבן מיר געטראָפן דעם פריינט ראַיסקי אַלס ספּעציעלן שליח פון דער „נייע פרעסע“.

אַלס דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט די אָפיציעלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אונז געגעבן אַלע נויטיקע אויפקלערונגען וועגן פאַרבלייבן פון די פליטים אין פראַנקרייך.

די דעלעגאַציע האָט אויפן אָרט יעדן פּאַסאַזשיר איבערגעגעבן אַ פּעקל מיט פרוכטן און עסנוואַרג. די פליטים האָבן אַזוי אַרום באַלד דערפילט די ברידערלעכע באַציונג צו זיי פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין 1938 זענען טויזנטער יידן, פוילישע בירגער, פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד אין דעם פוילישן גרענעץ-שטעטל זבאָנשין. די יידן זענען באַרויבט געוואָרן פון זייער גאַנצן פאַרמעגן און די דעמאָלטיקע פוילישע רעגירונג פון בעק האָט אפילו ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פּראָטעסטירן.

שווער איז געווען די לאַגע פון די יידן אין זבאָנשין. זיי האָבן זיך גענויטיקט אין הילף און ס'איז געווען קלאָר, אַז דער „פאַרבאַנד“ האָט געדאַרפט ענטפערן אויף זייער רוף.

ניט קוקנדיק אויף די שווערע לאַסטן, וואָס ער האָט שוין געהאַט צו טראָגן, האָט ער פּראָקלאַמירט אַ נייע זאַמל-קאַמפּאַניע צוהילף די יידן אין זבאָנשין.

די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך האָט ווידער געענטפערט אויף אונזער רוף. ס'זענען געזאַמלט געוואָרן גרעסערע געלט-סומעס און אַ דעלעגאַציע פון „פאַרבאַנד“ אין באַשטאַנד פון די פריינט נודלמאַן, פאָרזיצער פון די האַנטווערקער און פריינט טראַפּיקאַנט, פּרעזידענט פון „לעז אַמי דע בעלוויל“ און קאָמיטעט-מיטגליד פון פאַרבאַנד האָבן אַריבערגעבראַכט די מיטלען צו אונזערע גערודפטע ברידער אין זבאָנשין.

די ברוטאַלע היטלעריסטישע רדיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג און זיין פּאָליטיק פון אָקופּירן אַלץ נייע לענדער און מלוכות, כמעט מיט דער הסכמה פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט פאַר יעדן קלאָר זעעוודיקן געוויזן ווי מען מאַכט היטלערן פריי דעם וועג פאַר אַ נייער מלחמה.

אין יאָר 1939 האָט שוין דער יידישער ישוב, צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג געלעבט אונטערן דרוק פון „מינכען“. מיר האָבן כסדר געמאַכט נייע פרואוון פון פאַראייניקונג, וואָס זענען ליידער ניט רעאַליזירט געוואָרן

אין זומער 1939 האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געפייערט 150 יאָר פראַנצויזישע רעוואָלוציע. דער „פאַרבאַנד“ האָט באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין די פייערונגען. האָט דאָך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, צום ערשטן מאָל, געגעבן די יידן אין פראַנקרייך גלייכבאַרעכטיקונג.

אין די סאַלאָנען פון „קעי ד'אָרסעי“ האָט דער „פאַרבאַנד“ איינגעאָרדנט אַ גראַנדיעזן באַנקעט, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען פראַנצויזישע פּערזענלעכקייטן, יידישע קינסטלער, שרייבער און מאָלער, אַ ריי יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און עטלעכע הונדערט איינגעלאַדענע פון די פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטן. אין די רעדעס אויפן באַנקעט איז געקומען צום אויסדרוק די דאַנקבאַרקייט פון די יידן פאַר פראַנקרייך, וואָס האָט די ערשטע זיי געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג און וואָס ווייזט אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט אַ גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר אונזער ליידנדיק פאָלק.

אַחוץ די דאָזיקע אַקציעס, האָט דער „פאַרבאַנד“ זיך באַמיט צו אַנטוויקלען אין די געזעלשאַפטן אַ קולטורטעטיקייט. עס זענען אויף זיין איניציאַטיוו איינגעאָרדנט געוואָרן צענדליקער רעפעראַטן אין די סאָסייעטעס און אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּעריאָדישע צייטונג.

די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן אין יידישן לעבן אין פראַנקרייך. אַזוי האָט זי אָנגענומען אַ ריי מאַסמיטלען צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די איינגעוואַנדערטע, פון די האַנטווערקער און מאַרשאַנעס.

דער פאַרבאַנד האָט שאַרף רעאַגירט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, זענען אַ ריי טוער, ווי אויך דער שרייבער פון די שורות, געוואָרן מאָביליזירט. די, וואָס זענען געבליבן, האָבן פאָרגעזעצט דאָס וויכטיקע ווערק. מיט פיל מי און איבערגעגעבנקייט האָבן די פריינט אויפגעהאַלטן די פאָלקסקיך, אַזוי לאַנג, ביז די דייטשן האָבן זי פאַרנומען.

אָבער די רעפּרעסיעס קעגן די יידן, די דעפּאָרטאַציעס, האָבן זיך אויסגעווירקט. דער „פאַרבאַנד“ האָט אָפיציעל אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, נאָר זיינע טוער האָבן אין פאַרשיידענע פאָרמען פאָרגעזעצט צו פאַרטיידיקן די יידן.

ווען מיר שרייבן און לייענען היינט אָט די קורצע, אָבער שטורמישע געשיכטע פון דעם יונגן „פאַרבאַנד“, זעען מיר, ווי ריכטיק ס'איז געווען די שטעלונג פון דער דעמאָלטיקער אָנפירונג, וואָס האָט, איינזעענדיק די געפאַרן, געוואָלט שאַפן אַ ברייטע פאַראייניקונג.

זאָל דער דאָזיקער קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון „פאַרבאַנד“ אונז דינען ווי אַ לערע. אויך היינט זענען די געפאַרן גרויס און אויך היינט איז נייטיק, אַז דער „פאַרבאַנד“ זאָל ווייטער פאָרזעצן זיין אַרבעט צו שאַפן אַ פאַראייניקטן יידישן אָרגאַניזירטן ישוב צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם, פאַר רעכט פון אונזער פאָלק צו לעבן ווי פרייע מענטשן און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער.

איזאַק קרישטאַל

דער אַרבעטער־אָרדן און זיין ראָל ביי דער אַנטוויקלונג פונעם פאַרבאַנד

די גרינדונג פונעם אָרדן

דער אַרבעטער־אָרדן איז געגרינדעט געוואָרן אין 1932.

די גרינדער און בויער זענען געווען די פריינט: אַפּאַטשינסקי (פּרעזידענט), וויסבראָט, מענדעלסאָן (ערשטער סעקרעטאַר), פלוגמאַן, מאָטל גאָלדמאַן, שמעון שטרומפּמאַן, בירנבוים, לאַסקי, קרישטאַל, טשאַרני, פּשעני, טעפּער, גורא, מאַקס (זייגער־מאַכער), לירא, וויינבערג, טאָמאַס קליינבערג, וואָלמאַרק, זעלווער (סעקרעטאַר), ספּעראַ, על־בוים, האַמבורגער און אַלפרעד גראַנט (לעצטער סעקרעטאַר).

פון די אויבנדערמאָנטע ערשטע טוער און בויער פון אַרבעטער־אָרדן זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשע מערדער: דער אַדוואָקאַט מ. לירא־ראַלניקאָס און וויינבערג. דעפּאָרטירט געוואָרן און נישט צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַציע: דער פּרעזידענט אַפּאַטשינסקי, האַמבורגער, מאָטל גאָלדמאַן, טאָמאַס, לאַסקי, טעפּער און גורא. וואָס איז נוגע שמעון שטרומפּמאַן, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין ליאָן ביי אומלעגאַלער אַרבעט און זייט דאַן זענען אַלע שפּורן זיינע פאַרלוירן געגאַנגען.

כבוד זייער אָנדענק!

צילן און אויפגאַבן

דער אַרבעטער־אָרדן האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן פון יענער צייט, סיי מיט די אויפגאַבן און צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, סיי מיטן באַשטאַנד פון זיין מיטגלידערשאַפט.

די מיטגלידערשאַפט, ווי די אָנפירערשאַפט פונעם אַרבעטער־אָרדן איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן די מיטגלידער און די ברייטע יידישע פאָלקס־שיכטן ממשותדיקע קעגנזייטיקע הילף.

די אַנטשטייונג פון אַרבעטער־אָרדן איז דער ענטפער פון די באַוווסטזיניקע טיילן פון די יידישע פאָלקסהמונים, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין סאָסייעטע־לעבן און האָבן זיך גענייטיקט אין קעגנזייטיקער הילף.

אַזוי לאַנג ווי דער הויפּט־פּראָבלעם אין יידישן לעבן איז נאָר געווען הילף פאַר אַרבעטסלאָזע, אַלטע קראַנקע, האָט דער אַרבעטער־אָרדן נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט די אַנדערע געזעלשאַפטן.

אָבער אין 1934 האָט זיך פאַרן יידישן ישוב אוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון הילף פאַר די דייטשע פליכטלינגע. דער אַרבעטער־אָרדן ווערט דער איניציאַטאָר פון איינהייטלעכער קאָאָרדינירטער הילף־טעטיקייט.

פאָלקס־קלוב

די ערשטע אויפגאַבע פון אַרבעטער־אָרדן איז געווען — שאַפן אַ לאָקאַל, אַ היים, וווּ מען זאָל זיך קענען פאַרזאַמלען, גרופּירן און זיך אויסלעבן קולטורעל־געזעלשאַפטלעך.

דער ערשטער לאָקאַל און זיץ־אָרט פון דעם אַרבעטער־אָרדן איז געווען אין סאַמע צענטער פון יידישן מאַסן־לעבן, אויף 59 פאָבור די טאַמפּל.

אין דעם דאָזיקן לאָקאַל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אמתער פאָלקס־קלוב. דאָ האָט פונקציאָנירט אַ לייען־זאַל, אַ ביבליאָטעק, דאָ פלעגן איינגעאָרדנט ווערן רעגולערע פאַרשידענע רעפעראַטן איבער געזעלשאַפטלעכע, און קולטורעלע פּראָבלעמען. גאַנץ אָפט פלעגן אויך פאָרקומען שמועסן און רעפעראַטן איבער היגיעניש־מעדיצינישע פראַגן.

די גרינדונג פון דיספאַנסער

דער וויכטיקסטער סאָציאַלער אויפטו פונעם אַרבעטער-אָרדן איז אָן שום ספק געווען די גרינדונג פונעם דיספאַנסער (אַמבולאַטאָריע) דעם 7. 7. 1934.

אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע יידישע סאָסיעטעס פון יענער צייט, וואָס זייער מעדיצינישע הילף פלעגט באַשטיין אין געבן דעם קראַנקן מיטגליד אַ צעטל צו אַ דאָקטאָר, האָט דער אַרבעטער-אָרדן געגעבן די מעגלעכקייט זיינע מיטגלידער צו באַקומען מעדיצינישע הילף אין דיספאַנסער גופא, ווו זיי פלעגן זיך קענען היילן פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן.

גאָר גיך איז דער דיספאַנסער געוואָרן אַ וויכטיקער סאָציאַל-מעדיצינישער אַנשטאַלט, וואָס האָט געגעבן מעדיצינישע הילף, נישט נאָר די מיטגלידער פונעם אַרבעטער-אָרדן, נאָר אויך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די מעדיצינישע הילף פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן איז געווען צוטריטלעך פאַר אַלעמען. דער אונטערשייד צווישן מיטגלידער און נישט-מיטגלידער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס מיטגלידער האָבן געהאַט אַ 50-פּראָצענטיקע הנחה.

אַ גרופּע טוער פון דער פאָלקס-קליניק אין יאָר 1935.

פון רעכטס אויף לינקס: עס זיצן — ראַשמאַן (דעפּאָרטירט), מאָקרי, גראַנט, גרינהויז (דעפּאָרטירט). עס שטייען — גינזבורג, שוואַרצבאַרד (דעפּאָרטירט), קרישטאַל און ווילי ראַפּאָפּאָרט.

שוין דאַן איז די צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָסיעטעס אַזעלכע, אַז פאַרשידענע דעלעגאַציעס זענען אַנוועזנד בעת דער דערעפענונג. די דעלעגאַטן פרידמאַן (בראָקאַנטער פון סאַנטואַן) און אַבראַמאָוויטש (פּראַטערניטע פון 11-טן) שפּענדן צו 500 פראַנק פאַרן דערפאָלג פון דער אינסטיטוציע.

אין קעגנזאַץ צום סאָסיעטע-סיסטעם פון איינעם, אַנדערע דאָקטוירים, האָט דער דיספאַנסער פון אַרבעטער-אָרדן איינגעפירט אַ העכערן שטאַפּל פון סאָציאַלער סאָלידאַריטעט, געבנדיק אין דער זעלבער צייט מעדיצינישע הילף די מיטגלידער און נישט-מיטגלידער.

די רעזולטאַטן זענען באַלד אויסגעצייכנטע: אין ערשטן יאָר האָט דער דיספאַנסער אַ בודזשעט פון 11 טויזנט פר. פון דער אַלגעמיינער סומע פון 31 טויזנט פראַנק, וואָס עס האָט באַטראָפן דער יערלעכער בודזשעט פון אַרבעטער-אָרדן.

אויב די איניציאַטיוו פון גרינדן דעם דיספאַנסער איז געקומען פון אַרבעטער-אָרדן, איז אָבער די פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן פּראָיעקט מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער מיטהילף פון אַנדערע געזעלשאַפטן: די „פּראַגער סאָסיעטע", „לעז אַמי ד'אַנזיעם" (די פריינט פון 11-טן אַראָנדיסמאַן) און אַנדערע.

סאַניטאַר-קורסן

אין דיספאַנסער האָבן די ברייטע יידישע פאָלקס-מאַסן באַקומען נישט בלויז דירעקטע מעדיצינישע הילף, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען און זיך אויסצולערנען צו געבן די ערשטע עלעמענטאַרע מעדיצינישע הילף, סיי דורך פּראַקטישע איבונגען, סיי דורך מער באַרטיפטע סאַניטאַר-היגיענישע טעאָרעטישע קענטענישן.

ביים דיספאַנסער האָבן עקזיסטירט גוט-איינגעאָרדנטע סאַניטאַר-קורסן, וואָס האָבן, אין מערערע אַרויסלאָזן, אויסגעשולט אַ סך יידישע פאָלקס-מענטשן פאַר גוטע, איבערגעגעבענע סאַניטאַרן.

אויף יעדער גרויסער פאָלקס-מאַניפעסטאַציע, מאַסן-צונויפזאַמלונג, האָט מען געקענט זען די סאַניטאַרן באַלאָדן מיט זייער קעסטל, שטענדיק גרייט צו געבן די ערשטע הילף.

„פריינט פון אַרבעטער-קינד"

אין 1934 האָט דער אַרבעטער-אָרדן גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ געזעלשאַפט „פריינט פון אַרבעטער-קינד", וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט די צוגאָב-שולן און מיט דעם אַרבעטער-אָרדן.

דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז געווען מאַטעריעל און מאָראַליש צו שטיצן די יידישע צוגאָב-שולן און בעיקר גרינדן זומער-קאָלאָניעס פאַר די קינדער פון די מיטגלידער פונעם אַרבעטער-אָרדן און פון אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן.

אין 1935 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קינדער-קאָלאָניע אין ברינוא, מיט אַ יאָר שפּעטער — די קאָלאָניע אין מאָנזשעראָן און אין 1937 איז געעפנט געוואָרן אין בערק-פּלאַזש, ביים ים, אַן אייגן הויז, וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה.

גרינדונג פון פאָלקס-קליניק

דער אַרבעטער-אָרדן האָט זיך באַמיט פון אָנהייב אָן צו שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט אַנדערע יידישע געזעל-

שאַפֿטן פֿון קעגנזײַטיקער הילף, כּדי צוזאַמען מיט זיי קאָאָרדינירן די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען אויף צו שאַפֿן אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע, גוט־איינגעאָרדנטע סאָציאַל־מעדיצינישע אינסטיטוציע.

ער האָט געשטרעבט דערצו, אַז דער דיספּאַנסער זאָל נישט בלייבן אַן אָנשטאַלט פֿון אַן ענגערער גרופּע ייִדישע געזעלשאַפֿטן, נאָר זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמתער פֿאָלקס־קליניק, פֿון וועלכער עס זאָל קענען געניסן דער גאַנצער ייִדישער ישוב, די מיטגלידערשאַפֿט פֿון אַלע ייִדישע געזעלשאַפֿטן, ווי אויך נישט־מיטגלידער.

נישט געקוקט אויף כּלערליי שוועריקייטן און שטערונגען, איז אין 1936, אין פֿאַרשטענדיקונג מיט אַ גאַנצער רײַ סאָסיעטעס און אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער, איבערגעגעבענער טעטיקייט פֿון די טוער פֿונעם אַרבעטער־אָרדן, ווי פֿרײַנט לאַסקי און אַנדערע, געגרינדעט געוואָרן אויף 75 רו טירען אַ מאָדערנע ייִדישע פֿאָלקס־קליניק.

דער אַרבעטער־אָרדן האָט איבערגעגעבן דער פֿאָלקס־קליניק אַלע אײַנריכטונגען פֿון זײַן דיספּאַנסער און זיך באַמיט, אַז די פֿאָלקס־קליניק זאָל געבן דער ברייטער ייִדישער באַפֿעלקערונג די מאַקסימאַלע מעדיצינישע הילף פֿאַר מינימאַלע, צוטריטלעכע פּרײַזן.

גאָר גיך איז די פֿאָלקס־קליניק געוואָרן איינע פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע סאָציאַל־מעדיצינישע אינסטיטוציעס; עס איז גענוג אָנצוּווײַזן, אַז די דורכשניטלעכע חודשלעכע צאָל פֿון קראַנקע, וואָס פֿלעגן באַקומען מעדיצינישע הילף אין פֿאָלקס־קליניק, איז געווען אַן ערך 2500.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די סאַניטאַר־קאַסן, וואָס האָבן נאָך עקזיסטירט בעת דעם דיספּאַנסער, האָבן זיך נאָך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט.

די פֿאָלקס־קליניק איז געוואָרן אַ ייִדישע מאַסן־אינסטיטוציע, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין לעבן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

פֿאַר דער אייניקייט פֿון ישוב

אויב אין אָנפֿאַנג פֿון זײַן אַנטשטייונג האָט דער אַרבעטער־אָרדן הויפּטזעכלעך געבויט זײַן אָרגאַניזאַציע אין ווידערשפּרוך צום דאַמאָלדיקן סאָסיעטעט־לעבן, וועלנדיק באַווײַזן מיט אַ קאָנקרעטן בײַשפּיל די מעגלעכקייט פֿון אויסטיילן סאָציאַלע הילף אויף אַ פֿאָלקסטימלעכן אופֿן און פֿון בויען נוצלעכע אינסטיטוציעס דורך די פֿאָלקס־מענטשן, מיטגלידער פֿון די סאָסיעטעס — איז ער אין פּעריאָד פֿון נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אַריבער צו רעאַליזירן די אייניקייט מיט די סאָסיעטעס.

די צעשפּליטערונג איז שוין דאַן אַ נאַציאָנאַלער פֿעלער און אַלס ענטפֿער אויפֿן אָנגריף פֿון שונא דאַרף קומען די פֿאָלקס־מאָביליזאַציע.

דער אַרבעטער־אָרדן רופֿט באַראַטונגען וועגן דיסקוטירן די נויטווענדיקייט פֿון דער פֿאָלקס־איינהייט. אין יולי 1935 קומט פֿאָר אויף זײַן איניציאַטיוו אַ קאָנפֿערענץ וועגן שאַפֿן אַ געמיינזאַמען פֿראָנט קעגן היטלעריזם.

נעמענדיק אין אַכט די היפּער־רעוואָלוציאָנערע שטעלונג פֿון „בונד", וועלכער טרעט קאַטעגאָריש אַרויס קעגן דער צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָסיעטעס, אַלס אויסדרוק פֿון קליינבירגערטום, און קעגן דער „כּלל־ישׂראל־פּאָליטיק" פֿון אַרבעטער־אָרדן, ווערט איינגעאָרדנט אַ דיסקוסיע־אָוונט דעם 14. 9. 1937, וווּ די רעדנער פֿון אַרבעטער־אָרדן קלערן אויף, אַז ערשטנס געפֿינען זיך אין די סאָסיעטעס אַ גרויסע צאָל פֿון אַרבעטער און אַרבעטנדיקע און אַז צווייטנס, איז דאָס קליינבירגערטום ניט קיין שונא, נאָר אַ פֿאַרבינדעטער פֿון די אַרבעטער. די שטעלונג פֿון „בונד" ענדערט זיך ניט, כאָטש עס קומט פֿאָר אַ שפּאַלטונג אין זײַן אָרגאַניזאַציע „אַרבעטער־רינג" פֿון וועלכער עס טיילט זיך אָפּ אַ גרופּע אונטערן נאָמען „אומפּאַרטייאישער אַרבעטער־רינג", וועלכע שליסט זיך שפּעטער אָן אין אַרבעטער־אָרדן.

אין דער צײַט פֿון אָקופּאַציע

בעת די שווערע יאָרן פֿון דער היטלער־ממשלה האָבן די טרויעריק־באַרימטע „אוזשיף"־טוער געוואָלט אַרונטערנעמען די פֿאָלקס־קליניק אונטער זייער ממשלה.

די אָנפֿירונג פֿון פֿאָלקס־קליניק האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם ווילן פֿון די פֿאַרטרויונגס־לײַט פֿון די דײַטשע מושלים.

די פֿאָלקס־קליניק, וועלכע האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן „באַשיצן" פֿון די דײַטשן און זייערע משרתים, איז געשלאָסן געוואָרן.

דער אַרבעטער־אָרדן, אָנגעשלאָסן אין פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע געזעלשאַפֿטן, האָט אין דער צײַט פֿון אָקופּאַציע געפֿירט אַ מוטיקע ווידערשטאַנד־טעטיקייט, ניט געקוקט אויף דער אָפֿיציעלער ליקווידאַציע פֿון זײַן טעטיקייט דורך דער ווישי־פּאָליציי. נאָכדעם, ווי דער לאָקאַל ווערט געשלאָסן, גייט די אָרגאַניזאַציע איבער אין אומלעגאַליטעט.

אַ סך מיטגלידער פֿון אַרבעטער־אָרדן האָבן זיך באַטייליקט אַקטיוו אין דער געהיימער טעטיקייט פֿון דער סאָלידאַריטעט־באַוועגונג, פֿאָלקס־הילף (איצט פֿאַרבאַנד פֿאַר ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף).

דער סעקרעטאַר פֿון אַרבעטער־אָרדן, אַלפֿרעד גראַנט, איז געווען אַרעסטירט און איז ניצול געוואָרן אַ דאַנק דעם אויפֿשטאַנד פֿון פּאַריז אין אויגוסט 1944.

טאָמאַס פֿירט אָן מיט אַ גרופּע פֿון דער „סאָלידאַריטעט" אין 11־טן אַראָנדיסמאַן און ווערט דעפּאָרטירט צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי. עלבוים גייט אין קריגס־געפֿאַנגענשאַפֿט. בירנבוים ווערט אַרעסטירט אין 19־טן אַראָנדיסמאַן בײַ אַן אַקציע פֿון דער „סאָלידאַריטעט", לאַסקי, נאָר־וואָס דע־

מאָביליזירט, ווערט גלײַך אַרעסטירט אַלס אָפֿיציעלער סעקרעטאַר פֿון דער פֿאָלקס־קליניק.

שמעון שטראָמפּמאַן געהערט צו דער אָנפֿירונג פֿון דער אומלעגאַלער סינדיקאַלער באַוועגונג און אָרגאַניזירט

די פֿאָלקס־קליניק טוער
פֿרייען זיך מיטן אײַנגעקויפֿטן דיאַטערמי־אַפּאַראַט

מערערע סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די יידישע אַטעליעס, וועלכע האָבן געאַרבעט פֿאַר די דייטשן. אין זומער 1943 ווערט ער איבערגעשיקט קיין ליאָן, וווּ ער זעצט פֿאָר זײַן אונטערערדישע טעטיקייט ביז האַרט פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון ליאָן אין אויגוסט 1944, ווען ער פֿאַלט אַרײַן אין די הענט פֿון דער ווישי־פּאָליציי און גייט פֿאַרלוירן אָן אַ שפּור.

איך פּערזענלעך בין אַרײַנגעטרעטן אין דער סאָלידאַריטעטבאַוועגונג בײַ איר גרינדונג אין דעצעמבער 1940 און אָרגאַניזירט גרופּן אויף דער באַזע פֿון אייניקע אַראָנדיסמאַנען פֿון פּאַריז. אונזער גרופּע־אָנפֿירונג ווערט אַרעסטירט דורך די דייטשן אין אַפּריל 1942 און אַלע 5 אַרעסטירטע ווערן באַפֿרייט פֿון דער דייטשער תּפֿיסה שערש מיט דעם 15־טן יולי 1942. צומאָרגנס, דעם 16־טן יולי, דער טאָג פֿון דער שוידערלעכער אַבלאַווע אויף פֿרויען און קינדער, איז די פּאָליציי געקומען אַלעמען צוריקנעמען. נאָר 2 פּערזאָן פֿון די 5 פֿאַלן אין זייערע הענט, די אַנדערע 3 באַוויזן צו פֿאַרשווינדן און איבערגיין אויף אַנדערע פּאָזיציעס.

די יוגנט, די זין פֿון וואַלאַך, פֿון טאָמאַס, פֿון וואָלמאַרק, די געוועזענע שילער פֿון די צוגאָב־שולן, שטעלן זיך צום באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט און זײַנע מיטהעלפֿער.

דער אַרבעטער־אָרדן איז שטאָלץ מיט דער דאָזיקער פּלעיאַדע יוגנטלעכע, מוטיקע זין פֿון יידישן פֿאָלק, טרײַע און העלדישע קעמפֿער פֿאַר אונזער כּבֿוד !

נאָך דער באַפֿרייונג

נאָך דער באַפֿרייונג האָט זיך דער אַרבעטער־אָרדן אַרײַנגעגליִדערט אין פֿאַרבאַנד פֿאַר ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף, „אוניאָן“, אָן ניט צוריקגעשטעלט קיין זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. דער „אוניאָן“, צוזאַמען מיטן פֿאַרבאַנד פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן האָבן אָנגעשטרענגט זייערע כּוחות צו דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער פֿאָלקס־קליניק.

אין גרויסן פֿאָלקס־הויז, 14 רי דע פּאַראַדי, איז געעפֿנט געוואָרן די פֿאָלקס־קליניק אונטערן נאָמען „ע׳ד מעדיקאַל“ (מעדיצינישע הילף), וואָס פֿירט אַ ברייטפֿאַרצווײַגטע און אומגעהויערע ווichtיקע טעטיקייט לטובֿת דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון אונזער ישובֿ. דער באַשיידענער דיספּאַנסער פֿון אַרבעטער־אָרדן האָט באַקומען אַ תּיקון.

די געזעלשאַפֿט „פֿרײַנט פֿון אַרבעטער־קינד“ איז היינט אַ צענטראַלע קינדער־קאָמיסיע, וואָס פֿאַרוואַלטעט מיט 8 יתומים־הײַזער און זאָרגט פֿאַר 2500 קינדער פֿון דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע.

דער קליינער קולטור־קלוב פֿון פֿאָבור די טאַמפּל איז מגולגל געוואָרן אין גרויסן פֿאָלקס־הויז פֿון 14 רי דע פּאַראַדי.

פֿון די עטלעכע סאָסיעטע־טוער, וועלכע זענען געווען אַנוועזנד בײַ דער דערעפֿענונג פֿון דיספּאַנסער אין 1934, איז אויסגעוואַקסן אַ פֿאַראייניקטער פֿאַרבאַנד פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן מיט קאַרגע 50 געזעלשאַפֿטן, וועלכע פֿײַערן היינט זייער 10־יעריקן יובֿיליי, אַלס גרויסע און אײנהייטלעכע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס אַרבעטן מיט האַרמאָניש יידן, פֿרומע און ניט פֿרומע, יידן מיט פּאָליטישע און אָן פּאָליטישע איבערצײַגונגען, מיטגלידער און ניט מיטגלידער פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען, פֿאָלקס־מענטשן, וועמען עס זענען טײַער אַלע אינטערעסן פֿון יידישן פֿאָלק.

דער אַרבעטער־אָרדן איז אַ ציגל פֿון דער דאָזיקער פּראַכטפֿולער געבײַדע און צופֿרידן, וואָס זײַנע אָנשטרענגונגען זענען ניט געגאַנגען לאיבוד.

מלך ספּעקטאָר

די לאַנדסמאַנשאַפֿט־פּאַטראָנאַטן אין פֿראַנקרייך

די אַנטשטייונג פֿון דער פּאַטראָנאַטן־באַוועגונג

די פּאַטראָנאַטן זענען אַנטשטאַנען אין פֿראַנקרייך אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרמערט די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן דעם פּראָגרעסיוון טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין פּוילן. אין די יאָרן 1932-1939, ווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „סאַנאַציע"־רעגירונג, איז יעדער פֿריי־דענקענדיקער מענטש געווען עלול אַרעסטירט און געפּייניקט צו ווערן אין די קאַמערן פֿון דער „דעפֿענסיווע".

אין יענע יאָרן האָבן צענדליקער טויזנטער פֿון די בעסטע זין פֿון פּוילן און צווישן זיי אַ גרויסע צאָל ייִדן, איבערפֿולט די פּוילישע תּפֿיסות.

אַ סך פֿון די אַרבעטער זענען פֿאַרפּייניקט געוואָרן אין די טאָרטור־קאַמערן פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי. זייערע פֿרויען און קינדער זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן האָט געהאַט אויסצושטיין אין יענע יאָרן כּלערליי שיקאַנעס. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. גאָר אָפֿט פֿלעגן פֿאָרקומען פּאָגראָמען קעגן ייִדן און די פּאָגראָמשטשיקעס פֿלעגן פֿון דער רעגירונג נישט באַשטראָפֿט ווערן. פֿאַרקערט, די רעגירונג פֿלעגט זיי נאָך דערמוטיקן. די רעגירונג האָט דעמאָלט געפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון „אָווישעם"־אַנטיסעמיטיזם. זי האָט איינגעפֿירט פּראָצענט־נאָרמעס פֿאַר ייִדישע סטודענטן, נישט צוגעלאָזט קיין ייִדן צו געוויסע פֿאַכן; זי האָט אויך אונטערגעשטיצט די אָפֿיציעלע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע „אָזאָן", וואָס פֿלעגט אָפֿן און פֿריי אָרגאַניזירן איבערפֿאַלן אויף די ייִדישע קליינהענדלער אין די שטעט און שטעטלעך פֿון דעמאָלטיקן פּוילן.

אונטער דער הערשאַפֿט פֿון בעק און סקלאַדקאָווסקי, איז אויך געעפֿנט געוואָרן דער ערשטער טרויעריק־באַרימטער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזאַ.

אַ סך פֿון די פּאָליטיש־פֿאַרפֿאָלגטע און עקאָנאָמיש־אויסגעוואָרצלטע ייִדן האָבן עמיגרירט קיין פֿראַנקרייך.

אָנקומענדיק דאָ, האָבן זיי תּיכף געטראַכט וועגן הילף און סאָלידאַריטעט פֿאַר די אין פּוילן איבערגעבליבענע אַרעסטירטע חבֿרים און זייערע משפּחות.

אַט דעמאָלט הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ סאָלידאַריטעט־באַוועגונג צווישן די לאַנדסמאַנשאַפֿט־געזעלשאַפֿטן אין פּאַריז, וואָס נעמט אַרום אַלץ ברייטערע קרייזן פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע. עס רעדט זיך שוין נישט בלויז וועגן העלפֿן די פּאָליט־אַרעסטירטע, נאָר אויך די אַלץ וואַקסנדיקע צאָל קרבנות פֿון דער רעאַקציאָנערער אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק פֿון דער פּוילישער רעגירונג.

ביסלעכווייז נעמט אָן די דאָזיקע באַוועגונג אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. עס אַנטשטייען צענדליקער פּאַטראָנאַטן, וואָס גרופּירן הונדערטער און טויזנטער אימיגראַנטן. עס טיילן זיך אַרויס פֿיל איבערגעגעבענע אַקטיוויסטן. די פּאַטראָנאַטן ווערן אַ וויכטיקער אָרגאַניזירטער כּוח פֿון ייִדישן ישובֿ אין פֿראַנקרייך.

די טעטיקייט פֿון די פּאַטראָנאַטן באַגרענעצט זיך שוין נישט מיט ריין־סאָציאַלער סאָלידאַריטעטס־אַרבעט לטובֿת די איבערגעבליבענע אין פּוילן. עס ווערט געפֿירט אַ קולטור־טעטיקייט, מען אָרגאַניזירט קולטור־קאָמיסיעס, דראַמאַטישע קרייזן, רעפֿעראַטן, עקסקורסיעס און פֿאַרווײַלונגען.

מען אָרגאַניזירט אַ לײַ־קאַסע , וואָס קומט צו הילף די ניי־געקומענע און די נויט־באַדערפֿטיקע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן.

די פּאַטראָנאַטן, גרופּירט צוזאַמען, הויבן אָן אַרויסגעבן אַ געמיינזאַמען ביולעטין „צו הילף". די באַוועגונג ווערט

וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אויסגעברייטערט און באַקומט אַ שטאַרקע געזעלשאַפטלעכע ווירקונג. די פּאַטראָנאַטן אָרגאַניזירן פּראָטעסט־קאַמפּאַניעס קעגן פּאָגראָמען און קעגן טעראָר אין פּוילן. זיי ווערן וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס טעטיקייט עס ווערט קאָאָרדינירט דורך אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס פירט אָן די באַוועגונג אויף אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן שליאַך.

די פּאַטראָנאַטן אין דער צייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג

בעת דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע, אין די יאָרן 1937-38 אַנטוויקלען די פּאַטראָנאַטן אַ ברייטע סאָלידאַריטעט־אַקציע לטובת די קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

הונדערטער לאַנדסלייט פון פאַרשיידענע שטעט אין פּוילן זענען פרייוויליקע קעמפער אין דער יידישער קאָמפּאַניע „נפתלי באָטווין" און אַנדערע מיליטערישע איינהייטן. די פּאַטראָנאַטן שטייען מיט זיי אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט. זיי באַזאָרגן זיי מיט פּעקלעך עסנוואַרג, מיט וואַרעמע וועש און האַלטן אויף זייער מאָראַל מיט אָפטע, פריינטלעכע בריוו.

ווען פראַנקאָ, געשטיצט פון היטלער־דייטשלאַנד און מוסאָלינין, דערשטיקט די שפּאַנישע רעפּובליק און די שפּאַנישע קעמפער ווערן אינטערנירט, אַנקומענדיק קיין פראַנקרייך, אין די לאַגערן פון גירס, ווערנע און אַרזשעלעס, שטיצן די פּאַטראָנאַטן זיי ווידער ביזן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג.

לאָמיר דאָ דערמאָנען מיט יראת הכבוד די נעמען פון אונזערע אַקטיוויסטן אין דער פּאַטראָנאַטן־באַוועגונג, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיט די שפּאַנישע פאַשיסטן: וואַפּקע וואַלדעמאַר און זיין ברודער פון מלאַווע־טשעכאַנאָווער פּאַטראָנאַט, מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, משה סקאַלקאַ, הערשל פינקלשטיין, יוסף רייזמאַן פון שעדלעצער פּאַטראָנאַט, גדליה שאַפּיראָ, ישראל האָלדעסבערג (קאָמענדאַנט פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע), שפּייזער, כאַצקל גאָלדמאַן און כאַצקל האָניקשטיין פון לובלינער פּאַטראָנאַט.

די מיטגלידערשאַפט

אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ ציילן די פּאַטראָנאַטן 1000 מיטגלידער. אין 1936 איז די צאָל מיטגלידער פאַרגרעסערט אויף אַנדערטהאַלבן מאָל. די פּאַטראָנאַטן ציילן שוין 1500 מיטגלידער און זייער איינפלוס ווערט אַלץ מער און מער אויסגעברייטערט. אין 1938 איז די צאָל מיטגלידער אין פאַרגלייך מיט 1936 פאַרטאָפּלט. 2000 מיטגלידער ציילן אַלע צוזאַמען פאָלגנדיקע פּאַטראָנאַטן: ראַדאָם, שעדלעץ, לובלין, ראַדאָמסק, קאַליש, קעלץ, טשענסטאָכאָוו, טאָמאַשאָוו, פּיעטריקאָוו, וואַרשע, גאַליציע, סאַנדאָמיעזש, לאָמזשע, קראַשניק, סקערניעוויץ, מלאַווע, צעכאַנאָוו, ביאַליסטאָק, גריצע, לאָדזש, זאַרעווצע, זאַגלעמביע.

טעטיקייט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּאַטראָנאַטן

די פאַרצווייגטע און ביז גאָר פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט פון די באַזונדערע פּאַטראָנאַטן ווערט אָנגעפירט און קאָאָרדינירט פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער באַשטייט פון דעמאָקראַטיש־אויסגעוויילטע פאָרשטייער פון די באַזונדערע פּאַטראָנאַטן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פירט דורך די אָפיציעלע לעגאַליזאַציעס פון די ניי־אַנטשטאַנענע פּאַטראָנאַטן. ער גיט אַרויס דעם פּעריאָדישן ביולעטין „צו הילף" און אויך אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן. ער פירט אָן מיט דער קולטור־טעטיקייט, באַזאָרגט רעפערענטן א. א. וו.

דער צענטראַל־קאָמיטעט רעפּרעזענטירט אויך די פּאַטראָנאַטן־באַוועגונג אויף די אַלגעמיינע קאָנפערענצן פון דעם יידישן ישוב אין פּאַריז און שטייט אויך אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס און פּאַטראָנאַטן אין פּוילן, לאַנדסלייט־פאַרבאַנדן אין צפון־ און דרום אַמעריקע. ער באַטייליקט זיך אויך אין קאָנגרעס פונעם „וועלט־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן" אין 1937.

דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צ. ק. פון די פּאַטראָנאַטן איז געווען דער פריינט אַלפרעד גראַנט, וואָס האָט שוין דעמאָלט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. ער האָט צעמענטירט און פאַראייניקט די ניי־געשאַפענע פּאַטראָנאַטן, זיי געגעבן אַ ריכטיקע, ברייט־פאַרשטאַנענע ריכט־ליניע און מיטגעווירקט אין אַ גרויסער מאָס, אַז די פּאַטראָנאַטן־באַוועגונג זאָל פאַרשטאַרקן איר איינפלוס אין די פאַרשיידנסטע לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפטן.

נאָך אים נעמט איבער דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר דער פריינט יאַנקל דאַווידאָוויטש, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט פון בזשעזשין, אַן אומפאַרגעסלעכער, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענער קעמפער פאַר דער אידייע פון דער פּראָגרעסיווער, דעמאָקראַטישער מענטשהייט, אַן אייביק־פאַרפאָלגטער און דאָך אַן עקשנותדיקער, קרבנות־גרייטער אידעאַליסט. ער איז אומגעקומען אין אַ דייטשן „סטאַלאַג", הינטער די שטעכל־דראָטן, ווי אַ קריגס־געפאַנגענער סאָלדאַט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי.

„מיטן פּנים צו פראַנקרייך"

אין 1934 ווערט באַשטימט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פּאַטראָנאַטן דער פריינט גדל שולץ. ער פאַרווירקלעכט אין דער פּאַטראָנאַטן־באַוועגונג די לאָזונג: „מיטן פּנים צו

פֿראַנקרייך". די פּאַטראָנאַטן פֿאַרנעמען זיך נישט בלויז מיטן העלפֿן פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע פֿאַמיליעס אין פּוילן, זיי זאָרגן אויך פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון זייער מיטגלידערשאַפֿט דאָ אין פֿראַנקרייך.

עס ווערט אויסגעברייטערט די טעטיקייט פֿון קעגנזייטיקער הילף, די קולטור-אַרבעט. מען פֿאַרנעמט זיך אַפֿילו מיט ביזהעריקע „סאָסיעטע"-ענינים ווי ברודער-קברים („קאַוואָס") און אַ. וו.

ברייטע סאָלידאַריטעט-אַקציע פֿאַר די קרבנות פֿון פֿאַשיזם

ווען אין פּאַריז אַנטוויקלט זיך די סאָלידאַריטעט-באַוועגונג פֿאַר ד קרבנות פֿון פֿאַשיזם אין פּוילן, עקזיסטירן שוין צאָלרייכע סאָסיעטעס און לאַנדסמאַנשאַפֿטן, אָבער די אַלע געזעלשאַפֿטן נעמען אַרום אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל לאַנדסלייט. דער מיטגליד-אָפּצאָל איז דאָרטן אַ גאַנץ הויכער און די גאַנצע טעטיקייט באַשטייט פֿון שאַפֿן אַ „קאַוואָ" פֿאַר די לאַנדסלייט. די מעדיצינישע הילף באַשטייט אין חנם, וואָס די סאָסיעטע האָט אַ דאָקטאָר פֿאַר אַלערליי קראַנקייטן.

קיין קולטור-טעטיקייט ווערט בכלל נישט געפֿירט, פֿאַרזאַמלונגען קומען פֿאַר זייער זעלטן. דער פּרעזידענט איז געווען אַן אַלמעכטיקער באַלעבאָס. עס איז אַלטפֿרענקיש און עס האָט נישט קיין ברייטן געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרנעם. איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, וואָס אַ גרויסע צאָל ייִנגערע אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פֿון אַרייַנטרעטן אַלס מיטגלידער אין די סאָסיעטעס.

אַט דעריבער האָבן זיך ביסלעכווייז די פּאַטראָנאַטן פֿאַרוואַנדלט אין לאַנדסמאַנשאַפֿט - געזעלשאַפֿטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן די פֿאַרלאַנגען פֿון די לאַנדסלייט, אָן אונטערשיד פֿון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען.

די לאַנדסמאַנשאַפֿטן באַקומען אַלץ מער און מער איינפֿלוס אויף די לאַנדסלייט און אומדירעקט ענדערט זיך אויך ביסלעכווייז דער „קלימאַט" אין דער טעטיקייט פֿון די סאָסיעטעס.

די סאָסיעטעס הייבן אָן צו פֿאַרשטיין די וויכטיקייט פֿון די ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און פֿראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט אין פֿאָדערגרונט פֿון זייערע לאַנדסלייט, וואָס זענען טעטיק אין די פּאַטראָנאַטן.

די פֿאַרשטייער פֿון די פּאַטראָנאַטן ווערן צוגעלאָזט אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די סאָסיעטעס, זיי באַקומען דאָרט אַן אַלץ שטאַרקערן איינפֿלוס, אַזוי, אַז די סאָסיעטעס ווערן ביסלעכווייז אַרייַנגעצויגן אין די ברייטע מאַסן-סאָלידאַריטעט-אַקציעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט און דורכגעפֿירט פֿון די פּאַטראָנאַטן.

די צוזאַמענאַרבעט פֿון די פּאַטראָנאַטן מיט ד סאָסיעטעס ווערט אַלץ ענגער און עס ווערט רייף דער געדאַנק פֿון צוזאַמענגיסונג פֿון די סאָסיעטעס מיט די לאַנדסמאַנשאַפֿט-פּאַטראָנאַטן.

די געמיינזאַם - דורכגעפֿירט אַקציעס, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך אַקטיוו סיי די פֿאַרשטייער פֿון די סאָסיעטעס, סיי די פֿאַרשטייער פֿון די פּאַטראָנאַטן, זענען גורם דערצו, אַז עס זאָל געוואָרפֿן ווערן די לאָזונג פֿון פֿאַראייניקן נישט בלויז די סאָסיעטעס מיט די פּאַטראָנאַטן, נאָר אויך דעם גאַנצן ייִדישן ישוב אין פֿראַנקרייך.

די פּאַטראָנאַטן האָבן אין דעם פֿאַר-מלחמהדיקן פּעריאָד אויסגעפֿירט אַן אומגעהויערע וויכטיקע אַרבעט.

אַ דאַנק דער אַנטשטייונג פֿון די פּאַטראָנאַטן, אין וועלכע עס איז געווען טעטיק די פּראָגרעסיווע, יונגע אימיגראַציע, איז געענדערט געוואָרן דער עצם כאַראַקטער און גייסט פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט - באַוועגונג בכלל און פֿון די סאָסיעטעס בפרט.

די פּאַטראָנאַטן-באַוועגונג האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט צו דער פֿאַראייניקונג פֿון אונדזער ישוב.

דער פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע געזעלשאַפֿטן אין פֿראַנקרייך איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פֿיל צו פֿאַרדאַנקען די ערשטע טוער און בויער פֿון די פּאַטראָנאַטן.

די היינט פּראָגרעסיווע, מאָדערנע, דעמאָקראַטישע פֿאָלקס-אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפֿט - פֿאַרבאַנדן און סאָסיעטעס, וואָס לייסטן אַזויפֿיל פֿאַר דער מיטגלידערשאַפֿט און פֿאַר די ניי-געקומענע לאַנדסלייט, האָבן פֿיל, גאָר פֿיל צו פֿאַרדאַנקען די טוער פֿון די פּאַטראָנאַטן.

די היסטאָריש-וויכטיקע ראָל פֿון דער פּאַטראָנאַטן-באַוועגונג אין דער געשיכטע פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון אונדזער ישוב איז נאָך קנאַפּ אָפּגעשאַצט געוואָרן.

זאָל די דאָזיקע אַרבעט זיין אַ שטויס צו אַ מער גענויער און וויכטיקער פֿאָרשונג וועגן דער פּאַטראָנאַטן-באַוועגונג.

* * *

לאָמיר דאָ צום סוף דערמאָנען די נעמען פֿון די אַקטיוויסטן, וואָס זענען געפֿאַלן ווי העלדן אין קאַמף קעגן היטלעריזם:

טייבקע קלעשטשעלסקאַ, סעקרעטאַרן פֿון ביאַליסטאָקער פּאַטראָנאַט, אומגעקומען אין באַוואָפֿנטער אַקציע. סאַלאָמאָן פֿון לובלינער פּאַטראָנאַט און יאַנקל דאַווידאָוויטש, אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

כבוד זייער אָנדענק!

יוסף שטאַמפּאַטער

דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד און זיין צוזאַמענאַרבעט מיטן פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך

די אַנטשטייונג פונעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד

יוסף שטאַמפּאַטער

דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין 1934, אין די שווערע צייטן, ווען דער יידישער פּאַסאַניער־אַרטיזאַן איז געווען זייער שטאַרק באַדראָט צוליב די לאַוואַל־גזירות, צו פאַרלירן זיין אַרבעטס־רעכט, ווי אויך אַרויסגעשיקט צו ווערן פון פראַנקרייך.

אַ גרופּע האַנטווערקער האָט דעמאָלט גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַלע יידישע בעלי מלאכות, פּאַסאַניערס און אַרטיזאַנען.

מיר האָבן אָנגעהויבן צוערשט שאַפן פאַרשידענע פאַך־סעקציעס און שפּעטער פון די פאַרשטייער פון די פאַרשידענע סעקציעס געבילדעט דעם צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, וואָס האָט גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון יידישן בעל־מלאכה קעגן די גזירות. ער האָט דורך זיינע מעמאָראַנדומס, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן די פאַרשידענע פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּן, דורך זיינע אינטערווענצן אין די רעגירונג־אינסטאַנצן מיטגעווירקט, עס זאָלן טיילווייז פאַרמילדערט ווערן די קסענאָפאָבישע גזירות, און עס זאָלן נישט אַרויסגעגעבן ווערן נאָך האַרבערע מאָסמיטלען קעגן די אויסלענדישע, פּאַקטיש יידישע האַנטווערקער.

די סאָלידאַריטעט־טעטיקייט

דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט זיך אָבער פאַרנומען נישט בלויז מיט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידישע האַנטווערקער אין פראַנקרייך.

אין אַנבליק פון די שווערע נסיונות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין, שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער היטלער־ממשלה אין דייטשלאַנד, אין אַנבליק פון די נגישות, וואָס דער יידישער ישוב אין פּוילן האָט געהאַט אויסצושטיין מצד די היימישע פּוילישע, פאַשיסטישע און פּראָ־פאַשיסטישע „סאַנאַציע"־מענטשן, האָט דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אַקטיוו מיטגעהאָלפן דורכצופירן אַ ברייטע פאָלקס־אַקציע לטובת די יידישע קינדער אין פּוילן, לטובת די ערשטע קרבנות פון פאַשיזם און היטלעריזם.

דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט צו דער דאָזיקער ברייט פאַרשטאַנענער סאָלידאַריטעט־אַרבעט צוגעטיילט זיינע בעסטע טוער. דער באַליבטער, איבערגעגעבענער פּרעזידענט פונעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד, תנחום נודעלמאַן, דער וויצע־פּרעזידענט, דער שרייבער פון די שורות, און נאָך אַנדערע האַנטווערקער־טוער, האָבן זיך בלב ונפש אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־ און סאָלידאַריטעט־אַקציע לטובת די יידישע קינדערלעך אין פּוילן. אויף אַלע יידישע אונטערנעמונגען, אין טעאַטער, אָדער גלאַט אויף אַ שמחה, האָט מען געזאַמלט גרויסע סומעס פאַר די פאַרפאָלגטע יידישע ברידער און שוועסטער.

איך דערמאָן זיך אַ גרויסע קאָנפערענץ פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פּאַריז. דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז דער גרויסער יידישער קינסטלער און איבערגעגעבענער, האַרציקער טוער — דער סקולפּטאָר

נחום אַראָנסאָן (געשטאָרבן אין דער צייט פון קריג אין אַמעריקע). בעת דער דיסקוסיע איבער דער הילפס־אַרבעט לטובת די קינדער פון פוילן, איז אַרויסגעטרעטן דער יידישער פאָלקס־העלד, שלום שוואַרצבאַרד; דער העלד, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד און דערשאָסן דעם בלוטיקן יידן־פיינט און פּאָגראָמשטשיק פּעטליורא, האָט דעמאָלט געזאָגט: „ברידער יידן, ביז דער איצטיקער אַקציע האָב איך נישט געוווסט און נישט געזען וואָס און וועמען מיר פאַרמאָגן; אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך געהאַט געלערנט, אַז די וועלט שטייט צוליבן זכות פון געציילטע למד־וו צדיקים. די צדיקים זענען פאַרשטעלט אין פּראָסטע מענטשן און מען ווייסט נישט, ווי זיי צו דערקענען. איך זאָג אייך, איך האָב זיי איצט דערזען אין אָט די יידישע בעלי־מלאכות, וואָס לייגן אַוועק זייער אַרבעט, זייער וואַרשטאַט און געבן זיך אָפּ מיטן גוף און לעבן מיט דער זאָרג פאַרן יידישן קינד. אָט זעענען זיי, דאָס זענען די טוער פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד“.

די „זבאָנזשין“־אַקציע

עס איז שוין ערב דער וועלט־מלחמה. פון דייטשלאַנד ווערן אַרויסגעשיקט צום פּוילישן גרענעץ די פּוילישע יידן. זיי וואַלגערן זיך אין זבאָנשין.

תיכף ווערט אָרגאַניזירט אַ ברייטע סאָלידאַריטעט־אַקציע פונעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן צוזאַמען מיטן צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. עס ווערט אויפגעזאַמלט, פאַר יענער צייט, אַ גרויסע סומע געלט. אין די קאַלטע ווינטער־טעג פאָרט קיין זבאָנשין אַ דעלעגאַציע, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס געפינט זיך אונזער פּרעזידענט, אונזער פריינט נודעלמאַן. דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך שיקט איבער דורך דער דעלעגאַציע די קרבנות פון דער היטלער־ממשלה זייער מאַטעריעלע הילף און מאָראַלישע אונטערשטיצונג.

די אַרויסגעשיקטע קיין זבאָנשין ווערן דערמוטיקט אַ דאַנק דער סאָלידאַריטעט פון אונזער ישוב. זיי אָרגאַניזירן זייער לעבן אין זבאָנשין ווירדיק און זעען אין דעם כוח פון יידישן פאָלק. זיי אָרגאַניזירן דאָרט גופא שולן פאַר די יידישע קינדער, פאַרווײַלונגען, אַ קולטור־טעטיקייט. זיי שיקן איבער דורך דער דעלעגאַציע זייערע האַרציקסטע ווינטשן, זייער טיפע אָנערקענונג און דאַנק דעם פראַנצויזישן ישוב.

טעטיקייט אין צייט פון קריג און אָקופּאַציע
די פאָלקס־קיך אויף רי סאַנטאָנזש

עס ברעכט אויס די מלחמה. די לאַגע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט ווערט ערנסט. אייניקע טוער פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן פאַרלאָזן זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס דעמאָלט, ווען די טעטיקייט פונעם פאַרבאַנד איז באַזונדערס וויכטיק פאַרן ישוב.

אָט אין יענע שווערע שעהן ווערט דער פּרעזידענט פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, ת. נודעלמאַן, דער פּרעזידענט פונעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך.

עס קומען אַריין קיין פּאַריז די היטלעריסטישע חיילות. מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ שנעלע הילף צו לינדערן די נויט פון די הונגעריקע. איך גיי אויפזוכן אונזערע טוער, וואָס זענען פאַרבליבן אין פּאַריז, כדי צוזאַמען אָנצוהייבן אונזער סאָלידאַריטעט און הילף־טעטיקייט. דעם ערשטן טרעף איך דעם פּרעזידענט פון בריסקער סאָסיעטע, פריינט גאַלאַנט (אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה).

ביידע קומען מיר אַרויף צום גוטן באַקאַנטן חשובן טוער, פּרעזידענט פון אייניקע סאָסיעטעס און איצט — ערן־פּרעזידענט פונעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, פריינט אַנקעלעוויטש. מיר קלערן אים אויף דעם ציל פון אונזער באַזוך.

תיכף נעמט ער אַרויס פאַרשידענע זעקלעך געלט (פון פאַרשידענע סאָסיעטעס) און ער זאָגט אונז: „היות, ווי די סאָסיעטעס עקזיסטירן שוין מער נישט, נעמט אייך גאָר, וואָס איך פאַרמאָג; איך בין גרייט מיטצואַרבעטן מיט אייך צוזאַמען“.

אָט מיט די קליינע געלטער עפענען מיר אויף די קיך אויף 8 רי סאַנטאָנזש. אונזער פריינט נודעלמאַן ווערט דער פאַראַנטוואָרטלעכער, אָרגאַניזאַציאָנעלער לייטער פון דער קיך.

מיר ציען צו צו אונזער הילפס־אַרבעט דעם שפּעטער־אומגעקומענעם, באַליבטן פּרעזידענט פון דער קאַלישער סאָסיעטע — שוואַרצבאַרד, ווי אויך דעם איבערגעבענעם, דעם מענטשן מיט דעם גאָלדענעם האַרץ, דעם פּרעזידענט פון עזרה — פריינט בערקאָוו. (אויך ער איז שפּעטער אומגעקומען אין היטלער־גיהנום).

אויסער דעם אַרבעט מיט אונז דער טוער פון דער יידישער אינטער־סינדיקאַלער קאָמיסיע — לייזער האָלצמאַן, (אויך ער דעפּאָרטירט).

די אַרבעט איז שווער. אונזערע פינאַנץ־מיטלען זענען באַגרענעצטע. טאָג־טעגלעך קומען צו עסער. מען דאַרף געבן עסן מיטאָג און אָוונט־ברויט פאַר 600 מענטשן.

פון די איבערגעבליבענע געלטער פון „דזשאָינט“ ווערט אונז גאָרנישט אַרויסגעגעבן. עס קומט איין מאָל צו אונז אַ דעלעגאַציע. דער שרייבער דניאל טשאַרני, דעלעגירטער פון „דזשאָינט“ און דער טוער פון „קאָלאָני סקאָלער“, הער יאַקובאָוויטש. תיכף ווי הער יאַקובאָוויטש גייט אַריין אין קיך און ער טרעפט דאָרטן אונזער פּרעזידענט נודעלמאַן, זאָגט ער, נאָך פאַרן „גוט מאָרגן“: „אָט איצט ווייס איך שוין וועמענס די קיך איז!“.

עס קומט פאָר אַ שאַרפער ווערטער־אויסטויש. איך פרוביר באַרויקן די געמיטער. איך זאָג זיי: „אדרבא, פאַרזוכט אונזער רויטן באָרשט, ער איז רויט, אָבער גאָר פון בוריקעס. פאַרזוכט אונזער געהאַקט פלייש, עס איז ריין פון מאַרקסיזם"...

דער שרייבער דניאל טשאַרני, פאָרשטייער פון „דזשאָינט" איז גראָד סימפּאַטיש און וואָלט געוואָלט אונז אונטערשטיצן, נאָר די אָנפירער פון די אמולא זענען קעגן דעם, אַז מען זאָל אונז מיטהעלפן. עס האָט געהייסן ביי זיי, אַז ס'איז אַ „קאָמוניסטישע קיך" און קיין קאָמוניסטן דאַרף מען נישט העלפן, מעגן זיי זיין גוטע יידן.

מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער געהיימער „סאָלידאַריטעט" (איצט פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף („אוניאָן"), וועלכע האָט אונז געגעבן אַ רעגולערע חודשלעכע סובסידיע.

עס האָט אונז פיל מיטגעהאָלפן דער פרעזידענט פון די יידישע מאַרשאַנטעס, דער מאַרטירער ישראל בורשטיין.

די יידישע בעקער, באַזונדערס דער בעקער פערלמאַן פון רי באַפרוא, געבן אונז ברויט אָן געלט, די יידישע פליישער געבן אונז פלייש, די יידישע שפייז־געוועלבן — שפייזפראָדוקטן. אַלע רופן זיך אָפ וואַרעם, אַלע העלפן אונז ברידערלעך אין אונזער וויכטיקער הילפס־אַרבעט.

די „ברוינע" יידן פון „אוזשיף" פאַרלאַנגען מיר זאָלן מיטאַרבעטן מיט די נאַציס

שפעטער, ווען די ברוינע יידן פון „אוזשיף" (יודנראַט) האָבן גענומען געוועלטיקן אין פראַנקרייך בכלל און אין פאַריז בפרט, איז אונזער לאַגע געוואָרן פאַרערגערט. די פאָרשטייער פון „אוזשיף" פלעגן קומען אין קיך גאַנץ אָפט.

אין מאַי 1941, נאָך דער ערשטער אינטערנירונג פון 5000 אויסלענדישע יידן אין פיטיוויע און באָן־לאַ ראָלאַנד, איז געקומען אין קיך דער יידישער משרת פון די דייטשן, דער פאָרשטייער פון „אוזשיף — דאַנאָן. דער עטלעכע און זעכציק יאָריקער „קאָלאַבאָראַטאָר" האָט געוואָלט אויפהענגען אין קיך אַ פלאַקאַט, וואָס רופט די יידישע פרויען צו גיין „אַרבעטן" פאַר אונזערע הענקער. די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל צושטעלן 12000 יידישע פרויען און דער „אוזשיף"־פאָרשטייער דאַנאָן האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אים העלפן צופרידנשטעלן זיינע דייטשע „הערן".

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָב זיך אָפגעזאָגט. דאַנאָן האָט אונז געוואָלט איבערצייגן אַז מיר זאָלן ווערן דייטשע „קאָלאַבאָראַטאָרן". „סטייטש, זאָגט ער, אַלע אַרבעטן מיט מיט די דייטשן, פאַרוואָס זאָלן יידן זיין אַנדערש ווי אַלע?". ער האָט אונז פאַרגעלייגט, אַז די קיך זאָל איבערגיין אין רשות פון „אוזשיף" ד. ה. פאַקטיש אונטער דער אויפזיכט פון די נאַציס און אַז מיר, אַלע טוער, זאָלן ווערן „נוצלעכע יודען".

די טוער פון דער קיך האָבן אָבער געהאַלטן, אַז אייחער צו אַרבעטן אונטערן קאָנטראָל פון די דייטשן, איז בעסער צו פאַרמאַכן די קיך. זיי האָבן פאַרטיילט די איבערגעבליבענע פראָדוקטן פאַר די טוער און געשלאָסן די קיך.

תנחום נודעלמאַן שטאַרבט אויף זיין פאָסטן אין פאַריז

איך פאָר אַוועק קיין ליאָן. אונזער אומפאַרגעסלעכער פרעזידענט נודעלמאַן בלייבט אָבער איבער אין פאַריז. מיר שטייען מיט אים אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט.

אין ליאָן טרעף איך זיך מיט אונזערע א בערגעגעבענע האַנטווערקער־טוער האַלמער, אַ צייטיקער פרעזידענט פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, יאַקובאָוויטש, איצטיקער קאַסירער, מיט די פריינט שליסעלבאַ, ווייס. תיכף פירן מיר דאָרטן דורך אַ גרעסערע געלט־זאַמלונג, וואָס מיר שיקן איבער אונזער אַלטן, איבערגעגעבענעם פריינט נודעלמאַן אין פאַריז.

תנחום נודעלמאַן שטייט אין קאָנטאַקט און אַרבעט מיט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער איז אין פאַרבינדונג מיט ב. טשאַרני, אַלפרעד גראַנט, מיט אונזערע קדושים נאַדלער, קוטנער, מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער יידישער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, אַלפרעד בעסערמאַן, לייזער האָלצמאַן און זשאַק ליעדערמאַן.

נאָך דער דייטשישער אינטערנירונג־אַקציע פון 16־טן יולי 1942, באַקומען מיר אַ בריוו פון נודעלמאַן, אַז עס פאָדערט זיך דרינגענדיק הילף פאַר די איבערגעבליבענע, פאַר די געראַטעוועטע, אויסבאַהאַלטענע פרויען און קינדער.

תיכף שטעלן מיר זיך אין פאַרבינדונג מיט דער פאָלקס־הילף און מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ליאָן, ווו עס זענען באַזונדערס טעטיק א. ראַיסקי, אַלבערט יודין, זשאַק ראַווין; צוזאַמען פירן מיר דורך אַ דערפאָלגרייכע געלט־אַקציע. אין איין וואָך צייט ווערט געזאַמלט אַ גרויסע סומע געלט, וואָס מיר שיקן איבער אונזער פריינט נודעלמאַן.

סוף 1942 פאַרנעמען די דייטשן ליאָן. אין שטאָט פירן זיך די באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־האַנדלונגען קעגן די דייטשע מערדער. די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג ווייזט אַרויס איר דינאַמיש־קעמפערישע קראַפט. די דייטשן ליידן די גרויסע מפלה אין סטאַלינגראַד. אונזער באַוועגונג באַקומט אַלץ מער און מער אָנזען און ווירקונג אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איך געדענק די פרייד פון די יידן אין שול, ווו איך בין געקומען אָנזאָגן די גוטע בשורה בעתן דאַווענען.

די דייטשן ווערן אַלץ מער ברוטאַל. די רעפרעסיעס ווערן פאַרשטאַרקט. טאָגטעגלעך כאַפט מען יידן, אָבער די ווידערשטאַנד־באַוועגונג זעצט פאָר איר טעטיקייט.

איך פאָר זאַמלען געלט קיין גרענאָבל, טולוז, מאָנטעבאַן, ווו איך טרעף זיך מיט אונזער באַליבטן האַנטווערקער־טוער, מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַר־

באַנד, משה מעלמאַן. ער העלפט מיר שטאַרק צו און צוזאַמען זאַמלען מיר אַ גרויסע סומע געלט, וואָס מיר שיקן תיכף איבער נודעלמאַנען אין פאַריז.

אין פאַריז ווערט די לאַגע פון ייִדן אַלץ ערגער. מיר שרייבן צו אונזער פרעזידענט נודעלמאַן, ער זאָל קומען קיין ליאָן. אָבער נודעלמאַן, דער איבערגעגעבענער פאָלקס-טוער, שרייבט אונז, אַז ער איז אפילו אַן אַלטער מאַן, נאָר ער באַטראַכט זיך ווי אַ סאָלדאַט. ער טאָר נישט פאַרלאָזן זיין פאָסטן פון הילף און ווידערשטאַנד.

אַ לענגערע צייט האָבן מיר פון אים קיין שום בריוו נישט. מיר זענען אומרואיק, מיר ווייסן נישט וואָס איבערצוטראַכטן. מיר באַמיען זיך איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט פאַריז און אָט באַקומען מיר אַ בריוו פון סינדיקאַלן טוער זשאַק לעדערמאַן, אין וועלכן ער טיילט אונז מיט, אַז אונזער האַרציקער איבערגעגעבענער פרעזידענט פון צענטראַלן האַנטווערקער-פאַרבאַנד און פונעם פאַרבאַנד פון ייִדישע געזעלשאַפטן, איז דעם 6-טן נאָוועמבער 1943 פלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַקע. ער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן די פיין פון ייִדישן פאָלק.

מיר פאַרלירן פיל פון אונזערע בעסטע טוער אָבער מיר בויען אויפסניי

די לעצטע טעג פון דער אָקופאַציע זענען טעג פון ברוטאַלע רעפרעסיעס און אויך פון פאַרשטאַרקטן ווידערשטאַנד, פונעם העלדישן באַוואָפנטן אויפשטאַנד פונעם פראַנצויזישן פאָלק, פון אונזערע ייִדישע העלדן קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא.

אין ליאָן פאַלן דערמאָרדעט פון די נאַציס אונזער אַלטער פריינט שליסעלמאַן, דער שטענדיק אַקטיווער און באַליבטער קעמפער. דער פרעזידענט פון די בוי-האַנטווערקער פיעקאַרסקי ווערט אַרעסטירט און מערדערלעך געשלאָגן. ער איז דעפאָרטירט געוואָרן און מער נישט געקומען צוריק. אין דער תּפיסה „פאָר מאָנלוק" ווערן טאָג-טעגלעך אויסגעמאָרדעט הונדערטער ייִדן.

נאָר אָט קומען אָן די טעג פון נקמה, פון פאָלקס-אויפשטאַנד, פון באַפרייונג. אונזער העלדישע יוגנט רעכנט זיך אָפ מיט געווער אין האַנט מיט אונזערע אכזריותדיקע שונאים. פאַריז, ליאָן, גאַנץ פראַנקרייך ווערט אויסגערייניקט פון די גרינע ווערים.

מיר קומען צוריק קיין פאַריז. צוזאַמען מיטן גענעראַל-סעקרעטאַר מ. מעלמאַן רופן מיר צונויף די ערשטע באַראַטונג פון די איבערגעבליבענע האַנטווערקער-טוער אין אַ קאַפע, אויף רי בעראַנזשע.

אונזער טעטיקייט ווערט באַנייט מיט אַ פעסטן ווילן צוריק אויפצובויען אונזער גרויסע ייִדישע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע — דעם האַנטווערקער-פאַרבאַנד. מיר בויען אונזער לעבן, אונזערע געזעלשאַפטלעכע בנינים אויפסניי.

י. דאַווידאָוויטש

אַ האַלבער יאָרהונדערט יידיש לעבן אין פּאַריז

אין פּאַריז מיט 48 יאָר צוריק

איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז אין 1899־טן יאָר. דער יידישער ישוב איז צו יענער צייט געווען קליין. לויט דער מלוכה־אָנגעהעריקייט, האָט דאָמינירט די אַזוי גערופענע רוסישע קאָלאָניע, וועלכע איז באַשטאַנען מערסטנס פון סטודענטן, פּאָליטישע פּליטים און פון באַנקראָטירטער בורזשואַזיע. די יידיש־פּוילישע עמיגראַנטן זענען אויך באַשטאַנען מערסטנס פון באַנקראָטירטע סוחרים.

די ערשטע צייט פון מיין אָנקומען, זענען קיין יידישע געזעלשאַפטן אין פּאַריז נאָך ניט געווען, ניט רעכענענדיק די געזעלשאַפט „חברה שומרי שבת" און עפּעס אַ רומענישע געזעלשאַפט. די רוסישע קאָלאָניע האָט זיך מיט די פּוילישע יידן ניט געחברט און די איינגעבוירענע פראַנצויזישע יידן — אוודאי ניט. די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער יוגנט האָבן געצויגן די אַנאַרכיסטן, וועלכע זענען צו יענער צייט געווען צאָלרייך אין פּאַריז.

די יידישע עמיגראַציע האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אויפן פּלעצל און מאָנמאַרטר. גאַנץ ווייניק אויפן בעלוויל. די גאַס פערדינאַנד דיוואַל האָט געהייסן רי דע זשוויף (יידן־גאַס); דער פּלאַץ פון מעטראָ סט. פּאָל — פּלאַס דע זשוויוו (יידן־פּלאַץ). די סטודענטנשאַפט האָט אַזוי ווי איצטער, געוווינט אין לאַטיינישן קוואַרטל און די בורזשואַזיע — אויף שאַם דע מאַרס.

י. דאַווידאָוויטש

די הויפּט - באַשעפטיקונג פון די יידן איז געווען: שניידעריי און מסחר.

יידישע סינדיקאַטן

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן הויבט זיך אָן אין קאַסקעטן און שאַפּעלערי־סינדיקאַט, ווו איך בין אַריינגעטראָטן אַלס אַרבעטער פון דער דאָזיקער בראַנזשע, סאָטש פון פאַך בין איך גאָר אַן אַרבעטער אין דער דאַמען-היט - בראַנזשע. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס געווען דער ערשטער יידישער סינדיקאַט אין פּאַריז. דער דאָזיקער סינדיקאַט האָט דעמאָלט געציילט 70-80 מיטגלידער פון פאַרשידענע אָריענטאַציעס: ריין־פּראָפעסיאָנעלע, ציוניסטישע און — אַמייסטן — אַנאַרכיסטישע.

פון די קענטיקע סינדיקאַלע טוער זענען געווען: דער סעקרעטאַר קאַרפּעל — אַ פראַנצויזישער ייד, זייער אַן אָנגעזעענער מענטש, אָבער ניט קיין שטאַרק איבערצייגטער סינדיקאַליסט. אַן ערנסטער סינדיקאַלער טוער איז געווען איגנאַץ קרייזלער, וואָס איז געווען באַליבט ביי אַלעמען — אַפילו ביי זיינע קעגנער. עס האָבן אים ליב געהאַט אויך די פּאַטראָנען (זיינע אַרבעטס - געבער). דורך אַ גליקלעכן שידוך איז קרייזלער געוואָרן אַ מיליאָנער. דאָס רייכטום האָט אָבער ניט פאַרדאָרבן זיין כאַראַקטער — ער האָט אַרויסגעוויזן פיל אַלטרואיזם. ער האָט געהאָלפן פיל מענטשן אין בעזאַנסאָן, ווו ער האָט זיך באַזעצט נאָך זיין חתונה. אין 1943־טן יאָר האָט אים די געשטאַפּאָ אַרעסטירט אַלס שולדיקן אין אַ ריי „פאַרברעכנס", ווי שיקן ברויט אין די לאַגערן פון די אומגליקלעכע אינטערנירטע און אויסהאַלטן 3 קינדער פון דעפּאָרטירטע עלטערן. דערפאַר האָט מען אים דעפּאָרטירט און ער איז שוין צוריק

נישט געקומען. איך באַשטעטיק, אַז מיט קרייזלעך איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ זעלטן נאָבעלער מענטש, אַן עכטער דעמאָקראַט און אַ גרויסער פאָלקס-פריינט.

דער צווייטער סעקרעטאַר אין קאָם-קעמפן-סינדיקאַט איז געווען דוד לאַזאָווסקי. זיין אַקטיווסטער מיטאַרבעטער-פריינט — באָגוסלאַווסקי, שפּעטער דער אומפּאַרגעסלעכער טוער און סעקרעטאַר פון דער 4-טער סעקציע ביים „אוניאָן". ביידע וווּנדערבאַרע מענטשן.

קיין יידיש קולטורעל לעבן איז דאַן נישט געווען, אויסער ביי די אַנאַרכיסטן. עס האָט נישט עקזיסטירט קיין איין יידישע צייטונג אין פּאַריז. עס פלעגן אָנקומען יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד, דער עיקר — פון לאָנדאָן. צוויי פון די צייטונגען: „ספּעציעל" (אויף ענגליש „ספּעסשעל") און „טעלעפאָן" האָבן נישט געהאַט קיין שום ליטעראַרישן ווערט. דאָס איז געווען אמתער שונד. די דריטע צייטונג „דער אַרבעטער-פריינד" איז אויך אַרויס אין לאָנדאָן. דער אַרויסגעבער איז געווען רודאָלף ראָקער (נישט קיין ייד). די שפּראַך — אַ דייטשמערישע. די צייטונג האָט שוין געהאַט ליטעראַרישע אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון פאַרשידענע גרויסע שרייבער. דעם רעדאַקטאָר רודאָלף ראָקער איז מיר אויסגעקומען צו זען און צו הערן אין פּאַריז מערערע מאָל און איך מוז זאָגן, אַז לויט מיין מיינונג, איז ער געווען אַ שיינער רעדנער און אַ וווּנדערבאַרער קאָנפּעראַנסיע, באַזונדערס ווען ער האָט גערעדט וועגן קונסט און וויסנשאַפט.

יידישע געזעלשאַפטן

נאָך די סינדיקאַטן, וואָס זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, לעבנס-אָרגאַנען, הויבן זיך אָן צו שאַפן אויף דער יידישער גאַס אין פּאַריז אַנדערע קערפּערשאַפטן, אונטערן נאָמען „סאָסיעטע דע סעקור מיטיועל". די דאָזיקע געזעלשאַפטן האָבן זיך מיטן לעבן אינטערעסירט גאַנץ ווייניק. זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן טויט.

אָט זענען אַ פּאָר ביישפּילן: עס טרעפט מיך אַמאָל אַ פריינט און ווענדעט זיך צו מיר בזה הלשון: „הער, חבר, דאָ אין פּאַריז דאַרף מען זיך נישט זאָרגן און קעמפן בלויז פאַרן טעגלעכן ברויט, נאָר מען מוז אויך קעמפן קעגן טויט, ווייל אויב נישט, איז ווען מען שטאַרבט, קען מען ליגן יאָרן לאַנג און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט אומקוקן, קיינער וועט דיך נישט באַגראָבן". פרעג איך מיין פריינט, ווי אַזוי מען קעמפט קעגן טויט. ענטפערט ער מיר: „גאַנץ פּשוט — דו מוזסט זיך איינשרייבן אין דער געזעלשאַפט, וווּ איך בין. דאָרט וועט מען דיר שוין אַלץ דערקלערן."

אויס נייגעריקייט האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, ספּעציעל, ווען מיין באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. איך בין געקומען צו די וואַלן פון אַ קאָמיטעט. מען רופט אויס די קאָמיטעט-מיטגלידער מיט זייערע טיטלען: חבר איקס איז געוויילט אַלס פּרעזידענט, 2 וויצע-פּרעזידענטן, 1 פּרעזידענט-סאַניטאַר, 2 געהילפס-פּרעזידענטן, 1 פּרעזידענט דע פעט, 2 געהילפס-פּרעזידענטן און אייניקע קאָמיטעט-מיטגלידער. דער מלך-המלכים — איך מיין, דער פּרעזידענט איבער אַלע פּרעזידענטן, האָט געזאָלט האַלטן זיין „טראָן-רעדע", אָבער צוליב דער שפּעטקייט פון דער צייט — איידער מען האָט אויסגעקליבן אַזאַ פאַרצווייגטע רעגירונג — האָט דער באַלעבאָס פון קאַפע אויסגעלאָשן די עלעקטריע, און רעזולטאַט פון וואָס איך האָב דעם פּרעזידענטס „דרשה" נישט זוכה געווען צו הערן.

אַז עס איז באַשערט קומט אָן...

מיט אייניקע וואָכן שפּעטער שטאַרבט אַ מיטגליד. ביים קבר פונעם נפטר האַלט דער זעלבער פּרעזידענט אַ רעדע — אַ קורצע, אָבער אַן אינהאַלטסרייכע. איך גיב זי איבער בוכשטעבלעך. „איך, פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט און אַלע חברים פון דער זעלבער געזעלשאַפט זענען געקומען באַגלייטן אונזערן צו „מעמבער". דאָס איז געווען אַ חבר, מיט וועלכן מיר האָבן זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען. אויף אַ שמחה האָט ער געקענט אַראָפּלאָזן אַ פּאָר גלעזלעך און קיינמאָל ניט געווען שיכור. מיר אַלע באַדויערן אים. מיר פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל זיין פאַר אונז אַ גוטער בעטער. טייערער חבר! מיר גייען פון דיר אַוועק און ווינטשן דיר אַ זיי געזונט!". נאָך דעם דאָזיקן אָריגינעלן הספד איז מיר אָפּגעפאַלן ווייטער דער אַפּעטיט צו הערן דעם פּרעזידענט.

אַ ביישפּיל פון אַ צווייטער געזעלשאַפט. עס טרעפט מיך אַ באַקאַנטער און זאָגט: „דו ווייסט? — עס קומט מיר אַ מזל-טוב — איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ פּרעזידענטס אַ טאָכטער". אויף מיין פראַגע צי ער האָט גענומען אַ סך נדן, ענטפערט ער, אַז זיין שווער האָט אים צוגעזאָגט אַ שיינעם נדן נאָך דער חתונה. ווען ער האָט דערמאָנט דעם שווער דעם צוזאָג, האָט דער לעצטער אַרויסגענומען אַ ביכעלע מיט סטאַטוטן פון זיין געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט, און ווייזנדיק אים דאָס ביכעלע, אויף וועלכן עס איז געווען זיין פאָטאָגראַפיע, האָט ער צו אים געזאָגט פאָלגנדיקע ווערטער: זעסט, מיין קינד, דאָס איז דער שענסטער נדן, וואָס אַ שווער קען געבן זיין איידעם. דאַרפסט גאָר האַלטן פאַר אַ גרויסן יחוס אַז דו האָסט אַ שווער אַ פּרעזידענט...

ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער טשענסטאָכאָווער סאָסיעטע, ניט זייענדיק קיין טשענסטאָכאָווער.

אין אָנהייב פון יאָר 1926 איז צו מיר געקומען פון ארץ-ישראל מיינער אַ פּלימעניק, וועלכער האָט געהאָפט אין פּאַריז צו פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע. נאָך אַזויפיל יאָרן אין נייעם לאַנד, נאָך אַזויפיל יאָרן נע-ונד און עלנט,

איז מען צופרידן צו האָבן ביי זיך אַ נאָענטן קרוב. מען דערמאָנט זיך פון די קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים. עס שווימט אויף דער טראַדיציאָנעל־ראָמאַנטישער „אַמאָל". מיין פּלימעניק דערציילט מיר, אַז אין פּאַריז געפינט זיך זיין פריים אַ קוזין, ער וואָלט אים וועלן זען. ער ווייס אָבער נישט זיין אַדרעס. ער ווייסט בלויז זיין נאָמען. מיינע זוכונגען האָבן ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן.

איינמאָל קומט מיין פּלימעניק אַ צופרידענער מיט דער צייטונג „היינט" אין דער האַנט. אין דער דאָזיקער צייטונג איז פאַראַן אַן אַנאָנס וועגן דער גרינדונג פון אַ טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט. צווישן די נעמען פון די קאָמיטעט־מיטגלידער האָט פיגורירט אויך דער נאָמען פון מיין פּלימעניקס קוזין. אַלע טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט ווערן אין דעם דאָזיקן אַנאָנס געבעטן צו קומען איינשרייבן זיך אַלס מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. די פאַרזאַמלונג קומט פאָר אין אַ קאַפע אויף רי דעז אַרשיוו. מיין פּלימעניק בעט מיך, אַז איך זאָל מיט אים גיין, ווייל אַליין וועט ער ניט טרעפן. מיר זענען אַוועק. מיין פּלימעניק האָט געפונען דעם געזוכטן. ביי דער געלעגנהיינט האָב איך זיך דאָרט באַקאַנט מיט אייניקע מיטגלידער, ווי אויך מיטן פּרעזידענט אַליין. איך האָב דאָרטן געטראָפן סימפּאַטישע און ענערגישע יונגע לייט.

איך בין אָבער געווען פאַרוואונדערט, דערוויסנדיק זיך, אַז דער פּרעזידענט פון דער טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט איז גאָר אַן עלזאַסער ייד. מען האָט מיר אויפגעקלערט, אַז אַ פּרעזידענט פון אַ געזעלשאַפט מוז זיין אַ פינאַנציסט. די פרוי פונעם פּרעזידענט האָט געהאַנדלט מיט אַלטע בגדים, און ער — דער מאַן — האָט זיך אויסגעקליבן אַלס פאַך פּרעזידענט. ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פּרעזידענט פון אַ ריי סאָסייעטעס.

עס איז פאַרגעלייענט געוואָרן דער פּראָגראַם, אַרום וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפטיקע דיסקוסיע. עס זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן. איינער פון די דאָזיקע באַשלוסן איז, אַז די מיטגלידער זאָלן זיך ניט אויפפירן אַזוי ווי אין אַנדערע געזעלשאַפטן, וווּ מען זוכט בלויז כבוד, נאָר מען זאָל שאַפן נוצלעכע זאַכן, ווי אַ ליי־קאַסע, אַ ביבליאָטעק, אַן אייגענעם לאָקאַל, פראַנצויזישע קורסן און אַ דראַמאַטישע סעקציע. הערנדיק אַזעלכע שיינע זאַכן און זעענדיק דעם אונטערשייד צווישן דער דאָזיקער געזעלשאַפט און די אַנדערע, אויבנדערמאָנטע, האָב איך זיך באַשלאָסן איינצושרייבן.

פּרעזידענטן

ווי מיר זעען, עקזיסטירט די געזעלשאַפט שוין 20 יאָר. דעם באַריכט וועגן איר וועלן מיר איינטיילן אין צוויי פּעריאָדן. די ערשטע 10 יאָר „אַרבעט" ווערט כאַראַקטעריזירט מיט אַ בייטעניש פון פּרעזידענטן — אַ פּרעזידענט אַרויף, אַ פּרעזידענט אַראָפּ. דער ערשטער פּרעזידענט איז, ווי אויבן געזאָגט, געווען אַן עלזאַסער, גערעדט דייטש. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט ער געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל איינאָרדענען אַ באַל, כדי צו מאַכן געלט — דערביי האָט ער געהאַלטן אַ רעדע, וועלכע איך גיב איבער געטריי: אַז דער אָרקעסטער זאָל דאָס ערשטע שפּילן די מאַרסעליעזע און דאַן זאָל ער שפּילן די „פּיקווע".

ווען איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט אים באַמערקט, אַז מען זאָגט ניט „פּיקווע", האָט ער זיך צעשריען: „נו, זאָל שוין זיין, ווי זי זאָגן, חאָטש מען זאָל שפּילן די „פּיקווע".

סטאַטוטן

צוויי יאָר צייט איז אַוועקגעגאַנגען אַ קאַמף פון בייטן די פּרעזידענטן און אויסאַרבעטן די סטאַטוטן. עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע רעדאַקציעס. ענדלעך איז פאַרגעלייגט געוואָרן אַ סטאַטוט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן סטאַטוטן־מאַכער, אַ סטאַטוט, וועלכער איז אייגנטלעך געווען, ניט וואָס אַנדערש, ווי אַ קאָפּיע פון די סטאַטוטן פון די אַלטע געזעלשאַפטן, וועלכע איך האָב געטראָפן ביי מיין אָנקומען אין פּאַריז, און וואָס איז, „מיט גליק", אָנגענומען געוואָרן. אַלס ביישפּיל ציטיר איך אַ פּאָר פּאַראַגראַפן:

1. צווישן די יידן האָט זיך געגרינדעט אַ סאָסייעטע פון קעגנזייטיקער הילף מיטן נאָמען „די פריינט פון טשענסטאָכאָוו".

2. דער ציל פון דער סאָסייעטע איז צו געבן אירע מיטגלידער, זייערע פרויען און זייערע קינדער אין עלטער פון איין מאָנאַט ביז 18 יאָר פאַרן מענלעכן געשלעכט, און ביז זייער חתונה — פאַרן ווייבלעכן געשלעכט אַ... שטענדיקן קבר אין פאַל פון טויט.

ערשט נאָכן באַגראָבן דעם מיטגליד מיט זיין פרוי און קינדער, קומען די סאָציאַלע געזעצן: געבן אַ געלט־שטיצע אין פאַל, ווען אַן אַקטיווער מיטגליד ווערט קראַנק.

אַזעלכע פּאַראַגראַפן אינעם זעלבן גייסט זענען פאַראַן 71. איך וועל זיי, נאַטירלעך, ניט אויסרעכענען. איך וועל אויסזאָגן אַ סוד: צווישן די פילע פּרעזידענטן, וואָס האָבן רעגירט אין די ערשטע 10 יאָר, בין איך אויך געווען, אָבער מיין רעגירונג האָט אָנגעהאַלטן ניט לאַנג, ווייל שוין אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון מיין פּרעזידענטשאַפט, האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך מיז זיך גלייך אָפּטראָגן, אויב איך וויל אַרויס מיט גאַנצע ביינער...

איך האָב געפונען מער גלייכער אויפן דאָזיקן כבוד און פאַרגעניגן ניט צו וואַרטן...

דיסקוסיעס

די טעטיקייט פון די ערשטע 10 יאָר? — עס איז באַשטאַנען מערסטנס אין דיסקוסיעס, דיספּוטן, אין וועלכע עס האָבן זיך, ניט זעלטן, באַטייליקט אויך די בענקלעך. אָט איז אַ מוסטער פון אַ דיסקוסיע צווישן צוויי פּרעזידענטן —

אַ געוועזענעם און אַ נייעם. ווען דער נייער פּרעזידענט האָט איבערגענומען די מאַכט, האָט ער פּאַנאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. אין דער איינלאַדונג איז געווען בייגעלייגט אַ בריוועלע מיט הויכע פראַזן — מאָראַל פאַר די מיטגלידער. אויף דעם געביט האָט זיך טאַקע פאַרבונדן די דיסקוסיע. אַזוי ווי איך בין ניט באַרופן צו געבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער פּאָעזיע פונעם בייגעלייגטן בריוועלע, וועל איך בלויז איבערגעבן די דיסקוסיע, וואָס דאָס בריוועלע האָט אַרויסגערופן.

געוו. פּרעז.: מיט דיין פּאָעזיע קענסטו דיך באַנוצן אויף „אשר יצר“...

נייער פּרעז.: איך האָב דיך אינגאַנצן דאָרט ..

געוו.: פּרעז: און איך לייג דיך אַריין אין וועסטל־טעשל א. א. וו.

דער רעזולטאַט פון אַזעלכע „דיסקוסיעס“ איז געווען, אַז יעדע ווייטערדיקע פאַרזאַמלונג פלעגט מען מוזן מאַכן אין אַן אַנדער קאַפע, ווייל אין דער זעלבער פלעגט מען שוין דעם זאַל מער ניט וועלן פאַרדינגען.

ערנסטע מענטשן — ערנסטע אַרבעט

אַט אויף אַזאַ אופן איז געפירט געוואָרן די „אַרבעט“ במשך פון די ערשטע 10 יאָר אין דער טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט. וואָס שייך די אַנדערע 10 יאָר, מוז איך צוגעבן, אַז עס איז אַריינגעטראָטן אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג, ווי אין דער טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט, אַזוי אויך אין אַנדערע. דאָ רעד איך אָבער בלויז וועגן דער טשענסטאָכאָווער. עס זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן, עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער פּרעזידענט, וועלכער האָט געאַרבעט שטיל און באַשיידן. ער האָט ניט געקלונגען מיט קיין הויך־פּאַטעטישע פראַזן. ער האָט גערעדט אָן מליצות, אָן אויפרעגונג, אָבער קלוג און זאַכלעך. דאָס איז געווען אַ געוויסנהאַפטער און פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. ער האָט זיך געזאָרגט וועגן דעם, אַז זיינע אויפגאַבן בנוגע דער געזעלשאַפט זאָל ער אויספירן בשלמות. דער היזיקער פּרעזידענט האָט טאַקע אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין דער געזעלשאַפט. קודם האָט ער באַזייטיקט די באַטייליקונג פון בענקלעך אין די דיסקוסיעס. דאַן האָט ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און טעטיקייט אויף די סאָציאַלע פראַגן, וועלכע ער האָט דערליידיקט אויפן פּאָזיטיווסטן אופן, פאַרוואָס ער פאַרדינט באמת דעם גרעסטן דאַנק און לויב. יעדער נויטבאַדערפטיקער האָט געקראָגן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט קריגן.

דער דאָזיקער פּרעזידענט, דאָס איז פריינט וואָראַצלאַווסקי. וועגן דעם פריינט וואָראַצלאַווסקי קען מען זאָגן אַזוי ווי וועגן יענעם רב: אין אַ שטעטל איז געשטאָרבן אַ רב. מען האָט געפּאָדערט ווי געוויינלעך אַ ממלא מקום — אַן אַנדער רב. עס זענען געקומען 2 קאַנדידאַטן. איינער — געקנאָטן פון יחוס, דער צווייטער — אַ שניידערס אַ זון. נאַטירלעך האָט מען גענומען דעם יחסן. אין זיין דרשה האָט דער יחסן אָנגעגעבן זיין גאַנצן יחוס. זיין זיידע דער רב האָט אָנגעשריבן אַ ספר וועגן רמב"ם. זיין פאָטער האָט געטאָן ווי זיין זיידע, און ער, אויב מען וועט אים אָננעמען פאַר אַ רב, וועט טאָן אַזוי ווי זיין פאָטער. דער צווייטער אין זיין דרשה האָט געזאָגט, אַז ער קען זיך אויף יחוס ניט באַרופן, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ שניידער, זיין זיידע אויך אַ שניידער. „דאָס איינציקע — האָט דער בן השניידער געזאָגט — וואָס איך געדענק און קען איבערגעבן פון מיין פאָטער, דאָס איז זיין פאָלגנדיקער געדאַנק: וויל מען זיין אַ גוטער שניידער, מוז מען האָבן זיין אייגענעם שניט“. — וואָראַצלאַווסקי פירט די אַרבעט אין דער טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט אויף זיין אייגענעם שניט...

די ווירקונג פון די יידישע פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס

דאָ מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דער זיכערער פאַקט, אַז אויב די געזעלשאַפטן האָבן באַקומען אַן אַנדער פּנים, איז עס נישט בלויז אַ דאַנק זייערע טיכטיקע פּרעזידענטן, נאָר אויך — און דער עיקר — אַ דאַנק דעם פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך, אַ דאַנק דער „אוניאָן“ און אַ דאַנק דעם פאָלקס־אָרגאַן „די נייע פּרעסע“, וועלכע אַרבעטן אַלע צוזאַמען אומדערמידלעך פאַר דער עקאָנאָמישער און מאָראַלישער פאַרבעסערונג פונעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך.

איך פאַרענדיק מיט מיין הייסטן רוף:
זאָלן לעבן די יידישע געזעלשאַפטן! זאָל לעבן דער „פאַרבאַנד“! זאָל לעבן דער „אוניאָן“ און די „נייע פּרעסע“! זאָלן לעבן אַלע פאַראייניקטע דעמאָקראַטישע כוחות! זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק!

יוסף מילנער

פון אַמאָליקע ביז היינטיקע צייטן

לויט אונזער „יידישע קאָנסטיטוציע“, וואָס איז נישט שטענדיק געווען „בכתב“, האָבן די „סאָסיעטעס“ — איבערהויפּט די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן — געהערט צו דער „קהלה“, גלייך, ווי צום ביישפּיל, אין פראַנקרייך געפינט מען ביי דער מערי די צדקה־חברות. מען פלעגט עס מאַקע רופן די „קופּה של צדקה“ און מען געפינט די טערמינאָלאָגיע נאָך אין תלמוד (אין דער מסכתא „שבת“), וואָס ווייזט, אַז די „סאָסיעטעס“ האָבן זייער אור־אַלטע געשיכטע. ס'פלעגן זיי רעגירן ספּעציעלע „גזברים“ (היינטיקע „טראָזאַריעס“) און „פּרנסים“ (היינט זענען זיי: „פּרעזידענטן“). זיי האָבן שוין געקענט, אין יענע צייטן, אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי, צום ביישפּיל „קאַנטינעס“ פאַר אָרעמע־לייט און אין „בבא בתרא“ רופט מען די פאָלקס־קיכן: „תמחוי“... ס'זענען געווען ספּעציעלע סאָסיעטעס, וואָס פלעגן זיך באַשעפטיקן מיט מלבושים, און מען האָט אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טויטע: און דאָס איז געווען די „חברא קדישא“... ס'איז שוין דאַן געווען אַ טענדענץ צו דעמאָקראַטישע פאָרמען. אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פלעגט מען באַשטימען צוויי פּערזאָנען, כדי אויף אַזאַ אופן האָבן אַ קאָנטראָל. מען האָט נישט געוואָלט, אַז איינציקע פּערזאָנען זאָלן קענען אָננעמען באַשלוסן און דן זיין דעם, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט...

די „סאָסיעטעס“ האָבן זיך אַנטוויקלט אַמשטאַרקסטן ווען די יידישע ישובים זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, און אַז מיר רעדן וועגן פראַנקרייך, דאַרף מען דערמאָנען די פאַרצווייגטע יידישע געזעלשאַפטן אין דעם אַוויניאָנער קאָנט („קאָמטאַ ווענעסיאַן“). פון זיי איז גאָרנישט געבליבן, גלייך ווי ס'זענען נישט פאַראַן מער די באַרימטע קהלות, אָבער מען געפינט שפּורן אין אַלטע ספרים. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז זיי האָבן זיך הויפּטזעכלעך באַשעפטיקט מיט צוויי פּראָבלעמען: די דורכרייזנדיקע יידן, די „טראַנזיטערן“ פון אַמאָל, און די קראַנקע. „ביקור חולים“ איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן. ס'איז אמת, אַז די צאָל פון די יידישע דאָקטוירים אין יענע קאַנטן איז געווען גרויס. זיי פלעגן שפּאַצירן מיט אַ געלן פּאָדים אויף זייער לאַץ, דאַן ווען די אַנדערע יידן האָבן געדאַרפט טראָגן אַ גרויסע געלע לאַטע...

אַזוי איז אויך געווען אין פּאַריז. און זיי האָבן געשפּילט אפילו אַ היסטאָרישע ראָלע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. ווי באַקאַנט, איז דער גלח גרעגואַר געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געפאָדערט פאַר די יידן אַ פולשטענדיקע עמאַנסיפּאַציע. ס'זענען באַרימט זיינע אַרויסטרעטונגען פאַר אונז יידן און זיינע הייסע רעדעס. מיט פיל יאָרן צוריק, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון באַקאַנטן גרינבוים ־ באַלין (דער אינטימער מיטאַרבעטער פון אַריסטיד בריאַן) איז געגרינדעט געוואָרן אַ „סאָסיעטע“ פון „פריינט פון גלח גרעגואַר“, צום הונדערטיאָריקן געבורטס־טאָג פון דעם לעצטן. די געזעלשאַפט עקזיסטירט נאָך היינט, און זי האָט פיל מיטגעהאָלפן צו באַקומען אַלערליי מאַטעריאַלן און היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דעם גרויסן קעמפער פאַר יידישער גלייכבארעכטיקונג.

ס'איז אויך באַקאַנט, אַז גרעגואַר האָט צוגעשטעלט צו דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג“ אַ פּעטיציע וועגן עמאַנסיפּאַציע, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פאָרטרעטער פון אַלערליי יידישע „סאָסיעטעס“ פון יענע צייטן (זיי פלעגן זיך רופן „חברות“): י. גאָלדשמידט, דער פּרעזידענט; אברהם לאָפּעז־לאַגונאַ; מ. בראַנדאָן, דעל ־ קאַמפּאַ, י. פּערנאַנדעז, מרדכי לעווי, זשאַזעף פערעירא און פיל אַנדערע. די אַלע נעמען פון די אַלערליי פירער פון די פּאַריזער „סאָסיעטעס“ ווייזן, אַז דאָ זענען פאַרטרעטן געווען די דריי עלעמענטן פון פּאַריזער און סתם פראַנצויזישן יידנטום: די עלזאַסער, די פּאָרטוגעזער און די אַוויניאָנער. דאָס איז גע־

ווען די יידישע געזעלשאַפט אין פראַנקרייך אין 1789, אין יאָר פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אין פּאַריז גופא האָבן די „סאָסיעטעס" זיך פאַרייניקט, בעת אין דער פּראָווינץ פלעגן זיי זיך אַרומדרייען. פּאַריז האָט געוויזן אין די צייטן פון גלח גרעגואַר אַ ביישפּיל, אַז די אַלטע תושבים האָבן זיך געקענט פאַרייניקן מיט די ניי־אָנגעקומענע. די היסטאָריע, זאָגט מען, האָט אַ טענדענץ זיך איבערצוחזרן... כדי צו באַקומען די עמאַנציפּאַציע, האָבן זיך אַלע צווייגן פון יידנטום צוזאַמענגעשמאָלצן.

און כדי צו דערהאַלטן די דעראָבערטע פּאָזיציעס ?... און כדי צו באַקעמפן דעם פאַשיזם און דעם ראַסיזם?...

שוין נענטער צו אונדזער עפּאָכע, ערב דעם קריג פון 1914, איז געווען אַ היפּשע צאָל „סאָסיעטעס" און אינסטיטוציעס אין פּאַריז, איינציקע פון זיי ווי ראָטשילדס שפּיטאָל, דער אינסטיטוט מאָיז לעאָן, בית יתומים, דער „קאָמיטעט דע ביענפעזאַנס" (אין 1938 האָט מען געפייערט זיין 150־יאָריקע עקזיסטענץ) און אַנדערע, האָבן געטראָגן אַ ספּעציעלן שטעמפּעל פון דער קאָנסיסטאָריע, אָדער פון אַ באַרימטער באַנקירן פאַמיליע. ס'זענען אָבער אויך שוין געווען געזעלשאַפטן פון „גמילת חסדים", אַ געזעלשאַפט צום שוץ פון יידישע מיידלעך, איינציקע פאָלקס־קיכן און אַנדערע, וואָס האָבן געטראָגן אַ מער דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, ווייל זיי זענען שוין געווען אַ פּראָדוקט פון דער מי פון ניי־אָנגעקומענע עמיגראַנטן־עלעמענטן.

און מיט 65 יאָר צוריק, דעם 25־טן סעפּטעמבער 1882, האָט מען געקענט לייענען אין די פּאַריזער צייטונגען: „אַ קאַראַוואַן פון 500 יידן, מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז אָנגעקומען קיין פּאַריז. די רעאַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לויט אַ שטרענגן פּלאַן דורך דעם באַרימטן פּאָביעדאָנאָסצעוו, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם אין דער גרויסער אימפּעריע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. די געזעצן פון מאַי 1882, די באַקאַנטע איגנאַטיעוו־געזעצן, וואָס האָבן, אַזוי צו זאָגן, „רעגולירט די יידישע לאַגע", האָבן נאָר וואָס אַרויסגערופן נייע פּאָגראָמען.

די יידן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָבן געשטאַמט הויפּטזעכלעך פון די געגנטן פון אָדעס, מינסק און כאַרקאָוו. יידישע „סאָסיעטעס" האָבן זיך מאָביליזירט, מען האָט געזאַמלט געלט און מען האָט זיי טיילווייז אויפגענומען אין די ניי־אויפגעבויטע הייזער פון די גאַסן פּלאַקאָן און אויזשען־סו (איז דען דער לעצטער נישט געווען דער מחבר פון „אייביקן יידן?"...); אויף דעם מאָנמאַרטר האָט זיך דער גרעסטער טייל פון זיי באַזעצט אויף דעם בולוואַר אָרנאַנאָ. און טויזנטער פּאַריזער זענען געגאַנגען אַלע זונטיק אָנקוקן די באַראַקן מיט זייערע איינוווינער. ס'איז געווען באַשטימט אַ געפיל פון רחמנות, אָבער אויך אַ טשיקאַווער אינטערעס: ווער זענען זיי די אַלע מאָדנע באַשעפענישן?...

אין „פיגאַראָ" האָט דאַן געשריבן דער באַרימטער כראָניקער אַלבער וואָלף, אַ ייד, וואָס איז גאַנץ אָפט געוואָרן אַטאַקירט דורך דעם אַנטיסעמיט עדואַר דרימאָן. און אין „פיגאַראָ" פון דעם 28־טן סעפּטעמבער 1882 האָט אַלבער וואָלף געשריבן: „אויב מען וויל זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן טריאומפאַלן מאַרש פון דער ציוויליזאַציע אין 19־טן יאָרהונדערט, דאַרף מען נישט גיין ווייט און מאַכן טיפע שטודיעס אין די ביבליאָטעקן. אַ שפּאַציר אויף בולוואַר אָרנאַנאָ איז גענוג!"...

ס'איז דאַן נישט געווען אַמעריקע. יידישע „סאָסיעטעס" האָבן אין פּאַריז אַליין געשאַפן די נויטיקע מיטלען און געראַטעוועט און עקספּעדירט און רעגולירט די עמיגראַציע פון די אַלע „פּליטים", וואָס זענען געפאָרן קיין ניו־יאָרק און דאָרט געבויט דעם גרויסן יידישן ישוב. זייערע אייניקלעך קומען היינט צו אונדז צוריק.

זייט 1933 האָט זיך אָנגעהויבן אין פּאַריז אַ נייע עמיגראַציע. דאַן האָט מען אויך גענומען „ספּעציעלע" האָטעלן, כדי צו פאַרזאָרגן מיט אַ דאַך די נייע עמיגראַנטן.

און היינט שטייען מיר פאַר דעם זעלבן פאַקט. די אייניקלעך פון יענע עמיגראַנטן פאַרנעמען זיך מיט די פּראָבלעמען. און אונדזערע „סאָסיעטעס" לאָזן הערן אונדזער שטים און פאַרטיידיקן אונדזערע נייע ברידער מיט נייע מעטאָדן.

משה שולשטיין

יידישע קעמפער

פונעם בוך „אַ בוים צווישן חורבות“

איך זע זיי מיט שטריק אויף די העלדזער, ווי טייערסטן, הייליקסטן צירונג ;
מיט לעכער פון קוילן אין לייב, וואָס פאַרייסן מיין ראיה מיט בלענדונג.
אין נעכט פון דערמאָנונג און פיבער איך הער זייער שאָרכן-באַרירונג —
זיי קומען אַריין אין מיין ליד מיט די הענט אויסגעשטרעקט, ווי אין ווענדונג.

מיר דאַכט זיך, זיי טראָגן, ווי לוחות, די פראָסטע, די הילצערנע ברעטלעך
פון זייערע קברים, און שטעלן זיי אויס אויף מיין טישל, ווי ליכטער,
און כ׳זע אין דער שיין ווי זיי שטייגן פון קעלערס, פון היימישע שטעטלעך,
ביז צום עשאַפאָט פון טולוז, ביז צום טוויט-סלופּ פון דייטשן פאַרניכטער.

מיט קעפּ דורכגעזאַלפּט און געזאַלבט מיט דער גלאָריע פון העלדישער גבורה —
איך הער זייער אָנקום, איך הער זייער שפּאַנען דורך פראַנקרייכס מהלך.
אָ, קליין איז און ענג פאַר די אותיות פון זייערע נעמען מיין שורה,
ווי קליין ס׳זענען ברעטלעך פאַר נעמען פון ראָלניקאַס, מוניע און וואַלאַך.

זיי האָבן די טרערן פון יידישע קינדער געקליבן ווי פונקען,
די טרערן פאַרביטן, פאַרוואַנדלט אין שפּליטערס צעשפּריצטע פון אויפּרים —
און ס׳האָבן זיך תהומיקע טיפן געעפנט — דעם פיינט צו פאַרזינקען.
אַוועק איז דער אָפּהילך אין הערצער, ווי בשורות פון גאולה דורך שופרות.

זיי האָבן דעם קנאַק פון פאַרבראָכענע פינגער אין קלאָג און פאַרצווייפל
פאַרוואַנדלט אין הילכיקן שאָס און די פינגער — פאַרוואַנדלט אין שפּיזן.
ווען ס׳האָט זיך די חשכות די וויסטע   אין שיכטן געטאָפּלט, געכפּלט —
עס האָבן ווי פינגער, די רערן פון זייער כלי-זין געוויזן...

זיי זענען אַנטשוויגן. נאָך ציטערט אַן אָפּקלאַנג אין הערצער, און קופּערטס,
וווּ ס׳ליגן פאַרמאַכט, ווי רעליקוויעס, געזעגענונגס-בריוו — סוווענירן ;
עס שאָרכט דאָס פּאַפּיר מיט געמורמל פון אָפּשייד. עס שרייען די לופעס.
און ס׳זענען די שורות די לעצטע, די קרומע, ווי שטעגן, וואָס פירן

צו פעסטונגען-ווענט, ווו עס שוועבן אין חלל חלומות צעשאָסן,
נאָר נישט פון פאַרטאָגיקער אורטייל-קאָמאַנדע און ביקסן באַצוווּנגען ;
ווו ס׳האָט נאָך געזאַנג מיטן בלוט פון די מיילער צוזאַמען געפלאָסן,
און בלוט דורך געזאַנג האָט געשיינט, ווי באַגין פון די מאָרגנס וואָס זינגען...

דער וועג פון די געזעלשאפטן

ציפערן און פאַקטן

פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך

פרעזידענט לענטשנער

ווילנע

טעקסט פון ל. וואָלפסאָן
מוזיק פון א. אָלשאַנסקי

ווילנע, שטאָט פון גייסט און תמימות,
ווילנע, יידישלעך פאַרטראַכט,
ווו עס מורמלען שטילע תפילות,
שטילע סודות פון דער נאַכט.

אָפטמאָל זע איך דיך אין חלום,
היים געליבטע ווילנע מיין,
און די אַלטע ווילנער געטאָ
אין אַ נעפּלדיקן שיין.

כ׳זע דאָס וועלדעלע זאַקרעטער
און זיין שאָטן איינגעהילט,
ווו געהיים עס האָבן לערער
אונזער ווייסנדורשט געשטילט.

ווילנע האָט דעם ערשטן פאָדעם
פון דער פרייהייט-פאָן געוועבט
און די ליבע קינדער אירע —
מיט אַ צאַרטן גייסט באַלעבט.

רעפריין

ווילנע, ווילנע אונזער היימשטאָט,
אונזער בענקשאַפט און באַגער...
אַך ווי אָפט עס רופט דיין נאָמען
פון מיין אויג אַרויס אַ טרער.

ווילנער געסלעך, ווילנער טייכן,
ווילנער וועלדער, באַרג און טאָל,
עפּעס נאַיעט, עפּעס בענקט זיך
נאָך די צייטן פון אַמאָל.

די בענקשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער יידישער ווילנע, צו אירע שולן און לער־אַנשטאַלטן, צו אירע קולטור־אינסטיטוציעס, צו אירע קרומע געטאָ־געסלעך, צום זאַקרעטער וועלדל, ווו איבערגעגעבענע לערער און קולטור־טוער האָבן אין אונז איינגעפלאַנצט די ליבע צו יידישקייט, וויסנשאַפט און מענטשהייט, צו חברשאַפט און מענטשלעכקייט, האָט געשטויסן די ווילנער אין פראַנקרייך זיך צו גרופירן און צו שאַפן אַ קאַדר, ווו די גוטע טראַדיציעס זאָלן אויפגעהאַלטן און פאַרגעזעצט ווערן.

דער „פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך", וועלכער ציילט היינט 534 מיטגלידער, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1938 אין קעלער־שטוב פון האָטעל „טערמינוס", פלאַס דע לאַ רעפּובליק אין פּאַריז.

עטלעכע פון די גרינדער זענען נאָך היינט צו טאָג מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג. (די פּריינט: מאַניע גאַרדאַן (קאַסירערין) ס. לענטשנער (פּאַרזיצער) נ. פּיינשטיין וויצע־פּאַרזיצער) א. שולגייפער (גענ. סעקרעטאַר) סימסאָן (רעוויזיאָנס־קאָמיסיע).

די הויפּט-אויפגאַבע פון פאַרבאַנד, אין קעגנזאַץ צו די מייסטן לאַנדסמאַנשאַפטן, איז געווען פון אָנהייב אָן די קולטור-אַרבעט. די ערשטע קולטור-אונטערנעמונגען פון די ווילנער האָבן זיי גלייך געשאַפן אַ נאָמען ביים פּאַריזער יידישן ישוב. און זייערע אָוונטן און פאַרוויילונגען זענען געווען שטענדיק גוט באַזוכט.

נאָך דער באַפרייונג פון פראַנקרייך, האָט זיך פאַרן פאַרבאַנד געשטעלט אין דער ערשטער ריי דער הילפס-פּראָבלעם.

העלפן די צוריקגעקומענע פון די דעפּאָרטאַציע-לאַגערן און קריגס-לאַגערן, העלפן די פאַרבליבענע יתומים, העלפן צוריק אויפצושטעלן די משפחות, אויסגעפינען די קרובים אין פראַנקרייך, ווילנע, רוסלאַנד, אַמעריקע, אַפריקע א. אַ. וו.

קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון ווילנער:

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ד"ר סובאָטניק, אינזשעניער שולגייפער, פרוי גאָרדאָן, לענטשנער, א. סוצקעווער. עס שטייען אין דער ערשטער ריי: פרוי ליפּונסקי, אינזשעניער ברענאייזן, פרוי לאַפּידוס, ליבאַ. אין דער צווייטער ריי: פרוי פלאַנק, ד"ר לאַזאַרעוו, פרוי אידעלס.

פון גרויסער וויכטיקייט פאַר אונזערע לאַנדסלייט איז געווען, די ליי-קאַסע ביים „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן", וואָס האָט אַרויסגעגעבן הלוואות מערערע פון אונזערע לאַנדסלייט און מיטגעהאָלפן זיי צוריק איינצואָרדענען זייערע רואינירטע ווינונגען אָדער וואַרשטאַטן.

אַ דאַנק דער פריינטלעכער מיטהילף פון אונזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד: דער „ווילנער רעליף" און די „פריינט פון ווילנע" אין ניו-יאָרק, דער רעליף אין קאַנאַדע, דער יאָהאַנעסבורגער רעליף, און אונזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין בראַזיליע, אַרגענטינע האָבן מיר טייקעוויז געקענט לייזן די שווערע פּראָבלעמען פון הילף, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אונזער פאַרבאַנד.

נאָך גרעסער זענען געווען די שוועריקייטן אין שייכות מיט דער מאַסן-אימיגראַציע פון די ניי-איינגעוואַנדערטע ווילנער.

דאָס זענען לאַנדסלייט, וועלכע האָבן פריער אין פראַנקרייך נישט געלעבט. דאָס זענען ווילנער, וואָס קומען אַהער אומלעגאַל פון די דייטשע לאַגערן, זוכן מעגלעכקייטן פון איינצואָרדענען זיך דאָ, אָדער צו פאָרן ווייטער.

די פּאָפּולערקייט פון אונזער פאַרבאַנד אין אויסלאַנד און אין די דייטשע לאַגערן האָט דערפירט דערצו, אַז אונזערע לאַנדסלייט פלעגן קומען גלייך פון באַן מיט די פּעקלעך, צו אונז אין לאָקאַל, מיינענדיק, אַז מיר פאַרמאָגן דירות, אָדער צימערן, וועלכע מען קען שטעלן צו זייער דיספּאָזיציע.

די לאַגע איז געווען זייער ערנסט. מען האָט פאַר די געקומענע געמוזט זוכן האָטעלן — וואָס איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן געווען אין פּאַריז — באַזאָרגן זיי מיט פּאַפּירן אויף וווינרעכט און מיט די ערשטע פאַר פראַנק, ביז זיי וועלן זיך קענען אַרומזען, וואָס מען קען טאָן ווייטער.

דער „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן" איז אין די אַלע שווערע פראַגן אונז געקומען צו הילף.

אַ דאַנק זיין לעגאַליזאַציע-צענטער האָבן אונזערע 265 ניי-געקומענע געקראָגן די פּאַפּירן אויף וווינרעכט אין פראַנקרייך, און די מעגלעכקייט דאָ צו פאַרבלייבן.

מיט זיין מיטהילף האָבן מיר אויך געקענט ברענגען לעגאַל קיין פראַנקרייך פון די לאַגערן און פון פּוילן, משפחות-מיטגלידער פון אונזערע לאַנדסלייט אין פּאַריז, און אויפשטעלן צוריק צעוואָרפענע היימען.

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס דעם „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן" אונזער אָנערקענונג פאַר זיין וויכטיקער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט און שפּילט פאַר די ניי-איינגעוואַנדערטע.

דורך אונזערע פאַרבינדונגען האָבן מיר געקענט געפינען פאַר זיי אַרבעט און אַרבעטס-קאָנטראַקטן און דערמעגלעכן זיי צו ווערן צוריק מיט מענטשן גלייך.

נישט געקוקט אויף די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אונזער פאַרבאַנד, האָבן מיר אָבער קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אָן אונזער קולטור-אַרבעט.

אונזער פאַרבאַנד האָט דעם כבוד פון אַרויסגעבן דאָס ערשטע יידישע בוך אין מערב-אייראָפּע גלייך נאָך דער באַפרייונג, „ווילנער געטאָ" פון דיכטער א. סוצקעווער. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אויפטו.

האַבנדיק אין קאַסע 10 טויזנט פראַנק — האָבן מיר

ארויסגעגעבן א בוך-אויפלאגע פון א פערטל מיליאן פראנק. דאס איז געווען א געוואגטער שריט. אבער מיר זענען דאך ווילנער, קיין שוועריקייטן האבן אונז נישט געשראקן.

אונזערע פריינט, נאך א טאג שווערער ארבעט, פלעגן זיצן די נעכט און מאכן די קארעקטורן, אפכאפן אין א מינוט דאס עסן, און לויפן אין דרוקעריי, זען צוצואיילן די אויפלאגע. ס'איז געווען אן ערן-זאך פאר אונז, וואס גיכער ארויסצוגעבן דאס בוך, און ווייזן א ביישפיל פון ווידער-אויפבוי פון דער הרוב געווארענער יידישער קולטור.

כ'גלויב, אז אונזערע טייערע לערער פון אונזערע יידישע שולן פון ווילנע, וואלטן זיך נישט געשעמט מיט זייערע תלמידים. זיי האבן פארדינט זייער צוטרוי.

דער „פארבאנד פון די ווילנער" האט ארויסגעגעבן א יזכור-אנקעטע, מיט דעם ציל אויפצוזאמלען אלע ידיעות וועגן די אומגעקומענע און לעבנגעבליבענע ווילנער און פאראייביקן די נעמען פון די אומגעקומענע אין א יזכור-בוך.

די אנקעטע איז אפגעדרוקט געווארן אין 5 טויזנט עקזעמפלארן און פאנאנדערגעשיקט געווארן צו אלע ווילנער לאנדסמאנשאפטן אין דער וועלט.

הונדערטער ענטפערס קומען שוין אן, און מיר גלויבן, אז אינגיכן וועט דאס ציל דערגרייכט ווערן.

מיר האבן אויך ארויסגעגעבן א זאמלונג „לידער פון געטא", געזאמלט דורך אונזער לאנדסמאן ש. קאטשערגינסקי. דאס בוך איז אויך גוט אויפגענומען געווארן, און א סך פון די לידער ווערן איצט געזונגען אין פאריז און אין אויסלאנד.

אונזער פארבאנד האט צו פארצייכענען זייער געלונגענע קולטור-אוונטן, אויף וועלכע ס'זענען געווען פארטראטן דאס בעסטע און חשובסטע וואס דער פאריזער יידישער ישוב פארמאגט.

די גרויסע אוונטן מיט אונזערע ווילנער דיכטער חיים גראדע, א. סוצקעווער, ש. קאטשערגינסקי, י. מיראנסקי, אויך דער אויפנאמע-באנקעט פאר די דיכטער (חיים גראדע, א סוצקעווער און ש. קאטשערגינסקי) האבן געמאכט א גרויסן רושם נישט נאר אין פאריז נאר אפילו אין אמעריקע. דער רעדאקטאר פון אמעריקאנער „טאג", מארגאשעס, האט אין זיין רעדע אויף דער אויפנאמע און אין זיין רירנדיקן באריכט אין „טאג", אונטערגעשטראכן, אז נאר דער „פארבאנד פון די ווילנער" די ירושה פון ווילנע, איז פעיק אויף אזעלכע זאכן.

א גרויסן רושם האט אויך איבערגעלאזן דער יזכור-אוונט, אונטערן פארזיץ פון דיכטער חיים גראדע, געווידמעט דעם 4-טן יארטאג פון דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא.

דער גרויסער זאל פון „סאסיעטע סאוואנט" איז געווען איבערפולט פון ווילנער און זייערע פריינט, וועלכע זענען געקומען אפגעבן כבוד די אומגעקומענע קדושים.

איצט פארמעסטן מיר זיך אויף א גרויסער זאך: ארויסצוגעבן אן אלמאנאך: „די ווילנער אין פראנקרייך".

דאס איז א זאמלבוך, וואס דארף ארומנעמען סטאטיסטיק פון דער אימיגראציע פון ווילנער אין פראנקרייך, זייער ארט לעבן, זייער בייטראג צו דער קולטור און וויסנשאפט אין לאנד. זייער אנטייל אין דעם קאמף קעגן דעם דייטשן אקופאנט און אין דער באפרייונג פונעם לאנד. א זאמלונג פון זכרונות פון די געראטעוועטע ווילנער פון די קאנצענטראציע-לאגערן און קריגס-געפאנגענשאפט. א זאמלונג פון זכרונות פון די אנטיילנעמער אין קריג און ווידערשטאנד-באוועגונג. אויך א ליסטע פון אונזערע אומגעקומענע לאנדסלייט אין די לאגערן, קריג און ווידערשטאנד.

מיר גלויבן, אז די זאמלונג וועט ווערן פארטיק צום 10 יאריקן יובילעי, וואס אונזער „פארבאנד" וועט פייערן אין זומער 1948. 10 יאר עקזיסטענץ פון אונזער „פארבאנד" וועט ווערן אפגעשפיגלט אין דער זאמלונג.

נאך גרויסע ארבעטן אויף אלע געביטן שטייען פאר אונזער פארבאנד. אבער פאר ווילנער, וועלכע ווילן פארדינען זייער נאמען זענען קיין שוועריקייטן נישטא.

ווייל מיר, ווילנער, האלטן הייך און הייליק די ווערטער פון אונזער לאנדסמאן הירש גליק, וואס זענען געווארן צום הימן פון דער פארטיזאנער-באוועגונג אין ווילנער געטא און אין די וועלדער פון ווילנער קאנט:

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.
„הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
„קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פויק טאָן אונזער טראָט — מיר
זענען דאָ!"

גענ. סעקרעטאר **א. שולגייפער**

קאָמיטעט פאַרן יאָר 1948 פון „פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך".

פארזיצער: ד"ר לאזארעוו, נ. פיינשטיין, ד"ר סובאטניק.

גענ. סעקרעטאר: אינזשעניער א. שולגייפער. קאסירער: מאדאם גארדאן, אינזשעניער שאבאד.

מיטגלידער פון קאמיטעט: די דיכטער: חיים גראדע, א. סוצקעווער, ש. קאטשערגינסקי, אינזשעניער ברענאייזן, אינזשעניער באדין, אינזשעניער ליבא, אינזשעניער ליפשיץ, אינזשעניער אידעלס, ד"ר גענזעל, פ. פאמפיאנסקי, ה. קירץ, שטולמאכער.

געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין"

פּרעזידענט ניסענהאָלץ

זשאַק גאָלדבוים, געוועזענער פאָרזיצער

אין יאָר 1929 איז געגרינדעט געוואָרן די סאָסיעטע „קינדער פון לובלין". צו די גרינדער האָבן געהערט די פריינט: גאָלדבוים, דאַווידזאָן, זאַנדמאַן, בלומענשטאַק. די אויפגאַבע פון דער סאָסיעטע איז געווען קעגנזייטיקע הילף. מען האָט אויך געקויפט באָדן פאַר א „קאַוואָ".

אין יאָר 1934 איז געגרינדעט געוואָרן דער „פּאַטראָנאַט פון לובלין". די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען: ל. עדעלשטיין, ט. טענענבוים, יאַנקאַ זילבערשטיין. די אויפגאַבע פון פּאַטראָנאַט איז געווען אַן אַנדערע ווי די פון דער סאָסיעטע. קודם כל העלפן און שטיצן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן.

מען האָט זיך פאַרנומען אויך מיט אויפנעמען אויף פאַרשיידענע אופנים קיין פראַנקרייך פּאָליטישע פאַרמשפּטע. אזוי צ. ב. האָט דער פּאַטראָנאַט אַראָפּגענומען פון פּוילן זייער לאַנדסמאַן לייבל טשעראַנסקי, וועלכער איז געווען פאַרמשפּט אויף 6 יאָר תפיסה. דער פּאַטראָנאַט האָט איבערגעשיקט פאַר אים 1500 פראַנק קויציע און אויף דעם סמך איז ער אַרויס אויף דער פריי און געקומען קיין פּאַריז.

אין יאָר 1937 האָבן זיך געפונען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע 19 לובלינער לאַנדסלייט. דער פּאַטראָנאַט פלעגט שטיין אין קאָנטאַקט מיט זיינע לאַנדסלייט און שיקן זיי פּעקלעך. אויפן שלאַכטפעלד זענען געפאַלן 8 לאַנדסלייט. זייער אָנדענק וועט שטענדיק דערמאָנט ווערן און פאַרבלייבן צווישן אונז.

צום סוף פון 1937 יאָר האָט דער פּאַטראָנאַט אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען מיט דער סאָסיעטע „קינדער פון לובלין". כאָטש די מיטאַרבעט איז נישט געווען קיין אָפיציעלע, זענען דאָך אָרגאַניזירט געוואָרן געמיינזאַמע אַקציעס אין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אזוי איז דער אַקציע פאַר זבאָנזשין, פאַר דער פאָלקס-קליניק און פאַר דער קיך אויף די סאַנטאָנזש.

אין דער מלחמה זענען א סך לאַנדסלייט געווען אין דער רעזיסטאַנס-באַוועגונג, אין פּאַריז, ליאָן, גרענאָבל. די לאַנדסלייט דר. בורשטין און וואַלאַך זענען געכאַפּט געוואָרן ביי אונטערערדישער אַרבעט און זענען פאַרורטיילט געוואָרן צום טויט. סאַלעקבאַם איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַן אויפרייס ביים אויסאַרבעטן פאַרשידענע אויפרייס-מאַטעריאַלן. קאַפּ איז דערשאָסן געוואָרן אַלס ערובניק.

א גרויסע צאָל לאַנדסלייט איז געוואָרן דעפּאָרטירט. צווישן זיי די איבערגעגעבענע און אַקטיווע חברים ש. בלומענשטאַק, ל. קאַם, ד. ניסענבוים, ש. העלפּמאַן.

לייבעלע עדעלשטיין
גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט.

ניסענהאָלץ, פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין"

אין פעברואַר 1945 קומען זיך צונויף די ערשטע לאַנדסלייט, ווי: גאָלדבוים, פּעפּער, זאַנדמאַן, פּערלשטיין, וואַלאַך, לייבעלע עדלשטיין. אין מערץ 1945 ווערט גערופן די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען אָנוועזנד געווען ביי 50 לאַנדסלייט. דער ציל איז געווען גלייך צו העלפן די איבערגעבליבענע אלמנות און קינדער. עס ווערט אויפן אָרט געשאַפן א סומע געלט צו דעם צוועק. יעדער צוריקגעקומענער באַקומט די ערשטע מאַטעריעלע אונטערשטיצונג אין דער הויך פון טויזנט פראַנק.

ביידע געזעלשאַפטן, דער פּאַטראָנאַט און די סאָסיעטע „קינדער פון לובלין", ווערן אָפיציעל צוזאַמענגעגאָסן און הויבן אָן אַן אינטענסיווע אַרבעט. נעמענדיק אין אַכט, וואָס די קינדער זענען געווען אין שלעכטע באַדינגונגען, ווערט פּראָקלאַמירט א זאַמל-אַקציע פון קליידער און שפּייז. 53 פּעקלעך פון ווינטער - זאַכן ווערן פאַרטיילט פאַר די קינדער און עס ווערט איינגעאָרדנט א ספּעציעלער קינדער-יום-טוב.

דעם ערשטן גרוס פון דער היים - שטאָט לובלין האָבן די פּאַריזער לאַנדסלייט באַקומען פון דר. הירשהאָרן (מיטגליד פון צענטראַלן ייד. קאָמיטעט אין פּוילן), וועלכער האָט איבערגעגעבן, אַז

א גרויסע צאל לאנדסלייט זענען געווען אין דער רויטער ארמיי, געקעמפט קעגן די נאציס און צוזאמען מיט דער רויטער ארמיי באפרייט און אריינמארשירט אין לובלין.

קאמיטעט

פון די „קינדער פון לובלין".

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: וואלאך, פרוי שטאמפאטער, גאלדבוים, פרוי גאלדה אדלער, שפירא, בראפמאן. עס שטייען פון רעכטס אויף לינקס: ל. עדעלשטיין, פערלשטיין, פעפער, דאווידזאן, זאנדמאן און ניסענהאלץ.

אין יאר 1946 זענען געקומען פון די לאגערן און פון פוילן די ערשטע לאנדסלייט. דער קאמיטעט האט זיך מיט זיי פארנומען, איינגעארדנט אויף ארבעט, געגעבן די ערשטע הילף. גרויסע אכט און זארג פלעגט דער קאמיטעט ארויסווייזן פאר די קינדער. עס איז געווארן אונטערגענומען א צווייטע ספעציעלע קאמפאניע ארויסצושיקן די קינדער פון דעפארטירטע אויף וואקאנס. אין יאר 1946-47 זיינען ארויסגעשיקט געווארן אויף וואקאנס 40 קינדער.

איינע פון די שענסטע איניציאטיוון, וועלכע עס האט ארויסגעוויזן דער קאמיטעט פאר די קינדער און וועלכע קען דינען אלס ביישפיל פאר אנדערע, איז דאס שאפן אויף דער פאסט שפאר־ביכלעך פאר זיי. פאר 53 יתומים און האלב־יתומים איז ארויסגענומען געווארן פאר יעדן איינעם א ביכל אויפן נאמען פון קינד. אויף זייער חשבון איז שוין איינגעצאלט געווארן 120 טויזנט פראנק. דאס געלט וועט ווערן אויסגעצאלט, ווען די קינדער וועלן זיין 21 יאר אלט.

אויך אויפן קולטורעלן געביט האט די סאסיעטע ארויסגעוויזן גרויס פארשטענדעניש און ערנסטע באציונג צו יידישער קולטור בכלל און יידישע שרייבער בפרט. וויסנדיק און אפשאצנדיק ווי שווער עס קומט אן א יידישן שרייבער ארויסצוגעבן זיינס א בוך, האט די סאסיעטע מיטגעהאלפן און אנטייל־גענומען ביים ארויסגעבן דאס בוך פון דעם באגאבטן פאריזער יידישן דיכטער משה שולשטיין „א בוים צווישן חורבות".

די סאסיעטע האט אויך איינגעארדנט צום דערשיינען פון בוך א ספעציעלן באנקעט פאר מ. שולשטיין.

אט אזוי ווערט געפירט די וויכטיקע טעטיקייט פון דער לובלינער סאסיעטע, וועלכע איז פארטראטן אין יעדער וויכטיקער ארבעט הן אין געזעלשאפטלעבן, הן אין קולטורעלן לעבן.

ארום דעם מאנומענט שטייען די מיטגלידער פון קאמיטעט
פון דער געזעלשאפט

דער מאנומענט פאר
די 43 טויזנט קדושים
פון לובלין, געשטעלט
פון דער
געזעלשאפט „קינדער
פון לובלין" אין פאריז

געזעלשאפט „פראגע"

פרעזידענט שווארץ

די טעטיקייט אין די פארמלחמה־יארן

דאס איז געווען אין 1924. קיין פאריז זענען אנגעקומען די ערשטע אימיגראנטן פון פראגע, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האט זיך געפילט איינזאם אין דעם גרויסן, פרעמדן פאריז. די עטלעכע לאנדסלייט, וואס האבן זיך באזעצט אין פאריז, האבן דעמאלט באשלאסן צו גרינדן א לאנדסמאנשאפט. מען איז זיך צונויפגעקומען און אויסגעוויילט א גרינדונג־קאמיטעט, אין וועלכן עס זענען אריין די פריינט: ברידער קורצבארד, ריבאזשאד, קליינמאן.

די ערשטע אויפגאבע פון דער ניי־געגרינדעטער סאסיעטע איז געווען — העלפן איינצואָרדענען אין פאריז די ניי־געקומענע אימיגראנטן־לאנדסלייט, בעיקר, מיטן געבן זיי די מעגלעכקייט זיך איינצוקויפן ארבעט־מכשירים, כדי צו קענען פארדינען זייער לעבן.

להיפוך צו א סך סאסיעטעס, וואס האבן זיך פארנומען בעיקר מיטן באזארגן זייערע מיטגלידער מיט א קבר, האט די פראגער סאסיעטע געפירט א קולטור־טעטיקייט.

סוף 1924 איז געשאפן געווארן ביי דער סאסיעטע א דרא-

מאַטישער קרייז, וועלכער האָט אונטער דער רעזשי פון פריינט טעמפּראַנאָווסקי און אונטער דער אַלגעמיינער אָנפירונג פון די פריינט מיכאל קליינמאַן און מאַקס בראַון (דעפּאָרטירט) אויפגעפירט אין טעאַטער לעהרי־ראָלאַן און אין טעאַטער לאַנקרי פאַרשידענע פּיעסעס, ווי דהיינו: „הער תלמיד חכם", „יידישע קעניגין לאה"; אַ גאַר גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט די פּיעסע „דער גרויסער מאָמענט".

אינעם דראַמאַטישן קרייז האָבן זיך באַטייליקט: ריבאָזשאַד און זיין פרוי, באַלציאַ, יונקער מיט זיין פרוי, דער פאַרשטאָרבענער טעמפּראַנאָווסקי, דער הער און פרוי זשעלער, גוטשע יאַסקאַזשעץ, ווי אויך די פאַמיליע בורשטין (דעפּאָרטירט).

די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען פלעגן גיין לטובת דער פּראַגער סאָסיעטע. מען פלעגט אויך שפּילן אויף דער איינלאַדונג פון אַנדערע סאָסיעטעס, לטובת זייערע צוועקן.

ביי דער פּראַגער סאָסיעטע האָט אויך עקזיסטירט אַ ביבליאָטעק פון אַ פּאָר הונדערט ביכער.

עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פון פראַנצויזישער שפּראַך פאַר די ניי־געקומענע לאַנדסלייט.

ערשט אין 1926 האָט די סאָסיעטע איינגעקויפט באָדן פאַר אַ ברודער־קבר. הערביי איז כדאי צו פאַרצייכענען פאָלגנדיקן קאָמישן קוריאָז: אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעטראָטן אַ מיטגליד פון דער סאָסיעטע און שטאַרק קריטיקירט דעם פּרעזידענט.

— סטייטש — האָט ער געטענהט — פאַרוואָס איז מען מקבר אין „קאַוואַ" פרעמדע, ד. ה. נישט קיין לאַנדסלייט, נישט קיין פּראַגער?

אין זיין „היציקער" קריטיק, האָט ער זיך אַזוי פאַרעדט, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „לאָמיר האָפן, אַז איבעראַיאָר וועלן שוין זיין אין אונזער „קאַוואַ" נאָר אייגענע..."

ביי דער סאָסיעטע האָט עקזיסטירט אַ ליי־קאַסע. 50 פּראָצענט פון דער הכנסה פון דעם דראַמאַטישן קרייז פלעגט גיין פאַר דער ליי־קאַסע. אין 1924 האָט די ליי־קאַסע פאַרמאָגט 30 טויזנט פר. (פאַר יענער צייט איז עס געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע.)

אין כלל גענומען קען מען זאָגן, אַז די פּראַגער סאָסיעטע איז פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה געווען פון די סאַמע טועטיקסטע און וויכטיקסטע. זי האָט געציילט 200 פאַמיליעס. זי איז געווען פון די ערשטע יידישע סאָסיעטעס, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון קאָאָרדינירטער סאָציאַלער טעטיקייט. זי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער גרינדונג, צוזאַמען מיטן אַרבעטער־אָרדן, פון דער יידישער פאָלקס־קליניק, פון וועלכער אונזער פריינט ריבאָזשאַד איז געווען פאָרזיצער. זי האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון די זומער־קאָלאָניעס פאַר די קינדער.

די מלחמה האָט שווער געטראָפן דעם היגן ישוב. 150 נפשות פון דער פּראַגער סאָסיעטע זענען פריצייטיק אַוועק פון אונז. דעפּאָרטירט געוואָרן אין היטלער־גיהנום און מער נישט צוריקגעקומען.

די טעטיקייט האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

אַ טייל פון אונזערע מיטגלידער האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער יידיש־פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

נאָך דער באַפרייונג

באַלד נאָך דער באַפרייונג האָט די געזעלשאַפט „פּראַגאַ" זיך צוריק גענומען אויפבויען. 10 מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך פאַרזאַמלט און אָנגעהויבן די אַרבעט פונדאַסניי.

די פּראַגער געזעלשאַפט, וואָס איז פון אַלע מאָל געווען אַדורכגעדרונגען מיטן געדאַנק פון דער נויטווענדיקייט צו פירן אַ ברייט־פאַרצווייגטע סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייט אין צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע אַנדערע סאָסיעטעס און געזעלשאַפטן, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך און זיך באַטייליקט אין אַלע הילפס־אַקציעס.

גאָר גיך איז זי אויסגעוואַקסן און געוואָרן צוריק איינע פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטן.

אויפן פאָרשלאַג פון פריינט באַרבערג, פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „פידעליטע אַ לאַ פראַנס" (טרייהייט פראַנקרייך) איז אויף אַן אַלגעמיינער באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען די ח"ח באָבערג, באַם, מאַרמיר, ראָזענבוים פון „פידעליטע אַ לאַ פראַנס" און די ה"ה שוואַרץ, ריבאָזשאַד, עלינגאָלד, פעלדמאַן, קורצבאַרד פון דער פּראַגער סאָסיעטע, באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראייניקן ביידע געזעלשאַפטן אונטערן נאָמען „לאַנדסמאַנשאַפט פּראַגאַ".

די פאַראייניקטע געזעלשאַפט ציילט היינט 150 מיטגלידער. די צוזאַמענאַרבעט צווישן די מיטגלידער פון ביידע געזעלשאַפטן אין דער פאַראייניקטער לאַנדסמאַנשאַפט איז אַן ענגע און זייער אַ גוטע.

אין אַפּריל 1946 האָט די פּראַגער געזעלשאַפט געהאַט דעם כבוד אויפצונעמען די חשובע דעלעגאַטן פון „אַמעריקאַן קאָונסיל" פון די וואַרשעווער יידן — דעם פּרעזידענט סעם וואַהל, דעם סעקרעטאַר קלמן פרידמאַן, ווי אויך דעם פּרעזידענט פון פּראַגער בראַנטש — כעם הערנאָוויטש.

מיט זייער מיטווירקונג און מיטהילף איז געשאַפן געוואָרן דער פאַראייניקטער קאָמיטעט וואַרשע־פּראַגע, וועלכער פאַרנעמט זיך מיטן אַרטיילן די הילף, וואָס דער „אַמעריקאַן קאָונסיל" שיקט פאַר די וואַרשעווער און פּראַגער לאַנדסלייט.



SALLE DE LA COOPÉRATION
17. RUE DE SAMBRE et MEUSE
Metro BELLEVILLE-COMBAT

צום ערשטען מאהל
איבערראשענדע נייעס...

זונטיק דעם 20־טען סעפּטעמבער

סאָסיעטע פּראַגא

דער
תלמוד חכם

ראַקאָוו

מעכעלע קליימאַן

באמערקונג!

בעלא ריבאיאד

M. MARBACH

4 · 6 · 8 · 10 · 12

אפיש פון דער פאָרשטעלונג, וואָס בעלא און אדאָלף ריבאָזשאַד
האָבן געגעבן דעם 20־טן סעפּטעמבער 1924
לטובת דער סאָסיעטע „פּראַגע".

אינעם קאָמיטעט וואַרשע־פּראַגע נעמען אַ וויכטיקן אָנטייל אונזער פּרעזידענט לעאָן שוואַרץ, אונזערע וויצע־פּרעזידענטן די ה"ה ריבאָזשאַר, באָבערג, עלינגאָלד און שוואַרץ.

אונזער דעלעגאַט אין צ. ק. פון פאַרבאַנד איז ה' ווינטרויב.

אַ דאַנק דער מיטהילף פון „אַמעריקאַן קאָונסיל", ווי אויך אַ דאַנק אונזער אייגענער איניציאַטיוו, האָבן מיר אין פאַרלויף פון 18 חדשים פאַרטיילט אויף הילפס־צוועקן 1.500.000 פר. (איין מיליאָן פינף הונדערט טויזנט פראַנק). פון דער סומע האָבן מיר געגעבן הלוואות 1.400.000 פראַנק, כדי צו דערמעגלעכן די רואינירטע און ניי־איינגעוואַנדערטע לאַנדסלייט אויפצובויען זייער לעבן.

אויסער דעם האָבן מיר געגעבן שטיצע בעיקר די ניי־איינגעוואַנדערטע אויף אַ סומע, וואָס באַטרעפט 80.000 פראַנק.

געזעלשאַפט „פריינט פון קראַשניק"

פּרעזידענט מילערמאַן

די סאָסיעטע „לעז אַמי דע קראַשניק" (פריינט פון קראַשניק) איז געגרינדעט געוואָרן מיט 18 יאָר צוריק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין פּוילן געווען אַזעלכע אומגינסטיקע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אַז פיל יידן, און בעיקר יונגטלעכע, זענען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד און אויסצוואַנדערן אין אַנדערע מדינות. אַ גאַר גרויסער טייל פון דער יידישער עמיגראַציע איז אָנגעקומען קיין פראַנקרייך.

דאָ, אין פראַנקרייך, האָבן די עמיגראַנטן געהאַט אויסצושטיין, בעיקר די ערשטע צייט, אומגעהויערע פיל שוועריקייטן. זיי האָבן געדאַרפט באַקומען וווינרעכט, אַרבעט־רעכט, אַרבעט און וווינונגען.

דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געלט־הוצאות. די ניי־געקומענע לאַנדסלייט פלעגן זיך ווענדן צו די איינגעזעסענע, אָבער כדי די לאַסט פון הילף זאָל נישט פאַלן אויף איינצלנע מער פאַרמעגלעכע לאַנדסלייט, איז געגרינדעט געוואָרן אַ „סאָסיעטע". אַ לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אָרגאַניזירן די הילף פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות.

צום באַדויערן איז עס געפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז די גאַנצע דעה אין דער פירונג פון דער געזעלשאַפט האָבן געהאַט בלויז די, וועלכע האָבן געגעבן די מאה. די ניי־איינגעוואַנדערטע זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו דער אָנפירונג.

טעטיקייט פון דער „סאָסיעטע"

די טעטיקייט פון דער „סאָסיעטע" איז געווען אַ גאַנץ באַגרענעצטע. מען האָט בעיקר געטראַכט וועגן באַזאָרגן די לאַנדסלייט, מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, מיט אַ קבר ישראל.

עס איז אויך געווען טעטיק אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו באַזוכן אַ קראַנקן מיטגליד און רופן אַ דאָקטאָר, ווען עס איז געווען נייטיק.

אויך אַ לייַ־קאַסע, וואָס האָט געהאָלפן מיט הלוואות נויט־באַדערפטיקע לאַנדסלייט, איז געשאַפן געוואָרן ביי דער קראַשניקער געזעלשאַפט.

אָבער צו באַדויערן, איז די הילף פון דער געזעלשאַפט געגעבן געוואָרן בעיקר די מיטגלידער, וועלכע זענען שוין געווען איינגעבירגערט אין לאַנד און דווקא די יונגע, פרישע אימיגראַנטן, די, וועלכע האָבן זיך אַם מערסטן גענויטיקט אין דער מיטהילף פון זייערע לאַנדסלייט, זענען אָפט באַעוולהט געוואָרן .

אַזוי האָט זיך עס געפירט יאָרן לאַנג. די גרעסטע געשעעניש אינעם לעבן פון דער סאָסיעטע זענען געווען די וואַלן פון פּרעזידענט אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און דער יערלעכער באַל.

גרופּע קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון קראַשניק"
עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ערליך, טאָפּעל, האַנרי זילבער־פיין, מישעל גאָלדבוים, מילערמאַן, פרוי סיזאַן, זילבער־פיין, זילבערבערג, ווייַנטרויב, זשאַק גאָלדבוים, זייפעל.

קראַשניקער פּאַטראָנאַט

די יונגע אימיגראַנטן, וועלכע זענען געווען אומצופרידן מיט דער באַגרענעצטער טעטיקייט פון דער „סאָסיעטע" און וועלכע זענען אגב, נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו אַקטיווער מיטאַרבעט אין דער פירונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, האָבן, לויטן ביישפיל פון פיל אַנדערע פּאַטראָנאַטן, געגרינדעט אויך אַ קראַשניקער פּאַטראָנאַט.

דער פּאַטראָנאַט האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיטן זאַמלען רעגולערן חודשלעכן אָפּצאָל פון די מיטגלידער, כדי דאָס געזאַמלטע געלט איבערצושיקן דער „רויטער הילף" אין פּוילן און אויף אַזאַ אופן העלפן די פּאָליטישע פאַרפאָלגטע און אַרעסטירטע לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים.

דער פאַטראָנאַט פלעגט איינאָרדנען אָפטע פאַרזאַמלונגען און באַנקעטן פון די לאַנדסלייט, אויף וועלכע עס פלעגן פאַרגעלייענט ווערן בריוו פון די פריינט, וועלכע זענען געווען פאַרשפאַרט אין די פוילישע תפיסות.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען און באַנקעטן פלעגן דערמעגלעכן צו פאַרגרעסערן די איינקונפטן און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן די הילף, וואָס דער פאַטראָנאַט פלעגט מיט פיל האַרציקער פריינטשאַפט און סאָלידאַריטעט - געפילן איבערשיקן פאַר די פאָליטישע אַרעסטירטע, פאַר די קעמפער קעגן דעם פאַשיסטישן, אַנטיסעמיטישן רעזשים אין פוילן.

מילערמאַן

צוזאַמענאַרבעט צווישן פאַטראָנאַט און קראַשניקער סאָסיעטע

מערערע מאָל האָט זיך דער פאַטראָנאַט געהאַט געוואַנדעט צו דער סאָסיעטע וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט אויפן געביט פון הילף און סאָלידאַריטעט מיט די פאָליטישע אַרעסטירטע און מיט די קרבנות פון דער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע. אָבער יעדעס מאָל זענען די פאָרשלאָגן אָפגעוואָרפן געוואָרן. די סאָסיעטע האָט נישט געוואָלט באַשטימען, נישט קיין רעגולערע חודשלעכע אונטערשטיצונג און אויך אפילו נישט די איינמאָליקע גרעסערע סובסידיע.

נאָר אַ דאַנק די באַמיונגען פון דעם פאַטראָנאַט, איז געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען באַל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג, ווי אויך אַ מאָראַלישן, ווייל ער האָט דערמעגלעכט צו דערנענטערן די לאַנדסלייט פון ביידע געזעלשאַפטן. דאָס האָט מיטגעווירקט, אַז פון דעמאָלט אָן זענען די פאַרבינדונגען צווישן ביידע געזעלשאַפטן געוואָרן ענגערע און פריינטלעכע.

די סאָסיעטע האָט מיטגעהאָלפן דעם פאַטראָנאַט, סיי מיט געלט, סיי מיט קליידער.

אַזוי האָט די צוזאַמענאַרבעט זיך געפעסטיקט ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אונזערע מאַרטירער

אין דער צייט פון מלחמה האָט די סאָסיעטע אַלס אַזעלכע נישט געקענט פירן קיין שום טעטיקייט און אויך נישט געפירט, אָבער אַ גרעסערע צאָל קראַשניקער לאַנדסלייט האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן שונא, פיל זענען געפאַלן אין קאַמף.

לאָמיר דערמאָנען די נעמען פון אונזערע העלדן: דעם יוגנטלעכן קעמפער **וואָלף ווייסברויט**, די מוטיקע ווידערשטענדלער: **מענדל ראָזענצווייג, מאיר און שאַרל גאָלדבוים, מאָריס גרינוואַלד, זשאַק זילבערפיין, פלאַס.**

מער ווי הונדערט פרויען און קינדער פון אונזערע לאַנדסלייט זענען דעפאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען אין היטלערישן גיהנום, צווישן זיי די גאַנצע משפחות פון **ווייסברויט, טענענוואָרצל און שטאָט.**

נאָך דער באַפרייונג

נאָך דער באַפרייונג, נאָך דעם צוריקער פון אונזערע לאַנדסלייט קיין פאַריז, האָבן מיר באַנייט די טעטיקייט פון אונזער געזעלשאַפט אויף גאָר נייע יסודות.

דער קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז אויסגעברייטערט געוואָרן אַזוי, אַז עס זאָלן זיין אין אים פאַרטראָטן אַלע שיכטן פון די קראַשניקער לאַנדסלייט.

דער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַן אַרבעטס־פלאַן, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פונקטן:

1) הילף פאַר די פרויען און קינדער פון די אומגעקומענע לאַנדסלייט, וועלכע זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

2) שאַפונג פון אַ לייַ־קאַסע, וואָס זאָל דורך הלוואות העלפן זיך איינאָרדנען די אַלע רואינירטע בשעת דער מלחמה קראַשניקער לאַנדסלייט.

3) הילף פאַר די, וואָס קומען פון די דייטשע לאַגערן, אפילו ווען זיי זענען נישט קיין מיטגלידער פון דער סאָסיעטע.

4) זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

5) אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע לאַנדסלייט, ווי אויך ברענגען צו קבר ישראל אין אַ ברודער־קבר אַלע די לאַנדסלייט־קדושים, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון פראַנקרייך.

6) אונטערשטיצן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט העלפן די פרויען און קינדער פון די דעפאָרטירטע און דערשאָסענע און וואָס זאָרגן פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע, די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער ריכטונג פון אַ פאַרשטענדיקונג און פון איינהייטלעכער, ערלעכער צוזאַמענאַרבעט.

מען קען מיט רעכט און שטאָלץ זאָגן, אַז דער טעטיקייט־פלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פונעם קאָמיטעט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף 90 פראָצענט.

אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צענדליקער באַנקעטן און אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט פיל פון אונזערע לאַנדסלייט.

א דאַנק די הכנסות פון די פיל דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען, האָט די קראַשניקער געזעלשאַפט געקענט אונטערשטיצן סיי די ניי־איינגעוואַנדערטע, סיי די פרויען און קינדער פון די דעפּאָרטירטע לאַנדסלייט.

טעטיקייט פאַרן יאָר 1947

אין פאַרלויף פונעם יאָר 1947 האָט זיך אונזער טעטיקייט אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע קאָנקרעטע אויפטוען:

מיר האָבן זיך באַשטייערט מיט 5000 פראַנק פאַרן מאָנומענט פון יידישע פרייוויליקע קאָמבאַטאַנטן, פאַר די קינדער־קאָלאָניעס פון „אוניאָן“ און מיט א סומע פון 5000 פראַנק פאַר די קינדער־הייזער אין ראַנסי.

אין חודש מאַי האָבן מיר אַרויסגעגעבן א ביולעטין פון 12 זייטן, אין יידיש און פראַנצויזיש.

דעם 19־טן מאַי האָבן מיר איינגעאָרדנט די לוויה פאַר 5 פון אונזערע לאַנדסלייט, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן פון די דייטשן.

דעם 1־טן יוני האָבן מיר אַנטהילט דעם מאָנומענט פאַר די דעפּאָרטירטע. ביי דער טרויער־צערעמאָניע זענען בייגעווען הונדערטער מענטשן און אויך א פאָרשטייער פון אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

אונזער געזעלשאַפט האָט זיך באַטייליקט אין אַרויסגעבן דאָס בוך פון אונזער דיכטער משה שולשטיין — „א בוים צווישן חורבות“.

צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטן „קינדער פון לובלין“ און פולאַווער לאַנדסמאַנשאַפטן, האָבן מיר איינגעאָרדנט לכבוד דעם דיכטער א פייערלעכן באַנקעט, אויף וועלכן עס זענען געווען אַנוועזנד הונדערטער מענטשן.

מיטן אָנטייל נעמען אין באַנקעט, ווי אויך מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך פון משה שולשטיין, האָט אונזער געזעלשאַפט זיך פאַרנומען אויפן וועג פון פאַרשטאַרקטער קולטורעלער טעטיקייט.

אונזער צוזאַמענאַרבעט מיט די גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס

הגם מיר זענען נישט אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, האָבן מיר זיך באַטייליקט אין קאָנגרעס פונעם פאַרבאַנד.

מיר האָבן אויך געשיקט א דעלעגאַציע אויף דער פייערלעכער קאָנפערענץ פון די ״פריינט פון דער „נייע פרעסע״ און זיך באַטייליקט אין דער זאַמל־אַקציע פון דער דאָזיקער פאָלקס־צייטונג.

מאַקס זילבערמאַן

וויצע־פרעזידענט פון דער סאָסיעטע
„פריינט פון קראַשניק״

אייביקער אָנדענק די העלדן – אונזערע קראַשניקער לאַנדסלייט

די קראַשניקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז האָט דעם 1-טן יוני 1947 אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד 7 פון אירע העלדן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן דעם בלוטיקן נאַצישן שונא, פאַר דער פרייהייט פון לאַנד, פאַרן קיום און כבוד פון אונזער פאָלק, פאַר אונזער אַלעמענס לעבן און עקזיסטענץ.

דאָס זענען: יוסף ווייסבראָט, מענדל ראָזענצווייג, צייטל פלאָם, שאַרל גאָלדבערג, מאָריס האָלדבוים, זשאַק זילבערפּיין, מאָריס גרינוואַלד.

יוסף ווייסבראָט

די דאָזיקע העלדישע קעמפער זענען געפאַלן כדי די איבערגעבליבענע זאָלן קענען לעבן מענטשלעך און פריי. מיט געווער אין דער האַנט און מיט א געהויבענעם קאָפּ האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט קעגן דעם סאַדיסטישן און באַרבאַרישן שונא און דורך זייערע קלעפּ, נקמה גענומען פאַר די טייכן פאַרגאָסענע בלוט און געהאָלפן ווי פיל אַנדערע קעמפער, דערנענטערן דעם טאָג פון זיג.

זיי זענען געפאַלן אין קאַמף, געפאַלן אונטער די נאַצישע קוילן און אונטער די הענט פון די פייניקער. אָבער זייער אָנדענק וועט שטענדיק לעבן אין אונזערע הערצער, אין די הערצער פון זייערע קינדער און עלטערן, אין די הערצער פון זייערע לעבן - געבליבענע לאַנדסלייט, אין די הערצער פון גאַנצן יידישן פאָלק.

דער קאָמיטעט פון דער „געזעלשאַפט פריינט פון קראַשניק“, האָט שטאַרק גע-

זאָרגט, אַז אָט די העלדישע זין, וואָס זענען אונז אַלעמען אַזוי טייער, זאָלן נישט רוען ווייט איינער פון אַנדערן אויף פאַרשידענע פעלדער פון לאַנד.

מאָריס גרינוואַלד

פאַרייביקנדיק דעם אָנדענק פון די העלדן, האָט דער קאָמיטעט פון דער קראַשניקער געזעלשאַפט געוואָלט גלייכצייטיק אויך פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די אַנדערע אומגעקומענע לאַנדסלייט פון פאַריז. אויף דער מצבה לכבוד אונזערע העלדן וועלן דעריבער מיט גאָלדענע אותיות אויסגעקריצט ווערן אויך די נעמען פון די אַנדערע קרבנות פון דער היטלערישער באַרבאַריי, וועמענס צאָל אין פאַריז אַליין, דערגרייכט 105.

אָבער דער דאָזיקער באַשיידענער דענקמאָל איז מער ווי אַ דענקמאָל פאַר אונזערע קרבנות פון פראַנקרייך. יעדעס מאָל, ווען מיר וועלן קומען זיך פאַרבייגן פאַר די נעמען פון אונזערע מאַרטירער און קעמפער פון פראַנקרייך, וועלן מיר גלייכצייטיק זיך דערמאָנען אין אונזערע אַלע געפאַלענע און אומגעקומענע אין דער אַלטער היים. מיר וועלן זיך דערמאָנען אין אונזער אַלטן קראַשניקער ישוב, וואָס איז דורך דער פאַשיסטישער בעסטיע ווי אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. מיר וועלן זיך דערמאָנען אין אונזער אַלטער היים, ווו מיליאָנען זענען אכזרותדיק אומגעקומען, נישט איבערלאָזנדיק אַפילו דעם זכר פון אַ קבר, אָדער מצבה. מיר וועלן זיך דערמאָנען אין די אַלע, וועלכע האָבן, ווי אונזערע קראַשניקער העלדן פון פאַריז, אין די טויזנטער פאַרגאָסן זייער בלוט פאַרן כבוד און קיום פון אונדזער פאָלק, פאַר דער פרייהייט און גערעכטיקייט אין דער וועלט.

שאַרל גאָלדבוים

מאָריס גאָלדבוים

כבוד זייער אָנדענק! און זאָל זייער הערלעכער ביישפיל אונז זיין אַלעמען אַ דערמוטיקונג און באַלייכטן אונזער וועג.

זשאָרזש גאָרפינקל

געזעלשאַפט „פריינט פון פשיטיק״

פרעזידענט: ראָזענשטיין

די געזעלשאַפט „פריינט פון פשיטיק״ איז געגרינדעט געוואָרן אין 1936-טן יאָר. די נעמען פון אירע גרינדער זיינען פאָלגנדיקע: ישראל קליינבוים, מישעל קליינבוים, פירשט, מאָטע ראָזענהאָלץ, קיווע ראָזענבוים, זשאַק ראָזענשטיין (פרעזידענט).

מיטגלידער — איבער 80.

די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט מיטגעאַרבעט מיטן פאַרבאַנד זייט זיין אַנטשטיין. זי האָט געשטיצט די געליטענע פון די פאָגראָמען אין פשיטיק און מינסק-מאַזאָוויעצק. קיין פוילן האָט די געזעלשאַפט איבערגעשיקט עטלעכע און צוואַנציק טויזנט פראַנק.

שפעטער האָט די געזעלשאַפט געהאָלפן די עמיגראַנטן פון פוילן מיט געלט און פאַפירן (לעגאַליזירן זייער סיטואַציע), מיטאַרבעטנדיק מיט די פאַטראָנאַטע.

ביי זייער אַריינקומען אין לאַנד פלעגט די געזעלשאַפט באַזאָרגן די פוילישע עמיגראַנטן מיט 8 טעג אויסהאַלטונג, מיט אַרבעט און וווינונגען. עס איז געשאַפן געוואָרן, מיט אייגענע מיטלען, אַ לייקאַסע, וועלכע פלעגט אַרויסגעבן הלוואות פון 4-5 הונדערט פראַנק.

אין אָנפאַנג פון קריג (39-40) פלעגט די געזעלשאַפט אַרויסשיקן געלט פאַר אידע סאָלדאַטן אויפן פראָנט און אויסהאַלטן זייערע פאַמיליעס. שפעטער איז די אַרבעט, פאַרשטענדלעך, איבערגעריסן געוואָרן. ענדע 45-טן יאָר איז די געזעלשאַפט ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די פריינט מאָניקאָווסקי פון פאַרבאַנד, זשאַק ראָזענשטיין (פרעז.), קליינ-

בוים מישעל (סעקר.). די ערשטע אַרבעט פון דער באַנייטער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען אין גרינדן די אַלגעמיינע לייקאַסע ביים פאַרבאַנד, פאַר וועלכער דער פּרעזידענט אַליין האָט געשאַפן 74 טויזנט פר. ווייטער — אַ מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע מיטגלידער, די קאָסטן פון וועלכן (23 טויזנט פר.) זיינען געדעקט געוואָרן פון דער געזעלשאַפט אַליין. אויף דעם מאָנומענט זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די אומגעקומענע מיטגלידער.

די געזעלשאַפט האָט אַליין אויסגעהאַלטן 2 קינדער אויף וואַקאַנס. אחוץ דעם האָט זי אַריינגעשיקט 41 טויזנט פר. פאַר דער קינדער-אַקציע.

פון אַמעריקע האָט די געזעלשאַפט באַקומען ווייניק הילף.

בעת היים באַזוך פון פריינט גראַנט אין אַמעריקע האָט די דאָרטיקע פּשיטיקער לאַנדסמאַנשאַפט אים וואַרעם אויפגענומען. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטערעס פאַר די געסט פריינט מייזיל.

לעצטנס איז דער קאָנטאַקט מיט אַמעריקע איבערגעריסן.

היינט צו טאָג האַלט אויס די געזעלשאַפט, וועלכע ציילט בלויז 43 מיטגלידער, 3 פאַמיליעס פון דעפּאָרטירטע און אַ מעדיצין-סטודענטין, אַ קיילעכדיקע יתומה פון אונזערן אַ מיטגליד.

דער גאַנצער קאָמיטעט פון 36-טן יאָר איז דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַמיליעס.

די געזעלשאַפט „פריינט פון פּשיטיק" שאַפט געלט פאַר דער „נייע פּרעסע". לעצטנס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער פאָלקס-צייטונג אַ סומע פון 10 טויזנט פראַנק פון דער אייגענער קאַסע. חוץ דעם האָט די געזעלשאַפט געגעבן אַ הלואה פון 10 טויזנט פראַנק.

געזעלשאַפט ברעסט-ליטאָווסק

פּרעזידענט: גורעוויטש

יידישע עמיגראַנטן פון ברעסט-ליטאָווסק, אָדער ווי מען רופט עס אויף יידיש בריסק, האָבן זיך געפונען אין פראַנקרייך שוין מיט 50 יאָר צוריק; אָבער אַ מאַסן-עמיגראַציע הויבט זיך ערשט אָן די אין 20-ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אַ פאַקטישע הילפס-אַרבעט האָבן די בריסקער געפירט צווישן זיך שוין פון לאַנג, אַלס „סאָסיעטע פון ברעסט-ליטאָווסק" איז זי געגרינדעט געוואָרן דעם 2-טן פעברואַר 1924.

איר ערשטער זיץ איז געווען אויף דער אַרמעזאָן-גאַס נומער 13.

אין קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע סאָסיעטעס, באַזונדערס די עלטערע, האָט די בריסקער סאָסיעטע אָנגעהויבן איר טעטיקייט, ניט פון טויט (קאַוואָ), נאָר פון לעבן, אַנטשפּרעכנדיק דעם נאַטור-געזעץ, אַז טויט קומט שפּעטער ווי דאָס לעבן און אַז די לעבנס-פאָדערונגען זיינען גרעסער, שטאַרקער און דרינגענדיקער, ווי די פאָדערונג פון טויט. די הויפּט-זאַך, מיט וואָס די בריסקער סאָסיעטע האָט זיך אויסגעצייכנט, דאָס איז די עמפּינדלעכקייט צו די צרות, נויטן פון אירע לאַנדסלייט, איר רירעוודיקייט, איר דינאַמישקייט.

דאָס ערשטע, וואָס די סאָסיעטע האָט געטאָן, דאָס איז: העלפן לעגאַליזירן דעם אויפהאַלט פון די ניי-איינגעוואַנדערטע לאַנדסלייט אין פראַנקרייך, וואָס איז געווען טאַקע די ערשטע פאָדערונג פונעם עמיגראַנט. אויף דעם האָט זיך אָבער איר טעטיקייט ניט אָפּגעשטעלט. נאָך דעם ווי דער עמיגראַנט האָט שוין באַקומען זיין אויפהאַלט-רעכט, קומט די פראַגע פון עקזיסטענץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ ריי אַנדערע פראַגן, ווי אַרבעט, מכשירים א. א. וו. אָט די אַלע נויטן איז די בריסקער סאָסיעטע ברייטהאַרציק אַנטקעגן געקומען. זי האָט אַרויסגעגעבן הלואות פאַר געזונטע מענטשן, שטיצע פאַר קראַנקע און סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן. די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע טוער אויף דעם געביט זיינען געווען די הערן קאַץ פון בולוואַר די טאַמפּל, סימאָן פרידמאַן פון ראַמפּאָן-גאַס, טביה סמאָלסקי פון אַריאָן-גאַס און טיל פון ריוואָלי-גאַס.

די צענטראַלע פון די ניי-איינגעוואַנדערטע איז געווען ביי הער גוטמאַכער, 13 אַרמעזאָן-גאַס. וועגן דעם הער גוטמאַכער פּאַסט טאַקע צו זאָגן: כשמו כן תהילתו. זיינע מעשים אַנטשפּרעכן זיין נאָמען. דער הער גוטמאַכער פלעגט מאַכן גוטס. ער פלעגט אָפּרייסן צייט פון זיינע פּערזענלעכע געשעפטן און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און מי ברענגען הילף פאַר די בריסקער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך אין דעם גענויטיקט. ביי הער גוטמאַכער איז געווען דער בית הכנסת פון אַלע בריסקער, ביי אים פלעגן זיי זיך זאַמלען.

דער הער גוטמאַכער האָט זיך געזאָרגט, ניט בלויז פאַר דער גשמיות פון זיינע לאַנדסלייט, נאָר אויך פאַר זייער רוחניות. ער האָט געדונגען אַ לאָקאַל, אין וועלכן עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לייענזאַל. עס זיינען געווען צייטונגען פון אַמעריקע און פון פּוילן. די זאָרג פון דער סאָסיעטע פאַר אירע בני-עיר איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן ערן-געריכט, עפּעס אַ מין סנהדרין, וועלכער האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו דערליידיקן זייערע פּערזענלעכע סכסוכים. אַ דאַנק דער מי פון הער ראַפּאַפּאָרט און אַנדערע, איז געשאַפן געוואָרן די סאָסיעטע אונטער איר אָפיציעלן נאָמען „אַמיקאַל דע ברעסט-ליטאָווסק", צו וועלכער עס האָבן זיך מיט דער צייט אָנגעשלאָסן אויך די פּאַריזער תושבים.

די גרינדער פון דער דאזיקער סאסיעטע זענען:

דער רב טשערנאיא, אינזשיניער וואלסקי, יצחק טיל און ראפאפארט.

דערערשטער קאמיטעט איז באשטאנען פון פאלגנדיקע פערזאנען:

פרעזידענט — הרב טשערנאיא משה.
וויצע - פרעזידענט — גרינשטיין דוד
קאסירער — העקדעשמאן עלי.
גענ.-סעקר. — אינזשיניער וואלסקי.
סעקרעטאר — העקדעשמאן האנרי.
קאנטראלערן — אלבערטאל לייזער.
ביל יעקב.

פרעז. סאניטאר — גוטמאכער ישראל
טיל אברהם.

קאמיטעט־מיטגלידער: טיל יצחק, בלעקסמאן נח, לעווינטאל ארמאנד און פאמעראנץ שלמה.

די צאל מיטגלידער פון דער סאסיעטע פארן קריג איז געווען ביי 60. יעדן מאנאט פלעגן פארקומען אלגעמיינע פארזאמלונגען, אויף וועלכע די ניי - צוגעקומענע פלעגן, דרך אגב, אפגעבן גרוסן פון דער אלטער היים.

די סאסיעטע האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צוצושטעלן מעדיצינישע הילף, מעדיקאמענטן פאר אירע קראנקע מיטגלידער, געלט - אונטערשטיצונג אין פאל פון א פארצויגענער קראנקייט לויה - הוצאות אין א טויט - פאל און שטיצע פאר דער אלמנה און יתומים פונעם פארשטארבענעם.

אלס אילוסטראציע ברענגען מיר דעם פאלגנדיקן אויסצוג פון א בילאן פון 1937-טן יאר:

דאקטוירים —	220	פר.
מעדיקאמענטן —	681	„
דיספאנסער —	1.326	„
שטיצע —	800	„
פאר דער קאלאני סקאלער —	500	„
קאלאניע פון ארב.-ארדן —	500	„
פעדעראסיאן-מיטיאליטע —	200	„
„ליקא" און אנד. ארג. —	180	„
לויה־הוצאות —	2.620	„
סעקרעטאריאט —	850	„
ביורא-אויסגאבן און פארזאמלונגען —	1.482	„
קאווה —	13.228	„
סך-הכל:	22.487	„

אין 1925-טן יאר האט די בריסקער סאסיעטע, צוזאמען מיט דער פיעטריקאווער, געגעבן די איניציאטיוו צו שאפן די „קאלאני סקאלער" (געזעלשאפט „יידישע קינדער - קאלאניע"), וועלכע האט זיך לכתחילה פארנומען מיט דער גרינדונג פון יידישע צוגאב - שולן פאר די קינדער פון יידישע עמיגראנטן. פאר דעם צוועק האבן ביידע סאסיעטעס געשאפן אן איניציאטיוו - קאמיסיע, וועלכע איז באשטאנען פון ה"ה: אינזשיניער וואלסקי, גאסטאן לעווין, גרינשפאן, קופישטיק און לינדערמאן.

אינעם זעלבן יאר האט די סאסיעטע דורכגעפירט אן אקציע פאר די הונגערנדיקע קינדער אין פוילן. אין 26-טן יאר — געהאלפן מיט געלט - אונטערשטיצונג דעם בית-יתומים פון בריסק. אין 1930 האט די סאסיעטע, וועלכע איז באזוכט געווארן פון הער פרעגעל, דורך אים טאקע איבערגעשיקט א גרעסערע געלט-סומע פאר די יידישע שולן אין בריסק. בעת דער פארפלייצונג אין דרום - פראנקרייך, האט די בריסקער סאסיעטע געגעבן הילף די געליטענע. די סאסיעטע האט ארויסגענומען פון דער פראנצויזישער תפיסה ארעסטירטע.

אין 1937-טן יאר, נאכן בריסקער פאגראם, האט די סאסיעטע ארויסגעשיקט פון אייגענע מיטלען 25 טויזנט פר. פאר די געליטענע. אין 1938-טן יאר האט זי ארויסגעשיקט געלט פארן „טאז" אין בריסק. די בריסקער סאסיעטע איז געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האבן געגרינדעט די פאלקס-קליניק אויף דער טירען-גאס, נומער 75 — די היינטיקע פאלקס-קליניק.

א גרופע קאמיטעט-מיטגלידער פון דער געזעלשאפט:

פון רעכטס אויף לינקס: ערשטע ריי — קאצעוו, שושקין, גורעוויטש און דר. בראווערמאן. צווייטע ריי — מינק, קאפלאן, גערסאן, גינזבורג, גלוזמאן און קאמענעצקי.

אויפנאמע פון דער געזעלשאפט ברעסט-ליטאווסק
אין 1947

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: פרוי און הער פארבער פון לאס-אנזשעלאס, פארזיצער גורעוויטש, לערנער, גינזבורג, פלאקסבערג און גערסאן.
עס באגריסט דער גענעראל-סעקרעטאר שושקין

די דעלעגירטע פון די בריסקער, די ה"ה: קאַפּלאַן און גינזבורג, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין זייער אַנטוויקלונג און מיטגעהאָלפן אַוועקצושטעלן דעם דיספּאַנסער אויף אַזאַ הויך, אַז עס זאָל ווערן איינע פון די וויכטיקסטע יידישע אינסטיטוציעס אין פּאַריז

נאָך פאַרן קריג פלעגט די סאָסיעטע אַרויסשיקן אירע שוואַכע און קראַנקע קינדער אויף זומער - וואַקאַנסן דורך דער „קאָלאָני סקאָלער" און אַרבעטער-אָרדן.

יעדן יאָר אָרגאַניזירט די סאָסיעטע אַ באַל. זומער פלעגט זי מאַכן גרעסערע אויספלוגן, אין וועלכע די בריסקער האָבן זיך צאָלרייך באַטייליקט. מען פלעגט, צווישן אַנדערע, באַזוכן היסטאָרישע מוזייען און פּלעצער. עס פלעגן פאָרקומען פאַרשידענע קולטורעלע אונטערנעמונגען, רעפעראַטן פון ליטעראַטור און געשיכטע.

אין 1938-טן יאָר איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון בריסקער פּאַטראָנאַט מיט דער בריסקער סאָסיעטע. דער פּאַטראָנאַט האָט אַריינגעבראַכט אין דער סאָסיעטע אַ יונגן עלעמענט, וועלכער האָט מיטגעווירקט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָסיעטע.

ביים אויסברוך פון קריג, האָט זיך גלייך אויך די סאָסיעטע אָרגאַניזירט צו העלפן די מאָביליזירטע מיטגלידער אויפן פראָנט און זייערע פאַמיליעס אינדערהיים. כדי די הילף זאָל זיין אַ מער ממשותדיקע, האָט די בריסקער סאָסיעטע פון פּאַריז אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די בריסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו העלפן אויך די עוואַקואירטע לאַנדסלייט.

בעת דער אָקופּאַציע האָבן זיך די עטלעכע געבליבענע קאָמיטעט - מיטגלידער אינטערעסירט מיט די בריסקער לאַנדסלייט, דער גרעסטער טייל פון וועלכע ס'האָט זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער אַרמיי צו קעמפן קעגן פאַשיזם און האָבן זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט.

אַ טייל מיטגלידער האָט אויך געקעמפט אין די רייען פון דער „רעזיסטאַנס". צווישן די ערשטע דערשאָסענע 43 ערובניקעס אין דראַנסי, איז געווען דער מיטגליד הערש - לייב מייעראָוויטש, וועלכער האָט געקעמפט פרייוויליק אין שפּאַניע אין יאָר 1936. די לאַנדסלייט יאַשע יונגערמאַן און ליבער רימלאַנד זיינען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע, נאָך דעם ווי זיי זענען גלייך אין די ערשטע מאָנאַטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אַריין אין דער רעזיסטאַנס. דער מיטגליד יאַנקל קאַדענסקי איז דערשאָסן געוואָרן אין די פּירינייען-בערג דורך דער געשטאַפּאָ. אַלבערטאַל איז אין 1941 פאַרפייניקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער אין די פּירענייען. גאַלאַנט — געוועזענער פּרעזידענט פון דער בריסקער סאָסיעטע — איז מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אומגעקומען אין קאָנצענטראַציע - לאַגער. די בריסקער בלעקסמאַן, רימלאַנד און גורעוויטש זיינען געפאַלן אויפן פראָנט.

גלייך נאָך דער באַפרייונג אין 1945-טן יאָר, האָט זיך פאַרזאַמלט דער אַלטער קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון די פאָלגנדיקע לעבן - געבליבענע מיטגלידער:

גורעוויטש, קאַפּלאַן, מאָרגנשטערן, קאַמענעצקי און לעווענטאַל. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו באַנייען די טעטיקייט פון דער סאָסיעטע. די לאַגע איז געווען אַ טראַגישע: מען האָט געדאַרפט מאַכן דעם בילאַנס נאָכן גרויסן חורבן, אונטערציען אַ סך-הכל, ווער און וויפיל בריסקער עס זענען געבליבן נאָך דער שרעקלעכער שחיטה, רעגיסטרירן די נויטבאַדערפטיקע, פאַרנעמען זיך מיט די אַלמנות און יתומים פון די דעפּאָרטירטע, געבן יורידישע און מאָראַלישע הילף אויפן געביט פון צוריקבאַקומען די צוגערויבטע וווינונגען, וואַרשטאַטן, מעבל בעת דער אָקופּאַציע א. א. וו.

אין סעפּטעמבער 1945 איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער בריסקער שארית הפליטה. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ הזכרה נאָך אַלע אומגעקומענע בריסקער אין פראַנקרייך, אין בריסק און אין די לאַגערן. פריינט פּאַווין האָט אין רירנדיקע ווערטער איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן אונטערגאַנג פון בריסקער געטאָ און גערופן די לעבן - געבליבענע צוריק אָנצוהויבן בויען דעם בריסקער ישוב אין פראַנקרייך. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון קאָנסטרוקטיווער און מאָראַלישער הילף — ספּעציעל פאַר די אַלמנות און יתומים. טראָץ דעם שווערן עקאָנאָמישן צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך צו יענער צייט געפונען פראַנקרייך בכלל און די יידן בפרט, איז דאָך דעם קאָמיטעט געלונגען צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט, מיט וועלכער מען האָט געהאָלפן די נויט - באַדערפטיקע.

עס איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן איינצואָרדנען די יתומים אין די עקזיסטירנדיקע קינדער - היימען און צו צאָלן פאַר זייער אויסהאַלטונג. אינעם פּלאַן איז פאָרויסגעזען געוואָרן די עלטערע קינדער אויסצולערנען אַ פאַך און צו פאַרנעמען זיך מיט זיי ביז זיי וועלן ווערן זעלבסטשטענדיקע מענטשן. די מיטגלידער, ניט געקוקט אויף זייער אייגענער שווערער לאַגע, האָבן זיך באַשטייערט ביז די אויסערסטע מעגלעכקייטן און דערצו אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די בריסקער לאַנדסלייט אין אויסלאַנד, כדי אויך פון זיי צו באַקומען הילף.

אין 1945 איז אויך געשאַפן געוואָרן די ערשטע סומע פאַר דער לייקאַסע אין דער גרויס פון 442 טויזנט פר. אין משך פון די יאָרן 1945-1946 האָט די בריסקער סאָסיעטע באַוויזן איינצוקויפן וואַרשטאַטן, ניי - מאַשינען און דירות; געגעבן הילף פאַר האַנטווערקער און קליין - הענדלער. אַזוי אַרום געשאַפן אַן עקזיסטענץ פאַר 440 פאַמיליעס.

אין מיטן פון 1946-טן יאָר הויבן אָן צו קומען קיין פּאַריז די בריסקער פּליטים פון די דייטשע און איטאַליענישע לאַגערן. די דאָזיקע ניי-איינגעוואַנדערטע, אַ טייל פון וועלכע עס וואַנדערט ווייטער אין די אַרבע פינות עולם און אַ טייל, וואָס האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין פראַנקרייך — זיי אַלע האָבן זיך גענויטיקט אין באַלדיקער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף, וועלכע

איז זיי טאַקע געגעבן געוואָרן. דאָס איז צו פאַרדאַנקען די בריסקער ברידער און שוועסטער פון ניו-יאָרק, לאָס-אַנזשעלעס און בוענאָס-איירעס, וועלכע האָבן זיך גיך און גרויסמוטיק אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון זייערע לאַנדסלייט אין פּאַריז, פאַרשטייענדיק און אָפּשאַצנדיק די וויכטיקייט פון די אויפגאַבן, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט דער פּאַריזער קאָמיטעט פון דער בריסקער סאָסיעטע. די בריסקער לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון פּאַריז אַלס צענטער און דורכגאַנגס-פּונקט פאַר די פּליטים פון די לאַגערן און דעריבער האָבן זיי זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופן.

אין משך פון די 18 מאָנאַטן האָט זיך דער קאָמיטעט צווישן אַנדערע זאַכן, פאַרנומען אויך מיטן לעגאַליזירן דורך דעם פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, די לאַגע פון די ניי-איינגעוואַנדערטע, העלפנדיק ביים באַזאָרגן אידענטיטעט-קאַרטן, וויזעס, פּעסער א.אַ.וו.

עס איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן אַראָפּצוברענגען פון די דייטשע לאַגערן בריסקער משפחות, ווי אויך העלפן זיי דורכפירן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן. ביז היינט האָט דער קאָמיטעט פאַרעגיסטרירט 84 פּערזאָן און אויך קינדער. עס איז פאַר זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאָרם פון שטיצע הלוואות, איבער אַ מיליאָן פר. אחוץ דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג האָט דער קאָמיטעט פון די בריסקער ניט געשפּאָרט קיין צייט און ענערגיע אויף צו שאַפן פאַר זיינע לאַנדסלייט די נויטיקע וואַרעמע ברידערלעכע אַטמאָספער כדי זיי זאָלן זיך ניט פילן איינזאַם און עלנט. עס איז אַלץ געטאָן געוואָרן צו פאַרלייכטערן זייער גורל און צו העלפן זיי פאַרנעמען אַ ווירדיקע פּאָזיציע אין זייער ווייטערדיקן לעבן.

דער קאָמיטעט פון דער בריסקער סאָסיעטע קען זאָגן מיט שטאָלץ און רעכט, אַז זיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט איז ניט געגאַנגען לאיבוד. פיל פון די ניי-איינגעוואַנדערטע האָבן שוין דירות, זיי אַרבעטן אין וואַרשטאַטן און אייניקע איז שוין געלונגען, אַ דאַנק דער געגעבענער הילף, איינצואָרדנען זיך ביי זיך. אויך די ווייטערדיקע אַרבעט ווערט געפירט אין דער ריכטונג פון אַרויסנעמען וואָס מער לאַנדסלייט פון די לאַגערן און העלפן זיי, אָדער איינצואָרדענען זיך אין פראַנקרייך, אָדער פאָרצוזעצן זייער רייזע מעבר לים.

לעצטנס האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין דייטשלאַנד מיטן ציל צו באַזוכן די יידן-לאַגערן און אויף אָן אָרט פעסטצושטעלן זייערע נויטן און די פאָרמען פון דער געהעריקער הילף.

די סאָסיעטע האָט באַשלאָסן אָוועקצושטעלן אַ מאָנומענט צום אייביקן אָנדענק פון אַלע בריסקער קדושים.

עס איז אויך געפירט געוואָרן אַ קולטורעלע אַרבעט. לעצטנס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ רעפעראַט פון היסטאָריקער יוסף מילנער, וועלכער האָט געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון בריסק.

פריינט גאָלדפינגער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן פּרץ'ן און זיין שאַפן. דער שרייבער בנימין שלעווין (אַ בן-עיר) האָט געלייענט אויסצוגן פון זיינע ווערק.

צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע יידן אין פראַנקרייך און דעם צענטראַלן קולטור-ראַט, האָט די בריסקער סאָסיעטע איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע אויפנאַמע פאַר דער דיכטערין דאָרע טייטעלבוים פון אַמעריקע, וועלכע שטאַמט פון בריסק.

די בריסקער סאָסיעטע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראַציע. שפּעטער איז זי, צוליב פאַרשיידענע סיבות, אַרויסגעטראָטן פון דער פעדעראַציע און אָנגעשלאָסן זיך אָן „פאַראייניקטן ישוב“ — היינטיקער „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך“.

אַביסל כראָנאָלאָגיע: נאָכן אַוועקגיין פון ערשטן פּרעזידענט טשאַרנאַיא, איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעזידיום פון פאָלגנדיקע דריי פּערזאָן, הערן: גוטמאַכער, גאַלאַנט און גורעוויטש. נאָכן פּרעזידיום איז געווען פּרעזידענט גאַלאַנט (אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע).

ערשטער פּרעזידענט דע פּעט איז געווען הער אַלבעכטאַל — אַ וויכטיקע און אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין פּאַריז. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע אונטערנעמונגען.

צווייטער פּרעזידענט דע פּעט לעווענטאַל — פיל יאָרן געאַרבעט פאַר דער סאָסיעטע.

דריטער פּרעזידענט דע פּעט — מאָרגענשטערן.

פערטער פּרעזידענט דע פּעט — לאַזאַר גלוזמאַן אַ טיכטיקער מיטגליד פון קאָמיטעט.

קאַסירער — הערן העקדעשמאַן (פאָטער און זון), גלוזמאַן לאַזאַר און גערסאָן.

גענעראַל-סעקרעטאַרן: אינזשיניער וואָלסקי, האַנרי העקדעשמאַן, ביל, שטערנבערג און גערסאָן.

דער באַשטאַנד פון קאָמיטעט נאָכן קריג

פּרעזידענט — גורעוויטש.
וויצע-פּרעזידענטן — לערנער, גוטמאַכער.
קאַסירער — גערסאָן.
גענעראַל-סעקרעטאַר — שושקין.
קאָמיטעט-מיטגלידער:
דר. בראַווערמאַן.
גינזבורג.
גלוזמאַן לאַזאַר.
קאַמעניעצקי.
קאַפּלאַן.
קאַצעוו.
לעווענבערג.
לעווענטאַל.
מינץ.
פּאַווין.

מאָרים שושקין
גענעראַל - סעקרעטאַר.

בעסאַראַבער געזעלשאַפט

פּרעזידענט: גורעוויטש

די בעסאַראַבער סאָסיעטע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919־טן יאָר. אירע גרינדער זענען געווען די פריינט קעלפמאַן (ערשטער פּרעזידענט, געשטאָרבן), און גוטמאַן (גענעראַל־סעקרעטאַר).

די נאָכפאָלגנדיקע פּרעזידענטן זענען געווען:

מאָשקאָוויטש, קאַלדהען, סטודניאָווסקי, גוטמאַן, גאַרדזיק, לעשצינער, ראַגאָווסקי, זילבערמאַן און קראַנשטיין.

פאַרן קריג האָט די בעסאַראַבער לאַנסמאַנשאַפט געציילט 250 פאַמיליעס. לויטן סטאַטוט, איז עס געווען אַ געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקער הילף, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז איר טעטיקייט ווייט אַריבערגעגאַנגען די דאָזיקע גרענעצן. די בעסאַראַבער סאָסיעטע האָט געהאָלפן יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט און געוואָנדן נאָך הילף, אומאָפּהענגיק פון זיין אָפּשטאַם. פאַר דעם דאָזיקן צוועק זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשידענע אונטערנעמונגען, טעאַטער־אויפפירונגען, עס פלעגן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן א. א. וו.

ביי דער בעסאַראַבער סאָסיעטע האָט עקזיסטירט אַ ליי־קאַסע, וועלכע פלעגט אַרויסגעבן הלוואות לויט דער נויטווענדיקייט פון יעדן. אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע צו העלפן קראַנקע, באַזאָרגנדיק זיי מיט דאָקטוירים מעדיקאַמענטן און פלעגע. די סאָסיעטע פלעגט אויך יעדן יאָר שיקן קינדער אויף זומער־וואַקאַנסן.

אויסער דער אָרטיקער הילף, האָט זיך די בעסאַראַבער סאָסיעטע אויך באַטייליקט אין דער זבאַנשין־קאַמפּאַניע און איבערגעשיקט געלט פאַר די פּאָגראָמירטע אין פּוילן און רומעניען.

בעת דער אָקופּאַציע זענען צוויי דריטל פון דער מיטגלידערשאַפט אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. די נעמען פון די קדושים זענען אויסגעקריצט אויפן מאָנומענט, וואָס די סאָסיעטע האָט צו זייער אָנדענק אוועקגעשטעלט אויפן בית עולם פון באַניע.

נאָכן גרויסן חורבן איז די בעסאַראַבער סאָסיעטע צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. ביי היינטיקן טאָג ציילט זי אויפסניי 150 פאַמיליעס. איר טעטיקייט איז באַנייט געוואָרן. זי גיט ווידער הילף פאַר די, וואָס נויטיקן זיך, באַזונדערס פאַר די ניי־אָנגעקומענע בעסאַראַבער, רומענער און אַנדערע. גלייכצייטיק ווערן געשטיצט די יתומים פון דעפּאָרטירטע עלטערן. די סאָסיעטע האָט, דורך דער אַקטיוויטעט פון פריינט סטודניאָווסקי, געמאַכט אַן איינקויף פון קאָלדרעס, וועלכע זענען פאַרטיילט געוואָרן אין די קינדער־היימער פון „אוניאָן". די מיטלען פאַר דעם דאָזיקן איינקויף זענען דורך סטודניאָווסקין געשאַפן געוואָרן דורך זאַמלונגען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די סומע פון 40 טויזנט פראַנק.

אַלטע, אָרעמע קראַנקע מיטגלידער ווערן ניט בלויז באַפרייט פון מיטגליד־אָפּצאָל, נאָר זיי באַקומען נאָך פון דער סאָסיעטע אַ רעגולערע אונטערשטיצונג.

די סאָסיעטע האָט אָרגאַניזירט אַ טיי־אָוונט לכבוד דעם הער מאַיאָר־קים און מאַדאַם קאָלב פאַר זייער גרויסמוטיקער נדבה. די לעצטע האָבן אַליין געדעקט די גאַנצע קאָסטן פאַרן מאָנומענט, וואָס האָט באַטראָפן 500 טויזנט פראַנק. אויף דעם דאָזיקן אָוונט איז געזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון 174 טויזנט פראַנק, וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן פאַר די קינדער־היימער פון „אוניאָן", „קאָלאָני סקאָלער" און פאַרן מושב־זקנים.

די בעסאַראַבער סאָסיעטע האָט זיך באַטייליקט אין דער פּראָטעסט־קאַמפּאַניע קעגן די פּראָצעסן פון די ניי־איינגעוואַנדערטע יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער קאָמיטעט־באַשטאַנד פון דער בעסאַראַבער סאָסיעטע נאָכן קריג איז פאָלגנדיקער:

ס. גורעוויטש (פּרעזידענט)
לעשצינער (וויצע־פּרעזידענט)
גוטמאַן (גענעראַל־סעקרעטאַר)
ליפער (געהילף־סעקרעטאַר).
צווייליג (קאַסירער)
מאָשקאָוויטש (פּרעזידענט־סאַניטאַר)
שוכמאַן (פּרעזידענט פון דער אונטערנעמונג־קאָמיסיע.
מיטגלידער פון קאָמיטעט:
מאַדאַם לוסטגאַרט.
מאַדאַם סעגאַל.
ראַגאָווסקי.
שפּילמאַן.
טשערניאַק.

קאַמפּאַניע פאַר בעסאַראַבער יידן אין הונגער־יאָר 1927

אין 1927־טן יאָר איז געקומען קיין פּאַריז אַ פאָרשטייער פון יידישן ישוב אין רומעניען מיטן ציל צו קריגן הילף פאַר די יידן אין בעסאַראַביע, וועלכע האָט געהונגערט אין רעזולטאַט פון אַ טריקעניש.

דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער בעסאַראַבער סאָסיעטע, הער סטודיניאָווסקי, זעענדיק אַז די בעסאַראַבער סאָסיעטע אַליין וועט ניט זיין בכוח צו געבן קיין ממשותדיקע הילף, האָט זיך געווענדעט צו דער פעדעראַציע, אין וועלכער עס זענען צו יענער צייט געווען אָנגעשלאָסן 35 סאָסיעטעס פון די 50־60 עקזיסטירנדיקע.

דער פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע — הער אַרקוש — האָט פאַרטיילט די אַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז הער סטודי־

נאָווסקי זאָל זאַמלען פון די סאָסיעטעס, און ער אַליין — הער אַרקוש — מחוץ די סאָסיעטעס. דעם הער סטודינאָווסקי אַליין האָט זיך איינגעגעבן צונויפצוזאַמלען אַ סומע פון 74 טויזנט פר., וואָס איז צו יענער צייט געווען פיל געלט.

די קאָמפאַניע האָט זיך געפירט אין משך פון 6-7 מאָנאַטן. מען האָט געזאַמלט ניט בלויז געלט, נאָר אויך אין נאַטור. די קאָנסיסטאָריע, דרייפוס א. א. האָבן זיך באַשטייערט מיט גרעסערע סומעס געלט, 1000 טאָן קליידער, זייער פיל ווייץ און אַנדערע תבואות. די רומענישע קעניגין האָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון קישינעווער רב צערעלסאָן, אַריינגעשיקט 500 טויזנט ליי.

דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער בעסאַראַבער סאָסיעטע. דער רומענישער קאָנסול אין פאַריז האָט אַריינגעשיקט אַ ספעציעלן דאַנק־בריוו פאַר דער ענערגישער קאָמפאַניע.

געזעלשאַפט פון די שעדלעצער

פרעזידענט לאַטערשטיין

דאָס אַנטשטיין פון דער געזעלשאַפט

די געזעלשאַפט איז אַנטשטאַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ גרעסערע צאָל שעדלעצער זענען אָנגעקומען אין פאַריז צוזאַמען מיטן שטראָם פון דער יידישער אימיגראַציע פון פוילן און רומעניע.

לכתחילה האָבן זיך די ניי־אָנגעקומענע גרופירט בעיקר אין דער געגנט פון „פלעצל", ווייל אין יענעם קוואַרטאַל האָבן געוווינט, שוין פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, שעדלעצער לאַנדסלייט.

שפעטער באַזעצן זיך אַ גרעסערע צאָל שעדלעצער נייע אימיגראַנטן אין דער געגנט פון בעלוויל. זיי זענען ס'רוב לעדער־אַרבעטער און אַלס אַזעלכע גרופירן זיי זיך אויפן בעלוויל, ווייל דאָרטן געפינען זיך די שיך־פאַבריקן — זייערע ערשטע אַרבעט־פלעצער.

די שעדלעצער לאַנדסלייט האָבן זיך אַלע געהאַלטן צוזאַמען. אַ געוויסע צייט האָבן זיי געוווינט אין איין האָטעל, ווו זיי האָבן באַזעצט דעם גאַנצן דריטן און פערטן שטאָק.

עס איז געווען נישט לייכט. ערשטנס, האָט מען געהאַט די זאָרג וועגן באַקומען אַרבעטס־רעכט. דאָס האָט דעמאָלט געשמעקט מיט „מאַכערס". אַ חוץ דעם, איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען אַרבעט.

איטלעכער פון די אימיגראַנטן האָט זיך געהאַט זיינע דאגות. אָוונט־צייט, נאָך דער אַרבעט, פלעגט מען זיך צונויפטרעפן, מען פלעגט זיך אָפרעדן פון הארצן. ווער עס פלעגט באַקומען אַ בריוו פון דער היים, פלעגט עס פאַרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע.

די בריוו, וואָס פלעגן אָנקומען פון שעדלעץ, פון שעדלעצער אומגעגנט, זענען געווען נישט קיין פריילעכע. זיי פלעגן דערציילן וועגן פראָצעסן, וועגן אַרעסטן פון נאָענטע און פריינט.

די שעדלעצער לאַנדסלייט האָב דעמאָלט באַשלאָסן צו העלפן זייערע חברים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן, ווי אויך די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע, וואָס זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

גראָד איז צו יענער צייט געווען אין פאַריז דער באַרימטער אַרטיסט סאַמבערג. אין 1925 האָבן די שעדלעצער באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ פאָרשטעלונג, וועמענס גאַנצע הכנסה איז באַשטימט געוואָרן פאַר די פאַרפאָלגטע חברים און זייערע פאַמיליעס.

מען האָט געשפילט „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש. אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין בילעטן־פאַרקויף און די דאָזיקע ערשטע אונטערנעמונג האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג, סיי אַ מאַטעריעלן, סיי אַ מאָראַלישן.

אַ דאַנק דער דאָזיקער ערשטער, געלונגענער אַקציע, איז געוואָרן מעגלעך צו שיקן דאָס נייטיקע געלט פאַר אַדוואָקאַטן. כדי צו קענען פאַרטיידיקן די אַרעסטירטע לאַנדסלייט אין פוילן, ווי אויך צו אונטערשטיצן די משפחות פון די אַרעסטירטע.



באנקעט לכבוד דעם דעלעגאט פון שעדלעצער רעליף אין אמעריקע,
משה צוקער, און די פריינט קוויאטעק און וואָלסקי

דאָס איז שוין געווען אַן אָנהייב פון אַן אָרגאַניזירטער פאַטראָנאַט־טעטיקייט.

אין אַ קורצער צייט שפעטער האָבן די שעדלעצער אָרגאַניזירט אַ צווייטע פאָרשטעלונג, דאָס מאָל לטובת אַ קראַנקן

לאַנדסמאַן, וואָס מען האָט געהאַרפּט תיכּף שיקן זיך היילן אין אַ סאַנאַטאָריום. אויך די צווייטע אונטערנעמונג איז דורך מיט דעם געהעריקן דערפאָלג.

דערמוטיקט פון די ערשטע 2 געלונגענע אונטערנעמונגען, באַשליסן די אַקטיוויסטן צו גרינדן אַ גוט־אָרגאַניזירטן, פּערמאַנענטן שעדלעצער פּאַטראָנאַט.

טעטיקייט פון שעדלעצער פּאַטראָנאַט

די ערשטע אַקטיוויסטן, 4-5 בסך־הכּל, פלעגן אָפּהאַלטן זייערע זיצונגען אין „באַק", בעלוויליער אַרבעטער־קלוב. אָט די ערשטע, די גרינדער, האָבן זיך גענומען באַזוכן די שעדלעצער לאַנדסלייט און זיי אויפקלערן וועגן דער נייטווענדיקייט צו העלפן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס שמאַכטן אין די פּוילישע תּפיסות.

אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל. דער אַקטיוויסטן־קרייז איז אויסגעברייטערט געוואָרן. עס זענען צוגעקומען צו די שעדלעצער אַקטיוויסטן לאַנדסלייט פון שעדלעצער אומגעגנט, פון לוקאָוו, פון סאָקאָלאָוו, ווענגראָוו, מאָרד, לאָשיץ און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך.

די טעטיקייט איז געוואָרן בעסער אָרגאַניזירט. יעדן חודש פלעגט מען איבערשיקן קיין פּוילן געלט, וואַרעמע קליידער. די צאָל מיטגלידער איז אויסגעוואַקסן ביז 120.

מיט אַזאַ צאָלרייכער מיטגלידערשאַפט האָט מען אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן נאַכט־באַל. זינט דעמאָלט איז עס געוואָרן אַ טראַדיציע צו אָרגאַניזירן איין מאָל אין יאָר אַ באַל פון די שעדלעצער לאַנדסלייט.

די הכנסה פונעם באַל, ווי אויך פון שטענדיקן מיטגליד־אָפּצאָל דערלויבט דעם שעדלעצער פּאַטראָנאַט צו העלפן ניט בלויז די פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע פאַמיליעס, נאָר אויך אַרויסצוהעלפן די לאַנדסלייט דאָ אויפן אָרט.

קולטור־טעטיקייט

אויב לכתחילה איז די טעטיקייט געווען בעיקר אַ סאָציאַלע, ווערט זי ביסלעכווייז אויסגעברייטערט. מען באַגנוגנט זיך נישט מיטן זאַמלען געלט און קליידער, מען אָרגאַניזירט אַ שטענדיקן דראַמאַטישן קרייז, וואָס גיט אונטערזאַנטע און געלונגענע פאָרשטעלונגען.

עס ווערן אָרגאַניזירט אויספלוגן, עקסקורסיעס און חברים־שמועסן. דער שעדלעצער פּאַטראָנאַט ווערט ממש אַ מוסטער פון חברישקייט און גוט־אָרגאַניזירטער טעטיקייט.

אין די מלחמה און אָקופּאַציע־יאָרן

ווען עס איז אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט־מלחמה, האָבן אַ סך פון די שעדלעצער לאַנדסלייט זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער אַרמיי. יעדן טאָג אין וואָך פלעגן די איבערגעבליבענע אַרויסבאַגלייטן די אָפּפאָרנדיקע פרייוויליקע זעלנער.

געבליבן זענען מיר בלויז 2 אַקטיוויסטן, איך און פריינט ווייצמאַן. אויך מיר האָבן זיך געהאַט אַנגאַזשירט, נאָר מען האָט אונז אויסגעפונען נישט גענוג מיליטער־פעיק.

מיר האָבן באַקומען בריוו פון אונזערע סאָלדאַטן און מיר האָבן איצט גענומען פירן אַ טעטיקייט לטובת די פרייוויליקע. מיר, די איבערגעבליבענע, האָבן געזאַמלט געלט און געשיקט רעגולער פעקלעך אונזערע חברים אין די קאַזאַרמעס.

נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד, האָבן מיר זיך געציילט אַ סך פון אונזערע חברים זענען גענומען געוואָרן אַלס קריגס־געפאַנגענע, אַ געוויסע צאָל פון אונזערע לאַנדסלייט זענען געפאַלן העלדיש אין שלאַכט און אַנדערע זענען צוריקגעקומען, דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי.

נישט געקוקט אויף דער געדריקטער שטימונג, וואָס האָט אונז דעמאָלט באַהערשט, נישט געקוקט אויף דעם דייטשן אָקופּאַנטישן דרוק, נעמען מיר זיך ווידער צו אָרגאַניזירן אַ סאָלידאַריטעט־הילף פאַר די פרויען און קינדער פון די געפאַלענע חברים. פאַרשטייט זיך, אַז אונזער טעטיקייט איז שוין געוואָרן אינגאַנצן אַן אונטערערדישע.

דעם 14־טן מאַי 1941 האָט מען צום ערשטן מאָל אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, אַרויסגעשיקט 5000 אויסלענדישע יידן אין די לאַגערן פון פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד.

אין לאַגער פון באָן לאַ ראָלאַנד האָבן מיר, די שעדלעצער זיך ווידער גרופּירט צוזאַמען. פון פּאַריז האָט מען אונז געהאָלפן מיט וואָס מען האָט געקענט. אויך אין ליאָן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער „פרייער זאָנע", האָבן אונזערע לאַנדסלייט אונז אונטערשטיצט.

איך וויל דאָ דערמאָנען דעם חבר הערשל (מאַיאָווקע), וואָס איז דערשאָסן געוואָרן פון די דייטשן. תּיכּף, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין אַ לאַגער, איז ער אָנגעקומען און מיר געבראַכט אַ פּעקל און מיר אויך געגעבן אַביסל געלט. אין יענע צייטן קומען אין לאַגער איז געווען געפערלעך. מען וואָלט געקענט ברענגען צענדליקער אַזוינע ביישפּילן פון אונזערע לאַנדסלייט, וואָס האָבן אין די שווערע יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע זיך קעגנזייטיק געהאָלפן ווי אמתע ברידער און שוועסטער.

נאָך דער באַפרייונג

נאָך דער באַפרייונג קומען זיך צונויף ווידער די שעדלעצער. צום באַדויערן פעלן אַ סך, אָבער די איבערגעבליבענע האָבן זיך ווידער גרופּירט אין פּאַריז.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאָל שעדלעצער, וואָס זענען נישט אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון היטלערן, איז

געווען א פארהעלטנישמעסיק גרעסערע ווי ביי אנדערע לאנדסמאנשאפטן.

איין מאל אין א זונטיק האב איך זיך צונויפגעטראפן מיט שעדלעצער לאנדסלייט אויפן בולוואר בעלוויל. איך האב זיי פארגעלייגט צו באנייען אונזער טעטיקייט. מיר האבן זיך געריכט, אז א גרויסע צאל פון אונזערע דעפארטירטע לאנדסלייט וועלן צוריקקומען און מיר האבן געטראכט, אז מען דארף באצייטנס נעמען זארגן פאר זיי.

א גרופע מיטגלידער פון דער סאציאלער קאמיסיע אויף א קינדער יום-טוב פון דער שעדלעצער געזעלשאפט.

אין א פאר טעג שפעטער האבן מיר שוין אפגעהאלטן אונזער ערשטע זיצונג. איך האב געגעבן א מעלדונג אין דער „נייע פרעסע” און עס האבן זיך תיכף אפגערופן אקטיוויסטן.

ווען עס זענען אנגעקומען פון דעפארטאציע עטלעכע פון אונזערע שעדלעצער און לוקאווער לאנדסלייט, האבן מיר זיי אויפגענומען מיט גרויס פרייד און ברידערלעך געזארגט פאר זיי.

אויף דעם קבלת-פנים, וואס מיר האבן איינגעארדנט פאר זיי, זענען ביינעווען 150 לאנדסלייט. דאס איז געווען אונזער ערשטער גרויסער צוזאמענטרעף.

איצט איז אונזער שעדלעצער לאנדסמאנשאפט - געזעלשאפט איינע פון די אנגעזעעונסטע און טעטיקסטע אין פראנקרייך. מיר פירן א ברייטע - פארצווייגטע סאציאלע הילפס-ארבעט.

מיר העלפן די עלטערע לאנדסלייט, וועלכע זענען געבליבן אן מיטלען צום לעבן, און די קינדער, וועלכע זענען דעפארטירט געווארן. מיר שיקן ארויס די קינדער פון אונזערע חברים, וואס זענען דערשאסן געווארן, אדער נישט צוריקגעקומען פון דעפארטאציע, אויף זומער-וואקאנסן. מיר האבן אויך דורכגעפירט א ספעציעלע אקציע צו באקליידן די קינדער פון אונזערע אומגעקומענע לאנדסלייט.

כדי צו פארגרעסערן אונזערע פאנדן, האבן מיר ארגאניזירט 3 בעלער, וואס זענען אדורך מיט גרויסן מאטעריעלן דערפאלג.

הילף פאר די ניי-איינגעוואנדערטע

א באזונדערס וויכטיקע סאלידאריטעט-ארבעט האט אונזער געזעלשאפט געפירט לטובת די ניי-איינגעוואנדערטע לאנדסלייט. מיר האבן זיי געהאלפן סיי אין באקומען וווינרעכט און ארבעט-רעכט, סיי אין איינגלידערן זיך אין פאריזער יידישן ישוב.

אין צוזאמענארבעט מיט דעם „פארבאנד פון יידישע געזעלשאפטן”, אין וועלכן מיר זענען אנגעשלאסן און ווו מיר באטייליקן זיך גאנץ אקטיוו, האבן מיר זיך אנגעשלאסן אין „העפוד”. אן ארגאניזם, וואס האט געהאלפן און העלפט נאך פיל פון אונזערע לאנדסלייט זיך אויסצולערנען א פאך און זיך איינצוגלידערן אין ווירטשאפטלעכן לעבן פון לאנד.

אייניקע פון די ניי-איינגעוואנדערטע זענען געווארן אקטיווע טוער אין אונזער געזעלשאפט.

אונזער געזעלשאפט ציילט איצט 200 מיטגלידער. מיר האבן 2 ברודער-קברים און מיר ווילן איינגיכן שטעלן א מאנומענט, געווידמעט דעם אנדענק פון אונזערע אומגעקומענע. אלע נעמען פון די קדושים וועלן זיין אויסגעקריצט.

מיר האבן ארגאניזירט אויך א יזכור-אוונט. נאר אויסער דער זארג צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונזערע קדושים, טראכטן מיר דער עיקר וועגן די לעבן-געבליבענע. מיר שטרעבן צו דעם, אז אונזער געזעלשאפט זאל גרופירן אלע לאנדסלייט פון שעדלעץ און אומגעגנט, כדי אלע צוזאמען זאלן מיר קענען אויף אן ארגאניזירטן אופן פירן א וויכטיקע סאציאלע און קולטורעלע טעטיקייט.

סאלדאווסקי, אלטער לאטערשטיין

טעטיקייט פון דער געזעלשאפט פון די שעדלעצער נאך דער מלחמה

די סאסיעטע שעדלעץ און אומגעגנט, האט אויפן געביט פון סאציאלער הילף דורכגעפירט א ריי אקציעס, וועלכע זענען אלע אדורך מיט דערפאלג.

די ערשטע אקציע איז געווען דאס אויפנעמען און געבן די ערשטע הילף די צוריקגעקומענע קריגס-געפאנגענע, און דעפארטירטע, וואס זענען אלע ווארעם אויפגענומען געווארן. מען האט איינגעארדנט פאר זיי א ספעציעלן באנקעט. די פרייד און באגייסטערונג פון די אנוועזנדיקע איז געווען אויסערגעוויינלעך. אלע צוריקגעקומענע האבן אויסגעדריקט זייער אנערקענונג פאר דער ווארעמער אויפנאמע.

די צווייטע אקציע איז געווען פאר באקליידן די קינדער פון די אומגעקומענע לאנדסלייט. נאכן ארומוואגלען פון

פיר יאָר נאַצי-הערשאַפט, ווען דער טויט האָט אויף זיי געלויערט יעדן טאָג, זענען די קינדערלעך געווען אָפּגעריסן, אָן שיך און אָן קליידער. די לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט האָבן גלייך דערפילט, אַז זייער חוב איז צו פאַרטרעטן זייערע אומגעקומענע טאַטעס און מאַמעס.

אַליין רואינירט, אַ טייל נאָך אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיך שניידער אונטערגענומען צו נייען מלבושים פאַר די קינדער, שוסטער — שיכלעך, און שטריקער — וואָלענע וועש. אַזוי האָבן מיר באַקליידט אַ סך קינדער, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ ספּעציעלער פלעגע פאַר זייער געזונט. דאַן איז געקומען די אַקציע פאַר אַרויסשיקן די קינדער, וועמען צום ים, און וועמען אין די בערג. די קינדער זענען אַדורכגעגאַנגען ראַדיאָגראַפישע אונטערזוכונגען. די ספּעציעל אָנגעגריפענע זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין פרעוואַנטאָריומס. צו ווינטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטע באַקליידונג-אַקציע, ווו די קינדער זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט וואַרעמע מלבושים און אַ טייל אַפילו מיט פוטערלעך. יעדעס נויטבאַדערפטיקע קינד האָט באַקומען אַ מאָנאַטלעכע מאַטעריעלע אונטערשטיצונג. די שטודירנדיקע יוגנטלעכע — אַ סטיפענדיום, די אַלטע לייט וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע שפייזער — אַ מאָנאַטלעכע פענסיע.

די דריטע באַקליידונגס-אַקציע פאַר די קינדער איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון דער געזעלשאַפט „העפוד“, אין וועלכער מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן, און אַ דאַנק וועלכער מיר האָבן באַקומען מלבושים צו ביליקע פרייזן. די קינדערלעך זענען געפאָרן אין די וואַקאַנסן אויסגעקליידט אין נייע מלבושים און שיך.

אין פעברואַר 1948 האָבן מיר אַדורכגעפירט די פערטע באַקליידונגס-אַקציע. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דריי קינדער-פאַרווײַלונגען: צום אָפּפאָרן אויף די וואַקאַנסן, אַ חנוכה-פאַרווײַלונג און אַ פורים יום-טוב. די אַלע פאַרווײַלונגען זענען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער סאָציאַלער קאָמיסיע און האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק.

אַ גרויסע אַקטיוויטעט האָט אונזער סאָסיעטעט געווידמעט פאַר אונזערע לאַנדסלייט אין די לאַגערן. אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט זיי, געמוטיקט זיי אין זייער שווערן לעבן, פיל פון זיי אַריבערגענומען און געהאָלפן זיי איינאָרדענען און לעגאַליזירן זיך. געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר פאַנאַנדערלאָזן די לאַגערן, פאַר עפענען פאַר זיי די טויערן פון ארץ-ישראל און אַנדערע לענדער.



האַנרי בעקערמאַן,
העלדישער פאַרטיזאַן פון פאַריז
דערשאָסן פון די נאַציס

צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר אָנטיילגענומען אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, און פאַר שטיצן אונזערע ברידער אין ארץ-ישראל, איינגעאָרדנט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די לאַגע אין ארץ-ישראל“ און געזאַמלט קנאַפע צוויי הונדערט טויזנט פראַנק פאַר דער „הגנה“, אויסגעוויילט אַ ספעציעלן קאָמיטעט צו העלפן דעם קעמפנדיקן ארץ-ישראל.

אונזערע באַנקעטן און בעלער זענען שטענדיק געווען אַ קולטורעלער גענוס פאַר די באַזוכער. די אָנגעזעענסטע אַרטיסטן זענען ביי אונז אויפגעטרעטן און באַגייסטערט דעם עולם.

דער מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע לאַנדסלייט, און דער יזכור-אָוונט האָבן אַרויסגערופן גרויס יראת-הכבוד פאַר די געפאַלענע און די גרעסטע אָנערקענונג פאַר אונזער אַרבעט.

כדי צו אילוסטרירן אונזער אַרבעט, איז כדאי צו געבן עטלעכע ציפערן: שטיצע איז אויסגעצאָלט געוואָרן 699,650 פראַנק פאַר 434 פערזאָן. באַקליידונג פאַר קינדער — 360,050 פר. קינדער-וואַקאַנס — 169,650 פראַנק. עס האָבן גענאָסן פון הלוואות אין דער ליי-קאַסע פון פאַרבאַנד 35 לאַנדסלייט יעדער צו 20.000 פראַנק — 700.000 פראַנק.

מיר האָבן זיך באַשטייערט פאַרן מאָנומענט פאַר די געפאַלענע קריגס-קעמפער, אָנטיילגענומען אין דער אַקציע פאַר די קינדער-הייזער (געשאַפן 80.000 פר. „הגנה“-אַקציע — 200.000 פראַנק). די מיטגלידערשאַפט איז געשטיגן אויף 200. אויף אונזערע בעלער קומען בערך 1500 פערזאָן.

לעצטנס איז געשאַפן געוואָרן אַ קולטור-קאָמיסיע, וועלכע וועט האָבן די אויפגאַבע איינצואָרדענען רעפעראַטן, עקסקורסיעס א. אַ. וו.

אונזער אַקטיוו

מען שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס ווערן אַלע אונזערע אונטערנעמונגען געקרוינט מיט דערפאָלג? ווו ליגט דער סוד פון אונזער פיבערהאַפטער טעטיקייט אויף אַלע געביטן? פון וואַנען נעמט זיך דער דינאַמיזם אין אונזער אַרבעט? מען מוז קומען צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ דאַנק אונזער אַקטיוו. נאָך דער באַפרייונג, ווען אונזער סאָסיעטעט האָט רעאָרגאַניזירט איר אַרבעט, האָט זי באַוויזן צו אַקטיוויזירן אַ גרויסן טייל פון אירע מיטגלידער און מיט דעם שטייגן פון דער מיטגלידערשאַפט איז גלייכצייטיק געשטיגן דער אַקטיוו. אַזאַ פרעזידענט ווי אַלטער לאַמערשטיין, וועלכער איז שוין 25

יאר טעטיק אין אונזער לאנדסמאנשאפט און וועלכער אפפערט פאר דער סאמעטע זיין געזונט און זיין ענערגיע, ליגט אוועק זיין ארבעט, כדי צו דערלעדיקן געזעלשאפטלעכע ענינים, איז א גוטער ביישפיל פאר אלע געזעלשאפטלעכע טוער.

דער סעקרעטאר סטאלאווי וואס ארבעט ביי א פיזיש־שוהערן פאך, פירט דאך אויס מוסטערהאפט זיין אויפגאבע. זיין דיסציפלין, זיין פינקטלעכקייט, זיין איבערגעגעבנקייט, רופן ארויס רעספעקט און אויטאריטעט.

אונזער קאסירער שמואל זילבערשטיין, נאך זיין שווערן ארבעטס־טאג ווערט פארוואנדלט אין א „באנקיר", און מאניפולירט מיט ריזיקע סומען געלט, שטענדיק אויף זיין פאסטן ביים איינעמען און אויסצאלן, און צו יעדער צייט צו דער דיספאזיציע פון דער קאנטראל־קאמיסיע.

דער פריינט וויצמאן איז די נשמה פון דער סאציאלער קאמיסיע. צוזאמען מיט מאדאם סלושני פירט ער אן מיט אן אקטיוו פון 15 פערזאן, וועלכע ארבעטן אומדערמידלעך לטובת די קינדער, די ניי־איינגעוואנדערטע, און קראנקע לאנדסלייט.

צווישן אנדערע צייכענען זיך אויס די שלאגלערנס פון אונזערע אקציעס: איידא רובינשטיין, דאניע אבראמאוויטש און פייגעלע גאלדבערג. דער פריינט איזידאר און פרוי, הימעלפארב און פרוי, באשע ברוקאש, אסתר גליקסבערג, פערל פרידמאן, גזשיוואטש און פרוי, מינץ און פרוי, טערעז דאוויד, וואסערשטיין שפרה, האנדלסמאן און אנדערע, וואס טוען די נאבעלע ארבעט מיטן באוווסטזיין פון הייליקן חוב צו דערהאלטן דעם קיום פון אונזער פאלק, דערציען די יתומים, אונזער צוקונפט, אונזער טרייסט, נאך דעם גרויסן חורבן וואס מיר האבן איבערגעלעבט.

עס דארף באזונדער באטאנט ווערן די אקטיוויטעט פון דער יוגנטלעכער סוזאן צוקער, געהילף־קאסירערין, וואס ווייזט דערמיט א ביישפיל פון איבערגעגעבענער געזעלשאפטלעכער ארבעט. וויקטאר הימלפארב דערצויגן אין דער פראנצויזישער שפראך, רעדט און שרייבט יידיש, פירט אויס די פונקציע פון געהילף־סעקרעטאר מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט. פריינט ווייסבארט, לאנגיאריקער אקטיוויסט פון אונזער געזעלשאפט פירט אויס זיין ארבעט געוויסנהאפט. אפרים שליפקע, לאנגיאריקער אקטיוויסט, שלאגלער פון דער „הגנה"־אקציע דארף זיין א מוסטער פאר אלע. דער ניי־איינגעוואנדערטער פריינט רידעל, קאנטראלער און געהילף־סעקרעטאר, פירט פינקטלעך אויס זיינע אויפגאבן, און באווייזט דערמיט, אז אלע ניי־איינגעוואנדערטע דארפן זיך איינגלידערן אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן, כדי צוריק אויפבויען אונזערע געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. זיין ביישפיל פאלגן נאך די פריינט האלבערשטאט און ריבאק מיט זייער אקטיוון אנטייל אין אונזער ארבעט.

אט דער אקטיוו איז דער רוקן־ביין פון אונזער געזעלשאפט, דער אוצר אונזערער. ער פארשטייט פארוואס ער דארף אוועקגעבן מי און אנשטרענגונג, צו העלפן דערציען די קינדער פון אונזערע אומגעקומענע לאנדסלייט, צו געבן מאראלישע און מאטעריעלע הילף אונזערע ניי־איינגעוואנדערטע לאנדסלייט, אונטערצוהאלטן און שטיצן אונזערע קראנקע, העלפן און שטיין אויף דער וואך צוזאמען מיט אונזערע קעמפנדיקע ברידער אין ארץ־ישראל פאר זייער פרייהייט און אומאפהענגיקייט, פאר דער יידישער מלוכה.

זאלן געשטארקט ווערן די הענט וואס טוען אזא ארבעט.

מ. ספעקטאר

דער שעדלעצער דראמאטישער קרייז

עס וואלט געווען באמת אן עוולה און א בזיון, ווען מיר זאלן ביים דערציילן אונזער צוואנציקיאריקע געזעלשאפטלעכער ארבעט, נישט אפגעבן א בכבודיק ארט דער טעטיקייט פונעם דראמאטישן קרייז ביי דעם פאטראנאט „שעדלעץ און אומגעגנט". אט דער דראמקרייז, וואס איז אנטשטאנען מיט 14 יאר צוריק, האט עקשנותדיק געפירט זיין קולטורעלע ארבעט ביז צום אויסברוך פונעם קריג.

מיט 14 יאר צוריק, אין א הארבסטיקן זונטיק - נאכמיטאג, איז אין א פארווארפן געסל אויפן בעלוויל, אין לאקאל פון אמאליקן „אייק" (יידישער יוגנט - קלוב) צוזאמענגעקומען א גרופע יוגנטלעכע. אינעם געפילדער און הוהא פון די קומענדיקע און גייענדיקע מענטשן, האבן עטלעכע פערזאנען — בראש מיט אונזער אומפארגעסלעכן יאנקל ווארשאווסקי — באשלאסן צו גרינדן א דראמאטישן קרייז. באלד איז זיין נאמען באקאנט געווארן דער ברייטער עפנטלעכקייט. מען האט געוווסט: דער „שעדלעצער" דראמקרייז האט זיך נישט מיט וואס צו פארשעמען אנטקעגן די וויניקע, ענלעכע ארגאניזאציעס, וואס זענען דעמאלט געווען אין יידישן פאריז.

אנגעפירט מיטן דראמקרייז האט צוערשט ווארשאווסקי, שפעטער קריטשיק.

שווער איז געווען דער אנהייב. ס'האט געפעלט דערפארונג, דעקאראציעס, קאסטיומען. אבער דער יוגנטלעכער ענטוזיאזם האט אלץ גובר געווען. מען האט אליין פאבריצירט די פעריקן רעקוויזיט, געלערנט, רעפעטירט. ווארשאווסקי האט רעזשיסירט און שוין א קורצע צייט נאך זיין אנטשטיין, האט אונזער דראמקרייז אויפגעפירט צוויי סקעטשן „שעדלעצער בילדער", טאקע פון א לאנדסמאנישן פארפאסער, פון אונזער פריינט ספעקטאר. די דאזיקע סקעטשן און די פיעסע פון אברהם

רייזען „אַ קאָנספּיראַטיווע דירה" האָבן מיר ספּעציעל צוגעגרייט צום נײַ-יאָר-באַל פון אונזער פּאַטראָנאַט אין די מערי - זאַלן פון 3-טן אַראָנדיסמאַן. אויפן באַל גופא האָבן מיר געהאַט אַ „ריזן-דערפאָלג", ווי מען זאָגט עס אין די „גאַזעטעס". דער עולם איז געווען באמת באַגייסטערט.

נאָך אַזאַ אויפטריט, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן מיט נאָך מער ברען אין דער אַרבעט. מיר זענען געוואָרן ממש באַרימט און ס'האָבן גענומען צו אונז קומען אַלץ נײַע און נײַע אַמאַטאָרן.

די שוועריקייטן זענען אָבער געווען גרויסע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין לאָקאַל פאַר די רעפּעטיציעס. פלעגן מיר וואַנדערן. אַמאָל פלעגט מען רעפּעטירן אין אַ קאַפע בײַ „רעפּובליק", גאָר ערגעץ אין אַ דאַך - שטיבל אויפן מענילמאָנטאַן. נישט קוקנדיק אויף דעם, פלעגן מיר רעפּעטירן רעגלמעסיק דרײַ מאָל אַ וואָך, און אונזערע שוישפּילער פלעגן אַוועקגעבן דאָס בעסטע „שטיקל" אַרבעט, כדי צו לויפן צו די רעפּעטיציעס.

אלטער לאטערשטיין
פאַרזיצער פון דער שעדלעצער געזעלשאַפט

דערמוטיקט דורך אונזער ערשטן דערפאָלג, האָבן מיר זיך דאַן פאָרגענומען גאָר גרויס: אַן עפנטלעכער אָוונט מיט דער אויפפירונג פון שלום עליכמס „מענטשן". און אונזער דרייסטקייט איז באַלוינט געוואָרן. די אויפפירונג אין דעם גרויסן זאַל אויף די אַלבואי איז געווען אַ נײַער און נאָך גרעסערער דערפאָלג. די אַרטיסטן פון „פּיאַט", וואָס זענען געווען אויף דער פאָרשטעלונג, האָבן אונז עפנטלעך אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג.

שפּעטער האָבן מיר נאָך אויפגעפירט „ברילאַנטן" פון מונקעלער און פאַרשידענע איינאַקטערס. די אַרבעט איז פאַרגעזעצט געוואָרן ביז צום מלחמה-אויסברוך. דער בענעפיס פלעגט גיין פאַר נויט-באַדערפטיקע פון שעדלעץ און אומגעגנט.

אַזוי האָט אַ קליינע גרופּע פון אונזער פּאַטראָנאַט דורכגעפירט אַ וויכטיקע און ווערטפולע קולטור - אַרבעט. נאָך הײַנט דערמאָנען זיך אַ סך אַלטע פאַריזער תושבים מיט פאַרגעניגן די אויפפירונגען פונעם „שעדלעצער דראַמקרייז".

שמואל זילבערשטיין

פּרעזידענט שמואל צוקער

1864 — 1945

שמואל צוקער איז געבוירן געוואָרן אין 1864, אין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסער משפחה.

ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע רעליגיעזע דערציונג.

אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט ווערט אָבער שמואל צוקער באַווירקט פון דער השכלה - באַוועגונג. ער ווערט אַ משכיל און אַן אַקטיווער טוער אין דער געזעלשאַפט „חובבי ציון".

זײַן נאָמען ווערט גוט באַקאַנט, נישט בלויז אין זײַן היים - שטאָט שעדלעץ, נייערט אויך אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אַ גרויסער קענער פון עקאָנאָמישע פראַגן, גרינדעט שמואל צוקער אין שעדלעץ צוזאַמען מיט זײַנע פרײַנט און חברים, יצחק נחום וויינטרויב, מרדכי מאיר קאַנטאָר און אַדוואָקאַט האַרטגלאַס, אַ גרויסע יידישע קרעדיט-אינסטיטוציע פאַר די יידישע האַנטווערקער, קליינהענדלער און סוחרים, ווו ער ווערט אויסגעוויילט אַלס וויצע-פּרעזידענט.

ער ווערט שפּעטער אויך אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָטישער קרעדיט - געזעלשאַפט.

אין 1918 ווערט שמואל צוקער אויסגעוויילט אַלס שטאָטישער ראַטמאַן. ער פירט אין שטאָט-ראַט אַן עקשנותדיקן פאַרביסענעם קאַמף קעגן די פּוילישע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן. ער איז אויך שטענדיק אויפן צד פון דעם אַרבעטער-קלאַס.

שמואל צוקער.
צייכענונג פון בען

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור - דעקלאַראַציע, ווידמעט שמואל צוקער פיל צייט און מי דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען עס שטאַרבט זײַן פרוי, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט 50 יאָר פון זײַן לעבן, געפינט ער מער קיין שום אינטערעס נישט אין לעבן.

אַזוי ווי אַלע זײַנע קינדער וווינען אין פּאַריז (4 זין און 4 טעכטער), באַשליסט ער, אויפן פאַרלאַנג פון די קינדער, צו פאַרלאָזן זײַן באַליבטע היים - שטאָט און ער באַזעצט זיך אין פּאַריז, בײַ זײַן טאָכטער תרצה, וואָס איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

הגם ער איז פון איין זײַט צופרידן צו זײַן צוזאַמען מיט זײַנע קינדער, איז ער אָבער, פון דער צווייטער זײַט, אומצופרידן, ווײַל ער איז אָפּגעריסן פון זײַן שעדלעצער סביבה. נאָר ביסלעכווײַז געפינט שמואל צוקער אויך אין פּאַריז אַ סביבה, וואָס איז אים היימיש און נאָענט. נישט געקוקט אויף זײַן טיפן

עלטער, הויבט ער ווידער אָן זיך באַטייליקן אין דער טעטיקייט פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס מיט פרישער ענערגיע און מיט האַפערדיקן מוט.

ווען עס ברעכט אויס די לעצטע וועלט - מלחמה, פאַרלאָזט ער צוזאַמען מיט זיין טאָכטער תרצה פּאַריז און באַזעצט זיך אין אַ קליין שטעטל. זיינע זין גייען אַוועק אין דער אַרמיי אַלס פריוויליקע קעמפער קעגן דעם נאַצי־אָנפאַלער.

אין דער אָקופּאַציע ווערן דעפּאָרטירט 6 פון זיינע קינדער. איין זון פאַלט ווי אַ העלד אינעם קאַמף קעגן די נאַציס, אין דער ווידערשטאַנד - באַוועגונג. זיין טאָכטער תרצה ווערט דעפּאָרטירט.

שמואל צוקער אַליין ווערט אָפּגעפירט מיט אַן אַמבולאַנס אין ראָטשילד־שפּיטאָל וווּ ער לעבט אינטערנירט ביז צו דער באַפרייונג.

די דעפּאָרטאַציע פון זיינע קינדער, דער אומגליק וואָס האָט אָפּגעמעקט אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק, האָט שטאַרק געווירקט אויפן געזונט - צושטאַנד פון זקן שמואל צוקער, נאָר דאָך, נישט געקוקט אויף דעם, איז ער מוטיק און מונטער. ער זעט פאַר זיינע אייגענע אויגן היטלערס מפּלה. ער שפּירט זיך גאָר יינגער; ענערגיש, מוטיק, שטאַרקט ער די פיל יינגערע פון זיך. ער האָט אַ טבע צו זאָגן צו 82 יאָר: „איך בין נאָך יונג. עס פעלט מיר נאָך 3 יאָר צו בר־מצווה“.

ווען עס הויבט זיך ווידער אָן דאָס באַנייטע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן שטעלט ער זיך ווידער. נישט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער, צום דינסט פון כלל. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער שעדלעצער געזעלשאַפט.

אַן אומגליקלעכער פאַרפאַל, אַן אויטאָ פאָרט איבער אים דעם 25־טן אָקטאָבער 1945, ווען ער גייט צוריק פון אַ זיצונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער ווערט פאַרוווּנדעט און אין עטלעכע טעג שפּעטער גייט ער אויס.

אַזוי איז אַוועק פון צווישן די לעבעדיקע אַן ערלעכער , איבערגעגעבענער, מוטיקער כלל־טוער פון אונזער שעדלעץ.

כבוד זיין אָנדענק!

דער לאָדזשער פאַריין אין פּאַריז

פּרעזידענט: מענדל לעווין

מענדל לעווין

דער לאָדזשער פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1926 דורך אַ גרופּע סוחרים און איז באַלד אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ברייטן פוס. אַזוי איז גענומען געוואָרן אַ לאָקאַל פאַר 20 טויזנט פראַנק. דירה־געלט מיט עלעגאַנטע מעבל, אַ פּיאַנאָ איינשליסלעך. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קלוב, וווּ עס זענען פאָרגעקומען גאַנץ אָפט מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן. דער קלוב איז געווען זייער גוט באַזוכט פון לאַנדסלייט. מען האָט דאָרט געשפּילט שאַך, דאָמינאָ, קאָרטן א. א. וו. דאָרט זענען אויך געווען צייטונגען סיי פראַנצויזישע, סיי יידישע פון פראַנקרייך, פּוילן און אַמעריקע. צו דעם איז צוגעקומען אַ געשמאַק גלעזל טיי מיט צובייסן.

נאַטירלעך, האָט אַזאַ שיינער לאָקאַל מיט אַלע אויסגערעכנטע מעלות געלאָקט די לאָדזשער לאַנדסלייט, וואָס האָבן גערן אויסגענוצט די געגעבענע געלעגנהייטן.

נאָר דאָ האָט פּאַסירט פאָלגנדיקס: די גרינדער פון פאַריין זענען אייגנטלעך נישט אויסן געווען זיך צופיל צו פאַמיליאַריזירן מיט דעם ברייטן עולם. זיי האָבן געזען אין קלוב אַ מין אָרט האַנדלס־בירזשע, וווּ ס'ווערן געשלאָסן אַלערליי געשעפטן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך געהאַלטן ביים גרינדן אַ באַנק מיט אַקציעס. נאָר זעענדיק אַז פאַרן ברייטערן עולם איז דער פאַריין עפּעס אַנדערש ווי פאַר די גרינדער, האָבן די לעצטע זיך ביסלעכווייז גענומען פון אים דערווייטערן.

דעמאָלט איז אונטערגעקומען דער וויצע־פּרעזידענט מענדל לעווין, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעקוקט צום גרויסן געפּילדער און געוואָרפן די לאָזונג פון איבעראַנדערשן דעם פאַריין און אים ניי אויפשטעלן, שטיצנדיק זיך טאַקע נאָר אויף עמך. נאָר אַזוי, האָט ער פאַרשטאַנען, קאָן דער פאַריין האָבן אַן עקזיסטענץ.

זייענדיק אַליין אַ קינד פון פאָלק, האָט ער פאַרשטאַנען וואָס עמך דאַרף האָבן און וואָס מען דאַרף אים געבן. ער שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון ניי־געגרינדעטן פאַריין און פירט אים שוין ביז צו דער מלחמה.

אין טאַראַאַם ווערט געפירט אַ ברייטע הילפס־אַרבעט פאַר ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן פון לאָדזש. עס ווערט געגרינדעט אַ ליי־קאַסע (טאַקע אָן אַקציעס...), אַ קראַנקן־קאַסע און אַ הילפס־קאַסע. עס ווערט אויך נישט פאַרגעסן אָנצופירן אַ גרויסע קולטור־טעטיקייט, ווי פאַרשידענע פאָרלעזונגען, רעפעראַטן, אַרטיסטישע אָוונטן, אָנגעפירט דורך דעם לאָדזשער באַרימטן רעציטאַטאָר ישראל מאַרכעווקאַ (אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע). עס ווערט געשאַפן אַ כאָר בלויז פון לאָדזשער, וועלכער האָט זיך באַ־

קאָנט געמאַכט מיט זיינע קאָנצערטן אין לאָקאַל פון לאָדזשער פאַריין.

אין די ליטעראַרישע אָוונטן האָבן צוו. אַנד. זיך באַטייליקט דער דיכטער י. פּאַפּיערניקאָוו, נח פּרילוצקי א. אַנד. דר. ליטווין האָט אָפט געהאַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע טעמעס. דער פאַריין האָט אויך אויפגענומען דעם שוישפּילער און רעזשיסאָר מאָריס שוואַרץ, בעת זיינע גאַסטשפּילן אין פאַריז אין 1936-1937. די דאָזיקע אויפנאַמע איז געבליבן נאָך ביז היינט אין זכרון פון אונזערע לאַנדסלייט.

עס זענען נישט פאַרגעסן געוואָרן די לאָדזשער סטודענטן, וואָס האָבן ביי מענדל לעווין געפונען אַן אָפענע טיר. עס ווערן אויך אונטערגעשטיצט יידישע שרייבער, וועמען ס'ווערט געגעבן די מעגלעכקייט ארויסצוגעבן זייערע שריפטן.

ביי מענדל לעווין געפינען זיך נאָך עד־היום דאַנק־בריוו פון יידישע שרייבער, וואָס זענען איצט אין אויסלאַנד. אַזוי גייט עס ביז צו דער מלחמה. דער עולם צעלויפט זיך פון פּאַריז, א טייל איז אין דער אַרמיי און אנדערע אין „עקזאָד".

נאָר עטלעכע בלייבן אין פאַריז, איינער פון די לעצטע איז געווען ווידער אַמאָל לעווין. מען דאַרף אונטערשטרייכן די סאָלדאַטן, די אַרבעטער פון די אַרויסגעשטויסענע יידישע אַטעליעס א. אַ. וו. ענדלעך מוז לעווין פאַרלאָזן פאַריז, אָבער ער איז אויך איינער פון די ערשטע נאָך דער באַפרייונג, וואָס קומט צוריק. זיין ערשטע זאָרג איז צוריק אויפצושטעלן דעם לאָדזשער פאַריין. ביסלעכווייז זאַמלט ער צונויף די זייער קנאַפּ איבערגעבליבענע מיטגלידער (80 פּראָצענט זענען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע) און ווייטער נעמט זיך דער פאַריין אינטענסיוו צו דער אַרבעט.

דאָס אַרבעט־פעלד איז ליידער צו גרויס און ברייט. אַלמנות, יתומים. קריגס־געפאַנגענע, דעפּלאַסירטע. דער פאַריין טוט, וואָס ער קאָן, אַלץ מיט זיינע אייגענע באַשיידענע מיטלען.

עס פילט זיך, אַז מען קאָן אַליין נישט שטיין. דער לאָדזשער פאַריין באַשליסט אַריינצוגיין אין „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן", כדי געמיינזאַם צו פירן די הילפס־אַקציעס.

אין דער הילפס־אַקציע פאַר לאָדזשער ווערן אויך אונטערשטיצט לאָדזשער קינדער, אויף וועלכע עס ווערט געלייגט אַ ספּעציעלע אַכט. אַזוי ווערן קינדער אָנגעקליידט פון קאָפּ ביז די פיס. מען גיט זיי מאָנאַטלעך מאַשן־געלט. און ווען מען דאַרף יידישע קינדערלעך אָוועקשיקן אויף פרישע לופט, ווערן אויסער די לאָדזשער קינדערלעך, אויך נישט פאַרגעסן אַנדערע קינדער.

געוויסע פּאָזיציעס אין די ביכער פון דער קינדער־קאָמיסיע ביי דער „אוניאָן" וואָלטן געקאָנט אַ סך וועגן דעם דערציילן.

עס הייבט אָן צו גיין אַ גרויסע כוואַליע פון פרישע אימיגראַנטן. מען דאַרף העלפן. וועמען רעגולירן די סיטואַציע אין לאַנד, וועמען מיט אַ קאָנטראַקט, וועמען מיט אַ מאַשין, מיט אַ וווינונג א. אַ. וו. אומעטום ווערט די הילף געטראָגן. די טיכטיקע קאָמיטעט־מיטגלידער קומען אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך. אין די אָרעמע האָטעל־צימערלעך, וווּ עס געפינען זיך אָפט קראַנקע פרויען און קינדערלעך און אין די שפּיטעלער. אומעטום ווערט געגעבן אַ שטיצע, אַ קלענערע, אָדער אַ גרעסערע. אומעטום אַ טרייסט־וואָרט — אַ וואָרט פון האָפענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן.

ביים היינטיקן טאָג ציילט דער לאָדזשער פאַריין אין זיינע רייען מער ווי איין מיטגליד, וואָס האָט באַקומען די מאָגערע שטיצע פון פאַריין און היינט איז ער צווישן די, וועלכע געבן...

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אַמעריקע האָט זיין חלק אין דער הילפס־אַקציע. נישט צופיל, אָבער פאָרט עפּעס. דער גרעסטער טייל פון די הילפס־פאָנדן קומען פון די היגע לאָדזשער און פון אונטערנעמונגען. דער לעצטער באַל פון פאַריין האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן די אַרבעט נאָך מער קאָנסטרוקטיוו.

ביים היינטיקן טאָג פירן אָן מיטן פאַריין:

פּרעזידענט מענדל לעווין, פון וועמען דער פאַריין האָט אין 1947 געפייערט דעם 15־יאָריקן יובילעי אַלע פּרעזידענט. י. שוואַרץ, זשאַק פּשעדבאָרסקי — וויצע־פּרעזידענטן. ד. אַסטרוי — גענעראַל־סעקרעטאַר. יעקב פיינזילבער פּרעזידענט פון דער סאָציאַלער קאָמיסיע, י. קאָרנבלום — קאַסירער. ש. מאַרכעווקאַ — סעקרעטאַר.

קאָמיטעט־מיטגלידער:

ביטמאַן, חיימאָוויטש, ניסנבוים, פּאָזנאַנסקי, ליפּשיץ, ווייס, טייגמאַן.

דער דאַמען־קאָמיטעט:

מאַד. חיימאָוויטש, פּשעדבאָרסקי, שוואַרץ, זשינעט.

דער פאַריין דריקט אויס די האָפענונג ווייטער צו אַרבעטן פאַר די לאַנדסלייט און לטובת הכלל. מען רעכנט זיך מיט דער מעגלעכקייט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנטשטיין פון דער יידישער מלוכה, וועט פאַריז ווייטער ווערן דער ערשטער עטאַפּ פון עמיגראַציע און דאָ וועט דער לאָדזשער פאַריין שטיין אויף דער וואַך.

ש. מאַרכעווקאַ

סעקרעטאַר פון לאָדזשער פאַריין

„סעקור אָז אַמי״ (הילף פאַר פריינט)

פּרעזידענט לאַזאַר

די געזעלשאַפט „הילף פאַר פריינט״ איז געגרינדעט געוואָרן דעם 17-טן פעברואַר 1929. דער גרינדער און פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט איז פריינט לאַזאַר.

אין דער געזעלשאַפט גייען אַריין מיטגלידער פון פאַרשידענע שטעט און אפילו לענדער. די צאָל מיטגלידער פאַרן קריג איז געווען 125. די ערשטע טעטיקייט איז באַשטאַנען פון קאָנזייטיקער הילף. ספּעציעל אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף. די געזעלשאַפט האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע דריי דאָקטוירים און צוויי אַפּטייק.

עס איז געפירט געוואָרן אויך אַ קולטורעלע אַרבעט. ביי דער געזעלשאַפט האָט עקזיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט געשפילט טעאַטער אין „פּאָלי בעלוויל״ און „קעי דע וואַלמי״. דער דראַמאַטישער קרייז האָט אויפגעפירט פאָלגנדיקע פּיעסן: „די גרינע פעלדער״ (1000 צושויער), „דער צוריקער פון סיביר״, „די נקמה״, „די שטיפמאַמע״ און אַ סעריע איינאַקטערס. עס זענען געלייענט געוואָרן רעפעראַטן פון ראַיסקי, טשאַרני, ספּעראָ און פראַנק. אויך אָוונט-קורסן פון פראַנצויזיש האָבן עקזיסטירט.

אין קריג זענען די גרעסטע טייל מיטגלידער מאָביליזירט געוואָרן, אַנדערע זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער אַרמיי. די ווייניק-געבליבענע האָבן געהאָלפן די אַוועקגעגאַנגענע.

פון דער געזעלשאַפט „הילף פאַר פריינט״ זענען דעפּאָרטירט געוואָרן 60 פאַמיליעס. אַלע זענען אומגעקומען. פאַר זייער אָנדענק איז געשטעלט אַ מאָנומענט אויפן בית-עולם באַניע און אַ ערן-טאָוול אין פאָלקס-הויז פון 20-טן.

נאָך דער באַפרייונג איז די טעטיקייט באַנייט געוואָרן. הייַנט צו טאָג ציילט די געזעלשאַפט „הילף פאַר פריינט״ 50 מיטגלידער. זי איז אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד און אין פאָלקס-הויז פון 20-טן. די געזעלשאַפט האַלט אויס 5 קינדער. פון צייט צו צייט אָרדנט זי איין חשפּעראַטן.



דראַמ.־קרייז פ. י. ב.
(פרייע יידישע בינע)
ביי דער געזעלשאפט
הילף פאר פריינט

שאבעס דעם 18 דעצעמבער 1937
די גרינע
פעלדער
דארף-אידיליע אין 3 אקטן פון פ. הירשביין

פראגראם

אפישן פון דער פאָרשטעלונג „גרינע פעלדער״, געשפילט דורכן דראמקרייז ביי דער געזעלשאפט „הילף פאר פריינט״



באטייליקטע :

דאוויד-נטע. א פויער	כ׳ בערנארד
ראכל זיין ווייב	כ׳טע לעא
הירש-בער } זייערע קינדער	כ׳ ראזנבלום
צינע	כ׳טע גאלדבערג
אבראם-יאנקעף	כ׳ לעווענשטיין
עלקאנע א שאכן	כ׳ קארל פייגנבוים
גיטל זיין ווייב	כ׳טע ראשעל
סטערע זייער טאכטער	כ׳טע עסטער אונגער
לייזער-איצכאק אן אוירעך	כ׳ אוגוסטאווסקי

קינסטלערישע לייטונג
געוועזענער מיטגליד פון דער יונגער פאלקס-בינע אין בערלין
ש. שירלאוו

אדמיניסטראטיווע לייטונג	כ׳ לאזאר
טעכנישע לייטונג	כ׳ גאלדבערג
דעקאראציעס	כ׳ ציטליך

פאר פאריינען און געזעלשאפטן ווערן פארדינגען
פארשטעלונגען צו זייער גינסטיקע באדינגונגען

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט אויפן באַנקעט
צו איר 10-יאָריקן יובליי אין יאָר 1939

פון רעכטס אויף לינקס: פישעל (דעפּאָרטירט), שוץ (דעפּ.), טאבענאס, גראַשיץ (דעפּ.), ליס, שטיצבערג (דעפּ.), גאָלדבערג, שפּראַנצמאַן, רינעק (דעפּ.), וואקס און ראָזענבערג

געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון פּאָוואָנזעק"

פּרעזידענט: וואָינסקי

צו דער געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון פּאָוואָנזעק" געהערן נישט בלויז פּאָוואָנזקער, נאָר אויך אַנדערע. געגרינדעט איז די געזעלשאַפֿט געוואָרן אין יאָר 1935 דורך די ה'ה וואָינסקי, יעראָשימאָוויטש, סאַלאָמאָן, בערן, בזשוסטעק (דעפּאָרטירט). ביי דער גרינדונג זענען געווען 28 מיטגלידער. די אויפֿגאַבע פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געווען און פֿאַרבליבן קעגנזייטיקע הילף. מען פֿלעגט אַרויסהעלפֿן קראַנקע מיטגלידער מיט מעדיקאַמענטן, ווי אויך אַרויסשיקן קינדער אויף וואַקאַנס. ביי דער געזעלשאַפֿט איז אויך דאָ 2 קאַוואַס.

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע סאָסיעטעס פֿלעגט אַ מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון פּאָוואָנזעק", ביי זײַן עווענטועלן אַרויסטריט פֿון דער אָרגאַניזאַציע, נישט פֿאַרלירן דאָס געלט, וואָס איז געוועזן אײַנגעצאָלט פֿאַרן קויף פֿון אַ קאַוואָ און די מיט דעם פֿאַרבונדענע רעכטן, וואָס פֿלעגן בלײַבן אין קראַפֿט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט ה' נודעלמאַן אַוועקגעגעבן די אַרכיוון פֿון דער סאָסיעטע אויסצובאַהאַלטן צו אַ פֿראַנצויז. נאָכן קריג האָט די סאָסיעטע צוריק דערהאַלטן אַלע דאָקומענטן און אַרכיוון.

נאָכן קריג איז מען צוגעטרעטן צו רעאָרגאַניזירן די געזעלשאַפֿט. די צאָל לעבנגעבליבענע איז געווען 14 מיטגלידער. די געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון פּאָוואָנזעק" האָט זיך דעריבער פֿאַראייניקט מיט דער סאָסיעטע געבוירענע אין פּאָוואָנזעק. היינט־צו־טאָג ציילט די פֿאַראייניקטע סאָסיעטע 60 מיטגלידער. די ערשטע אַרבעט פֿון דער סאָסיעטע איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געשטעלט אַ מאָנומענט פֿאַר 146 מיטגלידער דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע, מיטגלידער פֿון ביידע סאָסיעטעס. דער מאָנומענט האָט געקאָסט 72 טויזנט פֿראַנק. דאָס געלט אויפֿן מאָנומענט איז געזאַמלט געוואָרן ביי די מיטגלידער. דער קאָמיטעט באַקומט נישט קיין שום שטיצע פֿון אויסלאַנד.

לעצטנס האָט דער קאָמיטעט אונטערגענומען אַן אַקציע פֿאַר 14 קינדער יתומים. צום קאָמיטעט געהערן: פּרעזידענט וואָינסקי, וויצע פּרעזידענט אײַזנבערג, סעקרעטאַר הערמאַן, קאַסירער מאָשקאָוויטש, קאָנטראָלער בערני, פֿישביין, מאַדאַם זאַריק, כאַשימאָוויטש יענקל, אַבערמאַן, פּרעזידענט דריאַנער יעראָשימאָוויטש, סאַלאָמאָן.

„פֿריינט פֿון טשענסטאָכאָוו"

פּרעזידענט ווראָצלאַווסקי

די עמיגראַציע פֿון טשענסטאָכאָוו האָט זיך אָנגעהויבן אין 1919־טן יאָר. די איינזאַמקייט, דער עלנט און די אומבאַהאָלפֿנקייט אינעם פֿרעמדן לאַנד האָבן געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון טשענסטאָכאָוו". די דאָזיקע געזעלשאַפֿט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926־טן יאָר, ביי 60 מיטגלידער. די נעמען פֿון די גרינדער זענען פֿאָלגנדיקע:

בלום, אַרטמאַן, א. פּערלעגער, ברידער ווראָבלעווסקי, א. סלאַביאַק, ברידער גוטמאַן, ב. קאַפּינסקי, ווייסבראָד, ציטבערקנאָפּ, קאָמעלגאַרן, פּאַנקאָווסקי, א. קאַפּינסקי, לעווקאָוויטש.

די ערשטע טעטיקייט פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט האָט זיך באַגרענעצט אויף אַ קאַסע, מעדיצינישע הילף און באַשרענקטע געלט־שטיצע פֿאַר די מיטגלידער און זייערע פֿאַמיליעס, ווי אויך באַזוכן קראַנקע. אַן אינטענסיווע טעטיקייט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען ערשט אין 1933־טן יאָר — נאָכן קומען צו דער מאַכט פֿון היטלערן. די אַנטיסעמיטישע פֿאַרפֿאָלגונגען, פּאָגראָמען און גירושים האָבן גורם געווען אַן אומלעגאַלע מאַסן־עמיגראַציע, וועלכע האָט געשטראָמט קיין פּאַריז. די דאָזיקע פּליטים האָבן זיך גענויטיקט אין הילף, צו וועלכער די געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון טשענסטאָכאָוו" האָט זיך באַשטייערט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, העלפֿנדיק שאַפֿן די פֿאָלקסקיך, וועלכע פֿלעגט אַרויסגעבן מאָלצייטן פֿאַר טויזנטער הונגעריקע.

אַ סך מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבן געקעמפֿט אַלס פֿרייוויליקע אין שפּאַניע. אָט זענען זייערע נעמען:

ראָזענטאַל מאָריץ, ליובטשיק אַלאָיזי, ראָזען וויקטאָר, קופּער שמואל, וואַימאַן יעקב, בראָניאַטאָווסקי מיעטשיסלאַוו, פּישעל פּעפּער, הערש יידל, וואַכשטל דוד, באָטמאַן שלמה, אײַנזעלשטיין לעאָן.

אַ פֿאַרשטאַרקטע טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט הויבט זיך אָן אין 1938־טן יאָר. מיטן אָנקום פֿון אַ יונגן עלעמענט יידישע קעמפּער פֿון פּוילן, האָט די „קרקע" (קאַוואָ) אויפֿגעהערט צו פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿון טשענסטאָכאָוו". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּולסירנדיקע טעטיקייט, באַלעבטע פֿאַרזאַמלונגען, קולטורעלע אַרבעט, שמועסן אויף אַקטועלע טעמעס א. א. וו. די געזעלשאַפֿט האָט געשטיצט דעם „טאָז", וועלכער האָט פֿון

זיין זייט געזאָרגט פאַר די קראַנקע און שוואַכע קינדער פון די טשענסטאָכאָווער, מיטגעאַרבעט מיטן טשענסטאָכאָווער פּאַטראָנאַט אין פּאַריז, לטובת די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן געשמאַכט אין די פּוילישע תפיסות.

די געזעלשאַפט האָט אויך געהאָלפן גרינדן די פּאָלקס־קליניק אין פּאַריז. אַרום די טשענסטאָכאָווער האָבן זיך גרופּירט אויך די לאַנדס־לייט פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי קלאָבוצק, קוזשעפּיעץ א. א.

מיטן אויסברוך פון קריג איז אַ טייל פון די מיטגלידער מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, אַ טייל האָט זיך אַנגאַזשירט פרייוויליק און דער קלענער איבערגעבליבענער טייל האָט געשיקט פּעקלעך און געלט פאַר זייערע סאָלדאַטן אויפן פראָנט און געשטיצט די פאַמיליעס פון די סאָלדאַטן אינדערהיים.

אין יוני 1940 (ווען פּאַריז איז אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן) האָט זיך יעדע טעטיקייט פון דער נעזעלשאַפט, אַלס אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, אָפּגעשטעלט. די טעטיקייט איז איבערגעגאַנגען אויפן אינדיווידועלן וועג, העלפנדיק די אַרעסטירטע אין דראַנסי און שטיצנדיק די איבערגעבליבענע פרויען.

נאָך דער באַפרייונג, אַ דאַנק דעם היינטיקן פּרעזידענט פריינט ווראַצלאַווסקי, און אַנדערע קאָמיטעט־מיטגלידער, ווי די ח"ח דאַומאַן, פּאַנקאָווסקי, ווייַמאַן א.אַנד., איז די געזעלשאַפט „פריינט פון טשענסטאָכאָוו" פונסניי אויפגעשטעלט געוואָרן. די ערשטע באַנייטע טעטיקייט איז געווען פאַר די צוריקגעקומענע דעפּאָרטירטע, ווען די געזעלשאַפט פלעגט געבן די ערשטע געלט־אונטערשטיצונג.

אַ דאַנק אונזערע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט ווי אויך אַרגענטינע, וועלכע קומען אונז צו הילף אין אַ גרויסער מאָס האָבן מיר געקאָנט אויסצאָלן אין יאָר 1947 די סומע פון 530 טויזנט פראַנק פאַר סאָציאַלער הילף.

נאָכן סוף פון קריג האָט דער „יונייטעד טשענסטאָכאָווער רעליעף" אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן אַ שטאַרקע הילפס־טעטיקייט פאַר די טשענסטאָכאָווער אין פּאַריז, שיקנדיק שפּייז־פּעקלעך, געלט און אַנדערע הילף.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער געזעלשאַפט איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס בוך „טשענסטאָכאָוו", וועלכער איז אימפּאָזאַנט לויטן אויסזען און ווערטפול לויט זיין אינהאַלט.

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק אונזערע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט פאַרן אַרויסגעבן דאָס פּראַכטפולע בוך „טשענסטאָכאָווער יידן", וואָס איז אַ מאָנומענט פאַר אונזער היים - שטאָט און טראָגט צו אַ קאָלאָסאַלן ביישטייער צו דער באַרייכערונג פון דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום. עס דעקט אויף אַ בלוטיק קאַפּיטל פון טראַגישן אומקום פון די טשענסטאָכאָווער יידן דורך די היטלער - באַנדיטן.

ביי היינטיקן טאָג אַרבעט די געזעלשאַפט „פריינט פון טשענסטאָכאָוו" מיטן „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך" פאַר שטיצן קינדער פון די אומגעקומענע, פאַר דער לייקאַסע און פאַר די נייע איינגעוואַנדערטע.

דעם 12־טן יאַנואַר 1946־טן יאָר האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אַ נאַכטבאַל מיט אַ גרויסן קאָנצערט.

אונזערע פּעריאָדישע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען גייען שטענדיק אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. אין לויף פון לעצטן יאָר האָבן מיר דורכגעפירט די פייערונג פון דער 20־יעריקער עקזיסטענץ פון אונזער געזעלשאַפט און די פייערונג פון אונזער חשובן פּרעזידענט דוד ווראַצלאַווסקי צו זיין

יזכור־אקאדעמיע ביי די טשענסטאָכאָווער,

דעם 27־טן דעצעמבער 1947. עס רעדט דער פאָרזיצער ווראַצלאַווסקי

דער קאָמיטעט פון דער טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט. פון רעכטס אויף לינקס: עס זיצן — וויינמאַן, דאַווידאָוויטש, לעווי, ווראָצלאַווסקי, פּאַנקאָווסקי, טענענבוים. עס שטייען אין דער ערשטער ריי — קרעמסקי, פרוי אלטבוים, לאַנדוי, פרוי ווראָצלאַווסקי, דאַומאַן, פרוי דאַומאַן, פרוי טענענבוים. אין דער צווייטער ריי — שטראַכליץ, מאָרים קרעמסקי, פרוי ראָטקאָפּ און גאָטיינער.

10-יעריקער פרעזידענטשאַפט אין אונזער געזעלשאַפט. גאָר אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן די פייערונג צום דערשיינען פון בוך „טשענסטאָכאָווער יידן", וואָס מיר האָבן באַקומען אַ מתנה פון טשענסטאָכאָווער רעליף - קאָמיטעט פון ניו-יאָרק.

די טראַגישע פאַרפאָלגונגען פון פראַנצויזישן יידנטום אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, האָט אויך געטראָפן אונזער געזעלשאַפט. העכער 200 טשענסטאָכאָווער , הויפּטזעכלעך פון פּאַריז, זענען טראַגיש אומגעקומען אין די מאָרד-לאַגערן אויף דעפּאָרטאַציע. אויף אַ שטאַרקן, אימפּאָזאַנטן אופן האָבן מיר אַנטהילט אַ מאָנומענט, וואָס פאַראייביקט די נעמען פון די אומגעקומענע לאַנדסלייט.

אַ גרויסע יזכור - אַקאַדעמיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אָקטאָבער 1947 צו דער פינפטער יאָרצייט פון אומקום פון טשענסטאָכאָווער געטאָ.

די געזעלשאַפט „פריינט פון טשענסטאָכאָוו" ציילט ביי היינטיקן טאָג ביי 80 מיטגלידער. די צאָל איז נישט קיין גרויסע, אָבער איר טעטיקייט — ניט קיין קליינע. זי גיט אַ פּערמאַנענטע אונטערשטיצונג פון טויזנט און אַנדערהאַלבן טויזנט פראַנק פאַר די יוגנטלעכע פון צווישן די ניי-איינגעוואַנדערטע. זי שאַפט פאַר זיי אַרבעטס-קאָנטראַקטן און אַרבעט מיט אין דער ליי-קאַסע פון פאַרבאַנד, וועלכע גיט אַרויס הלוואות אין אַ גרויס פון 20 טויזנט פראַנק.

עס איז מער ווי אַ ווילטעטיקע געזעלשאַפט...

אונזערע מאָמענטאַלע אויפגאַבן זענען: פאַרשטאַרקן אונזער מיטגלידערשאַפט דורכן אַריינציען די ניי - איינגעוואַנדערטע, ווי אויך אַלע לאַנדסלייט פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגנט, אַלט-איינגעזעסענע, איינאָרדענען קולטורעלע אונטערנעמונגען, נאָך מער פאַרשטאַרקן אונזער סאָציאַלע הילף לטובת אונזערע לאַנדסלייט און זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידישן פּאַריז.



דער מאָנומענט פאַר די געפאַלענע לאַנדסלייט אין פאַריז. אונטן — דער טאָוול מיט די אויסגעקריצטע נעמען

די פולאַווער געזעלשאַפט

פרעזידענט: שערמאַן

אין יאָר 1928 האָט אַ גרופּע פון פאָלגענדיקע פּערזאָנען געגרינדעט די פולאַווער סאָסיעטע:

שענקמאַן, אַדאָלף שערמאַן, הערשענקראַפט, פריימאַן, שמואל שערמאַן, שמואל ווייסבראַט, זעגלבום, שטיינזאַלץ און פייערשטיין.

קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג און סאָציאַלע הילף זענען געווען דער וועזנטלעכער אינהאַלט פון אונזער טעטיקייט. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אונזער אַרבעט אויסגעברייטערט, און אין די 30-ער יאָרן האָט זיך אונזער סאָסיעטע באַטייליקט אין די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוון פון פּאַריזער איינגעוואַנדערטן קיבוץ: אין דער גרינדונג און אויסהאַלטונג פון דער פאָלקס - קליניק אויף רי טירען, וואָס מיר האָבן ביז צום מלחמה - אויסברוך אונטערגעשטיצט מיט אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל, אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פאָלקס - קיך אויף רי סאַנטאָנזש, פאַר וועלכער מיר האָבן אַסיגנירט די דעמאָלט באַדייטנדיקע סומע פון 50.000 פראַנק.

אין ערשטן מלחמה - יאָר האָבן מיר אונטערשטיצט אונזערע 15 מאָביליזירטע צי אַנגאַזשירטע מיטגלידער מיט אַ סומע פון 500 פר. מאָנאַטלעך פאַר יעדן.

120 מיטגלידער האָט אונזער סאָסיעטע געציילט פאַרן קריג. די היטלער-בעסטיע האָט אַ גרויסע צאָל פון זיי אַרויסגעריסן פון אונזערע רייען. פון די דעפּאָרטירטע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אונזער פרעזידענט שענקמאַן, זענען בלויז עטלעכע צוריקגעקומען.

נאָך דער באַפרייונג האָבן די פריינט שמואל ווייסבראַט און גאָלדרייך צוזאַמען מיט נאָך 4 לאַנדסלייט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אויפצולעבן די סאָסיעטע. גרויס זענען געווען די שוועריקייטן. אָבער די אָנשטרענגונגען פון אונזערע טוער האָבן זיי גובר געווען. היינט ציילט אונזער סאָסיעטע שוין ווידער 60 מיטגלידער.

אונזער אַרבעט האָט היינט אַ סך אַ גרעסערן פאַרמעסט ווי פאַר דער מלחמה. די הילף פאַר די יתומים פון די דעפּאָרטירטע פאַרנעמט אין איר אַ גרויסן פּלאַץ.

מיר האָבן אויך אָפּגעגעבן דעם לעצטן

כבוד אונזערע מיטגלידער, געפאלענע און געשטארבענע אין די מלחמה-יארן. זייערע קערפערס זענען געבראכט געווארן אין דעם ברודער-קבר פון דער סאסיעטע. א דענקמאל פאר אלע דעפארטירטע לאנדסלייט, וועמענס צאל מיט די פאמיליע-מיטגלידער, דערגרייכט 150, איז אוועקגעשטעלט געווארן, אז זייער אנדענק זאל תמיד בלייבן אין אונזער זכרון. אבער פאר די לעבעדיקע, איז בעיקר געווענדעט אונזער זארג. די הילף פאר די ניי-איינגעוואנדערטע לאנדסלייט איז אונזער דרינגענדיקסטע אויפגאבע. מיר טוען אויך אויפן דאזיקן געביט אלץ, וואס מיר קאנען.

די פולאווער בארען זייערע געפאלענע
עס רעדט דער פארזיצער וויסבראט

די דאזיקע הילף איז באזונדערס עפעקטיוו, ווייל זי ווערט דורכגעפירט נישט בלויז פון יעדער סאסיעטע באזונדער, נאר זי באקומט גאר אן אנדערן כוח און אן אנדערע אויסווירקונג דורך דעם, וואס אונזערע כוחות פאראייניקן זיך צוזאמען אין דעם „פארבאנד פון די יידישע געזעלשאפטן" . די ווירקונג פון אזא „פארבאנד" איז נישט קיין איינפאכע סומע פון כוחות פון די באטייליקטע סאסיעטעס. זי איז מער. דורך דער צוזאמענלייגונג פון די כוחות ווערן זיי געכופלט, און וואס יעדער פון אונז טוט, ווערט פילפאך פארגרעסערט דורך דער פאראייניקונג!

געזעלשאפט „לעז אמי דע פארי" (פריינט פון פאריז)

פרעזידענט: האפענבלום.

האפענבלום
פארזיצער פון דער געזעלשאפט.

די געזעלשאפט „לעז אמי דע פארי" איז ניט קיין לאנדסמאנשאפט-פאריין. דאס איז א געזעלשאפט פון פריינט, אומאפהענגיק פון זייער אפשטאם. די דאזיקע געזעלשאפט איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1930. די נעמען פון די גרינדער זענען פאלגנדיקע: גרעוואס, יעקב בראנדט, נאטאן גרענצוויג, האפענבלום מאריס, מאקס מאבארג, מישעל קליינמאן, זלאטניצקי, בראנדט,, איזראעל, טאקאש, פראגער, סקשידלאווסקי א. א.

גלייך ביים אנהייב האט די געזעלשאפט מיטגעארבעט מיטן פארבאנד. חוץ דעם האט זי געגעבן הילף פאר קראנקע מיטגלידער, פאר קינדער פון דעפארטירטע און סתם פאר נויטבאדערפטיקע. הלוואות פאר מיטגלידער ביז צען טויזנט פר. דער פאנד פון דער ליי-קאסע איז באשטאנען פון אבליגאטארישן ספעציעלן מיטגלידס-אפצאל.

עס איז געפירט געווארן אויך א געוויסע קולטורעלע ארבעט, ווי רעפעראטן אויף מעדיצינישע און אנדערע טעמעס. עס פלעגן פארקומען פארוויילונגען. די צאל מיטגלידער איז געווען ביי 200. דער ערשטער פרעזידענט — גראוואס.

אין דער קריגס-צייט איז די ארבעט אפגעשטעלט געווארן. זייער פיל מיטגלידער (איבער הונדערט) זענען דעפארטירט געווארן. א באדייטנדיקער טייל איז ניט צוריקגעקומען. זייערע נעמען זענען אויסגעקריצט אויף די טאוולען פון צוויי מאנומענטן (מענער - פרויען) אויפן בית עולם באניע.

אין יאר 1945 איז די געזעלשאפט אויפסניי אויפגעשטעלט געווארן. דער פרעזידענט פון נייעם קאמיטעט איז געווען מאבערג. די באנייטע טעטיקייט האט זיך אנגעהויבן מיט א באל און א מאטינע. די הכנסה איז געגאנגען פאר די קינדער פון דעפארטירטע.

אין 1946-טן יאר זענען פארגעקומען נייע וואלן פון א קאמיטעט, אין וועלכן עס זענען אריין פאלגנדיקע פערזאנען: פרעזידענט — האפענבלום, וויצע-פרעזידענט — יוכט, סעקרעטאר — שליאמקא, פרעזידענט דע פעט — קעסטענבערג, פרעזידענט-סאניטאר — מאבערג, קאסירער — וואדקא, קאנטראלערן — בראנדט און וויים און קאמיטעט-מיטגלידער.

די געזעלשאפט „לעז אמי דע פארי" האט ביז איצט אריינגעטראגן אין „פארבאנד" 14 טויזנט פראנק. די צאל מיטגלידער איז 75.

געזעלשאַפט „פריינט פון קעלץ און אומגעגנט״

פרעזידענט: פּאָזנאַנסקי

אין 1929 האָט זיך אַ גרופּע פון 15 קעלצער לאַנדסלייט פאַרזאַמלט און געגרינדעט די קעלצער סאָסיעטע. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען געווילט געוואָרן די פריינט: ראָזענפאַרב, גרינבלאַט, וואַקסבערג, פּינטשעווסקי, שפּייזער, קופּערבערג, פערשט. אַלס פרעזידענט איז באַשטימט געוואָרן פריינט ראָזענפאַרב, וואָס איז שפּעטער צוזאַמען מיט זיין העלדישן זון, לייטענאַנט פון דער ווידערשטאַנד, אין יאָר 1944 דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. אַלס וויצע - פרעזידענט גרינבלאַט, גענעראַל-סעקרעטאַר וואַקסבערג. די פאַרוואַלטונג, צומערטענדיק צו איר אַרבעט, האָט זיך געשטעלט אַ גאַנצע רייע אויפגאַבן, ווי פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער, פירן אַ סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייט, שאַפן אַן אייגענעם קאַסע. אין אַ גאַנץ קורצער צייט, אונטער דער אָנפירונג פון איר פרעזידענט ראָזענפאַרב, איז געלונגען די געזעלשאַפט צו פאַרגרעסערן ביז 60 מיטגלידער, און צו פירן, לויט אירע מעגלעכקייטן, אַ גאַנץ ברייטע הילפס- און קולטור־טעטיקייט.

משה ראָזענפאַרב, געוועזענער פרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, דערמאָרדעט דורך די נאַציס אין יולי 1944 אין ליאָן.

גלייכצייטיק האָט זיך אין פּאַריז אין 1934, אונטער דער אָנפירונג פון לעאָן קערשנער, וואָס איז געווען זיין שטענדיקער גענעראַל - סעקרעטאַר, געגרינדעט דער פּאַטראָנאַט פון קעלץ און אומגעגנט, וואָס האָט אין אַ גאַנץ קורצער צייט געציילט 50 מיטגלידער.

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון: קערשנער, הייטעלבוים, לאַטקע, בערגער, ראָזענצווייג, וואַלפשטאַט. די אויפגאַבן זענען געווען: העלפן מאַטעריעל, ווי אויך מאָראַליש, די קעלצער קרבנות פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך פירן אַ קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. צווישן דעם פּאַטראָנאַט און סאָסיעטע איז שטענדיק געווען אַ פאַרשטענדיקונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען, געמאַכטע צוזאַמען באַנקעטן און איינגעאָרדנט בעליר.

לײדער, בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך, ווען מ׳האָט דעפּאָרטירט אַ גרויסן טייל פון אונזערע לאַנדסלייט, האָט זיך די לעגאַלע טעטיקייט פון אונזערע געזעלשאַפטן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

אָבער גלייך נאָך דער באַפרייונג האָבן אונזערע ברודער - געזעלשאַפטן געשאַפן איין אָרגאַניזאַציע פון „קעלץ און אומגעגנט“. עס איז אונז געלונגען צוריק אויפצושטעלן אונזער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע ציילט ביי 80 מיטגלידער, און מיר פירן אַ ברייטע סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייט.

מיר האָבן געשיקט אַ דעלעגאַט קיין דייטשלאַנד, צו באַקענען זיך מיט די עטלעכע הונדערט יידן פון קעלץ, וועלכע זענען פאַרבליבן פון דער גרויסער יידישער שטאָט, וואָס האָט געציילט 23.000

מיר אַרבעטן און מיר זענען ענג פאַרבונדן מיט אונזערע לאַנדסלייט אין ניו-יאָרק, וועלכע האָבן אונז פיל מיטגעהאָלפן צו פירן אונזער הילפס-אַרבעט. מיר האָבן אין פעבריק יאָר איינגעאָרדנט אַ שיינעם באַנקעט, וועלכער האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן, און צוגעצויגן ביי 200 לאַנדסלייט. אויף אונזער באַל זענען געווען אַנוועזנד ביי 400 לאַנדסלייט און פריינט. דעם 11־טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט אין „האָטעל מאָדערן“, דער באַנקעט לכבוד אונזער פריינט פּאָזנאַנסקי, וואָס איז שוין אַן איבעריים 10 יאָר פרעזידענט פון אונזער געזעלשאַפט, ווי אויך פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, ווו מיר זענען אָנגעשלאָסן.

לעאָן ראָזענפאַרב (זון פון משה ראָזענפאַרב) געפאַלן אַלס פּאַרטיזאַן אין יולי 1944 ביי ליאָן.

אין דער פאַרוואַלטונג, וואָס איז געוואָרן געווילט אויפן יאָר 1948 געפינען:

פרעזידענט: פּאָזנאַנסקי,
וויצע-פרעזידענט: קערשנער,
קאַסירער: טאָקאָלאָווסקי,
גענעראַל-סעקרעטאַר: באַקלאַרסקי,
וויצע־סעקרעטאַר: רייזמאַן,
קאָמיטעט-מיטגליד: באַראַנאָווסקי,
קאָמיטעט-מיטגליד: גרינבלאַט,
קאָמיטעט־מיטגליד: גרינשפּאַן,
קאָמיטעט מיטגליד: רייזמאַן,
קאָמיטעט-מיטגליד: העידערמאַן,
קאָמיטעט-מיטגליד: ווייסבראָט.

די פאַרוואַלטונג טוט אַלץ בכדי צו העלפן אונזערע לאַנדסלייט מאָראַליש, סאָציאַל און מעדיציניש. מיר נעמען אָנטייל, אונטער דער אָנפירונג פון פאַרבאַנד, אין דעם גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פראַנקרייך.

פאַר דעם קאָמיטעט וויצע־פרעזידענט

קערשנער

געזעלשאַפט „פריינט פון ראַדאָם“

פּרעזידענט: פישמאַן

נאָכן קריג 18-14 הויבט זיך אָן אַן עמיגראַציע פון פוילישע יידן. דער שטראָם לאָזט זיך קיין דייטשלאַנד, עסטרייך און שפּעטער — פראַנקרייך. זייער אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין פראַנקרייך קומט פאָר אין די יאָרן 1924-1923. ספּעציעל ראַדאָם גיט אַ סך עמיגראַנטן — אויך קיין דייטשלאַנד, אָבער אַמערסטן קיין פראַנקרייך.

צווישן די ערשטע עמיגראַנטן אין פּאַריז געפינט זיך דער לאַנדסמאַן יחיאל מילדמאַן (טראַגיש אומגעקומען). ביי אים אין שטוב פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַלע פריש-איינגעוואַנדערטע ראַדאָמער, ווי ראַקאָטש, הובערמאַן, שמיל גוטמאַן, קאַדישעוויטש, אייזמאַן, רייך, האַרמאַן א. א. ביי אים זיינען דערליידיקט געוואָרן פאַרשידענע פראַגן און דער עיקר — די פראַגע פון הילף פאַר די ניי-צוגעקומענע לאַנדסלייט, וועגן איינאָרדענען זיי רעכטלעך, וועגן שאַפן פאַר זיי אַרבעטס-פּלעצער און אויך וועגן רוחניות-דיקע שפּייז (קולטורעלע אונטערנעמונגען).

דער צופלוס פון עמיגראַנטן ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער. עס אַנטשטייט אַ פראַגע וועגן גרינדן אַ קאָמיטעט, וועלכער זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. די דאָזיקע פראַגע איז באַלד געלייזט געוואָרן — עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: שעוויצקי, קאַדישעוויטש, מילדמאַן שאַרל, ווייצמאַן שאַרל, גאָלדבערג, לוקסענבורג שיע, קראַליק אייזיק, ראָזענפעלד, בירנבוים יצחק, גאָלדפאַרב נפתלי, זייגמאַן און זינגערמאַן. אַלס פּרעזידענט איז געוואָרן אויסגעוויילט דער אַלטער עמיגראַנט שעוויצקי און אַלס סעקרעטאַר — קאַדישעוויטש.

די ערשטע אַרבעט פונעם קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין דער גרינדונג פון אַ ליי-קאַסע. די קאַסע פלעגט אַרויסגעבן הלוואות ביז 1000 פר. דאָס פלעגט געבן אַ מעגלעכקייט די ניט-באַמיטלטע עמיגראַנטן איינצואָרדענען זיך.

אין 1923-טן יאָר איז די אַרבעט אָנגעפירט געוואָרן דורכן פּרעזידענט דר. רייכמאַן, שפּעטער — דורך לייבוש הובערמאַן און ביים אויסברוך פון קריג — דורך אַראָן לוקסענבורג.

די סאָסיעטע האָט געציילט ביז 300 מיטגלידער. אויסער דער הילף דורך קליינע הלוואות איז אויך געגעבן געוואָרן מעדיצינישע הילף.

די בעסטע פון די מיטגלידער זיינען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע, ווי מילדמאַן זשאַן, לוקסענבורג אלי, ראָזענשטיין יוסף, שפּילפאָגעל מאָטע, די ברידער קאַפּער א. א.

אויפן רוף פון די פריינט קאַדישעוויטש און משה ווייסבאָרד איז זיך אין יאָר 1945 צוזאַמענגעקומען דאָס ביסל איבערגעבליבענע מיטגלידער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער צופלוס פון מידע, קראַנקע עמיגראַנטן פון די דייטשע לאַגערן. דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע זיי אַנטקעגן צו קומען מיט הילף. עס איז אונטערגענומען געוואָרן אַן אַקציע אין די הייזער פון די ראַדאָמער. די אַקציע האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן. מען האָט געהאָלפן די צוריקגעקומענע דעפּאָרטירטע, שאַפנדיק פאַר זיי אַרבעט און אָפּרו-מעגלעכקייטן.

די הילפס-פאָדערונגען האָבן איבערגעשטיגן די הילפס-מעגלעכקייטן. דאָס האָט גורם געווען צו שיקן אַ דעלעגאַט קיין אַמעריקע בכדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע ראַדאָמער לאַנדסלייט. עס איז דעלעגירט געוואָרן דער חשובער און פאַרדינסטפולער פריינט פישמאַן.

אויף אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון די ראַדאָמער אין אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מאָנאַט יולי, 1946, האָט דער דעלעגאַט פריינט פישמאַן אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די ראַדאָמער עמיגראַנטן אין פּאַריז און וועגן דער דרינגנדיקער נויטווענדיקייט פון הילף. דער דאָזיקער רוף פון פריינט פישמאַן איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. זייט דאַן פירן די ראַדאָמער לאַנדסלייט פון אַמעריקע און פראַנקרייך אַ געמיינזאַמע, פרוכטבאַרע אַרבעט.

דער קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט אַ באַל, וועלכער האָט געגעבן אַ הכנסה פון 300 טויזנט פראַנק. לעצטנס האָט דער קאָמיטעט דורכגעפירט אַ זאַמל-אַקציע אין די הייזער פון די ראַדאָמער מיטן ציל אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר די ראַדאָמער קדושים. די אַקציע האָט אַריינ-

באַנקעט צום אָפּפאָר פון פאָרזיצער פישמאַן קיין אַמעריקע, אין שליחות פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון ראַדאָם“

געבראַכט איבער אַ האַלבן מיליאָן פר. אויפן דאָזיקן דענקמאָל וועלן זיין אויסגעקריצט די נעמען פון אַלע אומגעקומענע לאַנדסלייט.

שפּעטער, ווען די פרישע אימיגראַציע פון דייטשלאַנד און פּוילן האָט אויך מיטגעבראַכט אַ גרעסערע גרופּע ראַדאָמער לאַנדסלייט, האָט די געזעלשאַפט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און צו די נייע באַדערפענישן. זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יעדער נייער לאַנדסמאַן וועט באַקומען אַ געוויסע זאָפאָרטיקע שטיצע, לויט דער לאַגע און פאַמיליע־צושטאַנד, ד. ה. אַז מינדעסטנס באַקומט יעדער 2000 פראַנק. נאָר אין מערערע פאַלן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גרעסערע און וועזנטלעכע אונטערשטיצונג, ספּעציעל ביי פאַלן פון איינאָרדענען זיך אָדער פון שאַפן אַרבעטס־מעגלעכקייטן.

פאַר 2 ראַדאָמער, וועלכע שטודירן אין פּאַריז, ווערט אויסגעצאָלט רעגולער אַ בורס.

די לאַנדסמאַנשאַפט איז אויף דעם שטאָלץ, וואָס זי האָט באַוויזן אויסצוצאָלן אין 1946 די סומע פון איבער אַ מיליאָן פראַנק פאַר 75 פּערזאָן, און אין 1947 איבער 10 מיליאָן 700 טויזנט פראַנק פאַר 90 פּערזאָן.

די דאָזיקע דערגרייכונגען זענען אַ רעזולטאַט פון די אָנשטרענגונגען פון דער סאָסייעטע זעלבסט און פון אירע אייגענע מיטלען.

טריי איר טראַדיציע פון פאַר דער מלחמה, געהערט די ראַדאָמער לאַנדסמאַנשאַפט צו די ערשטע, וועלכע האָבן איינגעשטעלט די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון סאָסייעטעס, דעם פאַרבאַנד. זי נעמט אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס.

מען געפינט זי ביי אַלע אַקציעס פון פאַרבאַנד, ביים בויען די ליי־קאַסע, אין די הילפס־קאַמפּאַניעס פאַר די קינדער פון דעפּאָרטירטע, פאַר די נייע אימיגראַנטן, פאַר דער הגנה א. א. וו.

דעם לעצטן זומער האָט ראַדאָם אַרויסגעשיקט 18 קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס. זי אַליין האָט פולשטענדיק געדעקט די הוצאות פאַר 12 קינדער.

פאַר דער הגנה האָט ראַדאָם געזאַמלט 500 טויזנט פראַנק. פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די נייע אימיגראַנטן האָט זי געגעבן 20 טויזנט פראַנק.

די סאָסיעטע שטעלט פעסט, אַז זייט איר פאַרייניקונג מיט די מיטגלידער פון געוועזענעם ראַדאָמער פּאַטראָנאַט האָט זי אויסגעברייטערט איר טעטיקייט, האָט באַקומען אַ נייעם שוווּנג און איז אַרויס אויף די רחבותדיקע וועגן פון אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

מאָנומענט פאַר די ראַדאָמער קדושים
אויפן פּאַריזער בית־עולם באַניע

זי איז שטאָלץ, וואָס אויף דער איניציאַטיוו פון אירע דעלעגאַטן אויפן 2־טן קאָנגרעס פון פאַרבאַנד אין מערץ 1947, ספּעציעל פון די פריינט פישמאַן, גאָלדפאַרב און וואַקסמאַן, זענען צונויפגערופן געוואָרן באַראַטונגען פון פאַרבאַנד, פון „אוניאָן" און פון דער פעדעראַציע, כדי צו רעאַליזירן די אייניקייט פון די דאָזיקע 3 גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך. די פּאַריזער סאָסייעטעס האָבן געקאָנט פעסטשטעלן, אַז לײדער איז די פעדעראַציע נישט געניגט צו רעאַליזירן די אייניקייט און אַזוי אַרום איז די שיינע איניציאַטיוו פון דער ראַדאָמער געזעלשאַפט געגאַנגען לאיבוד.

צום 23טן אָקטאָבער 1947 האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אַ גרויסן יזכור־אָוונט צום אָנדענק פון די ראַדאָמער קדושים. הונדערטער לאַנדסלייט זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייערע נאָענטע.

די פריינט פּסח פרידמאַן און נאָטע וואַקסמאַן האָבן צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער ראַדאָמער געזעלשאַפט אין פּאַריז און וועגן אירע געפאַלענע לאַנדסלייט. די דאָזיקע מאַטעריאַלן וועלן אויסגענוצט ווערן אין דער מאָנאָגראַפיע וואָס וועט דערשיינען אין ניו־יאָרק.

די סאָסייעטע, וואָס ציילט היינט 225 מיטגלידער, אַלטע און נייע אימיגראַנטן, ווערט היינט אָנגעפירט פון פאָלגנדיקן קאָמיטעט:

ערן־פּאָרזיצער — קאַדישעוויטש; פאָרזיצער: פישמאַן; וויצע־פאָרזיצער: נאָטע וואַקסמאַן און בערנעמאַן ישראל; גענעראַל סעקרעטאַר: נפתלי גאָלדפאַרב; קאַסירער: עטנער ישראל. פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אונטערנעמונגען (פּרעזידענט דע פעט): קרוליק. פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר הילף אין פאַל פון קראַנקייט אָדער טויט (פּרעזידענט סאַניטער): בירנבוים. קאָמיטעט־מיטגלידער: משה ווייסבאָרד, יהושע לוקסענבורג, פּייסאַכאָוויטש, משה עפּשטיין, אָפּאַטאָווסקי, מאָריס פרידמאַן, אַקערמאַן, בערנאַרד זיידענוועבער, מאַנדעלבוים, פאַרבער, פּשיטיצקי

די כמעלניקער לאַנדסלייט אין פּאַריז

פּרעזידענט: שידלאָווסקי

שוין אין 1905-טן יאָר — אין יאָר פון פּאָגראָמען און אויפטרייסלונגען אין דעמאָלסטיקן צאַרישן רוסלאַנד, אונטער דער הערשאַפט פון וועלכער עס איז געווען אויך פּוילן, שוין געמאָלסט זענען געווען כמעלניקער עמיגראַנטן אין פּאַריז.

אָבער ערשט אין יאָר 1937 האָט פּרובירט פריינט דייטעלבוים צו גרינדן א כמעלניקער אומפּאַרטייאישע סאָסיעטע. דער פּרוּוו האָט זיך ניט איינגעגעבן, ווייל די באַלעבאַטיש-קליינבירגערלעכע כמעלניקער לאַנדסלייט האָט ניט געפּאַסט צו פאַרייניקן זיך מיט דער סביבה פון דער פּראָגרעסיווער אימיגראַציע. דאַן האָבן די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט אַ חוש און מיטגעפיל פאַר די ליידן פון דער קעמפנדיקער כמעלניקער יוגנט, צוזאַמען מיט די קעלצער אויך אומגעגנט, זיך אָנגעשלאָסן אין דער צענטראַלע פון די פּאַטראָנאַטן. דאָרטן האָבן זיי געהאַט א גינסטיקן באָדן אויסצולעבן זייער הומאַניטאַרע טעטיקייט.

זיי האָבן געשיקט געלט פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן געשמאַכט אין די פּוילישע תּפיסות און קאָנצענטראַציע-לאַגערן. זיי האָבן זיך, צוזאַמען מיט די קעלצער, באַטייליקט אין דער זבאָנשין-אַקציע. זיי האָבן געגעבן הילף פאַר די געליטענע פון דער פאַרפלייצונג אין קראָקע און פאַר די קעמפער אין שפּאַניען, ווו דער כמעלניקער לאַנדסמאַן, באַקאַנטער טוער פון יוגנט-קלוב „איק“, שלמהלע פעלמאַן, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער „באָטווין-קאָמפּאַניע“.

דער דאָזיקער שלמהלע, אַ פאַרוווּנדעטער, מיט אַ צווייטן כמעלניקער — לעאָן רובינשטיין — אַ שווער-פאַרוווּנדעטער, זענען צוריקגעקומען אין פראַנקרייך, ווו זיי האָבן זיך אויסגעהיילט, און צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 40 מאַן, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט זענען די צוויי כמעלניקער לאַנדסלייט געוואָרן קעמפער אין דער רויטער אַרמיי.

אַ דריטער כמעלניקער לאַנדסמאַן — הערש-וואָלף פּאַסטערנאַק, וועלכער איז געווען דער לעצטער ביים אָפּטרעטן און דער לעצטער, אַ פאַרוווּנדעטער, אַריבער די גרענעץ קיין פראַנקרייך, איז צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, דעם לאַנגיאָריקן טוער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, הערשל לאַנגוואַלד און פיל אַנדערע אַריינגעפאַלן אין לאַגער, ווו זיי האָבן געשמאַכט ביים טרויעריק-באַקאַנטן לאַגער-רעזשים, ביזן אויסברוך פון קריג. אַ באַפרייטער האָט זיך הערשל לאַנגוואַלד פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאָך דעם קריג קומט הערשל צוריק קיין פּוילן און שטעלט זיך אין דינסט פון דער דעמאָקראַטישער פּוילישער מלוכה.

שידלאָווסקי
פאָרזיצער פון דער כמעלניקער געזעלשאַפט

די לאַנדסלייט סאַלאַזש — אָפיציר פון אינפאַנטעריע און גרינבוים זענען געפאַלן אויפן שפּאַנישן פראָנט.

אָט פאַר די דאָזיקע כמעלניקער קעמפער אין שפּאַניע האָט די כמעלניקער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער קעלצער געמאַכט זאַמלונגען, אונטערנעמונגען, בלימל-טעג און אַלץ, וואָס מעגלעך בכדי זיי צו געבן די מאַקסימאַלסטע הילף. אַזוי איז געאַרבעט געוואָרן ביזן קריג.

בעתן קריג איז קיין אָפיציעלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ניט געווען, אָבער אויף אַן אינדיווידועלן אופן איז די אַרבעט פאָרגעזעצט געוואָרן, און אפילו גאַנץ אינטענסיוו. אַזוי, צ. ב. ש., האָט דער כמעלניקער דעלעגאַט אין דער צענטראַלע פון די פּאַטראָנאַטן, ריזיקירנדיק מיט זיין לעבן אונטער היטלערס ממשלה, געזאַמלט געלט ביי זיינע לאַנדסלייט און ביי אַנדערע און עס אַליין פאַרטיילט פאַר די פרויען און קינדער פון די אינטערנירטע, קריגס-געפאַנגענע און אַנדערע קריג-קרבנות. יעדע פון די פרויען פלעגט קריגן 200 פראַנק אַ וואָך. די דאָזיקע אומלעגאַלע טעטיקייט האָט זיך געצויגן ביזן 42-טן יאָר.

נאָך דער באַפרייונג איז, דורך דער איניציאַטיוו פון פריינט דייטעלבוים, געשאַפן געוואָרן די איצטיקע געזעלשאַפט „די כמעלניקער לאַנדסלייט אין פּאַריז“.

ביים אַנטשטיין פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט זענען געווען אינגאַנצן 20-25 מיטגלידער. צוליב איר קליינצאָליקייט האָט זי זיך לכתחילה געהאַט פאַראייניקט מיט די קעלצער. צוליב חלוקי-דעות צווישן די צוויי לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך די כמעלניקער אָפּגעטיילט און געוואָרן זעלבסטשטענדיק.

די ערשטע אַרבעט איז געווען — דאָס אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף די ליידן פון זייערע לאַנדסלייט אין פּאַריז. אין 1946-טן יאָר האָבן זיי אַריינגעשיקט אַ קליינע סומע געלט, 9 ניי-מאַשינען און 500 קילאָ מלבושים. נאָך 5 מאַשינען דאַרפן אָנקומען בקרוב.

אויף דער איניציאַטיוו פון די כמעלניקער אין פראַנקרייך האָבן זיך די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט פאַראינטערעסירט מיטן העלפן אַרויסצונעמען די כמעלניקער יידן פון די לאַגערן. זיי האָבן צו דעם צוועק צוגעשיקט 2.500 דאָלאַר.

די געזעלשאַפט „די כמעלניקער לאַנדסלייט אין פּאַריז“ האָט אין 1945-טן

יאָר דעלעגירט דעם פריינט דייטעלבוים קיין דייטשלאַנד צו ברענגען הילף פאַר די לאַנדסלייט אין די דאָרטיקע לאַגערן און צו באַקענען זיך מיט זייער לאַגע. אין משך פון זיין עטלעכע וואָכן אויפנטהאַלט האָט פריינט דייטעלבוים באַזוכט אַלע יידן-לאַגערן און שפּיטעלער, פאַרטיילנדיק הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט. עס איז פאַרטיילט געוואָרן אַ סומע פון 23 טויזנט פראַנק.

די פאַריזער כמעלניקער לאַנדסלייט האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זייערע לאַנדסלייט אויך אין אַנדערע לענדער, ווי בעלגיע, שוועדן, אַרגענטינע, ארץ-ישראל, קאַנאַדע א. א. וו.

פאַר די טראַנזיטערן, ווי אויך פאַר די פאַרבליבענע אין פראַנקרייך, איז פאַרטיילט געוואָרן אַ סומע פון בערך 200 טויזנט פראַנק.

צום אָנדענק פאַר זייערע קדושים פון פראַנקרייך, בעלגיע און פּוילן, האָט די געזעלשאַפט אויפגעשטעלט 2 מאָנומענטן אויפן בית-עולם פון באַניע — אויף 2 באַזונדערע קרקעס. אויף די מאָנומענטן זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון אַלע אומגעקומענע לאַנדסלייט. די אַנטהילונג פון די דאָזיקע מאָנומענטן איז צושטאַנדגעקומען דעם 23-טן נאָוועמבער 1947 ביי דער אָנוועזנהייט פון איבער 100 פּערזאָן און דעם קאָמיטעט פון די קעלצער. פריינט פּאָזנאַנסקי, פּרעזידענט פון דער קעלצער סאָסיעטע און פון „פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך", האָט געהאַלטן אַ רירנדיקע רעדע וועגן טראַגישן אומקום פונעם כמעלניקער 11-טויזנט-צאָליקן יידישן ישוב און פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו איינקייט. עס האָט אויך גערעדט פריינט דייטעלבוים, וועלכער האָט איבערגעגעבן די שוידערלעכע פּרטים פונעם אומקום פון זיינע לאַנדסלייט.

צווישן אַנדערע האָט ער דערמאָנט די 3 געפאַלענע העלדן פון כמעלניק: דעם 16-יאָריקן יינגל קויפמאַן, וועלכער האָט אינעם טאָג פון דעפּאָרטאַציע דערשטאָכן אַ נאַצי, פאַר וואָס די דייטשן האָבן אים תיכף דערשאָסן; דעם אומדערמידלעכן און מסירת-נפשדיקן טוער זאַלצמאַן, וועלכער איז אויך דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן פאַר העלפן ראַטעווען יידן און ישכר קאַנערציקער — לאַנגיאָריקער כלל-טוער, — וועלכער האָט אין טאָג פון דעפּאָרטאַציע גערופן צום קאַמף מיטן שונא און צו נקמה און איז אַליין דעפּאָרטירט געוואָרן מיטן אויסגעשריי „שמע ישראל!" פריינט דייטעלבוים האָט אויך דערמאָנט מיט ווייטיק די יונגע סטודענטין ראָכמע זאַלצמאַן, וועלכער מען האָט אויף דעפּאָרטאַציע אַמפּוטירט ביידע פיס.



שאַרל דייטעלבוים
סעקרעטאַר פון די כמעלניקער

דאָס דאָזיקע אומגליקלעך יידיש קינד האָט געאַרבעט אין די פּאַרטיזאַנען גרופּן אַלס פאַרבינדערין צווישן כמעלניק, קעלץ און וואַרשע.

די כמעלניקער געזעלשאַפט האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע פאַרן יידישן קינד אין די לאַגערן, פאַר ליקווידירן די לאַגערן, באַשטייערנדיק זיך מיט אַ גרעסערער געלט-סומע. זי האָט אויך געהאָלפן אויפבויען די ליי-קאַסע פונעם פאַרבאַנד און די פאָלקס-קליניק. די כמעלניקער באַטייליקן זיך אויך אין דער פאַרשפּרייטונג פונעם יידישן בוך.

די כמעלניקער האָבן געהאָלפן אַרויסשיקן קינדער אויף וואַקאַנס און פריינט דייטעלבוים איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קאָלאָניע אין טולוז.

אַזוי אַרבעט די געזעלשאַפט „די כמעלניקער לאַנדסלייט אין פּאַריז", וועלכע ציילט 500 מיטגלידער און אין קאָמיטעט פון וועלכן עס גייען אַריין פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

פּרעזידענט — שידלאָווסקי פּאָל, וויצע-פּרעזידענט — יאַנקעלעוויטש נאַטאַן, גענ. סעקרעטאַר — דייטעלבוים שאַרל, קאַסירער — ווייסבערג לייבוש, געהילפס-קאַסירער — טאָפּיאַל הענעך.

מיטגלידער: מאַדאַם קאָן, פּינקעלשטיין בנימין, מאַדאַם דודקאָוויעצקי, פּאַסטערנאַק, שוועטשניק בערנאַרד און חרוקאַזיש (פאַר בעלגיע).

די פאַרוואַלטונג פון
דער גמילות-חסדים
קאַסע אין כמעלניק
(1938).

קאַלישער געזעלשאַפט

פּרעזידענט: דזשאַלאָשינסקי

די קאַלישער סאָסיעטע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1929-טן יאָר. איר ערשטער פּרעזידענט איז געווען פריינט טאָפּאָר. די מיטגרינדער: האַזע, טשסאַקאַלאַ, טרוירע, שוואַרצבאַרד.

די אויפגאַבן, וועלכע די סאָסיעטע האָט זיך געשטעלט, זענען באַשטאַנען אין קעגנזייטיקער הילף: קאַסע, מעדיצינישע הילף, הלוואות אין דער גרויס פון 500 פר. א. א. וו. מען האָט געפירט אויך אַ געוויסע קולטורעלע אַרבעט.

אַ חוץ דעם האָט די סאָסיעטע מיטגעאַרבעט מיטן קאַלישער פּאַטראָנאַט לטובת די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן. פאַר דעם צוועק פלעגן זיי צוזאַמען דורכפירן פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

די קאַלישער סאָסיעטע האָט פאַרן קריג געציילט 150 מיטגלידער. אַ באַדייטנדיקער טייל איז אין קריג אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער. ביי היינטיקן טאָג ציילט שוין די סאָסיעטע אויפסניי 130 מיטגלידער.

דער צווייטער פּרעזידענט פון די קאַלישער, ביז פאַרן קריג, איז געווען פריינד שוואַרצבאַרד. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּאָלקס-קליניק אויף רי טירען, נומער 75.

אין אָנהויב פון קריג האָט דער פריינט שוואַרצבאַרד מיט אמת'ן מסירת-נפש געאַרבעט פאַר די דייטשע און עסטרייכישע יידן, ווי אויך פאַר די פרויען און קינדער פון דעפּאָרטירטע. ער האָט געאַרבעט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַליין מיט זיין גאַנצער פאַמיליע דעפּאָרטירט געוואָרן און ניט צוריקגעקומען.

אויב די קולטורעלע טעטיקייט איז נאָכן קריג ניט קיין באַדייטנדיקע, איז אָבער די הילפס-טעטיקייט פון די קאַלישער אַ קאָלאָסאַלע. גענוג דער פאַקט, אַז אין 1946-טן יאָר איז פאַר די איינגעוואַנדערטע, ווי פאַר די תושבים, פאַרטיילט געוואָרן צוויי מיליאָן פר. די דאָזיקע הילף איז געווען אַ פּערמאַנענטע — אַ סיסטעמאַטישע אונטערשטיצונג פאַר נויט-באַדערפטיקע — און אויף רעקאָנסטרוקציע-צוועקן, ווי דערווערבן מאַשינען, דירות און בכלל שטעלן אַרבעטס-מענטשן אויף די פיס און פירן זיי אויפן וועג פון פּראָדוקציע, אַנשטאָט שנאָרעריי.

זייענדיק אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, האָט די קאַלישער סאָסיעטע באַוויזן צו לעגאַליזירן פיל ניי-איינגעוואַנדערטע לאַנדסלייט. פאַר דער דאָזיקער הילף דאַרף מען אויך דאַנקען די אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע יידן.

די סאָסיעטע האָט אַרויסגעשיקט אַ צאָל קינדער אויף וואַקאַנס. די קאַלישער סאָסיעטע איז אין קאָנטאַקט מיט ענלעכע סאָסיעטעס אין דייטשלאַנד, ארץ-ישראל, פּוילן און אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער הילפס-קאָמיטעט, מיטן פריינט אַרנאָלד בראש, האָט אין יאָר 1946, צוגעשטעלט באַדייטנדיקע הילף, וועלכע האָט זיך, צום באַדויערן, כמעט ווי ניט איבערגעחזרט.

דער איצטיקער קאָמיטעט פון דער קאַלישער סאָסיעטע באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: דזשאַלאָשינסקי, טרעפּלער, מאַרטשאַק, שמעל, גראָס, ווראָצלאַווסקי, זאַלצמאַן, טאָפּאָר, וואַקס, מאַדאַם נוסנבוים, רעזענבלום און יודא.

געזעלשאַפט „הימאַניטע די אַנזיעם"

פּרעזידענט : טשיאַנאָווסקי

צו איינע פון די עלטסטע געזעלשאַפטן אין פּאַריז געהערט די „הימאַניטע די אַנזיעם" (פון 11-טן אַראָנדיסמאַן). געגרינדעט איז זי געוואָרן אין יאָר 1908 דורך די פריינט קאַפּלאַן, חיימאָש, קריווינאָס, זשעלאָני, איזין, ליפּסקי און שאַראַפּאַן. פון די אויסגערעכנטע איז שוין קיינער נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע.

מיט צוויי אויפגאַבן האָט זיך די געזעלשאַפט אין יענע צייטן פאַרנומען. דאָס איז געווען: קעגנזייטיקע הילף, און אַ „קאַסע". אין יענע יאָרן איז געווען אַ צופלום פון נייע עמיגראַנטן, וועלכע זענען באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון אַרבעטער און האַנטווערקער. זייער לאַגע איז געווען אַ שווערע. זיי האָבן געהאַט שוועריקייטן זיך צו לעגאַליזירן, נישט באַקומען קיין אַרבעט. איז טאַקע געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. די געזעלשאַפט „הימאַניטע" האָט זיך דעריבער באַמיט אַרויסצוהעלפן די אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער אַרבעט. די הילף, וואָס די געזעלשאַפט האָט געגעבן, איז געווען 25 פראַנק אַ וואָך. אין יאָר 1909 איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאַסע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין יאָר 1914, איז די געזעלשאַפט צעפאַלן און מער נישט געפירט קיין שום טעטיקייט. ערשט אין 1916 האָט די געזעלשאַפט צוריק באַנייט איר טעטיקייט. די צאָל מיטגלידער איז געווען אַ קליינע, סך הכל 25. פּרעזידענט איז געווען קראַוויעץ.

פון יאָר 1918 ביז 1922 האָט זיך אָנגעהויבן שוין אַ גרעסערע טעטיקייט און די צאָל מיטגלידער איז געשטיגן ביז 100.

אין יאָר 1918 האָט די געזעלשאַפט געפייערט די אַנטהילונג פון אַן אייגענער פאָן, אויף וועלכער עס איז געווען

אויסגעהאָפּטן איר נאָמען. אַלע 10 יאָר פלעגט די געזעלשאַפט מאַכן אַ גרויסן באַנקעט פאַר אירע מיטגלידער. אויפן באַנקעט פלעגט געוויילט ווערן אַ פּרוויזאָן-קאָמיטעט און די פּרעזידענטין פלעגט ווערן אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסן באַנד. אויך דער פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך די פריערדיקע פּרעזידענטן פלעגן טראָגן אַזעלכע בענדער.

דער מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אויפן פּאַריזער בית־עולם באַניע. אויף דער פאָטאָ: דער פאָרזיצער דאכאָווסקי.

אין יאָר 1923 ווייזט די געזעלשאַפט אַרויס אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ספּעציעל אויפן געביט פון זאָרג פאַרן קינד. די דעמאָלסטיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, צום גרעסטן טייל אַרבעטער און בעלי מלאכות, האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן אַרויסצושיקן זייערע קינדער אויף וואַקאַנס.

די געזעלשאַפט האָט דעריבער אונטערגענומען אַן אַקציע צו דערמעגלעכן אַ געוויסע צאָל קינדער צו געניסן פון פרישער לופט. די אַקציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ריי אונטערנעמונגען, מען האָט איינקאַסירט אַ חודש - אָפּצאָל און געוויסע סומעס זענען געגעבן געוואָרן דורך די מיטגלידער. דער רעזולטאַט איז געווען אַ גוטער. עס זענען אַרויסגעפאָרן אויף וואַקאַנס 60 קינדער. דאָס אויסהאַלטן די קינדער האָט געקאָסט דער געזעלשאַפט 17 טויזנט פראַנק.

אין יאָר 1924 האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעשיקט 20 קינדער אויף וואַקאַנס.

אין יאָר 1925 זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף וואַקאַנס אינגאַנצן עטלעכע קינדער און דאָס שוין צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט „באָנז-אַמי" („גוטע פריינט").

אין יאָר 1925 איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו באַזוכן קראַנקע מיטגלידער, זיי אַרויסהעלפן מיט געלט און איינקויפן די נויטיקע מעדיקאַמענטן. צוויי דאָקטוירים זענען געווען אַנגאַזשירט צו דעם דאָזיקן צוועק.

ביז 1937 איז קיין גרעסערע טעטיקייט נישט צו פאַרצייכענען.

אין 1938 איז פאָרגעקומען דער טראַדיציאָנעלער באַנקעט. דאָס איז געווען דער לעצטער פאַרן קריג. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז זיך די געזעלשאַפט צעפאַלן. די דאָקומענטן מיט דער פאָן האָט ה' צאַראַווסקי באַהאַלטן אין אַ דאָרף הינטער פּאַריז און זיי באַגראָבן אין דער ערד. נאָך דער באַפרייונג האָט ה' צאַראַווסקי אַלץ אָפּגעפונען. די פאָן איז געבליבן גאַנץ, בלויז אַ טייל דאָקומענטן זענען געוואָרן צעפוילט.

נאָך דער מלחמה איז די געזעלשאַפט צוגעטרעטן צו באַנייען איר טעטיקייט. אַ סך מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זענען אומגעקומען און היינט ציילט זי 125 משפחות. צווישן די מיטגלידער זענען דאָ אַ סך אַלמנות. די געזעלשאַפט האָט געשטעלט אַ מאָנומענט די אומגעקומענע מיטגלידער.

פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט איז ה' צאַראַווסקי, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון יאָר 1937 אָן. ה' צאַראַווסקי אַליין אַן אַרבעטער, גיט אָפּ דער אַרבעט אַ סך צייט און מי. אַ דאַנק זיין איבערגעגעבענער אַרבעט, איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן די טעטיקייט איינע פון די עלטסטע געזעלשאַפטן אין פּאַריז.

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט, פאָטאָגראַפירט אויפן טראַדיציאָנעלן יערלעכן באַנקעט אין יאָר 1937.

געזעלשאפט „אוניאן מיטיאליסט דע מאנמארטר"

(פאריין פאר קעגנזייטיקער הילף פון מאנמארטר)

פרעזידענט : האַרין

די געזעלשאפט „אוניאן מיטיאליסט" איז געגרינדעט אין 1930־טן יאר. די גרינדער: האַרין (פרעזידענט), טשאפניק, קימעל, באלאמאן מאריס, גראסמאן מאקס, מאנטעל הערמאן, מילשטיין זשאן. בערך 70 פראצענט פון די איבער הונדערט מיטגלידער, וואס די געזעלשאפט האט געציילט פארן קריג, זענען בזשעזשינער. דער סאציאלער באשטאנד — א פארשידנארטיקער.

די אויפגאבן, וואס די געזעלשאפט האט זיך געשטעלט, זענען — ווי עס ווייזט שוין איר נאמען — קעגנזייטיקע הילף, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין העלפן קראנקע און נויטבאדערפטיקע מיטגלידער. דאך האט זיך די געזעלשאפט ניט געהאלטן אין די ענגע ראמען פון העלפן זיך נאר איינער דעם צווייטן. די הילף איז געגאנגען פיל ווייטער: די געזעלשאפט האט געשיקט געלט קיין פוילן פאר די געליטענע פון די פאגראמען, באטייליקט זיך אין דער הילף פאר זבאנשין, וווהין זי האט אויך געשיקט א דעלעגאציע, געשטיצט מיט געלט די קינדער־אקציע פון „אוניאן" א. א. וו.

קיין קולטורעלע ארבעט איז ניט געפירט געווארן, אויסער — פון צייט צו צייט — רעפעראטן. אין קריגס־צייט זענען מער ווי 60 פראצענט פון די מיטגלידער אומגעקומען אויף דעפארטאציע. די נעמען פון די אומגעקומענע זיינען אויסגעקריצט אויף א מאנומענט, וועלכער איז פאר זייער אנדענק געשטעלט געווארן אויפן בית־עולם באניע.

די אויסגאבן זיינען געדעקט געווארן פון דער אייגענער קאסע.

נאך דער באפרייונג איז די געזעלשאפט צוריקגעשטעלט געווארן דורך די פאלגנדיקע געראטעוועטע פערזאנען: האַרין, מאנועל, מילשטיין, ניסנהאלץ, ראזענבערג, גשווארץ, פארבער דאווידאוויטש, פלאם, פרידא בערנארד, אפרים, יאנקל און העכט. נאך אן אויפרוף, געמאכט דורך דער דאזיקער גרופע, האט מען ווערבירט 40 מיטגלידער. היינט צו טאג ציילט די געזעלשאפט „אוניאן מיטיאליסט" 85 מיטגלידער.

זייט דער באפרייונג איז די געזעלשאפט טעטיק אויפן געביט פון הילף פאר פרויען און קינדער פון דעפארטירטע, וועלכע ווערן רעגלמעסיק געשטיצט מיט 2 א האלב ביז 3 טויזנט פר. א טרימעסטער. חוץ דעם, וואס יעדע פרוי האט געקראגן א סובסידיע פון טויזנט ביז צוויי טויזנט פר. די אלגעמיינע יערלעכע אונטערשטיצונג באטרעפט 96 טויזנט פר.

א גרופע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט.

פאר דער קינדער־אקציע פון „אוניאן" איז אריינגעטראגן געווארן 10 טויזנט פר., חוץ דעם, וואס עס ווערן אויסגעהאלטן 3 קינדער פון דער אייגענער סאסיעטע.

געזעלשאפט „פריינט פון בעלוויל"

פרעזידענט : לאנקא

די סאסיעטע „פריינט פון בעלוויל" איז נישט קיין לאנדסמאנשאפט, וועלכע נעמט אריין נאר לאנדסלייט פון א געוויסער שטאט. די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „פריינט פון בעלוויל", רעקרוטירט זיך פון פארשיידענע לענדער און שטעט. געגרינדעט איז זי געווארן אין יאר 1921 דורך די ה"ה : טראפיקאן, סאלקאוויטש (דעפארטירט), ווערטער, ציפין.

די צאל מיטגלידער איז געווען 14. די הויפט ארבעט פון דער געזעלשאפט איז געווען קעגנזייטיקע הילף. מען פלעגט צוטיילן מעדיקאמענטן, נעכטיקן ביי קראנקע אין די שפיטעלער און געבן מאטעריעלע הילף אין דער הויך פון 7־8 פר. א טאג. פון דער הילף פלעגן געניסן אויך נישט מיטגלידער. די מאטעריעלע הילף, וועלכע די געזעלשאפט האט צעטיילט פלעגט דערגרייכן די סומע פון 2־3 טויזנט פראנק א חודש. די געלטער זענען געזאמלט געווארן נאר צווישן מיטגלידער.

אין יאר 1923 איז געגרינדעט געווארן א קאסע. א טייל איז געווען פאר מיטגלידער — און נישט מיטגלידער.

דער קאמיטעט איז אויך געווען פארטראטן דורך דעם פרעזידענט ה' טראפיקאן אין דעם אלגעמיינעם פארטיידיקונגס־קאמיטעט פון שלום שווארצ־

באַרד. אין יאָר 1938 איז אַ דעלעגאַציע פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטן, אין די פּערזאָנען פֿון אונזער פּרעזידענט טראַפּיקאַן און די פֿריינט נודעלמאַן און גרינבערג, אַרויסגעפֿאָרן קיין זבאָנשין, כּדי זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע פֿון די דעמאָלט אַרויסגעטריבענע יידן פֿון דייטשלאַנד, און זיי העלפֿן, איינקויפֿנדיק שעניקעס, קאָלדרעס א. אַנד. זאַכן.

די געזעלשאַפֿט האָט זיך אויך באַטייליקט מיט הילף, איינצואָרדענען די קיך אויף די קאַנטאָנזיש.

פֿאַרן אויסבּרוך פֿון קריג האָט דער קאָמיטעט געשאַפֿן אַ סומע געלט און זיך באַטייליקט אין איינקויפֿן אַן עסקאַדריליע אַוויאָנען פֿאַר פֿראַנקרייך.

א גרופּע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף אַן אונטערנעמונג אין יאָר 1935. פֿון דער גרופּע פֿעלן איצט 8 פֿרויען און 6 מענער, וואָס זענען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, זענען אַלע דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן פֿאַרניכטעט געוואָרן. אין 1941 האָט די געשטאַפּאָ אַרויסגערופֿן דעם ה' טראַפּיקאַן אַלס דעם פּרעזידענט פֿון דער געזעלשאַפֿט און אַנטיילנעמער אין דער דעלעגאַציע אין זבאָנשין און געפֿאָדערט פֿון אים אויפֿקלערונגען אין וועלכן ציל ער איז געפֿאָרן. דורך אַ צופֿאַל איז געלונגען דעם ה' טראַפּיקאַן אַרויסצובאַקומען זיך פֿון די דייטשע הענט.

אין יאָר 1943, אין עלטער פֿון 63 יאָר, האָט ה' טראַפּיקאַן אַנטיילגענומען אין דער רעזיסטאַנס. אין 1944 איז ער אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די דייטשן. זיי האָבן אים געשלאָגן און געפֿאָדערט אַרויסצוגעבן ווו עס געפֿינען זיך זיינע 3 זין, וועלכע האָבן געקעמפֿט אין דער רעזיסטאַנס. דער ה' טראַפּיקאַן, איינער פֿון די אַלטע קעמפֿער פֿון דער רעוואָלוציע, האָבנדיק אַ סך ערפֿאַרונג אין דער הינזיכט, האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך מיט אַ שפּילקע צעשטאָכן די ליפּ און דאָס בלוט אַריינגענומען אין מויל. ווען די דייטשן זענען צו אים צו, האָט ער אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. אַלס אַלטן מאַן, האָבן זיי אָנגענומען, אַז ער האָט באַקומען אַ בלוט־שטורץ און אים אַריינגענומען אין שפּיטאָל און עס איז אים געלונגען דורכצוהאַלטן דעם קריג. נאָך דעם קריג איז מען צוגעטרעטן ווידער צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפֿט. פֿון די 75 מיטגלידער פֿון פֿאַר דער מלחמה, איז געבליבן בסך־הכּל 15 פּערזאָן. די געזעלשאַפֿט פֿאַרטיילט שטיצע, העלפֿט צו אַרויסשיקן קינדער אויף וואַקאַנס און נעמט אַנטייל אין יעדער אַקציע.

לעצטנס איז געפֿייערט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפֿט דער 25־יעריקער יובילעאום פֿון איר פּרעזידענט ה' טראַפּיקאַן.

געזעלשאַפֿט „יידישע פֿאָלקס־הילף״

פּרעזידענט : לאַנקאַ

געגרינדעט אין יאָר 1933 דורך אַ גרופּע סאָסיעטע־טוערס, ווי די פֿריינט פֿרענקל און אַלטעווין (דער צווייטער דעפּאָרטירט), האָט די געזעלשאַפֿט אין אַ גאָר קורצער צייט געפֿונען די סימפּאַטיע פֿון די צוגערייזטע אימיגראַנטן און האָט געציילט ביז 100 מיטגלידער. זי האָט אויך זיך פֿאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט, ווי איינגעאָרדנט, אויסער די יערלעכע בעלער פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון צייט צו צייט רעפֿעראַטן פֿון באַקאַנטע פּרעלעגענטן.

אין יאָר 1937 איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער געזעלשאַפֿט, ווען די פּראָפֿעסיאָנעלע סאָסיעטע־טוער האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן די געזעלשאַפֿט, ווי עס האָט עס דעמאָלט געפֿאָדערט דער גרעסטער טייל מיטגלידער. די פֿירערשאַפֿט האָט דעמאָלט איבערגענומען דער פֿריינט לאַנקאַ און טאַקע אַ דאַנק דעם ה' לאַנקאַ איז צו יענער צייט, נאָך דער שפּאַלטונג, מיט אַ סך פֿאַרנומענדיגקייט, געלונגען צוריק אויפֿצולעבן די געזעלשאַפֿט אין אַריינצוציען פֿרישע מיטגלידער.

לאַנקאַ, פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿרישע אַרבעט.

מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „פֿאַרבאַנד פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן", „ליקאַ". אין די ביידע געזעלשאַפֿטן האָבן זיך ספּעציעל פֿאַרנומען די באַליבטע חברים פּיורא (דעפּאָרטירט) און שלאָמאָוויטש.

די געזעלשאַפֿט האָט אַ סך אויפֿגע־

טראַפּיקאַנט

ערן־פאַרזיצער פון דער געזעלשאפט, וואָס ער האָט פּרעזידירט במשך פון 25 יאָר.

מאַן אויפן געביט פון ברענגען צום קבר ישראל פאַרשטאָרבענע אָן פאַמיליע. זי פלעגט עס טאָן אָן שום קאָסטן, אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט.

אין אָנהויב 1939 איז די געזעלשאַפט צוגעטרעטן צו שאַפן אַ לייַ־קאַסע פאַר די מיטגלידער. אָבער מיטן אויסברוך פון קריג האָט זי האָט געמוזט אָפּשטעלן.

אין דער צייט פון קריג האָט אויך די געזעלשאַפט געשיקט מאָנאַטלעך געלט אירע מיטגלידער, וועלכע האָבן געדינט אין מיליטער. נאָך דער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך האָט אונזער געזעלשאַפט געמוזט איבעררייסן איר אַרבעט, ביז דער באַפרייונג.

נאָך דער באַפרייונג האָט אונזער פריינט לאַנקאַ גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די איבערגעבליבענע מיטגלידער. עס האָבן זיך צוגעשטעלט 15 חברים פון די איבער 100 מיטגלידער; און נאָך אַ ריי זיצונגען, ווו די געזעלשאַפט האָט נישט געקענט פאַרנעמען דעם געהעריקן פּלאַץ צוליב דער קליינער צאָל מיטגלידער, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו פאַראייניקן מיט אַן אַנדער געזעלשאַפט. ס'איז אויך געווען אַ שווערער פּראָבלעם מיט וועלכער געזעלשאַפט זיך צו פאַראייניקן. נאָך אַ ריי צוזאַמענטרעפן מיט אַ סך געזעלשאַפטן דורך די חברים לאַנקאַ און שלאָמאָוויטש, איז אויסגעקליבן געוואָרן די זייער באַליבטע געזעלשאַפט „פריינט פון בעלוויל", אָנגעפירט דורך דעם פּאָפּולערן און באַקאַנטן פּרעזידענט ה' טראַפּיקאַנט. און מיט דער געזעלשאַפט האָבן מיר זיך פאַראייניקט. און טאַקע אַ דאַנק דער פאַראייניקונג האָט זיך באמת פאַרמערט אַ שיינע געזעלשאַפט אונטערן פאָרזיץ פון ה' לאַנקאַ און מיטן ערן־פּרעזידענט טראַפּיקאַנט.

די געזעלשאַפט איז אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פּאַריז און נעמט אָנטייל אין יעדער אָנגעצייכנטער אַקציע פון פאַרבאַנד.

זי האָט אָנגענומען דעם נאָמען „פאָלקס־הילף פון בעלוויל".

צום סוף איז ווערט צו דערמאָנען די חברים פון „יידישע פאָלקס־הילף", וועלכע האָבן צוגעהאָלפן מיט אַ סך מי, נישט געשאָנעוועט קיין צייט צום אויפבוי פון דער געזעלשאַפט און וועלכע זענען פון אונז אוועקגעריסן געוואָרן דורך די דייטשע מערדער און אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

פייגענבוים (פאָטער), קאַסירער.
דאַמענשטיין.
קזשאַק אַרמאַנד.
וואַרשאַווסקי, פּרעז. דע פּעט.
פיורא מאיר, קאָנטראָלער.
טויבענהויז קיווע.

מאיר פיורא,
רעוויזאָר פון דער געזעלשאפט (דעפּאָרטירט)

קאָמיטעט פון „פאָלקס־הילף פון בעלוויל":

ערן־פּרעזידענט — טראַפּיקאַנט.
פּרעזידענט — לאנקא.
וויצע־פּרעזידענט — גוטשטאט.
וויצע־פּרעזידענט — שפּירגלאס.
קאָסירער — געלבוואסער.
פּרעז. סאניטאר — טראפיקאנט.
פּרעז. דע פּעט — ערנבייסער.
קאָנטראָלער — שלאָמאָוויטש.
קאָנטראָלער — מיעכלעוויטש.
ביוראָ־מיטגלידער:
פייגענבוים.
ראָטשטיין.

געזעלשאַפט „אגודת אחים"

פּרעזידענט: קאַץ

איינע פון די עלטסטע סאָסיעטעס אין פּאַריז איז די „אגודת אחים". געגרינדעט איז זי געוואָרן דעם 29־טן אָקטאָבער 1908 דורך ה' קופּערמאַן, לעווין, באַיאַקאַנסקי, פּערשט א. א. שוין דער נאָמען אַליין פון דער געזעלשאַפט זאָגט אונז, אַז דאָ האָבן נישט געהערט ספּעציעל לאַנדסלייט פון אַ געוויסער שטאָט. דער פּאַקטישער דעוויז פון אָט דער געזעלשאַפט איז געווען: „כל ישראל חברים". און „יעדער ייד איז מיין ברודער". דעריבער איז די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט געווען צו העלפן יעדן יידן. קודם־כל האָט מען געוואָלט העלפן די דעמאָלט ניי־געקומענע. די געזעלשאַפט האָט געציילט 100 מיטגלידער. מען פלעגט צוטיילן די מיטגלידער שטיצע אין דער הויך פון 30 פראַנק. פון דער שטיצע פלעגן געניסן האַנטווערקער און אַרבעטער.

אויב עס איז געווען חס וחלילה אַן אומגליק און אַ מיטגליד פון דער סאָסיעטע איז געשטאָרבן, דאַן פלעגט די פרוי באַקומען אַן איינמאָליקע שטיצע ביז 500 פראַנק.

ביי דער סאָסיעטע איז אויך געווען אַ קאַסע. די געלטער צו פאַרטיילן שטיצע פלעגט די געזעלשאַפט זאַמלען צווישן די מיטגלידער. יעדער מיטגליד פלעגט האָבן אַ מיטגלידס-קאַרטע, אַרויסגעגעבן אויף אַ פּאָר יאָר, און יעדן חודש פלעגט ער צאָלן 150 פראַנק. אַט אַזוי פלעגט די געזעלשאַפט פירן איר טעטיקייט ביז צום קריג. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריג האָט די „אגודת אחים" נישט רעזיגנירט פון איר הילף און טעטיקייט. אויף רי דעז אַרשיוו אין אַ קליין שטיבעלע, פלעגן זיין טעטיק די מיטגלידער באַיאָקאַנסקי, וואַלד און קורץ. מען פלעגט העלפן די מיטגלידער מיט וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. די הויפּט־זאַך פלעגט מען זיך פאַרנעמען מיט אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די געשטאָרבענע מיטגלידער און זיי מקבר זיין.

נאָכן קריג האָט די געזעלשאַפט באַנייט איר טעטיקייט. אַ סך מיטגלידער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און היינט ציילט זי ביז 60 מיטגלידער. עס ווערט פאַרטיילט שטיצע אלמנות און מען העלפט צו אַרויסצושיקן קינדער אויף וואַקאַנס. עס איז דאָ אויך אַ קאַסע. איינער פון די עלטסטע און איבערגעגעבנסטע מיטגלידער פון אָנהייב אָן איז דער הער באיקאנסקי, וועלכער איז געוואָרן איינגעשריבן פאַר זיין טעטיקייט אין דעם גאָלדענעם בוך פון דער געזעלשאַפט. צום קאָמיטעט געהערן: פרעזידענט קאַץ ליפאַ, וויצע פרעזידענט מ. וואַלד, ליפּאָוויצקי, קאַסירער באַיאָקאַנסקי, סעקרעטאַר לענטשנער, קאָנטראָלער סקורא.

גאַליציאַנער געזעלשאַפט

פרעזידענט : אַלעקסאַנדער אלבוים

די גאַליציאַנער סאָסיעטע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928־טן יאָר. די גרינדער זענען געווען: די הערן קאָפּ, בן-ציון קורצבעק, ראַב, שערצער און איינהאָרן.

פאַרן קריג זיינען געווען ביי 140 מיטגלידער. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען הער איינהאָרן. די אויפגאַבע פון דער סאָסיעטע איז געווען קעגנזייטיקע הילף: הילף פאַר קראַנקע, פאַר באָדנלאָזע, פאַר יורדים — היילן די ערשטע. שאַפן אַ מעמד פאַר די צווייטע און שטעלן אויף די פיס די דריטע.

די סאָסיעטע האָט געהאַט אַן אייגענע לייַ־קאַסע מיט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פון 30 טויזנט פר. די גרויס פון די הלוואות איז ניט געווען פיקסירט — יעדן לויט זיינע באַדערפענישן. אויב דער גרונט־קאַפּיטאַל האָט ניט גענוגט, פלעגן די מיטגלידער לייען פון זייערע אייגענע מיטלען.

די סאָסיעטע פלעגט העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען אין פוילן, זיי שיקנדיק פּעקלעך, בגדים און געלט. די סאָסיעטע האָט זיך אויך שטאַרק באַטייליקט אין דער אַקציע פאַר די זבאָנשינער.

די גאַליציאַנער סאָסיעטע האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע אַן אייגענעם דאָקטער, אַן אַפּטייק און פלעגערנס. צוליבן אומקום פון פרעזידענט איינהאָרן און פאַרניכטונג פון די ביכער, איז ניט מעגלעך אָנצוגעבן קיין ציפערן. אַלנפאַלס איז די אַרבעט פון דער גאַליציאַנער סאָסיעטע געווען אַן אינטענסיווע און די רעזולטאַטן באַדייטנדיקע.

אין קריג זענען ביי הונדערט פערזאָן אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. אַ טייל איז געוואָרן מאָביליזירט, אַ פּאָר זענען געפאַלן אויפן פראָנט. די קליינע שאַרית הפליטה האָט דאָך מיט אירע שוואַכע כוחות געטאָן וואָס מעגלעך — געשיקט פּעקלעך פאַר די מאָביליזירטע און געהאָלפן זייערע פאַמיליעס.

נאָך דער באַפרייונג איז די גאַליציאַנער סאָסיעטע צוריקגעשטעלט געוואָרן דורך די הערן אַלעקסאַנדער, אַלבוים, ראַב, בן-ציון קורצבעק, עפּשטיין, מאַראַד, טירק און נוטקאָוויטש.

ביי היינטיקן טאָג ציילט די גאַליציאַנער סאָסיעטע 110 מיטגלידער. איר ערשטע באַנייטע אַרבעט איז געווען — שאַפן אַ פאָנד פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע גאַליציאַנער יידן. די סאָסיעטע האָט געהאָלפן איבער 300 יידישע פאַמיליעס ניי - איינגעוואַנדערטע (ניט-מיטגלידער פון אונזער געזעלשאַפט) צו לעגאַליזירן זייער סיטואַציע און איינאָרדענען

אַ גרעפּע קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער גאַליציאַנער געזעלשאַפט. פון רעכטס אויף לינקס: עס זיצן — באַרד (געבוירן בודאַפּעסט), מאַראַדא (געבוירן לעמבערג), אלבוים (רזעשוו), עפּשטיין (אָסטראָוו), בן־ציון קורצבעק (קוטי). עס שטייען — ראַב (סאַנאַק), העכט, שמער (מאָשטשיסק), גאָלדשטיין (פזעוואַרק), ברענער (קראָקע). אין דער צווייטער ריי — באלזאם (גארליץ), און טאָפּער.

זיך, געבנדיק געלט אויף איינצוקויפן מאַשינעס, מאַטעריאַלן און אַלץ, אין וואָס די מענטשן האָבן זיך גענויטיקט.

אין אַלגעמיין האָט די הילף פאַר די איינגעוואַנדערטע באַטראָפן 400 טויזנט פראַנק. אויסער אַ קליינער הילף, וואָס די גאַליציאַנער סאָסיעטע אין אַמעריקע האָט, נאָך פילפאַכע אינטערווענצן, צוגעשיקט, זענען די אַלע איבעריקע אויסגאַבן געדעקט געוואָרן פון אייגענע מיטלען. די אַמעריקאַנער הילף האָט זיך, צום גרויסן באַדויערן, אָפּגעשטעלט.

ביי דער גאַליציאַנער סאָסיעטע עקזיסטירט אַ פערמאַנענץ (יעדן מיטוואָך), ווו עס קומען בסדר צו ניי־איינגעוואַנדערטע לאַנדסלייט, וועלכע נויטיקן זיך אין הילף. אין די ראַמען פון מעגלעכקייט קומט מען יעדן אַנטקעגן. 21 קינדער פון די איינגעוואַנדערטע האָט מען אַרויסגעשיקט אויף זומער־וואַקאַנסן. דאָס האָט דער סאָסיעטע אָפּגעקאָסט 55 טויזנט פר.

איצט האַלט די סאָסיעטע אין אויפבויען אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון אירע קדושים. דער מאָנומענט, וועלכער וועט בקרוב אַנטהילט ווערן, קאָסט 350 טויזנט פראַנק. אויך די דאָזיקע סומע איז געשאַפן דורך די אייגענע מיטגלידער.

כדי די הילף זאָל זיין אַ ממשותדיקע און כדי צו קענען העלפן יעדן איינעם ווער עס ווענדעט זיך נאָר, פירט די סאָסיעטע דורך זאַמלונגען און אונטערנעמונגען.

ביי דער גאַליציאַנער סאָסיעטע וועט געשאַפן ווערן אַ דראַמאַטישע סעקציע. עס ווערן איינגעאָרדנט רעפעראַטן און עס ווערט אַלץ געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ קולטורעלער אַרבעט. זאָל געזאָגט ווערן, קענען זיין ווילן, אַז דער באַשיידענער אָבער זייער טיכטיקער פרעזידענט, ה׳ אַלעקסאַנדער אָלבוים פאַרדינט באמת אַ גרויסן יישר כח פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת זיינע לאַנדסלייט.

אָזשעראָווער הילפס־פאַריין

פרעזידענט : צוקערמאַן

אַ גרופּע אַקטיוויסטן געקומענע פון פּוילן, פון די תפיסות, אין וועלכע זיי האָבן „פאַרזוכט“ דעם טעם פון ליידן, האָבן שוין אין 1934־טן יאָר זיך פאַראייניקט אין אַ קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען „אָזשעראָווער פאַטראָנאַט“. דאָס זענען געווען: דוד פרידלאַנד (אַן אויסגעפּרוווטער אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער), לייזער קליינמינץ, מאַקס אַדלער און מאַקס צוקערמאַן. מיטן צופלוס פון פרישע מענטשן זענען צוגעקומען פרישע אַקטיוויסטן, ווי דער סעקרעטאַר סימאָן פוקס א.אַנד. ביים אָנהויב זענען געווען 30 מיטגלידער. די אונטערשטיצונג איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: לאָקאַלע הילף און געלט־איבערווייזונגען קיין פּוילן.

די לאָקאַלע הילף איז געווען פאַר די נייע עמיגראַנטן, פאַר וועלכע דער פאַריין האָט אינטערווענירט וועגן רעכט צו פאַרבלייבן אין לאַנד, באַזאָרגן זיי אַרבעטס־קאָנטראַקטן, אַרבעטס־פּלעצער א.אַ.וו. לטובת די נויטבאַדערפטיקע פלעגט דער פאַריין איינאָרדענען פאַרלעזונגען, אַקאַדעמיעס, באַלער.

מיטן אויסברוך פון קריג האָבן זיך פיל מיטגלידער פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער אַרמיי צו קעמפן קעגן היטלעריזם. אייניקע זענען געפאַלן אויפן פראָנט און אַ סך — אַריין אין קריגס־געפאַנגענשאַפט. בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע האָבן זיך פאָלגנדיקע מיטגלידער באַטייליקט אין דער רעזיסטאַנס מיט געווער אין האַנט: קעלביק, יצוקערמאַן, שאַרל ניימאַן, שאַרל האָכבערג, סימאָן פוקס און לייזער קליינמינץ. ביי 15 מיטגלידער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען.

נאָך דער באַפרייונג האָט די קליינע צאָל צוריקגעקומענע גענומען ווידער זיך אָרגאַניזירן מיטן ציל צו לינדערן די נויט פון די אַלמנות און יתומים.

נאָך דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: האָכוועדק (פרעזיד.), אַדלער (סעקר.), צוקערמאַן (קאַסירער), סימאָן פוקס, לייזער קליינמינץ, שאַרל ברומבערג, קעלביק און מאַקס גרינער.

די צאָל מיטגלידער פון אָזשעראָווער הילפס־פאַריין באַטרעפט היינט צו טאָג 70.

עס איז געזאַמלט געוואָרן 70 טויזנט פר. לטובת די צוריקגעקומענע דעפּאָרטירטע.

די צאָל פון נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט איז געוואַקסן. די צאָל באַרויבטע איז געווען גרויס. דאָס האָט באַוויגן די אַקטיווע טוער צו רעאָרגאַניזירן די אַרבעט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: אַלבערט האָכוועדק (ערן־פרעז.), מאַקס צוקערמאַן (פרעז.), לעאָן מינץ (וויצע־פרעזידענט), סימאָן פוקס (סעקר). א. י. מעלמאַן (קאַסירער), מאַקס אַדלער, בערנאַרד גאָלדבלום, לעאָן קליינמינץ, טרעפלער, קעלביק, יעקב לעדערמאַן, הערמאַן האָכוועדק (מיטגלידער).

נאָך אַן אַפּעל צו די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, האָבן די לעצטע גלייך אַרויסגעשיקט די ערשטע סומע פון 125 טויזנט פראַנק. מיט פיר וואָכן שפּעטער האָט זיך עס איבערגעחזרט. אין דער זעלבער צייט האָט דער היגער קאָמיטעט אויך ניט גערוט — ער האָט אָרגאַניזירט אַ ריי אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן דאָס ערשטע יאָר אַריינגעבראַכט 250 טויזנט פראַנק. די באַדערפענישן זיינען אָבער איבערגעוואַקסן די דאָזיקע סומע. דאָס האָט באַוויגן צו מאַכן אַ צווייטן אַפּעל

צו די אַזשעראָווער לאַנדסלייט אין אמעריקע.

אויך דאָס מאָל האָבן די אמעריקאַנער לאַנדסלייט אַרויסגעוויזן זייער גרויסמוטיקייט און אָפּפערוויליקייט, אַנטקעגנקומענדיק זייערע נויטבאַדערפטיקע אַזשעראָווער לאַנדסלייט מיט אַ סומע פון איבער 600 טויזנט פראַנק.

עס מוז מיט צופרידנקייט און דאַנק אָנערקענט ווערן, אַז דער אמעריקאַנער קאָמיטעט פון די אַזשעראָווער האָט באַדייטנד געהאָלפן לינדערן די נויט פון זיינע לאַנדסלייט אין פּאַריז. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער פּאַריזער קאָמיטעט פון די אַזשעראָווער האָט זיך פאַרלאָזן אויף די אמעריקאַנער, אויסקוקנדיק זייער הילף. ניין! — אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון געוויסע קאָמיטעט מיטגלידער ווי צ. ב. ש. צוקערמאַן, פוקס, אַדלער, מעלמאַן א. א. האָט דער פּאַריזער קאָמיטעט באַוויזן צו פאַרדאָפּלען די אַמעריקאַנער ציפערן. ביזן היינטיקן טאָג איז אַריינגעפלאָסן אין דער קאַסע 1 מיליאָן מיט 200 טויזנט פראַנק.

פון דער דאָזיקער סומע איז באַלד נאָך דער באַפרייונג אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן (אין 3 מאָל) 450 טויזנט פר.

דער אַזשעראָווער פאַריין האָט אַרויסגענומען פון די דייטשע לאַגערן 10 פּערזאָנען, רעקנדיק אַלע אויסגאַבן. חוץ דעם, אַ 20 מאַן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען מיט אייגענע מיטלען האָבן באַקומען פון 20 ביז 40 טויזנט פראַנק י ע ד ע ר. פאַר פאַמיליעס מיט קליינע קינדער איז ביי זייער אָנקומען שוין געווען באַזאָרגט אַ דאַך איבערן קאָפּ. דער גרעסטער טייל פון די אַלע מענטשן זענען שוין היינט פּראָדוקטיווע עלעמענטן. געוויסע פון זיי אַרבעטן שוין אַליין אין קאָמיטעט און שטיצן שוין אונטער אַנדערע.

ביי דער געלעגנהייט מוז ווידער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אויב די אומגליקלעכע וואַנדערער זענען געוואָרן איינגעזעסענע, פּראָדוקטיווע מענטשן, איז עס פיל צו פאַרדאַנקען די לאַנדסלייט פון אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע האָבן צו דער דאָזיקער פּראָדוקטיוויזאַציע מיט געהאָלפן דורך דעם, וואָס זיי האָבן געשיקט מאַשינען פאַר די נייע עמיגראַנטן פון אַזשעראָוו.

די אַרבעט ווערט פאַרגעזעצט. דער אַזשעראָווער פאַריין טרעט אַריין אין אַ נייער סטאַדיע פון הילף: אָנשטאָט פילאַנטראָפּישער הילף שאַפט ער איצטער אַ לייַ־קאַסע, מיט וועלכער עס פירן אָן די פריינט: טרעפלער, אַדלער און גאָלדבלום. צו דעם צוועק ווערט פריינט צוקערמאַן דעלעגירט קיין אמעריקע, בכדי דורכצופירן אַ געהעריקע אַקציע, אין וועלכער עס נויטיקט זיך די לייַ־קאַסע.

פריינט צוקערמאַן האָט אַליין געזאַמעלט ביי 80 טויזנט פר. פאַר דער קינדעראַקציע. אומגעפער אַזויפיל זענען געשאַפן געוואָרן אויך דורך די פריינט פוקס, אַדלער און גאָלדבלום.

קאָנסקער געזעלשאַפט

פרעזידענט: איזאַק אנקעלעוויטש

נאָך אין די יאָרן 1915-1916 האָט פריינט איזאַק אַנקעלעוויטש געשאַפן אַן אומזיסטע קיך, ווו עס פלעגן פאַרטיילט ווערן בערך 200 מאָלצייטן טעגלעך פאַר אָרעמע יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן און רוסלאַנד. שפּעטער האָט ער געגרינדעט אַ יידיש טעאַטער אין לאַנקרי, וועמענס הכנסה פלעגט פאַרטיילט ווערן צווישן דער יידישער אָרעמקייט. די דאָזיקע פילאַנטראָפּישע קערפּערשאַפט האָט געהייסן צוערשט „סאָסיעטע פּאָלאָנעז" און שפּעטער פאַרביטן איר נאָמען אויף „אידעאַל פראַטערנעל".

פריינט אַנקעלעוויטש, אַ שניידער פון פאַך, אַ פאַרווונדעטער רוסישער סאָלדאַט, אַ פרייוויליקער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, האָט באַקומען פאַר זיין מסירת נפשדיקער אַרבעט, אַלס פּרעזידענט פון דער דערמאָנטער סאָסיעטע אין משך פון 19 יאָר, אַ גאָלדענעם מעדאַל, אַ „קרוא דע שעוואַליע", אַ מעדאַל „מעריט סאָסיאַל", אַ מעדאַל פון רויטן קרייץ, אַ „מעדאַל סיוויל", אַ מעדאַל פון „רעפּובליק פראַנסעז יע קאָלאָני" און אַן ערן־דיפּלאָם פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך, ווו ער איז געוויילט געוואָרן אַלס ערן - פּרעזיצער.

אין ווינטער 1947 איז ער געוואָרן 60 יאָר אַלט.

אין 1924 גרינדעט פריינט אַנקעלעוויטש די איינגנטלעכע קאָנסקער סאָ־

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט.
פון רעכטס אויף לינקס: עס זיצן — קריזשער, קאָרמאַן, גוטקאַ, איזאַק אנקעלעוויטש, פרוי און הער שער, ראָזענבלום, זילבערמאַן. עס שטייען — בענטשינסקי, זאַלוצקי, שאַפּיראָ, זאַלוצקי, קאָרמאַן, שפּיטאַלניק, הויטמאַן, זשאַק שער, וויסמאַן, ראָזענבלום, פּאַשאַלדער, קעניג, זאַלוצקי גאָלדבערג.

סיעטע, פון וועלכער ער איז פּרעזידענט ביזן היינטיקן טאָג. די דאָזיקע סאָסיעטע פלעגט העלפן אָרעמע קימפּעטאָרנס, כלות, זקנים, רעגולירן דירה-געלט, שיקן פלעגערנס צו קראַנקע און האָט געגרינדעט א ליי-קאַסע, וואָס פלעגט אַרויסגעבן הלוואות אין דער גרויס פון 300 פראַנק. דער פאָנד פון דער ליי־קאַסע איז געשאַפן געוואָרן פון אייגענע מיטלען. עלטערע מענטשן זענען באַפרייט געווען פון מיטגלידס־אָפּצאָל.

די מיטגרינדער פון דער קאָנסקער סאָסיעטע זענען געווען: די ברידער באַלקאָ (הערשל, סאַלאָמאָן און נחום לייב), אַליהו זאַליצקי, יאָסל שאַיעוויטש, יאָסל שווימער, פּאָמעראַנץ און מיאַדאָווניק.

פיל פון די גרינדער זענען אומגעריסן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

פאַר זייער אָנדענק איז, דורך דער זאָרג פון די סאָסיעטעס, אויפגעשטעלט געוואָרן א מאָנומענט אויפן בית עולם פון באַניאָלע. די קאָסטן פון מאָנומענט זענען טיילווייז געדעקט געוואָרן פון דער קאָנסקער סאָסיעטע אין ברוקלין.

מיט דער הילף פון פריינט אַנקעלעוויטש און זיין פרוי, איז אין 1938־טן יאָר געשאַפן געוואָרן די קיך פון פאַרבאַנד פון די ייד. געזעלשאַפטן אויף די סאַנטאָנזש 8, וווּ עס פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן 1600 מיטאָגן א טאָג.

א ספּעציעלן דאַנק פאַרדינט הער זימלער — מיטגליד פון קאָנסקער סאָסיעטע אין אַמעריקע — פאַר זיין גרויסער פינאַנציעלער הילף דער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז נאָך דער באַפרייונג האָט פריינט אַנקעלעוויטש, צוזאַמען מיט פריינט אַלפרעד גראַנט, מיטגעווירקט ביי דער שאַפונג פון א גאַנצער ריי קינדערהייזער, פון א ליי־קאַסע, פון געלט־אונטערשטיצונג פאַר דעפּאָרטירטע (טויזנט פר. פאַר יעדן) און פאַר קריגס־געפאַנגענע (500 פר. פאַר יעדן), פון א דיספּאַנסער און פון א סך אַנדערע אַנשטאַלטן פון דער היימישער שטאַרק־פאַרצווייגטער און מעטיקער „אוניאָן".

געזעלשאַפט „פריינט פון וואָצלאַוועק"

פּרעזידענט: זילבער

די געזעלשאַפט „פריינט פון וואָצלאַוועק" איז איינע פון די עלטסטע אין פראַנקרייך. זי איז געגרינדעט אין 1904־טן יאָר.

אירע גרינדער זענען געווען: פּיעטראַקאָווסקי, באַראָן, סמילאָווסקי, שאַרקע, מענענבוים א. א. די געזעלשאַפט האָט פאַרן קריג געציילט 120 מיטגלידער.

די צילן, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט, זענען געווען: הילף פאַר אירע מיטגלידער אין פאַל פון נויט אָדער קראַנקהייט. אין לעצטן פאַל איז די הילף געווען א באַדייטנדיקע. א מיטגליד פלעגט אין פאַל פון קראַנקהייט דורך דער געזעלשאַפט באַזאָרגט ווערן, ניט נאָר מיט א דאָקטער, נאָר אויך מיט מעדיקאַמענטן, אויב נויטיק — מיט ראַדיאָ־באַשטראַלונגען, ביז אויף אַרויסשיקן אויף קאָנוואַלעסאַנס.

זילבער, פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט

די געזעלשאַפט פלעגט אויך שטיצן קינדער פון אַנדערע געזעלשאַפטן, ווי „קאָלאָני סקאָלער", „פור נאָז אַנפאַן" און די קינדער פון אַרבעטער־אָרדן. עס איז אויסגעגעבן געוואָרן פון 500 ביז 1.000 פראַנק פאַר יעדער געזעלשאַפט פאַר קינדער.

אין 1926־טן יאָר האָט די געזעלשאַפט „פריינט פון וואָצלאַוועק" געשיקט געלט קיין פּוילן פאַר פּאָליטישע פּראָצעסן אין וואָצלאַוועק און פאַר די זבאָנשינער אין 1938.

די בעלער, וואָס די געזעלשאַפט פלעגט איינאָרדענען אין סאַלע די־אָרסעי, זענען געווען פון די שענסטע אין פּאַריז. בכלל איז די געזעלשאַפט „פריינט פון וואָצלאַוועק" אין פּאַריז געווען זייער אָנגעזען.

קיין קולטורעלע אַרבעט, צוליב דער



מאָריס טורגעל, געוועזענער פאָרזיצער (דעפּאָרטירט)

וורצעלמאַן, געוועזענער פאָרזיצער

קענערשאַפט פון געוויסע עלעמענטן, איז נישט געפירט געוואָרן.

ביים אויסברוך פון קריג האָט מען געהאָלפן די מאָביליזירטע מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס. בעת דער אָקופּאַציע איז יעדע טעטיקייט געווען אָפּגעשטעלט.

אין 1946־טן יאָר איז די געזעלשאַפט צוריקגעשטעלט געוואָרן. היינט צו טאָג ציילט זי 60 מיטגלידער. אויסער הילף פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע, פאַר וועלכע עס איז אויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע דרייסיק טויזנט פראַנק, איז דערווייל קיין גרויסעס ניט געטאָן געוואָרן.

איזאַק ראָזענבערג,
געוועזענער פאָרזיצער (דעפּאָרטירט)

מען שאַפט אַ מאָנומענט פאַר די וולאָצלאַווקער קדושים.

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט באַשטייט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

פּרעזידענט: זילבער.

וויצע־פּרעזידענט: מאָריס פּאָפּיאָלעק

קאַסירער: קאַטשאַנסקי

סעקרעטאַר: סעגאַל.

געהילף־סעקרעטאַר: פרוי ערנעסט פּאָפּיאָלעק.

ביוראָ־מיטגלידער: וורצלמאַן קאַראָל און עמיל ראָזענבערג

„אוניאָן אַמיקאַל דע מאַרשאַן דע פּאַרי“

(פאַריין פון קליינהענדלער פון פּאַריז)

פּרעזידענט: זוסמאַן

פון 1925־טן יאָר אָן האָבן עקזיסטירט פאָלגנדיקע 3 געזעלשאַפטן: בראָקאַנטער דע בעלוויל, בראָקאַנטער דע מאָנמאַרטר און בראָקאַנטער דע סט.-אואַן. דאָס זענען געווען 3 באַזונדערע סאָסיעטעס פון הענדלער מיט אַלטוואַרג. די גרינדער פון דער ערשטער זיינען געווען: האַבערגריץ (פּרעזידענט), שטאַרקער וואָלף און אַלעקסאַנדראָוויטש. פון דער צווייטער — זוסמאַן (פּרעזידענט), קאַלינסקי און הערצאָג. פון דער דריטער — מענדל גאָלדבערג און איזאַק פירשטענפעלד.

„בראָקאַנטער דע בעלוויל“ האָט געציילט 150 מיטגלידער.

„בראָקאַנטער דע מאָנמאַרטר“ — ביי 120 מיטגלידער.

„בראָקאַנטער דע סט.־אואַן“ — ביי 100 מיטגלידער.

נאָכן גרויסן חורבן זיינען געבליבן:

פון דער בעלווילער סאָסיעטע — ביי 60 מיטגלידער.

פון דער מאָנמאַרטער סאָסיעטע — ביי 50 מיטגלידער.

פון דער סט.־אואַנער סאָסיעטע — ביי 15 מיטגלידער.

די אויפגאַבן פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן זיינען געווען קעגנזייטיקע הילף. עס האָט עקזיסטירט אַ לייַ־קאַסע, וועלכע פלעגט אַרויסגעבן טעגלעכע, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע און לאַנגטערמיניקע הלוואות. אַלע — אָן פּראָצענט און אָן ערבות. די דאָזיקע הלוואות האָבן געגעבן די מעגלעכקייט די אָרעמע בראָקאַנטערס וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פאַך, צו שאַפן זיך אַן עקזיסטענץ. דער גרונט־קאַפּיטאַל פון דער לייַ־קאַסע איז געשאַפן געוואָרן דורך זאַמלונגען און אונטערנעמונגען.

די אויבנדערמאָנטע סאָסיעטעס פלעגן אויך העלפן קראַנקע, אַלמנות און ביי פאַרשידענע אומגליקס־פאַלן.

די געזעלשאַפטן פלעגן אויך העלפן זייערע מיטגלידער ביים באַזאָרגן האַנדלס־פּאַפּירן, געבן יורידישע הילף און אין נויטיקע פאַלן שטעלן פאַר זיי פאַרטיידיקער.

ווי אַלע סאָסיעטעס, האָבן זיך אויך די דאָזיקע דריי איינגעשאַפט אַ קאַוואָ. עס איז געפירט געוואָרן אויך אַ געוויסע קולטורעלע אַרבעט, ווי רעפעראַטן און טעאַטראַלע אונטערנעמונגען אין די זאַלן פון לאַנקרי, פאָלי־בעלוויל און פאָבור די טאַמפּל (אין אַרבעטער אָרדן).

ביי יעדער עת צרה פון אַ מיטגליד פלעגט מען לטובת אים גלייך מאַכן וועלכע עס איז אונטערנעמונג.

אין אָנהויב פון 40־טן יאָר איז די טעטיקייט פון די דריי געזעלשאַפטן, צוליב די היטלער־רדיפות, אָפּגעשטעלט געוואָרן.

נאָך דער באַפרייאונג האָבן די רעשטלעך פון די דריי אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטן געשטעלט די פראַגע וועגן פאַראייניקונג. עס זיינען געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען. אין מאָנאַט אַפּריל, 1947 איז די פאַראייניקונג צושטאַנדגעקומען.

די איניציאַטאָרן פון דער פאַראייניקונג זיינען געווען: איזאַק ווייס, זוסמאַן און טאָפּער, וועלכע האָבן געאָפּפערט פיל צייט און מי פאַר דער רעאַליזירונג פון דער אייניקייטס־אידיי.

ביי דער דאָזיקער פאַראייניקטער סאָסיעטע אונטערן נאָמען „אוניאָן אַמיקאַל דע מאַרשאַן דע פּאַרי“ עקזיסטירט אַ לייַ־קאַסע מיט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פון 300 טויזנט פר.

הלוואות ווערן אַרויסגעגעבן אין דער גרויס פון 10 ביז 15 טויזנט פר. אָן פּראָצענט און אָן ערבות. עס שטייט די פראַגע וועגן פאַרגרעסערן די הלוואות.

אויף דער איניציאַטיוו פון פריינט איזאַק ווייס, איז געשאַפן אַ דענקמאָל פאַר די 760 קדושים פון די דריי אויבנדערמאָנטע סאָסיעטעס אויפן אַלטן קאַוואָ פון באַניע.

די אַנטהילונג פונעם דענקמאָל איז פאָרגעקומען דעם 18־טן דעצעמבער ביי דער אָנוועזנהייט פון דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, ווי „אוניאָן", „נייע פרעסע", ביידע קאָמבאַטאַנטן־פאַריינען א.אַ.וו.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די נעמען : נאַדעל, קופערשטיין און מילער — די טראַגיש - אומגעקומענע אַלס ערוב־ניקעס, גאָלדבערג (22 יאָר אַלט) און וואַסערמאַן האַנרי (18 יאָר אַלט) — געפאַלן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

כבוד אונזערע מיטגלידער !

פאָלקס־אַסאָציאַציע פון געוועזענע פראָנט־קעמפער פון 11־טן און 12־טן

פרילינג 1936. דאָס פראַנצויזישע פאָלק גרייט זיך איבערהאַפּט צו פאַרפעסטיקן אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן געביט זיינע נצחונות איבער דער רעאַקציע.

דער פאַשיסטישער פרווו פון 6־טן פעברואַר 1934, די מאַסן - מאַניפעסטאַציעס פון 9־טן פעברואַר, דער אַלגעמיינער שטרייק פון 12־טן פעברואַר, זענען נאָך ביי אַלעמען פריש אין זכרון. פאַריז ברויזט פון מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און מאַסן - דעמאָנסטראַציעס. די פּאַרטייען און די פאָלקס - קאָמיטעטן האָבן פאַרוואַנדלט די קאַפעס אין פאַרזאַמלונגס־זאַלן, וווּ מען דיסקוטירט ערנסט און ליידנשאַפטלעך די פּאָליטישע פּראָבלעמען.

דער ברייטער עולם פאַראינטערעסירט זיך נישט בלויז מיט פּאָליטיק, עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער דראַנג נאָך וויסן און די בעסטע פון דער פראַנצויזישער אינטעליגענץ קומען באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפענישן פונעם פאָלק.

עס דערמאָנט זיך, פּראָפעסאָר פרידמאַן, שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן אַלס ייד און נישט צוריקגעקומען, האַלט אַ רעפעראַט אין אַן איבערפולטן זאַל פון אַ קאַפע. ער איז באַשיידן און ער קוקט מיט נייגער אויף דעם פאָלקס־עולם, וועלכע הערט אים אויס מיט פיל אויפמערקזאַמקייט. עס איז אים דעמאָלט נישט איינגעפאַלן זיך צו קימערן, צו פרעגן, צי איז ער אַ ייד...

אָבער די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַרשטייען, אַז נאָר דער זיג פונעם פאָלק איז בכוח זיי צו באַשיצן סיי אַלס מענטשן, סיי אַלס יידן. די נייעס, וואָס מען באַקומט פון דער היטלער־מדינה, זענען פול מיט גרויל. די יידישע האָרעפּאַשניקעס, די פאָלקס־מענטשן באַטייליקן זיך דעריבער גאַנץ אַקטיוו אין דער וואַל - קאַמפּאַניע אויף דער זייט פונעם פאָלקס־פראָנט.

ב. לעשטשינער,
גרינדער פון דער אַסאָציאַציע

נאָך מער — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך, באַטייליקט זיך אַן אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפט, אַלס אַזעלכע, אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. דאָס איז די יידישע פאָלקס - אַסאָציאַציע פון געוועזענע פראָנט־קעמפער פון 11־טן און 12־טן אַראָנדיסמאַן.

זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1935, אויף דער איניציאַטיוו פון איר קומענדיקן פּרעזידענט ב. לעשטשינער, און איז תיכף ברייט אונטערשטיצט געוואָרן פון די סאָסיעטעס פאַר קעגנזייטיקער הילף פון 11־טן און 12־טן אַראָנד. זייער מיטגלידערשאַפט, אין גרעסטן טייל נאַטוראַליזירטע, שליסט זיך אָן אין דער אַסאָציאַציע און באַטייליקט זיך אויף אַזאַ אופן אין פּאָליטישן לעבן פון פראַנקרייך.

דער צענטער פון דער אַסאָציאַציע איז אין אַ רעסטאָראַן אויף דעם פאָבור סענט־אַנטואַן, אין דעם היסטאָרישן באַרימטן קוואַרטאַל פון סטאָלאַרעס און מעבל־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכנט מיט זייער מוט און קעמפעריקן גייסט אין די היסטאָרישע טעג פון פראַנצויזישן פאָלק, אין רעוואָלט קעגן זיינע באַדריקער.

די ערשטע עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס פון דער אַסאָציאַציע זענען פאַרבונדן מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צום שטאָט־ראַט. איר אָנטייל האָט מיטגעווירקט צו דער מפּלה פון רעאַקציאָנערן קאַנדידאַט, דר. האַטאַן.

ביי די פּאַרלאַמענט - וואַלן באַטייליקט זיך שוין די אַסאָציאַציע פון יידישע פראָנט־קעמפער, ווי אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער סיי צווישן דער יידישער, סיי צווישן דער נישט - יידישער באַפעלקערונג פון דער געגנט.

זי לאָזט אַרויס אַ ספּעציעלן אויפרוף אין יידיש, וואָס רופט די יידישע וויילער צו שטימען פאַרן פאָלקס־פראָנט. ער האָט אַ טיפע ווירקונג. זי רופט פיל פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וווּ עס ווערן שטאַרק אַפּלאָדירט די דעמאָקראַטישע

קאַנדידאַטן: באַנט, קאָטיאַ און לאַזאַרע.

עס דערמאָנט זיך אויף איינער פֿון די פֿאָלקס - פֿאַרזאַמלונגען, און דער צייט, ווען פּלאַרימאַן באַנט האָט גערעדט, האָט קאָטיאַ זיך שטאַרק פֿאַרקוקט אויפֿן פֿאַרזאַמלטן עולם, דערנאָך זאָגט ער דעם פֿאָרזיצער ב. לעשטשינער: „איך וועל באַלד רעדן וועגן דער געלער לאַטע".

אין יענער צייט, נישט געקוקט אויף דער דראָענדיקער געפֿאַר פֿון פֿאַשיזם, האָט קיינער נישט געקאָנט טראַכטן, אַז אויך אין פֿראַנקרייך וועלן נאָך יידן זיין געצוווּנגען צו טראָגן אַ געלע לאַטע. קאָניאַס רעדע האָט דעריבער געמאַכט אויף דעם פֿאַרזאַמלטן עולם אַן אומגעהויער - שטאַרקן רושם. ס'איז געווען אַ וואָרענונג.

ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן, וואָס ס'איז אויסגעקומען גובר צו זיין, האָבן אָבער די יידישע פֿאָלקס-מאַסן דעמאָלט פֿאַרשטאַנען ווו עס געפֿינען זיך די אמתע פֿריינט פֿון פֿאָלק און פֿון דעמאָקראַטיע. זיי האָבן אַ דאַנק דער אויפֿקלערונגס - קאַמפּאַניע פֿון דער אַסאָציאַציע זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די וואַלן. די גרעסטע באַפֿרידיקונג פֿון דער אַסאָציאַציע איז געווען, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידן האָבן אין זייער גרעסטער מערהייט געשטימט פֿאַרן פֿאָלקס-פֿראָנט.

אין אַלגעמיינעם דראַנג צו פֿאַרשטאַרקן די אינטערעסן פֿונעם פֿאָלק, האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אַ קאַמפּאַניע לטובת די אויסלענדער.

די אַסאָציאַציע פֿון די יידישע פֿראָנט - קעמפֿער פֿון 11-טן און 12-טן שליסט זיך אָן אין דער דאָזיקער אַקציע, וואָס איז אומגעהויער וויכטיק פֿאַר די דאָזיקע טויזנטער יידישע אימיגראַנטן. זי אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי פֿאַרזאַמלונגען, און זי מאַכט אַ גאַנצע ריי אינטערווענצן אין אינערן - מיניסטעריום לטובת די אויסלענדער, וואָס ווענדן זיך צו איר.

עס ווערט נאָך היינט דערציילט אַן אינטערעסאַנטער פֿאַל פֿון אַ יידן, וואָס איז אין משך פֿון 17 יאָר געווען כמעט אַ שטענדיקער „איינוווינער" אין תפֿיסה...

ער איז געקומען קיין פֿראַנקרייך אָן אַ וויזע. מען האָט אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין תפֿיסה. ווען מען האָט אים פֿון דאָרטן אַרויסגעלאָזט, האָט ער שוין געהאַט אַן אָפּיציעלן אויסווייז. היות ווי ער האָט נישט געהאַט וווּהין צו פֿאָרן, האָט מען אים נאָכאַמאָל פֿאַרמשפּט צו זיצן אין תפֿיסה און ווידער געגעבן אַן אויסווייז. אַזוי האָט זיך עס געצויגן חדשים און יאָרן. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געקענט זיך איינאָרדענען אַ נאָרמאַל לעבן. ער האָט נישט געקענט אַרבעטן. די צייט, וואָס ער פֿלעגט זיין אויף דער פֿריי, איז ער געווען געצוווּנגען צו לעבן פֿון בעטלעריי.

אַ דאַנק דער ווענדונג פֿון אַ דעלעגאַציע אין אינערן - מיניסטעריום, איז די די לאַגע פֿון דעם דאָזיקן אייביקן טורמע-איינוווינער רעגולירט געוואָרן.

די פֿאָלקס - אַסאָציאַציע האָט ביז די אָקופּאַציע - יאָרן פֿאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זי האָט געפֿירט אַ ברייטע סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייט.

אין די אָקופּאַציע-יאָרן זענען אַ סך מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט דעפּאָרטירט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער וויצע-פֿאָרזיצער ראַפּאַעל מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע. אַ טייל פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט האָט זיך געראַטעוועט. די דרייסטע, און איבערגעגעבנסטע זין פֿון פֿאָלק האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אונטערערדישן קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

זינט נאָך דער באַפֿרייאונג נעמען אירע לעבן - געבליבענע מיטגלידער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טעטיקייט פֿון די פֿאַרשיידנסטע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס.



LES BUTS DE L'ASSOCIATION

1. Lutter contre la propagande de Xenophobie et d'Antisémitisme.
2. Accorder aide et assistance aux Juifs dans le besoin.
3. Resserrer les liens de Fraternité et de solidarité des Juifs des 2 arrondissements.

Siège Social: Restaurant LÉON
127, Fg. St Antoine, PARIS

ASSOCIATION POPULAIRE JUIVE
ET DES ANCIENS COMBATTANTS
DES XIe ET XIIe ARR.

CARTES DE SOCIETAIRE

M
Rue

מיטגלידס - קאַרטע
פֿון דער אַסאָסיאַציע

אלס ערשטע אויפגאבע פיגורירן די פונקטן : 1) קאמף קעגן דער פּראָפּאגאנדע פון קסענאָפאָביע און אנטיסעמיטיזם. און 2) פאַרשטארקן דעם בונד פון ברידערלעכקייט און סאָלידאריטעט צווישן די יידן פון די צוויי אראָנדיסמאַנען (שטאָט-קרייזן).

געזעלשאַפט „אַוועניר דע סיאָן״

פּרעזידענט: האַנעלא

מיעדזשינסקי, וויצע־פאָרזיצער
פון דער געזעלשאַפט.

אין יאָר 1917, נאָך באַלפור דעקלאַראַציע, האָט דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך, זייענדיק אַרומגעכאַפּט מיט דעם ברען פון דעם האָפענונגפולן צוזאָג צו שאַפן אַ יידיש לאַנד אין פּאַלעסטינע, באַשלאָסן צו גרינדן אויפן בעלוויל אַ ציוניסטישע סאָסיעטע. צו די איניציאַטאָרן האָבן געהערט די ה"ה: באָרוכאָוויטש, נאַסאַק, ראָטענבערג, איזראַעלסקי, באַהבים, יאָסילעוויטש, וואַסער, ליפשיץ, העלענא און קילס. שפּעטער זיינען אַריינגעטרעטן דר. גינצבורג און דער באַרימטער פּראָפעסאָר כאַוקין.

אין אָנהויב איז די אַרבעט גוט אוועקגעשטעלט געוואָרן. מען האָט געזאַמלט געלט און מען איז געווען פול מיט האָפענונג...

די אַרבעט, וועלכע איז אין אָנהויב געווען פול מיט ענטוזיאַזם, האָט געדויערט ביזן יאָר 1921.

דערנאָך האָט די סאָסיעטע באַשלאָסן צו ענדערן איר טעטיקייט און געריכטעט איר אַרבעט צו געבן הילף און שטיצן זיך קעגנזייטיק. עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ קאַסע. צו דער אַרבעט זענען נאָך צוגעצויגן געוואָרן די ה"ה מיעדזינסקי, קריוויאַן, קאַראַסקי, שטאַרק, גאָטהעלף, באַגעט. די סאָסיעטע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס קיין שום פּאַרטייאישע אַרבעט נישט צו פירן.

יעדער מיטגליד האָט געהאַט זיין רעכט צו טראַכטן און דענקען פּאָליטיש ווי אַזוי ער האָט געוואָלט.

מיט 20 יאָר צוריק איז ביי דער סאָסיעטע געשאַפן געוואָרן אַ ליי־קאַסע, וועלכע איז געווען די ערשטע אויפן בעלוויל. די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער פלעגט געגעבן ווערן הלוואות. דער ציל פון דער ליי־קאַסע איז געווען נישט צו פירן אַ פילאַנטראָפּישע טעטיקייט, נאָר — העלפן דעם מיטגליד מיט אַ הלוואה, אים געבן אַ מעגלעכקייט איינקויפן אַרבעטס־מכשירים, און אַזוי אַרום אים צו שטעלן אויף די פיס און ווערן זעלבסשטענדיק. די געבאָרגטע סומע האָט געמוזט נאָך אַ געוויסער צייט צוריקגעצאָלט ווערן.

די סאָסיעטע פלעגט אויך אונטערשטיצן די קינדער־קאָלאָניע און אָנטיילנעמען אין דעם אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די פעדעראַציע, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין איר, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט, נישט געפינענדיק קיין מעגלעכקייט פון מיטאַרבעט, איז זי אַרויסגעטרעטן.

ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, האָט זיך די סאָסיעטע אָנגעשלאָסן אין אים, מיטגעהאָלפן בויען און אַנטוויקלען דעם פאַרבאַנד, אָנטיילגענומען אין יעדער אַקציע און אונטערנעמונג, ווי צ.ב. ביי דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש, קליניק, זבאָנשין און זיך באַשטייערט פאַר אַן אַוויאָן פאַר דער פראַנצויזישער אַרמיי אין דער צייט פון דער מלחמה.

פאַרן קריג האָט די סאָסיעטע געציילט ביז 100 מיטגלידער. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז אַ טייל פון די מיטגלידער געוואָרן מאָביליזירט אין דער אַרמיי. די אַרבעט פון דער סאָסיעטע איז אין אָנהויב פון קריג נישט געוואָרן איבערגעריסן. מען פלעגט אַרויסהעלפן די מאָביליזירטע מיטגלידער מיט געלט און זיין מיט זיי אין בריוולעכן קאָנטאַקט. פון צייט צו צייט פלעגן זיך אויך מיטגלידער פון דער סאָסיעטע טרעפן און באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן.

אָבער שפּעטער איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט.

נאָך דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געראַטעוועטע מיטגלידער, איז מען צוגעטרעטן צוריק באַנייען די טעטיקייט פון דער סאָסיעטע. און ווען דער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן די טעטיקייט, האָט די סאָסיעטע זיך געשטעלט אין דינסט, צוהעלפנדיק מיט אַלע מעגלעכקייטן אים צוריק אויפצובויען. די סאָסיעטע האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אַקציע פאַר דער קינדער־קאָלאָניע, דיספּאַנסער, ליי־קאַסע, ווי אויך פאַר דעם לעגאַליזאַציע־צענטער. די סאָסיעטע, וועלכע האָט פאַרלוירן אַ סך אירע מיטגלידער, האָט נישט פאַרקלענערט איר אַרבעט, נאָר מיט אייגענע כוחות, נישט זייענדיק געשטיצט דורך קיינעם, פאַרנעמט זי ווידער אַ וויכטיק אָרט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּאַריז.

אונזער סאָסיעטע האָט זייער פיל געליטן פון די דייטשע באַרבאַרן. מער ווי אַ העלפט פון אונזערע מיטגלידער זענען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. מיר גיבן דאָ איבער די נעמען:

יאָסילעוויטש, בערקאָוויטש, קלים איזאַק, מאַדאַם קלים, י. גאָלדשטיין, מאַדאַם גאָלדשטיין, מאַדאַם גאָלטשער, מאַדאַם יאָסילעוויטש, מאַדמואַזעל יאָסילעוויטש, קאָפּער און זיינע צוויי זין, מאַדאַם קופּער, קלאָיער, קאָטליאַרסקי מאיר, קאָטליאַרסקי מאַרסעל, קאָטליאַרסקי אַדאָלף, פּאָלעט גאָטהעלף, קלאָס און צוויי קינדער, נאַדיאַ און אסתר, מאַדאַם קלאָס־מיעדזינסקי, מאַרגולין, ליפשיץ, פּאַראַוואַנט און טאָכטער, שטאַרק, וואַסעק, שריפטגיסער, פאַמיליע שולעוויטש, פאַמיליע וויצמאַן, מאַדאַם וואַסערמאַן, פאַמיליע ווינטרויב, פאַמיליע זייף.

ערע זייער אָנדענק!

געזעלשאַפט „די קינדער פון פּיאָטראָקאָוו"

ערן-פּרעזידענט : סאָסנאָווסקי ; פּרעזידענט : קאָוטשוק

אין יאָר 1923 איז אין פּאַריז, אונטערן פאָרזיץ פון זשאַק זינגער, געגרינדעט געוואָרן די פּיאָטראָקאָווער סאָסיעטע. איר טעטיקייט, וועלכע איז באַשטאַנען אין קעגנזייטיקער הילף, האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1931. געשפּאָלטן אין 1932-טן יאָר, האָט זיך געשאַפן די איצטיקע סאָסיעטע אונטערן נאָמען „די קינדער פון פּיאָטראָקאָוו". ביז 1933-טן יאָר איז געווען פּרעזידענט פריינט קאָוטשוק. פון 1933 ביז 1939 — פריינט סאָסנאָווסקי מאַקס. פון 1939 ביז היינט איז פּרעזידענט פריינט קאָוטשוק בערנאַרד.

די גרינדער פון דער סאָסיעטע זיינען געווען: זשאַק זינגער, בערנאַרד קאַפּטשיק, מאַקס סאָסנאָווסקי, זשאַק גרינשפּאַן, פּאָל לינדערמאַן, גאַסטאָן לעווין, אַדאָלף זינגער, סימאָן אַנשלעוויטש, לעאָן שטערן, גאַבריעל דראַטאַוו, אַבראַם שלאָמאָוויטש.

די טעטיקייט פון דער דאָזיקער סאָסיעטע איז באַשטאַנען אין קעגנזייטיקער הילף. פאַרן קריג האָט די סאָסיעטע געציילט 100 מיטגלידער און היינט צו טאָג — ביי 50.

פאַרן קריג איז ביי דער סאָסיעטע געווען אַ ליי-קאַסע, וועלכע פלעגט אויסבאָרגן ביז 500 פר. אויף אַ טערמין פון 3 מאָנאַטן, אָן פּראָצענט. דער פאָנד פון דער ליי־קאַסע איז געשאַפן געוואָרן פון די אייגענע מיטגלידער.

דער קאָמיטעט האָט זיך באַשטייערט מיט 12 טויזנט פר. פאַר דער קיך אויף רי סאַנטאָנזש, אָנשטאָט 8 טויזנט, וועלכע עס האָט פאַרלאַנגט דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן.

דער קאָמיטעט האָט אויך געהאָלפן קינדער. פאַר דער אויסהאַלטונג פון איין קינד האָט דער קאָמיטעט געצאָלט 3000 פר. אַ מאָנאַט. יעדן ניי-איינגעוואַנדערטן לאַנדסמאַן פלעגט דער קאָמיטעט אַרויסגעבן ביז 3000 פר.

די מיטלען פאַר די דאָזיקע צוועקן זיינען געשאַפן געוואָרן פון מיטגלידס-אָפּצאָל, בעלער, אונטערנעמונגען און איינמאָליקע גרעסערע באַשטייערונגען. איין באַל האָט געגעבן הכנסה 90 טויזנט פראַנק.

פאַר די 70 אומגעקומענע מיטגלידער איז געשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט פאַרן פּרייז פון 50 טויזנט פראַנק. די סאָסיעטע האָט אויסגעמויערט 2 קאַוואָס (מענער - פרויען).

אין 1937 האָט די סאָסיעטע געזאַמלט אַ געוויסע סומע געלט און דעלעגירט די פריינט קאָוטשוק און לינדערמאַן פּאָל קיין פּיאָטראָקאָוו אָפּצופירן הילף פאַר די דאָרטיקע אָרעמע קינדער. מען האָט אויסגעקליידט בערך 300 קינדער. די קאָסטן דערפון זענען געווען 25 טויזנט פראַנק.

די פּיאָטראָקאָווער זיינען געווען די גרינדער פון דער „קאָלאָני סקאָלער". די קינדער פון דעפּאָרטירטע האָט די סאָסיעטע „די קינדער פון פּיאָטראָקאָוו" געהאָלפן מיט אַ סומע פון 60 טויזנט פראַנק.

די פּיאָטראָקאָווער סאָסיעטע האָט געהאָלפן פאַרשידענע אַנדערע אינסטיטוציעס. זי איז אויך געווען די מיטגרינדערין פון „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן".

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט אין 1925 :

פון רעכטס אויף לינקס : עס זיצן — גרייצער (דעפּאָרטירט), גרינשפּאַן, קאַפּטשיק, זינגער (דעפּאָרטירט), סאָסנאָווסקי, לינדערמאַן, אַנשעלעוויטש, וועלניאַזש (דעפּאָרטירט). עס שטייען — אַנקעלעוויטש, זדראַיעווער, גאַרבער, דראַטווא, פּאָדראַזשניק, און שוואַרץ (דעפּאָרטירט), בענטשיקאָווסקי (דעפּאָרטירט), הענעכאָוויטש (דעפּאָרטירט).

געזעלשאפט פלאצק און אומגעגנט

פרעזידענט: אדוואקאט מייראנץ

פון יאר 1935 האט עקזיסטירט אין פאריז א פאטראנאזש איבער פאליטישע ארעסטירטע, וועלכער האט ארייגענומען די שטעט: פלאצק, מלאווע און ציעכאנאוו. דער פאטראנאט איז געגרינדעט געווארן דורך פריינט וואלהעמאר, וועלכער איז געפאלן אין קאמף אין שפאניע. צום פאטראנאט האבן געהערט ביז א 50 מיטגלידער. דער פאטראנאט האט זיך פארנומען מיט שטיצן פאליטישע ארעסטירטע אין פוילן, ווי אויך מאטעריעל געהאלפן יידישע קונסטמאלער צוו. אנד. דעם באקאנטן מאלער עליאוויטש פון פלאצק.

די ארבעט פון פאטראנאט איז געווען גוט ארגאניזירט. יעדן זונטיק פלעגט פארקומען א מאביליזאציע - טאג. פארנוויז פלעגן זיך ארויסלאזן איבער פאריז מיטגלידער און אדורכפירן א זאמל־אקציע. עס פלעגן אויך איינגעארדנט ווערן פארשידענע אונטערנעמונגען.

אין יאר 1936 איז פרוי צעמערמאן געפארן קיין פוילן און איבערגעגעבן א סומע געלט פאר פאליטישע ארעסטירטע. אין יאר 1937 האבן די פלאצקער אנגעהויבן פירן א זעלבסטשטענדיקע ארבעט. אבער ביז צום קריג־אויסברוך איז נישטא דא צו פארצייכענען וועלכע נישט איז גרעסערע רעזולטאטן.

ווען עס איז אויסגעבראכן די מלחמה, איז א גרויסע צאל לאנדסלייט געווארן מאביליזירט אין דער ארמיי און א סך האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער רעזיסטאנס, קעמפנדיק פאר דער באפרייונג פון פראנקרייך.

אזוי צ. ב. האט אונזער לאנדסמאן **חיים קערבער** פון ערשטן מאמענט אן געקעמפט אין דער רעזיסטאנס. ער איז געווען קאמענדאנט אין ראנג פון א מאיאר. די אפטיילונג, מיט וועלכער ער האט אנגעפירט, האט באפרייט א רייע שטעט פון דייטשן אקופאנט און האט פארנומען די הויפטשטעט פון דעם דעפארטאמענט ארדעש.

דר. ה. ניידארף האט זיך אויסגעצייכנט אין דער רעזיסטאנס, איז געווארן געכאפט דורך די דייטשן, געזעסן אין תפיסה און אנטלאפן. אלס דאקטאר פלעגט ער געבן מעדיצינישע הילף די פארוואונדעטע חברים און דערביי נישט איינמאל איינגעשטעלט דאס אייגענע לעבן.

דער יונגער 21-יעריקער גלאווינסקי, באנאך, גמאך און מארגאלין זענען דערשאסן געווארן דורך די דייטשן. דר. ריסאק איז געווען אין פראנצויזישן לעגיאן, אין לאגער פיטיוויע און איינער פון די ערשטע אין אוישוויץ. ער פלעגט א סך ארויסהעלפן די דעפארטירטע און איז געווען געשיצט דורך אלע. מיר מוזן אויך דערמאנען דעם אומקום פון דעם דעמאלט נאך יונגן, אבער זייער באגאבטן קונסט - מאלער זילבערבערג. גאר שטארק האט זיך אויסגעצייכנט אין דער רעזיסטאנס דער לאנדסמאן גרינשפאן. גרינפעלד אברהם האט זיך אויסגעצייכנט אין דער באפרייונג פון דער שטאט בריוו.

א גרופע קאמיטעט־מיטגלידער.

פון רעכטס אויף לינקס: כאנאכאוויטש, פוטערמאן, פרוי צימערמאן, אדוו. מייראנץ, פאלאק.

נאך דער מלחמה, ווען מען האט געפרוווט זיך ארומזען וויפיל לאנדסלייט זענען געבליבן צווישן די לעבעדיקע, איז דער סך הכל געווען א טרויעריקער: א סך זענען געפאלן אויפן פראנט, דער גרעסטער טייל איז געווארן דעפארטירט און אין א סך משפחות זענען געבליבן פרויען אלמנות, קינדער יתומים, וועלכע האבן נישט געהאט קיין שום הילף און מיטגעמאכט שווערע חאנגלענישן אין קאמף פארן טאג - טעגלעכן ברויט. און אין די ערשטע נאך־באפרייונג־טעג האבן אונזערע לאנדסלייט, די נויטבאדערפטיקע, נישט געהאט קיין שום הילף, ווייל עס האט נישט עקזיסטירט אונזער סאסייעטע און עס איז נישט געווען די איניציאטיוו ווער עס זאל זי שאפן.

אין אקטאבער 1946 זענען געקומען קיין פאריז פון פוילן א גרופע לאנדסלייט. על פי צופאל האבן זיך אויף דער גאס געטראפן די נאר - וואס געקומענע ח'ח כאנאכאוויטש און אד. מייראנץ. די דאזיקע צוויי ניי - געקומענע האבן גענומען אויף זיך די איניציאטיוו צו גרינדן די סאסיעטע פון פלאצק און אומגעגנט. אויף דער גאס איז באשלאסן געווארן צו גרינדן די סאסיעטע און אין האטעל־צימער האט מען אנגעשריבן 40 איינלאדונגען אויף באקומענע אדרעסן.

די ערשטע גרינדונגס - פארזאמלונג איז גערופן געווארן דעם 9 נאוועמבער 1946 אין לאקאל 9 רי גי פאטען. די ארגאניזאטארן פון דער פארזאמלונג זענען געווען אין גרויס שרעק. צי וועט מען קומען ? די פארזאמלונג איז דאך גערופן געווארן דורך „גרינע“. אבער צו דער פארזאמלונג זענען געקומען ביז א 30 לאנדסלייט. נאכן אויפקלערן דורך די ארגאניזאטארן די צילן און די וויכטיקייט פון שאפן די סאסיעטע, האבן זיך דאך געפונען אזעלכע, אין ספעציעל אלטע תושבים, וועלכע האבן זיך סקעפטיש און מיט רעזערוו באצויגן צום פלאן. „זיי מיינען, אז זיי זענען אין

אַמאָליקן פּוילישן שטעטל", — פּלעגן טעהנען די אַלטע פּאַריזער.

אָבער די „גרינע" האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן און עס איז געוויילט געוואָרן דער ערשטער קאָמיטעט, אין וועלכען עס זענען דערמאָלט אַריין די ה' אַד. מייראַנץ, כאַנאַכאָוויטש, פּרל. קאַלישער, גאָלאַק, פּאַנטאָפּעל, זילבערבערג, פּעטערבאַן, ליכטענשטיין און דר. רוסאַק. אין דעם קאָמיטעט זענען אויך אַריין לאַנדסלייט פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי ווישעגראַד און באַדזאַנאָוו.

די ערשטע אַרבעט פון קאָמיטעט איז געווען: אַריינציען אַלע לאַנדסלייט פון פּלאָצק און אומגעגנט, און דאָס איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. דער קאָמיטעט האָט געמוזט צושטערן די קינסטלעך אויפגעשטעלטע מחיצה צווישן די אַלטע און די ניי - געקומענע, געווינען דעם צוטרוי פון די אַלט - איינגעזעסענע, ווייל אין שפּיץ פון דער אַרבעט זענען געשטאַנען די ניי - געקומענע. 5 אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען זענען גערופן געוואָרן צו דעם ציל און דאָס „אייז" איז געבראָכן געוואָרן.

מיט קליינע, אָבער מיט זיכערע טריט איז די אַרבעט געגאַנגען פאָרויס, און היינט צו טאָג, נאָך אַ יאָר טעטיקייט, ציילט די סאָסיעטע ביז 100 מיטגלידער און נעמט אַרום די לאַנדסלייט פון די פאָלגנדיקע שטעט: פּלאָצק, ווישעגראַד, ריפּין, שיערפּץ, באַדזאַנאָוו, גאָמבין. דער פּאַריזער קאָמיטעט שטייט אין קאָנטאַקט מיט זיינע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, אַרגענטינע, ארץ ישראל, פּוילן און אין די לאַגערן. די ערשטע שטיצע איז געקומען פון אַמעריקע און אַרגענטינע.

דער קאָמיטעט האָט אויפגענומען פון די לאַגערן 6 פּערזאָן. פאַר די ניי-געקומענע זענען געשאַפן געוואָרן אַרבעטס-פּלעצער און קאָנטראַקטן. דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט די לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך געמוזט איבערקוואַליפיצירן און זיי געהאָלפן מאַטעריעל. איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען איז די ליי-קאַסע. אין משך פון דער קורצער עקזיסטענץ איז געבאָרגט געוואָרן און פאַרטיילט שטיצע איבער 200 טויזנט פראַנק פאַר ניי-געקומענע און אַלט - איינגעזעסענע. אַזוי אַרום איז דערמעגלעכט געוואָרן די לאַנדסלייט זיך איינצוקויפן אַרבעטס-מכשירים און ווערן אַ פּראָדוקטיווער און נוצלעכער עלעמענט.

עס זענען פאַרטיילט געוואָרן פאַר די ניי-געבאָרענע קינדער 10 נייע פולע קינדער - קאָמפּלעטן, וועלכע זענען געשיקט און אויפגענייט געוואָרן דורך די פרויען לאַנדסלייט אין אַמעריקע. עס זענען פאַרטיילט געוואָרן שפּייז - פּעקלעך פאַר די נויט - באַהערפטיקע. די לאַנדסלייט באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע הילף דורך די דאָקטוירים לאַנדסלייט נייהאָרף און רוסאַק. 3 פאַמיליעס טראַנזיטערן, וועלכע זענען אָפּגעפאָרן צו זייערע קרובים קיין אויסלאַנד, האָבן באַקומען 50 טויזנט פר. שפּייז, ווי אויך זאַכן אויפן וועג.

די קולטור - קאָמיסיע האָט דורכגעפירט אַ יזכור-אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון די פּלאָצקער יידן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צוויי אָוונטן ביי געדעקטע טישן פאַר די לאַנדסלייט, מיטן אָנטייל פון ליטעראַרישע און קינסטלערישע כוחות. די דאָזיקע אָוונטן האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צוזאַמענצובינדן די ניי - געקומענע מיט די אַלטע תושבים, געבן זיי אַ מעגלעכקייט זיך קולטורעל אויסצולעבן, זיי שאַפן די היימישע אַמאָליקע אַטמאָספער, כדי זיי זאָלן זיך נישט פילן פאַריינזאַמט און מאָראַליש צוזאַמענגעבראָכן. די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן און דער לאַנדסמאַן געפינט אין דער סאָסיעטע דאָס קאָלעקטיווע צוזאַמענלעבן, וואָס פאַרטרעט אים די אַמאָליקע היים.

די לעצטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יזכור-בוך, וועלכער זאָל אָפּשפּיגלען דאָס אַמאָליקע לעבן און אַריינעמען די טעטיקייט פון אַלע לאַנדסלייט, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס יזכור-בוך וועט זיין אַ מאָנומענט פאַר דורות, כדי זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי עס האָט געלעבט, געקעמפט און אומגעקומען איינע פון די עלטסטע שטעט אין פּוילן — פּלאָצק און די אַרומיקע שטעטלעך.

די קורצע טעטיקייט פון דער פּלאָצקער סאָסיעטע, וועלכע ווערט אָפּגעשאַצט דורך די לאַנדסלייט, באַווייזט ווי וויכטיק און נוצלעך עס איז געווען די גרינדונג פון דער געזעלשאַפט. דערביי איז נאָך וויכטיק אַרויסצורוקן דעם מאָמענט ווי די לאַנדסלייט פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט זיך נישט צו ברעקלען און נישט צו שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע סאָסיעטע.

דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן איין גאַנצע גרעסערע געזעלשאַפט, ווו ס'זענען פאַרטרעטן פאַרשטייער פון יעדן שטעטל. די אַרבעט אין דער סאָסיעטע ווערט געפירט האַרמאָניש און עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד פון איין לאַנדסמאַן צום צווייטן. אַלע האָבן די זעלבע רעכט, אַלע טראָגן די זעלבע פליכטן. די אַרבעט ווערט געפירט אונטער דער לאָזונג: פאַרשטאַרקן, פאַרבעסערן די אַרבעט פון דער סאָסיעטע און זאָרגן פאַר יעדן לאַנדסמאַן, ווו ער זאָל נישט זיין.

צום קאָמיטעט געהערן :

פּרעזידענט: אַדוו. מייראַנץ, וויצע-פּרעזידענט — ב. לעדערמאַן, גענעראַל-סעקרעטאַר — י. ג. כאַנאַכאָוויטש, טעכנישער סעקרעטאַר — פרוי העללער, קאַסירער — פּ. פּאָלאַק, פינאַנצן - סעקרעטאַר — ד. גאָלד. מיטגלידער: פּומערמאַן, זילבערבערג ש. , דר. ה. נייהאָרף, דר. ריסאַק, פרוי צימערמאַן, פרוי סטאַשעווסקאַ, פרוי פינהעק, מאַזור.

די טעטיקייט פון דער פלאָצקער געזעלשאַפט אין צאָלן.

צו דער פלאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט זענען צוגעקומען אין דער לעצטער צייט נייע לאַנדסלייט פון דער פלאָצקער געגנט (ריפין, סיערפץ, זשוראַמין, דראָבין ראַציאָנזש א. אַ.) אין איצטיקן מאָמענט האָט אונזער לאַנדסמאַנשאַפט איבער 150 מיטגלידער.

דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער פלאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט איז אַ גאָר כאַראַקטעריסטישער: **אונזער** שטאָט און איר אומגעגנט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע מענטשן (סאָקאָלאָוו, אסתר - גאָלדע סטראַזשעצקאַ, גרינבוים, בן-גוריון א.א.) האָט געציילט אין פּאַריז אַ היפּשע צאָל פון סטודענטן. אונזער לאַנדסמאַנשאַפט באַזיצט דעריבער 25 פּראָצענט אינטעלעקטועלע: 2 אינזשיניערן, 5 דאָקטוירים, 1 אַדוואָקאַט, 3 רעדאַקטאָרן, 4 פּעדאַגאָגן, 5 מוזיקער און קינסטלער, 10 בוכהאַלטערס און ביוראָ - אָנגעשטעלטע. 15 פּראָצענט זענען סוחרים-אַרטיזאַנען, 15 פּראָצענט אַרבעטער און 40 פּראָצענט בעל מלאכות.

מעדיצינישע הילף: אַ דאַנק דער אָפּפערפולער אַרבעט פון אונזערע לאַנדסלייט, די דאָקטוירים, נייהאָרף און רוסאַק, האָט אונזער לאַנדסמאַנשאַפט געגעבן הילף 14 לאַנדסלייט (60 עצות און אינטערווענצן).

הילף פאַר עמיגראַציע: אין פאַרלויף פון לעצטן יאָר האָבן מיר פאַרזאָרגט מיט וויזעס קיין פראַנקרייך 46 לאַנדסלייט פון די דייטשע לאַגערן (מיט דער הילף פון פאַרבאַנד), מיט וויזעס קיין פּאַראַגוויי — 12 לאַנדסלייט, קיין ווענעצועלע — 22 לאַנדסלייט (13 וויזעס זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן) אין איצטיקן מאָמענט מאַכן מיר באַמיִונגען צו באַקומען וויזעס קיין צפון און דרום - אַמעריקע — פאַר 25 לאַנדסלייט.

געזעלשאַפט „פריינט פון קאַלושין“

פּרעזידענט : סאַפּירשטיין

אונזער געזעלשאַפט „פריינט פון קאַלושין“ איז אַנטשטאַנען אין נאָוועמבער 1930 און איר טעטיקייט איז געווען: שאַפן אַ ברודער-קבר, קעגנזייטיקע הילף און שטיצע פאַר דער אַלטער היים. זי האָט גאַנץ געוויסנהאַפט געפירט איר אַרבעט ביז סעפּטעמבער 1939.

לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען אין אונזער רשות, איז דער צוזאַמענשטעל פון ערשטן קאָמיטעט געווען: יעלין הירש - לייזער — פאָרזיצער, דושאַנסקי משה — קאַסירער, בזשאָזען פנחס אהרן — פּרעזידענטסאַניטער, טאַפּאַריק מאָטל, הוטמאַן גדליה. אַלע קאָמיטעט - מיטגלידער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און נישט צוריקגעקומען. ס'איז געבליבן לעבן פון דעם קאָמיטעט מאָקאָל הערש יאָסל, וויצע פאָרזיצער און פוקס מאַקס.

די געזעלשאַפט איז אין זיין צייט געווען אָנגעשלאָסן אין דער פאָלקס - קליניק, זי האָט אָנטייל גענומען אין דער זבאָנזשין - אַקציע פון יאָר 1938. בעת דעם פּאָגראָם אין אונזער שכנות-דיקער שטאָט מינסק - מאַזאָוויעצק, אין צוזאַמענהאַנג מיטן שם פון אונזער בן-עיר כאַסקעלעוויטש אין יאָר 1936, האָט זי, בשותפות מיט דער מינסקער סאָסייעטי, אָרגאַניזירט הילף פאַר די פּאָגראָם - געליטענע. זי האָט אויך אָנטייל גענומען אין פּראָטעסט - מיטינג און בכלל געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונזער אַלטער היים קאַלושין. בעת די היטלער־רוצחים האָבן אָקופּירט פּאַריז, האָט די געזעלשאַפט אָפּגעשטעלט איר טעטיקייט.

נאָך דער באַפרייונג

תיכף נאָך דער באַפרייונג, אין יאָר 1945, האָבן די יונגע עלעמענטן זיך גענומען צוריק אָרגאַניזירן און אויפלעבן אונזער לאַנדסמאַנשאַפט.

סוף נאָוועמבער 1945, אויף דער ערשטער גרינדונג - פאַרזאַמלונג, איז אויסגעוויילט געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג אייזענשטיין שמואל — פאָרזיצער, טענענבוים נאָטע — סעקרעטאַר, מאָקאָל הערש יאָסל — וויצע-פאָרזיצער און פוקס מאַקס, דאָבזשינסקי שמואל, באַרקאָווסקי זישע, גלינאַ משה און גאָלדסאָבל חנה — פאַרוואַלטונגס - מיטגלידער. סוף דעצעמבער פון זעלבן יאָר איז אויך אַן אויסעראָרדנטלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג כמעט איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אָנצושליסן זיך אין פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן.

דער קאָמיטעט האָט בעיקר געפירט זיין טעטיקייט אין דער ריכטונג פון רעקאָנסטרוקטיווער הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע און שטיצע פאַר די געקומענע פון די לאַגערן. ער איז אין דעם אַ סך געהאָלפן געוואָרן דורך אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

מיר נוצן אויס די געלעגנהייט צו דאַנקען עפנטלעך זייער פאָרזיצער פּיאַסעצקי אברהם און דעם סעקרעטאַר וואַטאַזש יאָסל. אַ דאַנק זייער הילף איז צעטיילט געוואָרן קרוב אַ האַלב מיליאָן פראַנק פאַר פאַמיליעס און יחידים.

אין אַפּריל 1947 איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט אין פאָלגנדן צוזאַמענשטעל: סאַפּירשטיין וועלוול — פאָרזיצער, אייזענשטיין שמואל — וויצע - פאָרזיצער, טענענבוים נאָטע — סעקרעטאַר, קראַמאַזש איטשע — וויצע סעקרעטאַר, פוקס מאַקס — פּרעזידענט דע פּעט, קראַנענבערג אַחאַלף —

קאַסיר, פינקלשטיין סאַלאָמאָן, גאָט-העלף יעקב מענדל און טשישינסקי יחיאל — פאַרוואַלטונג - מיטגלידער, סאָקאָל הערש יאָסל און פשיסכע — פאַרטרעטער.

דער נייער קאָמיטעט, אויסער די שוין פריער דערמאָנטע אַרבעטן, פאַרנעמט זיך אויך מיט אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר די דעפּאָרטירטע לאַנדסלייט פון פּאַריז.

ס'איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע, אין באַשטאַנד פון די פריינט: סאַפּיהשטיין, אייזערשטיין, קראַמאַזש, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן אומקום פון אונזערע לאַנדסלייט און אונזער אַלטער היים-שטאָט קאַלישין, מיטן צוועק אַרויסצוגעבן אַ יזכור-בוך.

אונזער געזעלשאַפט נעמט אַן אַנטייל אין אַלע אַקציעס פון יידישן ישוב אין פּאַריז דורך אירע פאַרשטייער אין דער צענטראַל - פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן — אייזערשטיין און טענענבוים.

געזעלשאַפט „פריינט פון זשיראַרדאָוו"

פּרעזידענט : טיגער

לויט דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע זשיראַרדאָווער איז מען צוגעטרעטן אין יאָר 1945 צו אָרגאַניזירן די סאָסיעטע „פריינט פון זשיראַרדאָוו". צו דער סאָסיעטע געהערן אַלע לאַנדסלייט פון גאַנץ פראַנקרייך.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער סאָסיעטע איז געווען צו העלפן די אלמנות, ווי אויך די 7 קיילעכדיקע יתומים, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן פון דער סאָסיעטע. לעצטנס, אַ דאַנק דער מיטהילף פון די זשיראַרדאָווער אין אַמעריקע, איז געלונגען צו העלפן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב די ניי-געקומענע לאַנדסלייט.

9 איינגעוואַנדערטע האָט דער קאָמיטעט פאַרטיילט שטיצע ביים איינאָרדנען זיך, געבנדיק פון 20 ביז 100 טויזנט פראַנק. אַ טייל פון זיי האָט דער קאָמיטעט אויף אייגענע הוצאות אַראָפּגעבראַכט פון די דייטשע לאַגערן. די אַלגעמיינע שטיצע פאַר די ניי-איינגעוואַנדערטע באַטרעפט 342.130 פראַנק.

ל. טיגער

פאַר בעל-מלאכות און קליינהענדלער, אַלט-איינגעזעסענע, האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעבאָרגט 110.000 פראַנק. אויב ביז איצט האָט דער קאָמיטעט זיך באַמיט צו העלפן און איינאָרדנען זיינע לאַנדסלייט, וועט ער איצט, צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע כוחות, פאַרטיידיקן דאָס דעראָבערטע און דאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן.

די סאָסיעטע ווענדעט זיך מיט אַן אַפּעל צו אירע לאַנדסלייט אין פּאַריז: אַלע דאַרפן העלפן און בויען, און נישט נאָר וואַרטן אויף דער הילף פון אַמעריקע.

צו דער סאָסיעטע געהערן 43 מיטגלידער.

צום קאָמיטעט געהערן די פאָלגנדע פּערזאָנען:

פּרעזידענט — טיגער, וויצע-פּרעזידענט — שוואַרצשטיין, גענעראַל-סעקרעטאַר — ראָטבלאַט, קאַסירער — פאָגעל, מיטגלידער: שולעוויטש, וואַסערמאַן, ראָזענפעלד, לאַנדסבערג, זאַלמאַנאָוויטש.

געזעלשאַפט „מאָדערנער הלוואה-פאַריין"

(געשריבן אויפן סמך פון אַרכיוו-מאַטעריאַלן).

די געזעלשאַפט „מאָדערנער הלוואה-פאַריין" איז פאַקטיש אַ חברה גמילת-חסד. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928-טן יאָר. אירע גרינדער זיינען געווען די הערן קאָבדען, רוקלין, פאַרטנער, לעוויטאַס, קאַראַביינִיק, ווייסמאַן, קאַרמאַן, וואָסק, יאַקנאָווסקי, גאָלדשטיין מאָס, קאַמאַראָווסקי.

דער דאָזיקער פאַריין איז באַשטאַנען פון יידן, וואָס וווינען אין פּאַריז און אומגעבונג. דער ציל פונעם פאַריין איז געווען צו באָרגן געלט אָן פּראָצענט יעדן מיטגליד וועלכער נויטיקט זיך אין דעם, ווי אויך — זאַמלען געלט צו פאַרזיכערן דעם פאָנד פון דער לייַ-קאַסע. יעדער מיטגליד פלעגט איינצאָלן 25 פר. אלס איינשרייב-געלט און 2 פר. וואָכן-געלט. ווען אַ מיטגליד איז געווען קראַנק, אָדער פאַרייזט, איז ער געווען באַפרייט פון מיטגלידס-אָפּצאָל.

ווען אַ מיטגליד פלעגט אַרויסטרעטן פון פאַריין, פלעגט ער האָבן רעכט צוריק צו באַקומען זיין געלט, וואָס ער האָט איינגעצאָלט ביז זיין אַרויסטרעטן. ווען

אַ מיטגליד פלעגט שטאַרבן, פלעגט תיכף דער אלמנה אָדער די יורשים אויסגעצאָלט ווערן אַ געוויסע סומע, לויט די קאַסע־מעגלעכקייטן.

דער פאַריין איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון 9 מיטגלידער.

קאָמיטעט־זיצונגען פלעגן פאָרקומען רעגולער 2 מאָל אין חודש און איין מאָל אין חודש — אַן אלגעמיינע פארזאמלונג. ביים פאַריין האָט עקזיסטירט אַ פאָרמעלער סטאַטוט, וועלכן די מיטגלידער פלעגן זיך מוזן אונטערוואַרפן.

אין דעם דאָזיקן סטאַטוט זענען פאָרויסגעזען געוואָרן, ניט נאָר פראַקטישע כללים פון ריין־אדמיניסטראטיוון כאַראַקטער, נאָר אפילו ספעציעלע רובריקן וועגן דער פערזענלעכער האלטונג פון די מיטגלידער אויף די פאַרזאמלונגען, וועגן קעגנזייטיקן דרך־ארץ, העפלעכקייט און אפילו וועגן זייער אויפפירונג מחוץ פון פאַריין.

די גרויס פון די הלוואות איז אָפּהענגיק געווען פון צושטאַנד אין דער קאַסע, אלנפאַלס דעם ערשטן יאָר האָט זי ניט געדאַרפט איבערשטייגן 100 פראנק.

דער קאָמיטעט :

פון רעכטס אויף לינקס : עס זיצן שומאנאָווסקי, פרימאן, שלאָנצער, טוער, באיאקאנסקי, קאלסקי. עס שטייען — שומאנאָוויטש, ליפשיץ, שערמאן, באָריס שימאנאָווסקי

דער ערשטער פרעזידענט פונעם פאַריין איז געווען מ. לעשטשינער, וויצע־פרעזידענט — בראָוונער, קאסירער — באיאָקאנסקי, גענעראל־סעקרעטאר — לעשטשינער ב.

דער צווייטער פרעזידענט איז געווען וואָסק. דער דריטער פרעזידענט זוסמאַן, דאן ווידער וואָסק און ווידער לעשטשינער. באיאָקאנסקי איז געווען קאַסירער פון אָנהויב ביזן סוף.

אַזוי האָט די געזעלשאַפט שטיל און באַשיידן געמאַכט אַ גוטע אַרבעט זייט איר אַנטשטיין ביז צום יאָר 1939.

די געזעלשאַפט עקזיסטירט ניט מער.

געזעלשאַפט „אידעאַל פראַטערנעל"

פרעזידענט : יונגפער

די געזעלשאַפט „אידעאל פראטערנעל" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1911. אירע גרינדער זענען געווען : בראון, אנקעלעוויטש, דרוביאנסקי. צוערשט האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט געטראָגן דעם נאָמען „לא פאָלאָנעז". נאָך די פּאָגראָמען אין פוילן האָט מען געענדערט דעם נאָמען אויף „אידעאַל פראטערנעל".

ווי ביידע נעמען ווייזן, איז עס ניט קיין לאנדסמאנשאַפט. דער אָפּשטאם פון אירע מיטגלידער איז א פארשידענער, ווי אויך זייער סאָציאַלער שטאַנד. די צאָל מיטגלידער ביי דער גרינדונג איז געווען 45. דער ערשטער פרעזידענט — בראון. שפעטער פארן קריג האָט די געזעלשאַפט געציילט 140 מיטגלידער.

די טעטיקייט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען אין קעגנזייטיקער הילף, ווי העלפן קראַנקע, זקנים און לווית-המת. מען פלעגט צאָלן 5 פר. אַ טאָג קראַנקן־שטיצע ביז 3 מאָנאַטן.

פאר דער זבאָנשין־אַקציע האָט זיך די געזעלשאַפט באַשטייערט מיט 10 טויזנט פראנק.

דער צווייטער פרעזידענט איז געווען דראָביאנסקי. פון 29־טן ביזן 42־טן יאָר איז געווען פרעזידענט אנקעלעוויטש — ערשטער פרעזידענט פון פארבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן נאָכן קריג.

פארן קריג איז ביי דער געזעלשאַפט געווען אַן אייגענע לייַ־קאַסע, פון וועלכער מען פלעגט אַרויסגעבן הלוואות פאַר די מיטגלידער ביז טויזנט פר. אָן קיין שום גאראנטיע.

בעת דעם קריג איז יעדע טעטיקייט אָפּגעשטעלט געוואָרן. בערך אַ העלפט פון די מיטגלידער איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאציע. ביי 10 זיינען געפאלן אויפן פראָנט. פאר זייער אָנדענק איז געשטעלט געוואָרן א מאָנומענט אויפן בית־עולם באניע. דער מאָנומענט האָט געקאָסט 152 טויזנט פראַנק. די דאָזיקע סומע איז געדעקט געוואָרן דורך די אייגענע מיטגלידער.

נאָך דער באַפרייונג איז די געזעלשאַפט צוריקגעשטעלט געוואָרן ביי אַ צאָל פון 80 מיטגלידער. זייט דעם 30-טן מערץ 1946 איז איר פרעזידענט יונגפער.

די באַנייטע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין שטיצן אלמנות, פרויען פון העפאָרטירטע און קראַנקע.

מען האָט זיי ארויסגעגעבן 50 פר. אַ טאָג. מען האָט איינגעקויפט 4 קרקעם : אויף איינער איז געשטעלט געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער מאָנומענט, אויף איינער — אַ קבר.

די געזעלשאַפט האָט ארויסגעגעבן פאר דער לייַ־קאסע פון „אוניאָן" 103 טויזנט פראַנק אַלס הלוואה און 10 טויזנט פר. דעם פארבאנד לטובת די ניי־איינגעוואנדערטע אַלס באַשטייערונג. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן 3 בעלער, פון וועלכע יעדער האָט אריינגעבראַכט 660 טויזנט פראנק.

אין ספעציעלע פאַלן באָרגט מען אויס מיטגלידער ביז 50 טויזנט פר. אויף אַ יאָר צייט אָן פראָצענט. די דאָזיקע סומעס ווערן געשאפן פון אייגענע מיטלען.

די ארגאניזאציע „העפוד“

אהב את המלאכה
ושנא את הרבנות.
(פרקי אבות)

איינע פון די שענסטע און פרוכטבארסטע דערגרייכונגען נאך דער מלחמה פונעם יידישן ישוב אין פאריז איז אן ספק דער „העפוד“. דאס ווארט קומט פון די אנהייב־אותיות פון די פראנצויזישע ווערטער:

Habillement des Enfants des Fusillés et Déportés.

(באקליידונג פון קינדער פון די דערשאסענע און דעפארטירטע)

דאס איז אן אינסטיטוציע, מיט וועלכער עס קאנען שטאלצירן סיי די איניציאטארן און גרינדער, סיי די געזעלשאפטן, וועלכע האלטן זי אויס. דער פרעזידענט פון דער דאזיקער אינסטיטוציע איז דער הער זשאק אנזשער, ערן־פרעזידענט — הער אנדרע טאלע, סעקרעטאר פון דער ס. זש. ט. און פרעזידענט פון פאריזער באפרייונג־קאמיטעט.

די געשיכטע פון „העפוד“

צווישן די פילע סאציאלע פראבלעמען, וועלכע זענען ארויסגעשווומען נאך די שוידערלעכע געשעענישן פונעם לעצטן קריג, זענען פאלגנדיקע צוויי געווען די ברענענדיקסטע: 1) די פראפעסיאנעלע איבערקלאסירונג פון די דעפארטירטע און בעיקר פון די ניי־איינגעוואנדערטע. 2) די באקליידונג פון די קינדער פון דערשאסענע און דעפארטירטע, וואס איז נישט ווייניקער וויכטיק, ווי די זארג פאר זייער געזונט און דערציונג.

כדי צו לייזן אט די ביז גאר וויכטיקע פראבלעמען, האט זשאק אנזשער, אין אנהייב פון יאר 1946, גענומען די איניציאטיוו צו גרינדן אן אנשטאלט, וואס זאל פראדוצירן מלבושים פאר די קינדער פון דערשאסענע און דעפארטירטע, דורך די מענטשן, וועלכע דארפן איבערקלאסירט ווערן און לערנען א מלאכה.

כדי צו רעאליזירן אזא געוואגטע אונטערנעמונג, האט מען געמוזט בייקומען אומגעהויערע טעכנישע שוועריקייטן, פינאנציעלע און געזעלשאפטלעכע, ווי די פראגע פון א לאקאל, מאשינען, שטאף, אינסטרוקטארן און ועל כולם — געלט. הערצו איז נייטיק געווען צו איבערצייגן די סאציאלע און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס פון דער וויכטיקייט פון דאזיקן פראיעקט.

אין משך פון עטלעכע מאנאטן איז זשאק אנזשער, דעם גרינדער און פרעזידענט פון „העפוד“, געלונגען גובר צו זיין די אלע מניעות און צו רעאליזירן זיין פראיעקט, שאפנדיק פיר צענטערס, וועלכע ארבעטן אין פולן גאנג און וועלכע בילדן דעם „העפוד“.

די ערשטע ארגאניזאציע, וועלכע איז צוגעשטאנען צו דער רעאליזירונג פון דעם גרויסארטיקן פראיעקט, ביישטייערנדיק איר קלאסאלע מיטהילף, איז געווען דער „פארבאנד פון ווידערשטאנד און קעגנזייטיקער הילף“ („אוניאן“). דער „אוניאן“ האט גרויסמוטיק אפגעגעבן אין רשות פון „העפוד“ זיין 5־שטאקיק הויז אויף 120 רי ווייעי די טאמפל און דערמיט געהאלפן דערפאלגרייך צו פארווירקלעכן דעם פראיעקט פון הער אנזשער. עס האבן אויך מיטגעווירקט און צוגעהאלפן מיט זייער מאטעריעלער און מאראלישער הילף די פאלגנדיקע ארגאניזאציעס: „אמיקאל דע פורער“, „אזע“, די יידישע אינטער־סינדיקאלע קאמיסיע ביי דער ס. זש. ט. „קאלאני סקאלער“, „אמיקאל ד'אבי־באן“, דער פראפעסיאנעלער פאריין פון טריקאטערן, ארטיזאנען און קליינע פאבריקאנטן.

ביי היינטיקן טאג גרופירט דער „העפוד“ ארום זיך די פאלגנדיקע ארגאניזאציעס:

פראפעסיאנעלע:

„אמיקאל דע פורער“

פאריין פון טריקאטערן, ארטיזאנען און קליינע פאבריקאנטן.

די נאציאנאלע פעדעראציע פון ארבעטער - סינדיקאטן פון פעל און לעדער.

די אינטערסינדיקאלע קאמיסיע ביי דער ס. זש. ט.

דער סינדיקאט פון שיך פאבריקאנטן.

טעקסטיל־סינדיקאט.

סינדיקאלער באקלייד־פאריין.

סאציאלע:

„אזע“.

„אוניאן“.

פארבאנד פון יידישע געזעלשאפטן „פעדעראציע“.

„קאלאני סקאלער“

נאציאנאלער פאריין פון די פאמיליעס פון דערשאסענע.

סאציאלער אריענטאציע - צענטער פאר אויסלענדער.

„צערקל אמיקאל“

„די אפשטאמיקע פון בעסאראביע“.

„רענוווא“.

פאריין פון לאדזשער פריינט.

ווו. י. ס. פ. (פאריין פון ספרדישע יידן אין פראנקרייך)

פאריין פון שעדלעצער פריינט.

ועד הצלה (שוץ פון די קינדער פון דערשאסענע און דעפארטירטע)

די טעטיקייט פון „העפוד“

מיט דער שאפונג פון די פראפעסיאנעלע איבערקלאסירונג־צענטערס, וואס זענען שטרענג קאארדינירט מיט דער באקליידונגס־פראדוקציע, ווערן אויסגעפילט צוויי אויפגאבן:

1. די פראדוקטיוויזירונג פון די מענטשן, וועלכע זענען פריער געפאלן צו לאסט דער געזעלשאפט.

2. די באקליידונג פון די קינדער פון דערשאסענע און דעפארטירטע.

כדי צו דערגרייכן דעם דאזיקן טאפלטן ציל, זענען אין די צענטערס אינסטאלירט געווארן שול - אטעליעס פון פארשידענע פאכן, ווו די פריערדיקע שטיצע - נעמער, פרויען פון דערשאסע-

נע און דעפּאָרטירטע, אַמאָליקע דע־פּאָרטירטע, ניי - איינגעוואַנדערטע פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, לערנען זיך פאַכן אונטער דער אָנפירונג פון קוואַליפיצירטע אינסטרוקטאָרן.

היינט צו טאָג עקזיסטירן אין פּאַריז פיר לערן-צענטערן, ווו עס ווערן געלערנט פאָלגנדיקע פאַכן:

אויף 120 רי וויעי די טאַמפּל

אַן אַטעליע פון טריקאָטאַזש (23 שילער).

אַן אַטעליע פון וועש (24 שילער).
אַן אַטעליע פון מענער-קאָנפעקציע (35 שילער).

אַן אַטעליע פון שוסטעריי (פאַריכטן שיך) און קינדער-סאַנדאַלן (18 שילער).

אַן אַטעליע פון דאַמען-קאָנפעקציע (28 שילער).

אַן אַטעליע פון פוטער-קירזשנעריי (26 שילער).

אַן אַטעליע פון דובלירונג (10 שילער).

4 **רי זשאַן ראָבער:**
מענער-קאָנפעקציע (42 שילער).

אויף רי סט. אַנטואַן 80:
אַן אַטעליע פון וועש (60 שילער).

אויף רי דע ראַנדעוו 60:
אַן אַטעליע פון וועש (36 שילער).

די שילער באַקומען אַ סובווענציע.
דעם ערשטן חודש 5.500 פר.
דעם צווייטן חודש 6.000 פר.
דעם דריטן חודש 7.000 פר.

אויף אַזאַ אופן פאַלן די שילער ניט מער צו לאַסט דער געזעלשאַפט און זיי געווינען זיך צו צו דעקן זייערע הוצאות מיט פאַרדינסט פון זייער אַרבעט.

די געלט-קוועלן און די אויסגאַבן

די שילער באַקומען אויסגעצאָלט זייער לוין דורכן „העפּוד", וואָס באַקומט פאַר זיי דאָס געלט דורכן „קאַזשאַסאָר".

די אויסגאַבן פאַר די מאָניטאָרן און פאַר דער אַדמיניסטראַציע ווערט צום טייל געדעקט דורכן „דזשאָינט". דאָס איבעריקע ווערט געזאַמלט אויפן אָרט דורך באַשטייערונגען. די רוי־שטאָפן באַקומט דער „העפּוד" דורך זאַמלונגען און דורך באָנען, וואָס ווערן אים צוגעטיילט פון די רעגירונגס־אַמטן.

ביזן היינטיקן טאָג זענען פון די 1200 שילער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט פאַכן, 1000 אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּראָדוקציע. דער „העפּוד" איז בכוח אויסצובילדן פון 1.500 ביז 2.000 אַרבעטער אַ יאָר.

ביז איצטער האָט דער „העפּוד" פאַרטיילט 30.000 מלבושים: העמדער, פּיזשאַמעס, אונטערהויזן, פּולאָווערס, לייב־העמדלעך, באָד-קאָסטיומען, פאַרטוכער, שאָרטן, וואָלענע קליידער, זומער-קליידער, זומער־העמדלעך, רעקלעך (זשיפּן), פעלץ-מאַנטלען, לייוונט-מאַנטלען, קאָסטיומען, הויזן, באַזוילטע שיך און פאַבריצירטע סאַנדאַלן.

די אָרדענונג אין די אַטעליעס איז אַ מוסטערהאַפטע און די באַציונג פון די אינסטרוקטאָרן — אַ חברישע. די שילער, וועלכע מאַכן דאָ דורך זייער סטאַזש, גייען אַרויס געקעפּטיקט און דערמוטיקט, פילנדיק, אַז זיי האָבן שוין אַ באָדן אונטער די פיס, אַז זיי וועלן שוין מער נישט דאַרפן בעטלען, נישט דאַרפן קלאַפּן אין די טירן פון די הילפס-אינסטיטוציעס.

די אויסגעוואָרצלטע מענטשן באַקומען די מעגלעכקייט צו ווערן ווידער נוצלעכע, פּראָדוקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

די גרינדער פון „העפּוד", דעם פּרעזידענט, הער זשאַק אַנזשער, דעם „אוניאָן" און אַלע יידישע געזעלשאַפטן, וועלכע ווירקן אויף אַזאַ ממשותדיקן אופן מיט, אַז די יידישע אויסגעוואָרצלטע מלחמה-קרבנות זאָלן געהאָלפן ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן ווירדיקע נוצלעכע עלעמענטן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פונעם לאַנד, פאַרדינען די אָנערקענונג פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך און די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און אונטערשטיצונג פון די יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט.

געזעלשאַפט קאָצק-זשעלעכאָוו

פּרעזידענט : שטערן

אין 1929 איז אויסגעבראָכן אין קאָצק אַ גרויסע שרפה. תיכף, ווי מען האָט זיך דערוווסט פון דאָזיקן אומגליק, האָבן זיך די קאָצקער לאַנדסלייט אין פּאַריז צוזאַמענגעטראָפן און באַשלאָסן צו גרינדן אַ הילפס-פאַריין און דורכצופירן אַ ספּעציעלע אַקציע צו העלפן די קרבנות פון דער שרפה. במעט אַלע קאָצקער האָבן זיך באַטייליקט אין דער זאַמלונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 15.000 פר.

אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקן, אַז עס האָט זיך געפירט אַ לייַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע, צי דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן אויפן נאָמען פון אַלגעמיינעם קאָמיטעט פון די געליטענע נשרפים, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן סיי די יידן, סיי די קריסטן, אָדער בלויז פאַר די יידישע לאַנדסלייט.

די פריינט שטערן און ראָטבאום האָבן איבערגעצייגט די לאַנדסלייט, אַז דאָס געלט, געשאַפן צווישן יידן און קריסטן דאַרף געשיקט ווערן דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט. די אָפּקלאַנגען פון דעם סאָלידאַריטעט-זשעסט זענען געווען גאַנץ טי-

פע און מיטגעווירקט צו דער דערנענטערונג פון ביידע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אינעם שטעטל.

גרינדונג פון דער געזעלשאַפט

דעם זעלבן יאָר האָט זיך געגרינדעט אין פּאַריז אַ סאָסיעטע פון זשעלעכאָווער, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער פריינט איטשע מעסינגער (רעפּאָרטירט).

די פריינט פון זשעלעכאָוו האָבן פאָרגעלייגט דעם פאָרזיצער פון קאָצקער הילפס-פאַריין צו פאַראייניקן ביידע געזעלשאַפטן. דער פאָרשלאַג איז גינסטיק אויפגענומען געוואָרן פון דער מיטגלידערשאַפט און אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט פון קאָצק-זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט.

אין יענע יאָרן איז די לאַגע אין פראַנקרייך נישט געווען קיין גינסטיקע פאַר אויסלענדער. אונזער געזעלשאַפט האָט געהאָלפן זיך איינאָרדענען די ניי-געקומענע און אויך מיטגעהאָלפן צוריקצופאָרן קיין פוילן די יעניקע, וועלכע האָבן, טראָץ אַלע באַמיונגען, דאָך ניט געקענט בלייבן אין פראַנקרייך לעבן און אַרבעטן.

די געזעלשאַפט האָט אַנטוויקלט אַ טעטיקייט פון קעגנזייטיקער הילף און אויך אַ קולטורעלע טעטיקייט. זי האָט איינגעאָרדנט רעפעראַטן אויף די פאַרשידנסטע טעמעס, טעאַטער-פאָרשטעלונגען א. אַז. וו. אין 1939 האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אַ פאָרשטעלונג מיט דער מיטהילף פון יעקב ראָטבאַום, געוועזענער רעזשיסער פון „פיאַט”. עס איז געשפּילט געוואָרן „200 טויזנט” פון שלום-עליכם.

מיטגרינדונג פונעם פאַרבאַנד

די געזעלשאַפט האָט זיך באַטייליקט אויף אַן אַקטיוון אופן אין דער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער פאָרזיצער, פריינט שטערן, איז געווען צווישן די בויער פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, פון דער פאָלקס-קליניק, וואָס איז, אַגב, געווען געדונגען אויף זיין נאָמען. זי האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַקציע „זבאָנשין”.

אין דער מלחמה-צייט זענען אַ סך מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דעפּאָרטירט געוואָרן, געפאַלן אין קאַמף קעגן דעם שונא.

נאָך דער באַפרייונג

נאָך דער מלחמה האָט די געזעלשאַפט באַנייט איר טעטיקייט. אַדאַנק דער ממשותדיקער מיטהילף פון דער זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע און בעיקר פון סעקרעטאַר, פריינט ווייסלעדער, האָבן מיר געקענט איבערברענגען פון די דייטשע לאַגערן אַ געוויסע צאָל פון אונזערע לאַנדסלייט און געהאָלפן זיי זיך איינאָרדענען אין פראַנקרייך.

די געזעלשאַפט האָט אויך געהאָלפן ביי אַ 20 פאַמיליעס, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע.

לאָמיר דאָ דאַנקען אונזער לאַנדסמאַן, דעם רעסטאָראַטאָר וואַרשאַווסקי, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט די לאַנדסלייט צו עסן ביי אים אין רעסטאָראַן.

פאַרן אָפּפאָרן פון די לאַנדסלייט קיין אויסטראַליע האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט פאַר זיי אַ געזעגענונגס-באַנקעט.

דער חשובער לאַנדסמאַן, דער ערן-פרעזידענט פון אונזער געזעלשאַפט, דער באַוווסטער רעזשיסער יעקב ראָטבאַום, האָט ביי זיין באַזוך אין פּאַריז געגעבן אַ פאָרשטעלונג לטובת דעם הילפס-פאָנד פון אונזער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט האָט זיך באַטייליקט אין דעם ווידעראויפבוי פון פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, און ווי אַן אָנגעשלאָסענע לאַנדסמאַנשאַפט נעמט זי אָנטייל אין דער געמיינזאַמער, אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אַרבעט פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך.

ראָוונער געזעלשאַפט

פרעזידענט : בערגמאַן

צוויי מאָמענטן כאַראַקטעריזירן די ראָוונער סאָסיעטע, דאָס זענען: איר עלטער — איינע פון די עלטסטע אין פראַנקרייך — און דער פאַקט, וואָס עס איז נישטאָ קיין לאַנדסמאַנשאַפט אין ענגן זין פון וואָרט. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זענען פון דער ראָוונער סאָסיעטע געבוירן געוואָרן עטלעכע אַנדערע סאָסיעטעס. און אפילו נאָכדעם ווי די נישט-ראָוונער האָבן געשאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס, איז נאָך אַלץ די ראָוונער סאָסיעטע אַ מין „אינטערנאַציאָנאַל”. גענוג דער פאַקט, אַז דער פרעזידענט אַליין פון דער ראָוונער סאָסיעטע, פריינט בערגמאַן וואָלף, איז נישט קיין ראָוונער.

די עמיגראַציע פון ראָוונער יידן קיין פראַנקרייך הייבט זיך אָן אין יאָר 1905. די סיבות פון דער עמיגראַציע זענען, ווי אין פיל אַנדערע שטעט פון תחום המושב אין צאַריסטישן רוסלאַנד, געווען פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. צוליב דעם טאַקע איז דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די ראָוונער יידן אין פראַנקרייך געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער. עס זענען געווען האָרעפּאַשנע יידן, פאַרפאָלגטע פון דער צאַריסטישער זשאַנדאַרמעריע; עס זענען געווען רואינירטע סוחרים - און - סתם - יידן, - וועלכע האָבן געזוכט אַ מקום מקלט פון די צאַריסטישע פּאָגראָמען, פון די אכזריותדיקע רציחות איבער יידן פון דער טרויעריק - באַרימטער צאַריסטישער „שוואַרצער מאה”.

אין יאָר 1913 האָט פריינט נ. האָפמאַן —— אַן אמתער ראָוונער — גרופירט זיינע צעזייטע לאַנדסלייט און זיי פאַראייניקט אונטערן נאָמען „ראָוונער סאָסיעטע”, פון וועלכער ער איז דער

פרעזידענט אין משך פון א פאר צענדליק יאר. אים, אלס הויפט-גרינדער, האבן געהאלפן די פריינט: ל. האפמאן, ראזענצווייג, דומערג, ריווקעס מאקס, ראזענצווייג איזאק, וויינשטאק א. א.

די אויפגאבן, וואס די ראוונער סאסיעטע האט זיך געשטעלט, זענען געווען די זעלבע, וואס ביי אנדערע לאנדסמאנשאפטן: א קאווא, מעדיצינישע הילף, שטיצע פאר קראנקע מיטגלידער און פאר די פרויען פון געשטארבענע מיטגלידער.

ביי דער סאסיעטע האט עקזיסטירט א ליי-קאסע מיט א גרונט - קאפיטאל פון 20 טויזנט פר. הלוואות פלעגן ארויסגעגעבן ווערן אין דער גרייס פון 500 פר. פאר א מענטשן. אויף צו דעקן אט די אלע הצטרכות פלעגן איינגעארדנט ווערן באלער, באנקעטן, קינא און אנדערע אונטערנעמונגען. פרוי האפמאן פלעגט יעדעס יאר ארויסגעבן אן ערן-בוך, אין וועלכן מען פלעגט איינשרייבן א געוויסע סומע.

די ראוונער סאסיעטע האט איבערגעלעבט די צוויי וועלט - מלחמות, ריכטיקער געזאגט: איבערגעלעבט האט זי די ערשטע וועלט-מלחמה (18-1914), די צווייטע אבער האט איבערגעלעבט בלויז א נישט - באדייטנדיקער טייל. אלע איבעריקע זענען אומגעקומען אויף די דייטשע מאדערנע שייטערהויפנס.

ביים אויסברוך פון קריג 1918-1914 איז דער פרעזידענט און גרינדער פון דער סאסיעטע, פריינט נ. האפמאן, אוועק אויפן פראנט, ווו ער איז פארבליבן אלס קעמפער פאר פראנקרייך ביזן סוף פון קריג. עס איז אויך אוועק דער סעקרעטאר, פריינט ליפשיץ.

אין יאר 1915, ווען ער איז געקומען אויף אורלויב, איז דער פריינט האפמאן, ניט געפינענדיק, נישט דעם סעקרעטאר און נישט די ביכער, געגאנגען אין די הייזער פון די מיטגלידער און האט יעדן באזונדער גערופן אויף א פארזאמלונג. דערביי דארף באמערקט ווערן, אז די צאל מיטגלידער איז געווען 196. אויף דער דאזיקער פארזאמלונג איז אויסגעוויילט געווארן אלס פרעזידענט דער פריינט ראבאמניק. עס איז באשלאסן געווארן פארצוזעצן די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.

נאכן קריג איז די פרעזידענץ ווידער איבערגעגעבן געווארן דעם גרינדער פון דער סאסיעטע, דעם פריינט האפמאן, וועלכער איז פארבליבן און געווען טעטיק אויף זיין פאסטן ביזן יאר 1938.

אבער באלד האט זיך אנגעהויבן אין דער ראוונער לאנדסמאנשאפט א שפאלטונג, אין רעזולטאט פון וואס עס זענען געשאפן געווארן די בעסאראבער סאסיעטע, די סאסיעטע „פאראדי", „אמיקאל איזראעליט", „ל'אווניר ד'איזראעליט", די סאסיעטע „סימפאטיק" א.א.

דריי פערטל פון די מיטגלידער פון ראוונער סאסיעטע זענען אומגעקומען בעת דער דייטשער אקופאציע. פאר די דאזיקע מארטירער איז אויפן בית-עולם באניע אויפגעשטעלט געווארן א מאנומענט, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די אלע קדושים.

נאך דער באפרייונג איז די טעטיקייט פון דער ראוונער סאסיעטע געווארן באנייט. היינט צו טאג ציילט זי ביי 100 מיטגלידער מיט איר זיץ-ארט אויף לאנקרי 10. די ארבעטס-געביטן פון דער סאסיעטע זענען ווי תמיד די זעלבע. לעצטנס האט זיך די סאסיעטע באשטייערט פאר דער ארץ ישראל-קאמפאניע מיט א סומע פון 25 טויזנט פר. א חוץ דעם, האט דער ערן-פרעזידענט, פריינט הובערמאן, פון זיך פערזענלעך, אריינגעטראגן א סומע פון 25 טויזנט פר. די זאמלונג איז נאך אין גאנג.

דער באשטאנד פון היינטיקן קאמיטעט איז פאלגנדיקער:

ערן-פרעזידענט — הובערמאן.
פרעזידענט — בערגמאן וואלף.
וויצע-פרעזידענט — שטיינבערג אלבערט.
גענעראל-סעקרעטאר — בארבאנעל מאריס.
סעקרעטאר דע פעט — האפמאן זשאק.
ראטגעבער — געלבארט, פארקיעט.

געזעלשאפט פון ראוונער לאנדסלייט

פרעזידענט : ד"ר בעקער

די געזעלשאפט „ראוונער לאנדסלייט", וואס האט איר זיץ אויף 14 רי דע פאראדי, איז געשאפן געווארן תיכף נאך דער באפרייונג פון פראנקרייך, מיט פאלגנדיקע צילן:

1) פאראייביקן דעם אנדענק פון 35 טויזנט ראוונער מארטירער, וואס זענען דערמארדעט געווארן דורך די היטלער - באנדעס.

2) העלפן מיט אלע מיטלען די לעבנגעבליבענע, וואס קומען קיין פראנקרייך, כדי זיך דא איינצוארדנען, אדער פארצוזעצן זייער רייזע ווייטער, צו אנדערע נייע היימען.

די באפעלקערונג פון ראוונע, דעם גרעסטן קאמערציעלן און גייסטיקן צענטער פון וואלין, איז באשטאנען פון 50 ביז 60 פראצענט יידן. א רואיקע שטאט, אבער מיט א טעטיקן, פילזייטיקן, ארבעטרייכן לעבן. מיט אירע ליצייען, שולן, טעאטערס, קינאס, צייטונגען, האט זי באהערשט דאס גייסטיקע לעבן פון דער גאנצער געגנט.

די היטלער - באנדעס האבן אלץ פארניכטעט. די יידישע באפעלקערונג איז געווארן אויסגעמארדעט אין צוויי „אקציעס". איינע אין נאוועמבער 1941 און די צווייטע אין יולי 1942. נאר ווייניק יידן זענען געבליבן לעבן. עס פעלן

נאָך דאָקומענטן איבער די איינצלהייטן פון די דאָזיקע מאָרדן.

דאָס ביסל לעבן - געבליבענע יידן זענען די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, אַוועקגייענדיק צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי.

דער קריג און די לופט - באָמבאַרדירונגען האָבן פאַרענדיקט די צעשטערונג פון ראָוונע. לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען ביים סוף קריג גאַנצע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט געווען צעשטערט. דער וואָקזאַל, די פּאָסט פאַרברענט.

די קאָלאָניע פון ראָוונער יידן אין פראַנקרייך, וואָס ציילט היינט אַן ערך 140-130 מיטגלידער, גרופּירט זיך אַרום אונזער געזעלשאַפט, וואָס טוט אַלץ, כּדי צו העלפן די געראַטעוועטע לאַנדסלייט. מיר האָבן געשאַפן געוויסע פאָנדן, צום טייל דורך באַשטייערונגען, צום טייל דורך פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

דער קאָמיטעט אַנטוויקלט אַן אַקטיווע טעטיקייט. ער קומט זיך יעדע וואָך צוזאַמען און באַטראַכט אַלע נויטיקע פּראָבלעמען פון הילף פאַר די באַדערפטיקע. ביז איצט זענען שוין אַן ערך 50 לאַנדסלייט אונטערגעשטיצט געוואָרן. די סומע, וואָס מיר האָבן ביז איצט אויסגעגעבן פאַר הילפס־צוועקן, דערגייט ביז צו אַ מיליאָן פראַנק.

יעדן יאָר קומט פאָר אַן אָנדענק־אוונט פאַר אונזערע געפאַלענע לאַנדסלייט. אונזער לאַנדסמאַן דר. נח גרים האָט אויך געהאַלטן זייער אַ דאָקומענטירטן רעפעראַט וועגן די געשעענישן אין ראָוונע במשך פון דער אָקופּאַציע.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אונזער געזעלשאַפט באַקומט כמעט נישט קיין שום הילף פון אויסלאַנד. אַלע אונזערע פאָנדן ווערן געשאַפן דאָ אויפן אָרט.

דער קאָמיטעט ווערט יעדן יאָר ניי אויסגעוויילט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. דער צולעצט אויסגעוויילטער באַשטייט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

דר. בעקער, מ. הערמאַן, פּ. מורקאָוויטש, מ. ביק, ס. פּאָזאַרניק, מ. קאַנהעלמאַן, ד. מאַרשלעין, מאַדאַם מ. פרענקעל, ס. גראַלניק ס. בורשטיין.

ערשטער יידישער אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו אין פראַנקרייך

נאָך לאַנגע יאָרן שמאַכטן אין די צאַרישע תּפיסות אין סיביר און אויפן ווייטן מזרח האָבן זיך אַ געוויסע צאָל אַלטע רעוואָלוציאָנערן פונעם רומפולן אויפברויז פון 1905 אַרויסגעריסן פון צאַריסטישן רוסלאַנד און געלאָפן איבער דער וועלט זוכן אַ מקום מקלט.

אַ טייל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז. אָט די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַציע, וואָס איז געווינט געווען צו אַ געזעלשאַפטלעך - אָרגאַניזירטן סאָלידאַרישן צוזאַמענלעבן, האָט דאָ אין פּאַריז אויך געשטרעבט אויפצוהאַלטן דעם גייסט פון יענעם רומפולן „אַמאָל“.

זיי האָבן אָנגעהויבן מיטן אָרגאַניזירן אַ באַשפּייזונג־קאָאָפּעראַטיוו, דעם ערשטן יידישן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו אין פראַנקרייך.

אין קעגנזאַץ צו אַלע פאַרשידענע „סאָסיעטעס“, וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן פאַרנומען בעיקר מיטן פאַרזאָרגן אַ קבר נאָכן טויט, האָט זיך די עמיגראַנטן־גרופּע פאַרנומען מיטן באַזאָרגן די לעבעדיקע.

דער אָפיציעלער נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו איז געווען: „קאָאָפּעראַטיוו דע סאָלידאַריטע“.

דער ערשטער יידישער אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו האָט, ערשטנס דערמעגלעכט די מיטגלידער צו באַקומען שפּייזפּראָדוקטן אויף צוגענגלעכע פּרייזן. אין די ערשטע שווערע עמיגראַציע־יאָרן איז עס געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג פאַר די מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט געהאַט פעסט אַריינגעגלידערט אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד.

נאָר נישט בלויז גשמיותדיקע שפּייז האָט דער קאָאָפּעראַטיוו געגעבן זיינע מיטגלידער. ער פלעגט אָרגאַניזירן אָפטע פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס.

ביים קאָאָפּעראַטיוו איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק פון יידישע און רוסישע ביכער, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „שלום־עליכם־ביבליאָטעק“.

געשיכטע פון קאָאָפּעראַטיוו

דער דאָזיקער אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919־טן יאָר. זיין זיץ־אָרט איז געווען אויף רי דע לאַ פּאָרזש ראָיאַל, אין 11־טן אַראָנדיסמאַן.

די גרינדער זענען געווען: וויין, קראָטקין, בראַנשטיין, קריוואָנאָס, סליוויצקי, וויינבערג, שלום שוואַרצבאַרד, סימאָן פשעניין און אַנד.

די צאָל מיטגלידער איז געווען אומגעפער 100. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל. דער פאָנד איז געשאַפן געוואָרן פון אַריינטריט־אָפּצאָל, מיטגליד-אָפּצאָל, בעלער, פאַרשידענע אונטערנעמונגען און רעפעראַטן.

די געזעלשאַפט פלעגט אַרויסשיקן קינדער אויף זומער־וואַקאַנסן. אין די פרייע טעג פלעגט שלום שוואַצבאַרד פערזענלעך זיך אָפּגעבן מיט די קינדער, זיך שפּילן מיט זיי, מאַכן מיט זיי אויספלוגן א. א. וו.

אין 1923 האָט זיך דער קאָאָפּעראַטיוו צוזאַמענגעגאָסן מיט דער געזעלשאַפט "באָנזשאַמי" (גוטע פריינט). דער אָפיציעלער נאָמען איז געביטן געוואָרן. אַנשטאָט „קאָאָפּע־

ראַטיווע סאָלידאַריטעט", האָט די בשותּפותדיקע געזעלשאַפט באַקומען דעם נאָמען „סאָלידאַריטע דע באָנז'אַמי" (סאָלידאַריטעט פון די גוטע פריינט).

בײַ דער פאַראייניקטער סאָלידאַריטעט-געזעלשאַפט האָט מען געגרינדעט אַ לײַ-קאַסע, וואָס האָט געגעבן לאַנגטערמיניקע און קורצטערמיניקע הלוואות אירע מיטגלידער.

די געזעלשאַפט איז אויך געווען די ערשטע פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט געשיקט קינדער אויף זומער-וואַקאַנסן.

די פאַראייניקטע געזעלשאַפט האָט געציילט בײַ 150 מיטגלידער.

דער ערשטער פּרעזידענט פון „באָנז'אַמי" איז געווען ה' בלאַשילד.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

פּרעזידענט — אַדוואָקאַט ביליס, וויצע-פּרעזידענט — סימאָן, גענעראַל-סעקרעטאַר — פריידין, קאַסירער — קאָלאָס, קאָמיטעט-מיטגלידער — קראַטקין, קריוואָנאָס, סלעוויצקי, בראָנשטיין, טאַרייזשין, סאָלאָמאָן, ראָטבורג, ראַפּאַפּאָרט, אייזנבערג, באַקאָווסקי א. א.

די געזעלשאַפט איז געווען טעטיק ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. די נאַציס האָבן דעפּאָרטירט דעם גרעסטן טייל פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער פאַראייניקטער געזעלשאַפט. עס זענען ניצול געוואָרן אין סך-הכל אַ 10-15 מיטגלידער.

נאָך דער מלחמה איז די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט שוין נישט באַנײַט געוואָרן.

די ביבליאָטעק, וואָס איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין דער מלחמה- און אָקופּאַציע-צײַט, איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּראָגרעסיווער יוגנט אין לאָקאַל פון דער „אוניאָן"-סעקציע פון 11-טן אַראָנדיסמאַן, 5 פּאַסאַזש דאַלערי, וווּ זי פונקציאָנירט ביזן היינטיקן טאָג.

אָט אויף אַזאַ אופן איז לעבן געבליבן דאָס ווערק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט פיל מי און ענערגיע פון די ערשטע ייִדישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין פּאַריז פון צאַרישן רוסלאַנד.

געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק"

פּרעזידענט : בראָנעס

די אַנטשטייונג פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק" איז אַ ביסל אַן אייגנאַרטיקע. איינער פון אירע איניציאַטאָרן און הויפּט-גרינדער און איר לאַנגיאָריקער (זינט 1936) פּרעזידענט פריינט א. בראָנעס, אַ קעמפער קעגן פּוילישן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, איינער פון די ערשטע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון זיין שטאָט. אַ מענטש מיט אַ פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן חוש, האָט פריינט בראָנעס אין 1927-טן יאָר אינספּירירט זיינע לאַנדסלייט צו באַטייליקן זיך אין אַ מאַניפעסטאַציע לטובת סאַקאָ-וואַנזעטי. אָט אויף דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע האָבן עס די עטלעכע פאַרזאַמלטע מינסק-מאַזאָוויעצקער לאַנדסלייט, אונטערן אימפּולס פון פריינט בראָנעס, באַרירט די פראַגע פון אַ פריינטשאַפט און הילפס-פאַראייניקונג פון די מינסקער. און דאָ טאַקע איז געשאַפן געוואָרן דער קערן, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַצויגן מיט געוועב פון פלייש און הויט — און ענדלעך, אין 1927-טן יאָר, אויסגעקריסטאַליזירט זיך אין אַ קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק און אומגעגנט".

די מיטגרינדער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט זענען, חוץ פריינט בראָנעס, נאָך געווען די פריינט: מ. פּשלאַק, שטערנפעלד, פינקעלשטיין (דעפּאָרטירט), קאַצקי, האָכבערג, (דעפּאָרטירט), יאָסל סטאַווקאָווסקי, ראָזען, אַ. קאָזשוך, אַלטער ראָזענבערג און פינע אַקערמאַן. אין כמות איז די צאָל מיטגלידער ביים אָנהויב געווען נישט קיין גרויסע — אַ 20 — 25 אינגאַנצן. איר ערשטער פּרעזידענט איז געווען פריינט ראָזען און גענעראַל-סעקרעטאַר — פריינט בראָנעס. אָבער אין איכות זענען, ווי מיר וועלן עס באַלד זען, די מינסק-מאַזאָוויעצקער געווען זייער טיכטיק און רירעוודיק. די געזעלשאַפט האָט זיך קודם כל געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַראייניקן אַלע לאַנדסלייט, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה זיי אַנטקעגנצוקומען, נישט נאָר אין זייערע מאַטעריעלע נויטן, נאָר אויך אין די מאָראַלישע. די צאָל מיטגלידער איז געוואַקסן ביז 85.

די מינסק-מאַזאָוויעצקער געזעלשאַפט איז געווען איינע פון די פּראָגרעסיווסטע. גענוג דער פאַקט, אַז צווישן פאַרשידענע אַנדערע אונטערשטיצונגען, פלעגט די געזעלשאַפט אויף אַן אָרגאַניזאַציאָנעל - פּראָפעסיאָנעלן אופן אויסצאָלן רעגולער 50 פּראָצענט פון זייערע פאַרדינסטן די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער. די געזעלשאַפט פלעגט אויך שטיצן די דורכרייזנדיקע.

בײַ דער געזעלשאַפט האָט עקזיסטירט אַ לײַ-קאַסע, פון וועלכער מען האָט אַרויסגעגעבן בתורת הלוואה — 125 טויזנט פראַנק. די הלוואות זענען געגאַנגען אויף פאַרשידענע צוועקן, ווי דינגען וווינונגען, איינאָרדנען זיך א.אַ.וו.

נאָכן פּאָגראָם פון 1936טן יאָר אין מינסק-מאַזאָוויעצק האָט די געזעלשאַפט איבערגעשיקט אַ סומע פון איבער 40 טויזנט פראַנק פאַר די געליטענע. 132 פּאָגראָמירטע פון מינסק-מאַזאָוויעצק זענען געקומען קיין פּאַריז. די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזן פאַר אירע געליטענע לאַנדסלייט אַ גרויסע התקרבות, און דאָס — נישט בלויז מיט שיינע ווערטער, נאָר מיט רעאַלע מעשים: לעגאַליזירט זייער אַריינקום אין לאַנד, באַזאָרגט זיי מיט די געהעריקע פּאַפּירן, געהאָלפן זיי מיט געלט-אונטער-

שטיצונג און געשאַפן פאַר זיי אַ היימישע סביבה, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק פאַר מענטשן אין זייער לאַגע. אַ ספּעציעלע גינסטיקע באַציונג האָט די געזעלשאַפט געהאַט צום פּאַטראָנאַט.

די געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק" איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע איז צוגעשטאַנען צו דער קאַמפּאַניע פאַר פאַראייניקן דעם יידישן ישוב פון פּאַריז, אין רעזולטאַט פון וואָס עס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן דער „פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך" מיט פריינט בראָנעס אַלס סעקרעטאַר. צוזאַמען מיטן דאָזיקן פאַרבאַנד האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אַ גרויסן פּראָטעסט-מיטינג אין זאַל לאַנקרי קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן.

די געזעלשאַפט האָט אויך אונטער דער אָנפירונג פון פריינט אָשלאַק מיטגעאַרבעט אין דער פאָלקס-קיך אויף די סענטאָנזש אין יאָר 1939.

די געזעלשאַפט פלעגט אַרויסשיקן קינדער אויף זומער-וואַקאַנסן און שטיצן אַלע באַוועגונגען, זאַמלונגען און אַקציעס פון די פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

די פּאָגראָם-פּליטים פון פּוילן, וועמען עס פלעגט נישט געלינגען צו פאַרבלייבן אין פראַנקרייך, פלעגט די געזעלשאַפט דערמעגלעכן צוריקצופאָרן ביי מעגלעכסט פאַרלייכטערטע באַדינגונגען. זי פלעגט זיי באַזאָרגן, נישט נאָר מיט בילעטן, נאָר אויך מיט הוצאות פאַרן וועג און אַפילו צידה לדרך.

די געזעלשאַפט האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אַקציע פאַרן יידישן קינד אין פּוילן, אונטער דער אָנפירונג פונעם באַוווסטן געזעלשאַפטלעכן טוער פריינט בערקאָוו.

אויפן קולטורעלן באַד, סטימולירט דורך די פריינט יאַנקל ציממערמאַן און אַ. בראָנעס האָט די געזעלשאַפט דורכגעפירט זאַמלונגען און געשאַפן אייגענע מיטלען פאַרן „ייוואָ", אויך פאַרקויפט זייערע ביכער און אַליין זיך אַבאָנירט.

די געזעלשאַפט פלעגט איינאָרדענען רעפעראַטן, דורכפירן פאַרווייַלונגען און בעלער. דער ערשטער באַל פון די מינסק-מאַזאָוויעצקער אין 1928טן יאָר איז געווען אַ געשעעניש אינעם יידישן פּאַריז. דער באַל האָט אַריינגעבראַכט 8-7 טויזנט פראַנק נעטאָ. די דאָזיקע סומע איז באַלד פאַרטיילט געוואָרן צווישן די נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק" פון תמיד, דאָס איז אחדות, איבערגעגעבנקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

בעתן קריג איז, פאַרשטענדלעך, קיין ברייטע אַרבעט נישט געפירט געוואָרן. מען האָט בלויז אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די סאָלדאַטן אויפן פראָנט און געהאָלפן זיי מיט אַלעם מעגלעכן.

בעת דער אָקופּאַציע זענען 300 מינסק-מאַזאָוויעצקער לאַנדסלייט דעפּאָרטירט געוואָרן. פון דער דאָזיקער צאָל האָבן זיך צוריקגעקערט בלויז 15 פּערזאָן.

סוף 1945-טן יאָר האָט זיך די קליינע שארית הפליטה פון די מינסק-מאַזאָוויעצקער רעאָרגאַניזירט. צוליבן פאַרלוסט פון אַ גרעסערער העלפט פון די מיטגלידער, איז די צוריקשטעלונג פון דער געזעלשאַפט אָנגעקומען גאַנץ שווער. די ליי-קאַסע איז טיילווייז רעסטאַווריט געוואָרן. פאַר דער צייט פון איר באַשטייונג איז פון דער ליי-קאַסע אויסגעבאָרגט געוואָרן 185 טויזנט בתורת הלוואה און אַלס אונטערשטיצונג איז אויסגעגעבן געוואָרן אַ סומע פון 300 טויזנט פראַנק. דאָס אַלץ — פון אייגענע מיטלען. מיט דער זעלבער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע איז אַפילו אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט, אָבער די רעזולטאַטן זענען, צום באַדויערן, געווען זייער באַגרענעצטע. די אַמעריקאַנער הילף איז באַשטאַנען פון 100 דאָלאַר אין געלט און 50 פּעקלעך שפּייז-פּראָדוקטן.

די געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק-מאַזאָוויעצק" האָט אויפגעשטעלט זייער אַן אימפּאָזאַנטן דענקמאָל אויפן בית-עולם פּו באַניע, צום אָנדענק פון דער שטאָט מינסק-מאַזאָוויעצק און אירע קדושים. אונטער דעם דאָזיקן דענקמאָל זענען באַערדיקט געוואָרן די פאָלגנדיקע צוויי מאַרטירער: יאַנקל מינסקי, וועלכער איז דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן אַלס ערבניק אין דראַנסי, און אַברהם טשעבוצקי, וועלכער איז דורכן ווישי-געריכט פאַרורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט און איז געקעפּט געוואָרן.

ביי היינטיקן טאָג ציילט די געזעלשאַפט פאָרמעל (איינגעשריבענע) 60 מיטגלידער, פּראַקטיש אָבער ווערט יעדער מינסק-מאַזאָוויעצקער לאַנדסמאַן באַטראַכט אַלס מיטגליד.

דער קאָמיטעט איז פאָלגנדיקער:

א. בראָנעס (פּרעזידענט),
מאָטל סטאַווקאָווסקי (וויצע-פּרעזיד.).
לייזער בראָנשטיין (גענ.-סעקרעטאַר)
קאַצקי (קאַסירער).
אַלתר ראָזענבערג (פּרעז. דע פעט).
שאַרל גראַזדיק.
פּיניע אַקערמאַן (פּרעז.-סאַניטאַר).
קאַליש משה (וויצע פּרעז.-סאַניטאַר).
לייזער ערליך.
לייבל גרינבוים.
א. טראַפּיקאַנט.
שאַרל מיצנער.

די געזעלשאַפט גרייט צו אַ יזכור-בוך פון דער שטאָט מינסק-מאַזאָוויעצק.

לאנדסמאנשאפט גריצע

פרעזידענט: ראכפעלד

די גריצער סאסיעטע איז איינע פון די יינגסטע אין פאריז. ווי א מיזיניקל, זענען אויך אירע אויפטוען נישט קיין געוואלדיקע. וואס קען מען פארלאנגען פון א מיזיניקל? און דאך פארמאגט דאס דאזיקע צוויי־יאריקע „עופהלע" עפעס אזעלכעס, מיט וואס עס שטייגט אריבער א סך עלטערע און גרעסערע סאסיעטעס. אויך די סיבה פון איר אנטשטייונג איז פון אן אנדער כאראקטער ווי אין די מייסטע פאלן.

וועלכע זענען די סיבות, וואס האבן גורם געווען צו גרינדן סאסיעטעס?

אין די מייסטע פאלן פלעגן די אמאליקע סאסיעטעס זיך גרינדן אדער צוליב א פלאץ אויפן בית עולם פאר א ברודער־קבר („קאווע") אדער צוליב א פלאץ אויף דער וועלט: א וווינונג, אן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, קעגנזייטיקע הילף. אדער צוליב שאפן זיך א ווינקל, ווו מען זאל זיך קענען אויסלעבן גייסטיק, קולטורעל.

די גריצער סאסיעטע איז טיילווייז געווארן ענלעך צו די אנדערע. ערשט אין גאנג פון איר עקזיסטענץ, פון איר טעטיקייט; אבער די סיבה פון איר אנטשטייונג פאלט נישט ארונטער אונטער קיינער פון די אויבנדערמאנטע — דער ציל פון דער גריצער סאסיעטע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן ערשט אין יאר 1946, איז געווען דאס אויסזוכן און צוזאמענקלייבן די אברים המדולדלים פון דער גריצער יידישער משפחה, וואס איז צעריסן, צעביסן און צעשאטן געווארן דורך די דייטשע קאניבאלן. עטלעכע גריצער לאנדסלייט האבן זיך גענומען די נאבעלע איניציאטיוו אויפצוזוכן די געראטעוועטע גריצער לאנדסלייט, און א ספעציעלן „פארוואס, און פארוואן" די איניציאטארן און גרינדער זענען: פריינט ראכפעלד, מילער דוד, משה אהרן הארטמאן, פעלדמאן (פון ניי־שטאט), קאנטשאטי (פון פיאסעטשנע) און מאריאנקע (פון גריצע).

ערשט נאכן גרינדן די סאסיעטע האט דער קאמיטעט פארשטאנען, אז עס וועלן זיכער זיין אזעלכע, וועלכע וועלן זיך נויטיקן אין הילף, און האט זיך גלייך געשטעלט די פראגע: „מאין יבא עזרי"? דער קאמיטעט האט גלייך גענומען זארגן וועגן שאפן געלט־מיטלען. פאר דעם צוועק איז איינגעארדנט געווארן אן אוונט, וועלכער האט אריינגעבראכט איבער 30 טויזנט פר. פון דעם געלט האט מען דורכרייזנדיקע לאנדסלייט געשטיצט, ארויסגעשיקט שוואכע און קינדער אויף וואקאנס, אויסגעהאלטן א פרוי אין א סאנאטאריום א. א. וו. מיט דער הילף פון קאמיטעט האבן נויטבאדערפטיקע מיטגלידער געקראגן הלוואות פון דער לייה־קאסע אויף רי דע פאראדי, וואס האט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו שאפן זיך דערויף אן אנדערע נויטווענדיקייטן. אין דערווארטונג פון ניי־איינגעוואנדערטע, ווערן צוגעגרייט ארבעטס־פלעצער, אויך געלט־שטיצע פאר די, וועלכע האבן זיך נאך פון זייערע וואנדער־פלעצער נישט גערירט. די סאסיעטע באטייליקט זיך אין אלע אקציעס און קאמפאניעס.

אזוי איז עס געווען ביז היינטיקן טאג. איצטער ווערט די טעטיקייט פון קאמיטעט איבערגעפירט אויף גאנץ אנדערע רעלסן. אזוי ווי די פראגע פון סאציאלער הילף פאר די ארטיקע שוין איינגעארדנטע איינוווינער איז נישט אקטועל, ווערט די גאנצע אויפמערקזאמקייט קאנצענטרירט אויף דער קולטורעלער און אויפקלערישער טעטיקייט. די סאסיעטע באטייליקט זיך אקטיוו אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. זי טוט אלץ, וואס זי קען, כדי צו שאפן א פארטייטיקונג פון גאנצן יידישן ישוב אין קאמף פאר דעמאקראטיע, שלום און רעכט פארן יידישן פאלק.

דער קאמיטעט פון דער גריצער סאסיעטע באשטייט פון פאלגנדיקע פערזאנען:

ראכפעלד — פרעזידענט
פעלדמאן — וויצע־פרעזידענט
הארטמאן — גענעראל־סעקרעטאר
מיטגלידער: דוד הילער, לייביש מילער, מאדאם האלץ.

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין בעזאנסאן

דער יידיש־פוילישער ישוב אין בעזאנסאן דאטירט זייט 1928-1929. שוין פריער זענען אין בעזאנסאן געווען אויסער די 100 יידיש־פראנצויזישע פאמיליעס — איינציקע פוילישע יידן. די זייגער־אינדוסטריע האט צוגעצויגן עטלעכע זייגער־מאכערס, ווי יאנקל לערנער און לעווענסוואלד, די שפעטערדיקע גרינדער פון דער געזעלשאפט, שאול שווארץ און נאך 2-3 פאמיליעס. פון גאר לאנג זענען דא געווען 2 פאמיליעס, שוין נאטוראליזירטע, די 2 שוואגערס ה' קרייזלער און ה' איבערספעלד, אפשטאמיקע פון גאליציע, וועלכע האבן זייערע גרויסע פארדינסטן פארן יידישן ישוב אין בעזאנסאן.

זינט דעם טעראר קעגן דער ארבעטער באוועגונג אין פוילן, פון 1928 און שפעטער, ווי אויך צוליב דער גרויסער נויט, וואס האט דעמאלט געהערשט אין די יידישע פאכן, האט זיך אנגעהויבן א מאסן־עמיגראציע פון די פויליש יידישע ארבעטער. אנטלאפן פון די תפיסות און פון דער ארבעטלאזיקייט, זענען

אַ גרויסער טייל געקומען קיין פֿראַנקרייך.

אין בעזאַנסאָן עקזיסטירט, אַחוץ דער זייגער־אינדוסטריע, אויך אַ גרויסע קאָנפֿעקציע־פֿאַבריק (אין יענער צייט 2). דאָס איז די פֿירמע „ווייל". די אַרבעט דאָרט איז ראַציאָנאַליזירט לויטן אַמעריקאַנער סיסטעם. קיין גרויסע פֿאַך־קענטעניש דאַרף מען נישט האָבן. אַ גרויסער מאַנגל אין אַרבעט־הענט האָט באַוויגן די פֿאַבריקאַנטן זיך צו ווענדן אין אַרבעטס־מיניסטעריום. די נייע יידישע אימיגראַנטן זענען אויף אַרבעטס־קאָנטראַקטן געשיקט געוואָרן קיין בעזאַנסאָן. אָט די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער האָבן זיך צוזאַמען מיט די שוין אויבנדערמאָנטע באַטייליקט אין דער ערשטער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט אין בעזאַנסאָן. איך וויל דאָ דערמאָנען 2 פֿון זיי, וואָס זענען שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן: דוד לעווינסאָן און מאיר זיצער.

שפּעטער, אַז די לאַגע האָט זיך סטאַביליזירט, זענען די מייסטן שניידער אַוועק צוריק קיין פּאַריז און זייער אָרט האָבן פֿאַרנומען און פֿאַרנעמען ביזן היינטיקן טאָג פּרישע אימיגראַנטן, אויך פּוילישע יידן, אָבער דאָסמאָל אַנטלאָפֿענע פֿון היטלערן (1933), פֿון דייטשלאַנד. זיי זענען, אויף וויפֿל זיי זענען נישט דעפּאָרטירט געוואָרן, ביזן היינטיקן טאָג אין בעזאַנסאָן. אָבער די עלעמענטן, ווי אויך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען צו יענער צייט אין 34-1933 זענען געווען אינגאַנצן אַנדערע. די ערשטע אַרבעטער האָבן באַקומען אַרבעט־רעכט און דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז שוין היינט איינגעאָרדנט אַלס האַנטווערקער. די לעצטע, אַ האַנדלס־עלעמענט, נישט זיי האָבן געוואָלט און נישט מען האָט זיי דערלויבט צו אַרבעטן. זיי זענען געוואָרן הענדלער, אָדער הויזירער, ווי מען רופֿט זיי דאָ. אייניקע האָבן זיך באַוויזן אויפֿצואַרבעטן און האָבן שיינע מאַגאַזינען; די אַנדערע הויזירן ביז היינט צו טאָג. גאָר לעצטנס האָבן מיר אַ 3-2 פֿאַמיליעס ניי־איינגעוואַנדערטע פֿון פּוילן.

מיר אַלע צוזאַמען, עטלעכע און דרייסיק יידיש־פּוילישע אימיגראַנטן בילדן דעם יידישן קולטור־פֿאַריין אין בעזאַנסאָן, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטן אין פּאַריז.

טעטיקייט פֿון פֿאַריין ביז צו דער מלחמה

דער יידישער קולטור־פֿאַריין אין בעזאַנסאָן איז אַ המשך פֿונעם יידישן פֿאַריין „איינהייט", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין די יאָרן 34-1933 דורך יאַקוב לערנער און איטשע לעווענסאָלד. ער האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל צו פֿירן אַ יידישע קולטור־אַרבעט: העלפֿן דורכפֿאָרנדיקע אַרטיסטן און קולטור־טוער איינצואָרדענען טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, רעפֿעראַטן, פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און גלייכצייטיק פֿירן אַ קעגנזייטיקע הילפֿס־אַרבעט צווישן די מיטגלידער. די שפּעטערדיקע טוער זענען איטשע מאָרער, חיים מיניעווסקי, מעריל, לייזער מעלנער, דער פֿריינט שלמה גראָס, וועלכער איז שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן, און כיל עלבוים, געשטאָרבן פֿון די קריגס־פּלאָגן.



ה. קרייזלער (דעפּאָרטירט)

זיי האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט אין די יאָרן 1939-1934. אָרגאַניזירט דעם פֿאַרקויף פֿון דער פּרעסע, איינגעאָרדנט טעאַטער־ און קינאָ־אונטערנעמונגען און קולטור־אָוונטן, רעפֿעראַטן פֿון פֿאַרשידענע קולטור־ און פּאָליטישע טוער. בעיקר האָבן זיי זיך פֿאַרנומען מיט דער יידישער צוגאָב־שולע, וועלכע זיי האָבן געשאַפֿן פֿאַר די קינדער. די דעמאָלטיקע יידישע סטודענטן האָבן צוגעהאָלפֿן אַלס לערער. איצט קענען הי 20, אָדער 23-יעריקע יוגנטלעכע פֿון בעזאַנסאָן איבערלייענען, אָדער אָנשרייבן אַ יידיש וואָרט. דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון דער איבערגעגעבענער אַרבעט פֿון די אויבנדערמאָנטע פֿריינט.

דער קריג און די אָקופּאַציע האָט צעזייט און צעשפּרייט דעם יידישן ישוב פֿון בעזאַנסאָן און פֿאַרניכטעט זיינע קולטור - דערגרייכונגען. די מיטגלידער אַ טייל דעפּאָרטירט, געשטאָרבן; אַ טייל איז געבליבן וווינען אויף די ערטער פֿון זייער רעטונג. די איבערגעבליבענע און צוריקגעקומענע האָבן מיט פֿאַרטאָפּלטער ענערגיע זיך גענומען צוריק אויפֿבויען די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַרבעט פֿעלט נישט. עס איז צוגעקומען אַ ניי געביט — הי קינדער־היימען פֿון די קינדער פֿון דעפּאָרטירטע, וועמען די פֿאַרוואַלטונג ווידמעט זייער אַ סך ענערגיע. אויך די צוגאָב־שולע ווערט נישט פֿאַרנאַכלעסיקט.

אויב די אַרבעט האָט זיך פֿאַרטאָפּלט, האָט זיך אָבער די צאָל קולטור־טוער שטאַרק פֿאַרקלענערט. די נייע פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט סוף 1945 צוריק אויפֿגעשטעלט דעם פֿאַריין, האָט געענדערט זיין נאָמען. ער הייסט „יידישער קולטור־פֿאַריין". די ערשטע פֿאַרוואַלטונג פֿון 1946, מיט די פֿריינט מאָרער, גראָס, ראובן אייז, נוישטאַט, איז געבליבן ווייטער פֿאַרן יאָר 1947. אויסער וואָס אויפֿן אָרט פֿון ראובן אייז איז אויסגעוויילט געוואָרן דער פֿריינט אַבאָוויטש.

מיר האָבן געגרינדעט אַ ביבליאָטעק פֿון יידישע און פֿראַנצויזישע ביכער. מיר באַטייליקן זיך צוזאַמען מיטן פֿאַרבאַנד און „אוניאָן" אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע

און קולטורעלע אונטערנעמונגען, לויט די לאָקאַלע מעגלעכקייטן.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין בעזאַנסאָן איז אַ פאַראייניקטע צום נוצן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בעזאַנסאָן און אין גאַנץ פראַנקרייך.

פאַרדינסטן פון איניקע געזעלשאַפטלעכע טוער



שלמה גראס
(דעפּאָרטירט)

ה. קרייזלער איז איינער פון די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער הילף-אַרבעט פון דער ערשטער מינוט אָן. אליין שטאַמט ער פון קראָקע, אין לאַנד אומגעפער זייט 1903. ער האָט שטענדיק געהאָלפן די ניי-איינגעוואַנדערטע סיי מיט געלט, סיי מיט אַן עצה און אויך מיט אינטערווענץ אין פּרעפעקטור וועגן אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן, צו אַרבעטן, אָדער וועגן אָפּשאַפן אַן אויסווייז און שטענדיק מיט דערפאָלג. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן ישוב אין בעזאַנסאָן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זאָגט ער זיך אָפּ צו פאַרלאָזן בעזאַנסאָן. ער דערקלערט, אַז ער טאָר נישט פאַרלאָזן בעזאַנסאָן אַזוי לאַנג, ווי עס געפינען זיך דאָ יידן, וואָס קענען נישט אַוועק און נויטיקן זיך אין זיין הילף. ער זעצט פאָר זיין הילפס-אַרבעט אונטער די גרעסטע געפאַרן און פאַלט אויף זיין פּאָסטן, ער ווערט דעפּאָרטירט און קומט מער נישט צוריק. כבוד זיין אָנדענק.

שלמה גראָס, אייגנטימער פון אַ קליינער שניידער אונטערנעמונג, געזעלשאַפטלעכער טוער און לאַנגיאָריקער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון פאַריין, שטענדיק גרייט צו העלפן אַ יידישן אַרטיסט אָדער שריפטשטעלער, וועלכע פלעגן צו אונדז פאַרבלאָנדזשען, מיט ראַט און מאַט, אויך מיט געלט, לויט זיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן.

ער איז געוואָרן דעפּאָרטירט אין פעברואַר 1942. כבוד זיין אָנדענק.

איבערספעלד

איבערספעלד. אין בעזאַנסאָן אַזוי לאַנג ווי ה' קרייזלער. די זעלבע סיטואַציע און נאָכן. ער האָט אויך אַ סך אויפגעטאָן אין דינסט פון די איינגעוואַנדערטע. עס געלינגט אים, צו אונדזער אַלעמענס פרייד, זיך צו ראַטעווען אין לעצטן מאָמענט. צוריקומענדיק נאָך דער באַפרייונג, איז ער דער איניציאַטאָר פון אַ פאַרצווייגטער הילף-אַרבעט פאַר די צוריקגעקומענע, וועלכע זענען אָן וווינונגען און אָן מיטלען צום לעבן. ער לייסטעט אַ סך ביים העלפן צוריק באַקומען וווינונגען און געשעפטן, פאַר די ניי-איינגעוואַנדערטע — פּאַפּירן, קאָנטראַקטן, רעכט צו בלייבן און אַרבעטן. ער טיילט אויס די ערשטע הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע. ער שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע אינסטיטוציעס וועגן הלוואות, פון וועלכע עס געניסן ביי 15 פּערזאָן, אויף אַ סומע פון אַ האַלבן מיליאָן פר. אויסער דער שטענדיקער שטיצע, פון וועלכער עס געניסן נאָך איניקע ביז היינט צו טאָג. זיין געשעפט איז אַ שטענדיקער אַדרעס פאַר יעדן, וואָס נויטיקט זיך אין הילף. ער אַרבעט אומדערמידלעך. מיר ווינטשן אים אַ לאַנג לעבן לטובת דעם יידישן ישוב אין בעזאַנסאָן.

דער יידישער פֿאָלקס־כאָר

די גרינדונג

די נויטווענדיקייט פֿון אַ יידישן פֿאָלקס - כאָר אין פּאַריז האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין מאָמענט, ווען דאָס יידישע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין פֿראַנקרייך האָט אָנגעהויבן אָננעמען מער פּראָגרעסיווע פֿאָרמען.

דער מאַנגל אין קולטורעל-קינסטלערישע אינסטיטוציעס איז געווען גרויס, און אין שוים פֿון דער דעמאָלטיקער קולטור - ליגע איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו שאַפֿן אַ יידישן פּערמאַנענטן כאָר, מיט דער אויפֿגאַבע צו באַדינען די כסדר - אויפֿקומענדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און צו פּלעגן דאָס יידישע געזאַנג.

אויפֿן רוף פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קולטור ליגע האָט אין יאָר 1929 אַ גרופּע יוגנטלעכע זיך צונויפֿגענומען דאָס ערשטע מאָל אין אַ קאַפֿע אויף פֿאַבורג סען-מאַרטען. אונטער דער לייטונג פֿון פּיאַניסט העפּטמאַן איז געלייגט געוואָרן דער גרונט - שטיין פֿאַרן שפּעטערדיקן יידישן פֿאָלקס-כאָר.

כסדרדיקע אַנטוויקלונג

דער רעפּערטואַר איז דעמאָלט נאָך געווען זייער אָרעם און דער כאָר האָט ניט געקאָנט מאַכן קיין גרויסן פּראָגרעס.

עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער נעמט איבער די לייטונג פֿון כאָר א. קויפֿמאַן. דורך זיין עקשנות און איבערגעגעבנקייט וואַקסט אויף די נייע אָרגאַניזאַציע. זי ציילט באַלד איבער 80 כאָריסטן.

דער כאָר דערוואָרבט זיך זייער שנעל אַ נאָמען ניט בלויז אין פֿראַנקרייך, נאָר אויך אויסער די גרענעצן פֿון לאַנד.

זיינע יערלעכע יובילעי - קאָנצערטן ווערן פֿאַרוואַנדלט אין עכטע יום - טובים פֿונעם גאַנצן ישוב. די קאָנצערטן פֿלעגן פֿאָרקומען אין זאַל „גאַוואָ“ און אַ טייל פֿון זיי פֿלעגט ווערן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ איבערגעחזרט.

אין רעפּערטואַר פֿון כאָר זענען אַריינגעגאַנגען ווערק ווי: „דער הונגער־מאַרש“ פֿון ביעלי, „אויפֿן 10־טן ווערסט“ פֿון דאַווידענקאָ, „די פּראָצעסיע“ פֿון מילנער, „הויב זיך האַמער“ און „טרויער - מאַרש“ פֿון יעקב שייפֿער „מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע“ פֿון געלבאַרט, ווי אויך קלאַסישע שאַפֿונגען פֿון מענדעלסאָן, שומאַן, היידן, הענדל און בעטהאָווען.

אין 1936 באַקומט דער כאָר אַן איינלאַדונג קיין בעלגיע, וווּ ער גיט 3 קאָנצערטן אין בריסל און אין אַנטווערפּן. די פּאָעמע „ברויט“ פֿון פּאָלאַנסקי איז דעמאָלט געווען דער „טשוואָק“ פֿון סעזאָן.

אין 1937 אַרבעט מיט מיטן כאָר דער דיריגענט פּעטערס, ספּעציאַליזירט אין אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע קאַמף־לידער.

די קאָנצערטן אונטער זיין לייטונג האָבן געהאַט אַ באַזונדערס גרויסן אָפּקלאַנג צווישן דער יידישער און פֿראַנצויזישער באַפֿעלקערונג. אָבער די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען צווינגען אַ טייל כאָריסטן צו פֿאַרלאָזן זייער באַליבטע אָרגאַניזאַציע.

אין יאָר 1938 קומט קיין פּאַריז דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר העניך קאָן און אויפֿן ווונטש פֿון כאָר שטעלט ער זיך צו זיין דיספּאָזיציע. העניך קאָן האָט דער ערשטער געמאַכט פּרוון

אַ גרופּע כאָריסטן אין יאָר 1941, ביי דער געזעגענונג מיטן קאָמפּאָזיטאָר העניך קאָן.

אַוועקצושטעלן דעם כאָר אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכער באַזע און הויבן דערמיט זיין מוזיקאַלישן ניוואָ. אַחוץ דאָס לערנען לידער, פֿלעגט ער אויך שענקען אַ ביסל צייט אויף צו לערנען נאָטן און אויף שטים - בילדונג.

מיט הענעך קאָן האָט דער כאָר אָנגעהויבן צו זינגען אַ סעריע פֿאָלקס-לידער: „מאַרשאַן ד׳אַבי", „ביים רבין אַ גנבה", „דאָס ליד פֿון דער יידישער בריגאַדע", „מיין שטעטעלע" א. א. וו.

דערפֿאַר טאַקע איז דער פֿאַרדינסט פֿון אָט דעם דיריגענט פֿאַרן יידישן פֿאָלקס - כאָר זייער אַ גרויסער.

די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער און ערגער. דער כאָר פֿאַרקלענערט זיך אין דער צאָל, זיין מוזיקאַלישע קוואַליטעט שטייגט אָבער כסדר. געווען איז עס דער ערב פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה. אין יאָר 1939 ווערט דער כאָר געשלאָסן.

עס ברעכט אויס דער קריג. עס קומט די דייטשע אָקופּאַציע. טויזנטער פֿאַמיליעס ווערן רואינירט און דעפּאָרטירט. צווישן זיי אַ גרויסע צאָל כאָריסטן.

נאָך דער באַפֿרייונג

נאָך דער באַפֿרייונג קומען זיך אויפֿסניי צונויף 12 לעבן-געבליבענע זינגער און באַשליסן פֿאָרצוזעצן די אַרבעט.

אונטער דער לייטונג פֿון מוזיקער י. בערלינסקי הייבט די גרופּע ווידער אָן איר אַרבעט. נאָטן זענען ניטאָ פֿאַראַן. זינגט מען לויטן געהער. קיין אָרט וווּ צו זינגען איז ניטאָ. וואַנדערט מען פֿון איין פּלאַץ צום צווייטן. קיין קוילן צו הייצן זענען ניט בנמצא. זינגט מען אין דער קעלט. מען איז אָבער פֿאַרעקשנט און מען ברעכט דורך אַלע שוועריקייטן.

ס'איז כדאי צו באַמאָנען, אַז פּאַריז איז באַפֿרייט געוואָרן סוף אויגוסט און שוין דעם 31-טן דעצעמבער 1944 טרעט דער כאָר אַרויס אויפֿן טראַדיציאָנעלן ניי-יאָר - באַל פֿון דער „נייע פּרעסע" אין זאַל „מוטואַליטע"

עס קומט צוריק פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט דער דיריגענט א. קויפֿמאַן. עס רופֿן זיך אויך אָפּ עטלעכע לעבנגעבליבענע כאָריסטן, צווישן זיי דער דעפּאָרטירטער זינגער קאַווקאַ.

אין 1946 גייט איבער די מוזיקאַלישע לייטונג פֿון כאָר צו א. באַלאַרענקאָ, וועלכער פֿירט צוזאַמען מיט א. קויפֿמאַן דעם כאָר ביזן היינטיקן טאָג.

נאָך דער באַפֿרייאונג זעצט דער כאָר פֿאָר צו רעפּעטירן יידישע פֿאָלקס-לידער און טראָץ אומצאָליקע שוועריקייטן, כאָטש פּאַמעלעך פֿאַרגרעסערט ער זיך אויך אין דער צאָל. ביים היינטיקן טאָג ציילט ער אַן ערך 50 זינגער.

דאָס לערנען נאָטן, שטים - בילדונג, ווערט איינגעפֿירט אַלס באַדינג פֿאַר זיין קינסטלערישן שטייגן און מען זעט, ווי פֿון יאָר צו יאָר ווערט ער אַלץ קרעפֿטיקער און בעסער. צווישן די נייע מיטגלידער מערקט זיך שוין אַ צופֿלוס פֿון ניי - איינגעוואַנדערטע, וואָס פּונקט ווי זייערע פֿאָרגייער מיט 18 יאָר צוריק, פֿילן אַ נויטווענדיקייט צו אַרבעטן אין אַן יידישן, באמת קינסטלערישן פֿאָלקס - כאָר.

איצט הייבט אויך דער כאָר אָן צו רעפּעטירן אַ ריי ארץ-ישׂראלדיקע לידער, און עס איז אויך פֿאָרויסצוזען, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט זאָל ער קאָנען ווידער פֿאַרנעמען דעם זעלבן פּלאַץ ווי פֿאַרן קריג.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז ביים כאָר באַשטייט אַ מוזיק - שולע פֿאַר דערוואַקסענע און קינדער, וואָס אַנטוויקלט זיך זייער גוט. אין אַלגעמיין באַמערקט זיך שוין דער איינפֿלוס פֿון כאָר, סיי ביי דער גרינדונג פֿון יוגנט - כאָרן, סיי ביים איינאָרדענען אַ גאַנצע ריי פֿון מוזיקאַלישע קאָנצערטן.

עס איז בלויז צו ווינטשן אַז די האָזיקע אַלטע, הגם אייביק יונגע אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרשאַפֿט אַזויפֿיל פֿרייד און הנאה דעם יידישן ישוב, זאָל זיך מיט זיין מיטהילף וואָס העכער און גיכער אַנטוויקלען, כדי צו דערגרייכן איר ציל: אַ 100-קעפּיקן גוט-געשולטן מאַסן-כאָר.



דער פֿאָלקס-כאָר אויף אַ קאָנצערט אין זאַל „גאַוואָ" אין יאָר 1937.

דוד מאַטיס (ניו־יאָרק)

די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע – זייער כוח, זייער איינפלוס, זייערע טעטיקייטן

דוד מאטיס

ביז מיט דרייסיק יאָר צוריק איז אַמעריקע געווען אַ לאַנד פון מאַסן־אימיגראַציע.

במשך פון יענע אימיגראַציע־יאָרן איז אַמעריקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנד פון לאַנדסלייט.

היינט איז אַמעריקע אַ לאַנד פון לאַנדסמאַנשאַפטן.

אין די יאָרן ווען ס'איז אָנגעגאַנגען קיין אַמעריקע אַ מאַסן־אימיגראַציע, זענען אין לאַנד אָנגעקומען מענטשן פון אַלע ווינקעלעך פון ערד־קוגל, זיי האָבן גערעדט אויף צענדליקער לשונות, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און אַן אייגנאַרטיקן מין לעבן, און האָבן אַלע געזוכט „צו מאַכן אַ לעבן אין קאָלומבוסעס מדינה״.

די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע איז דאַן געבוירן געוואָרן. די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע האָט דערמעגלעכט דעם „גרינעם״ אויסצולעבן זיך לויט זיין אַלטן שטייגער און אין דער זעלבער צייט צוצופּאַסן זיך צום נייעם אָרט לעבן.

אַזוי אַרום זענען געקומען צום לעבן די איינצלנע לאַנדסמאַנשאַפט – אָרגאַניזאַציעס, די לאַנדסמאַנשאַפט־געגנטן אין די פאַרשידענע שטעט איבערן לאַנד, ווי די אידישע „איסט סאַיד״ אין ניו־יאָרק, צום ביישפּיל, אָדער די געגנט פון נאָרוועגער אין ברוקלין, און אויך די לאַנדסמאַנשאַפטן שטעט אין אַמעריקע, ווי האַמטראַמעק, אַ גרויסע פאָרשטאָט לעבן דעטראָיט, וווּ די גאַנצע באַפעלקערונג באַשטייט פון פּוילישע לאַנדסלייט.

די לאַנדסלייט, ניט יידישע, האָבן געבויט לאַנדסמאַנשאַפטן – אָרגאַניזאַציעס לויט די לענדער, פון וועלכע זיי זענען געקומען. איין סיבה פון דער דערשיינונג איז דאָס, וואָס די ניט יידישע אימיגראַציע איז באַשטאַנען פון פּויערים פון קליינטשינקע שטעטלעך און דערפער.

די יידישע אימיגראַנטן האָבן אויסגעבויט לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס לויט די שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען זיי זענען געקומען. די לאַנדסלייט פון די גרעסערע שטעט, ווי צום ביישפּיל, לאָדזש, ווילנע, מינסק, אָדעס, האָבן צו עטלעכע לאַנסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס.

די מייסטע יידישע לאַנדמאַנשאַפטן געפינען זיך אין ניו יאָרק פשוט צוליב דעם, וואָס פון די אַרום פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע, לעבן איבער צוויי און אַ האַלב אין ניו־יאָרק. גרויסע יידישע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אויך אין אַזעלכע יידישע ישובים, ווי פילאַדעלפיע, דעטראָיט, שיקאַגאָ, קליוולאַנד און אין אַנדערע שטעט אין אַמעריקע.

די גענויע צאָל יידישע לאַנדמאַנשאַפטן אין אַמעריקע איז ניט באַקאַנט. ס'ווערט אָבער געשאַצט, אַז אין ניו יאָרק אַליין עקזיסטירן איצט אַרום דריי טויזנט פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ האַלב מיליאָן יידן. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געגרינדעט סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט. מיט גאָר אומבאַדייטנדיקע אויסנאַמען האָבן

זיך אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר כמעט ווי ניט אָרגאַניזירט נייע לאַנדסמאַנשאַפטן.

דער אויסנאַם פון דעם כלל איז דער נייער טיפּ פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער נייער אויסערלעכער און אינערלעכער אימיגראַציע. אַ.וו., צום ביישפּיל, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אָרגאַניזירט אַ לאַנדסמאַנשאַפטן פאַריין פון די געוועזענע קאַצעטלער. ס'זיינען אין די לעצטע יאָרן אויך אָרגאַניזירט געוואָרן לאַנדסלייט-קלובן פון אימיגראַנטן פון פראַנקרייך אין ניו-יאָרק, און אימיגראַנטן פון קובאַ אין שיקאַגאָ.

בנוגע די נייע לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען לעצטנס אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דאַנק דער אינערלעכער אימיגראַציע, איז כדאי אָפּצושטעלן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער.

אין אַמעריקע גופא קומט פאָר פון צייט צו צייט אַן איבערוואַנדערונג פון דער באַפעלקערונג פון איין טייל לאַנד צום צווייטן. איצט גייט אָן אַ יידישע אימיגראַציע פון ניו-יאָרק, פילאַדעלפיע, דעטראָיט, קליוולאַנד און שיקאַגאָ קיין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן זיך טאַקע לעצטנס באַוויזן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי „לאַנדסלייט פון דעטראָיט“ אָדער „די לאַנדסלייט פון ניו-יאָרק“.

ס'דאַרף אָבער באַלד אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אָט די נייע פאָרמען פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס זענען לחלוטין נישט ענלעך צו די אַלטע לאַנדסמאַנשאַפטן. אין די אַלטע לאַנדסמאַנשאַפטן זענען אויפן ערשטן אָרט געשטאַנען אַזעלכע ריין פּראַקטישע אויפגאַבן, ווי העלפן דעם „גרינעם“ קריגן אַ דזשאַב (אַרבעט), אָדער אַרויסהעלפן אים מיט אַ קליינער הלוואה אין צייטן פון אַרבעטלאָזיקייט, אָדער שטיצן דעם מיטגליד בעת ער ווערט קראַנק, אָדער פאַרזיכערן אים אין פאַל פון טויט, אָדער פשוט באַערדיקן אים אויף אַן אייגענעם בית-עולם.

די לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס פון נייעם טיפּ און פון דער נייער אויסערלעכער און אינערלעכער אימיגראַציע זענען אין די מייסטע פאַלן בלויז געזעלשאַפטלעכע קלובן.

צען טיפּן פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס

ס'וואָלט זיכער פאַרנומען צופיל אָרט, ווען מיר זאָלן אָנהויבן באַשרייבן באריכות די פאַרשידענע טיפּן לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און זייערע טעטיקייטן. העריבער וועלן מיר ביי דער געלעגנהייט אָנוואַרפן בלויז ראשי פּרקים:

צען באַשטימטע טיפּן פון לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן היינט צו טאָג אין אַמעריקע. זיי זענען:

1) די אנשי, אָדער חברות. זיי זענען פאַרבונדן מיט בתי מדרשים. זיי זענען די עלטסטע פאָרמע פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

2) בענעוואָלענט (הילף) סאָסייעטעס. זיי זענען די גרונט-פאָרם פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס. זייער הויפּט אויפגאַבע איז הילף פאַר מיטגלידער, פאַרן יחיד. זיי זענען ניט אָרגאַניזירט אין איין צענטער.

3) לאַנדסמאַנשאַפט בראַנטשעס פון פאַרשידענע פראַטערנעלע אָרגאַניזאַציעס און אָרדנס. די מיטגלידערשאַפט איז מער פּאָליטיש באַוואוסטזיניק.

4) פרויען-פאַריינען און קלובן, עקזיסטירן אין די מייסטע פאַלן אַלס צוגאָב צו דער לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציע.

5) פאַמיליע קרייזן. דאָס איז די נייסטע פאָרמע פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציע פון דער אַלטער אימיגראַציע. אין דער לאַנדסמאַנשאַפט באַלאַנגען די מייסטע מיטגלידער פון ביידע צדדים פון דער משפחה. דער הויפּט שטריך איז דאָס, וואָס פופציק פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט באַשטייט פון אַמעריקאַנער געבוירענע.

6) לאַנדסמאַנשאַפט גרופּן און קלובן, ווי קולטור- און ליי-קאַסעס.

7) לאַנדסמאַנשאַפט-אַנשטאַלטן, ווי דער ביאַליסטאָקער מושב-זקנים, צום ביישפּיל, אָדער דער בוקאָווינער צענטער.

8) רעליף אָרגאַניזאַציעס און פאַרבאַנדן. די מייסטע רעליף אָרגאַניזאַציעס, ווי דער זשיטאָמירער און בריסקער רעליפן, צום ביישפּיל, האָבן זיך געגרינדעט במשך פון דער ערשטער וועלט מלחמה. אַ צאָל פון זיי עקזיסטירן ביז היינט. איצט עקזיסטירן די פאָלגנדיקע פאַרבאַנדן: פּוילישער, ליטווישער, בעסאַראַבער, אונגאַרישער, גאַליציאַנער, אוקראַאינער, רומענישער און ווייס-רוסישער. אין יעדן איינעם פון די פאַרבאַנדן זענען אָנגעשלאָסן לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס פון באַשטימטע שטעט פון אַ באַשטימט לאַנד. דער הויפּט-שטריך פון די פאַרבאַנדן איז, וואָס זיי זענען ניט ביכולת צו קאָנטראָלירן קיין איין געביט פון די טעטיקייטן אַפילו פון די אָנגעשלאָסענע לאַנדסמאַנשאַפטן.

9) שטאָט-קאָמיטעטן, קאָונסילס און ספּעציעלע קאָמיטעטן. כמעט ביי יעדער וויכטיקער יידישער אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט אַ קאָונסיל פון לאַנדסמאַנשאַפטן, ביים דזשוינט, ביים אַמבידזשאַן, ביים אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, צום ביישפּיל. חוץ דעם זענען אויך דאָ אין אַ צאָל שטעט ספּעציעלע קאָמיטעטן פון די לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס. ספּעציעלע קאָמיטעטן ווערן פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט פון לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס פאַר אַ געוויסער רעליף-אַקציע.

10) לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס פון דער נייסטער אויסערלעכער און אינערלעכער אימיגראַציע. וועגן זיי האָבן מיר שוין גערעדט אויבן.

די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען אַ כוח אויף דער יידישער גאַס

די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע זענען באמת אַ ריזיקער כוח, כאָטש זייער בלי-פּעריאָד איז שוין לאַנג, לאַנג אַריבער. ס'איז בכלל נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז

די מייסטע לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס ראַנגלען זיך איצט פאַר זייער עקזיסטענץ.

די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס זענען אַ ריזיקער כוח, וואָס אין זיי זענען נאָך ביז איצט אָנגעשלאָסן צענדליקער טויזנטער מיטגלידער, פאָלקס-מענטשן, וועלכע באַלאַנגען ניט צו קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע. אָט די מיטגלידערשאַפט האָט בײַ ניט איין געלעגנהייט אַרויסגעוויזן איר גרייטקייט אויסצושטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט, ווו ס'האָט זיך נאָר גענויטיקט.

דאָס איז געשען אין צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. און נאָך אַ גרעסערער מאָס האָט דאָס פּאַסירט במשך פון די גרויזאַמע היטלער-יאָרן. ס'איז ניט הערך קיין איין אַקציע אין אַמעריקע, אין וועלכער די לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס זאָלן ניט זײַן פאַרטראַטן.

ס'וואָלט אָבער געווען ניט יושרדיק ניט צו דערמאָנען אַ צאָל פאַקטן, וואָס קלערן אויף אין אַ געוויסער מאָס די שוואַכע פּונקטן אין לעבן פון די לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

אין דער ערשטער ריי איז נויטיק צו אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז די מייסטע לאַנדסמאַנשאַפטן זענען היינט צו טאָג אין אַ גוססדיקן צושטאַנד. קיין פריש בלוט איז אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר ניט צוגעקומען און פאַר די מייסטע לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס שטייט דער הויפּט-פּראָבלעם ווי נאָכצוקומען די פאַרזיכערונג-פאַרפליכטונגען פאַר די עלטערע מיטגלידער — און די מיטגלידערשאַפט באַשטייט איצט פון עלטערע מענטשן. מירן זיך ניט אַרײַנלאָזן אין די סיבות פון דעם צושטאַנד.

נאָך איין פאַקט דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן. ביז מיט אַ צענדליק יאָרן צוריק האָט מען אין די אַרבעטער-קרייזן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס, כאָטש אַרום 65 פּראָצענט פון די מיטגלידער באַשטייט פון אַרבעטער. אין רעזולטאַט פון אָט דעם צוגאַנג זענען די לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס כמעט ווי איזאָלירט געוואָרן פון ברויזנדיקן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אינגאַנצן ניט פאַרנומען מיט קיין קולטור-אַרבעט און ווער רעדט שוין פון פּאָליטישער טעטיקייט.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז אָט דער ריזיקער כוח אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע איז פּאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן פון דער וויכטיקער ראָל, וואָס ער האָט געקענט שפּילן אויף יעדן געביט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

כמעט בײַ יעדער וויכטיקער יידישער קערפּערשאַפט עקזיסטירט אַ לאַנדסמאַנשאַפטן-אָפּטיילונג. אָט די אָפּטיילונג שפּילט אָבער ניט קיין זעלבסטשטענדיקע ראָלע. נאָר איז אַ געהילף אָרגאַן. די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס טראָגן צו ביז היינט צו טאָג ריזיקע סומעס געלטער אויף פאַרשידענע צוועקן. אָבער זעלטן ווען עס הערט זיך די שטים פון די לאַנדסמאַנשאַפטן ביים אויסטיילן די געלטער, אָדער בנוגע דעם אינערלעכן לעבן פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט.

ביז היינט צו טאָג זענען ניט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטע פּרוּוון אין אַמעריקע צו באַרייכערן די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס מיט קולטור, מיט אַ ברייטן וועלט-פאַרנעם, מיט נײַע באַגריפן. ביז היינט צו טאָג לעבן זיך אויס די פאָלקס-מענטשן אין די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אויפן זעלבן שטייגער, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַ צוואַנציק-דרייסיק יאָר צוריק.

און דאָס איז איינע פון די סיבות, וואָס ביז היינט צו טאָג פירן אָן אַ גרויסע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס זייערע טעטיקייטן לויט די זעלבע מעטאָדן און מיטלען, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט יאָרן און יאָרן צוריק.

ס'איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס פאַרשידענע דעלעגאַציעס פון יידישע ישובים און צענטראַלע לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן די שווערקייטן, ווען זיי זענען געקומען אין אַמעריקע און גערעדט אַ נאָך-מלחמה שפּראַך, וואָס איז בײַ פיל געלעגנהייטן געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך.

ס'איז אויך אַן אומשטרייטבאַרער פאַקט, אַז אַזעלכע דעלעגאַציעס ווי פון דעם יידישן צענטראַל-קאָמיטעט אין פּוילן, וואָס האָט אונדז באַזוכט דעם פאַריקן יאָר, און פון דעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך מיט די פריינט אַלפרעד גראַנט און אַדאָלף ריבאָזשאַד בראָש, האָבן באמת בײַגעטראָגן פיל מער, ווי מיר האָבן זיי געגעבן. אין די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס וואָלט געווען אַ יושר, אַז אַזעלכע צענטראַלע קערפּערשאַפטן, ווי מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט, זאָלן אונדז וואָס אָפטער באַרײַכערן מיט באַזוכן פון זייערע פאָרשטייער.

דער ריזיקער כוח, וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן און וואָס איז איצט אין אַ צושטאַנד פון פּאַסיוויטעט, וואָלט זיכער דאַן געקומען צו זיך און באַוויזן וווּנדער, ניט בלויז פאַר די יידישע ישובים אין אייראָפּע, נאָר מאַקע אויך פאַר אונדז, אַמעריקאַנער לאַנדסלײַט.

מיר וואָלטן געקענט אפשר דאַן אויסמײַדן אַן אינצידענט, וואָס איז זיך די טעג פאַרלאָפן אין ניו יאָרק און וואָס ברענגט אַרויס אַזוי בולט אונדזער שוואַכן פּונקט:

אַ פרויען-קלוב פון אַ געוויסער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו-יאָרק האָט די טעג צוגעשיקט צום פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אַ בריוו בזה הלשון:

טײַערער ברודער פּרעזידענט. לײַדער קען אונדזער סאָסאײַעטי ניט אָננעמען אײַער אײַנלאַדונג צו קומען צו דער ספּעציעלער קאָנפערענץ, אויף וועלכער, ווי איר זאָגט, ס'וועט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע פון אַ רעהאַביליטאַציע-פאָנד פאַר די יידן אין אייראָפּע. איר ווייסט, אַז במשך פון דער מלחמה האָבן די שוועסטער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע פיל געטאָן פאַר די יידן אין אייראָפּע. איצט, אָבער, האָט אונדזער פרויען-קלוב באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאָנד צו בויען אַ געביידע פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע...

יוסף מילנער

געשיכטלעכע נאָטיצן וועגן בריסק

שוין אין אונזערע צייטן איז דער באַגריף „בריסקער רב" געווען עפּעס וויכטיקס, אַזוי אַז יידן פּלעגן וועגן דעם רעדן מיט אַ גרויסן, זייער גרויסן רעספּעקט — „דער בריסקער רב" איז געווען אַ באַגריף, וואָס האָט געדויערט צענדליקער יאָרן, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ טאַטן מיט אַ זון, וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן רבנישן אויטאָריטעט, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן און אפילו אין אַנדערע לענדער, ווי צום ביישפּיל, אין אַמעריקע: ר' יוסף דוב (ר' „יאָשע בער") סאָלאָווייטשיק און זיין זון ר' חיים. מען האָט געקענט פאַרגלייכן זייער אויטאָריטעט נאָר מיט דעם, וואָס האָט געהאַט ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר, דער „קאָוונער רב". ווען ר' יוסף דוב, אָדער ר' חיים צוזאַמען מיט ר' יצחק אלחנן וואָלטן געוואָלט, אין זייער צייט, רעפאָרמירן אפילו אייניקע אַלטע דאָגמען, וואָלט קיינער נישט געהאַט דעם מוט זיך קעגנצושטעלן. נאָר זיי האָבן נישט געוואָלט, ווייל זיי זענען אַליין געווען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין די אַלע „קוצו של יודן", אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַן אַנדערע קאָנצעפּציע...

אין די צייטן פון דער כאָלערע, למשל, האָבן זיי זיך דערלויבט מתיר צו מאַכן צו עסן פּסח „בעבלעך", אָדער „רייז" און דאָס איז שוין געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע!..

און דאָס פאָלק האָט זיי באמת פאַרערט, אַרום זיי זענען געשאַפן געוואָרן שיינע לעגענדעס, ס'זענען אַרומגעגאַנגען מעשיות און אפילו וויצן וועגן זייער אַרט לעבן און דענקען.

אייגנטלעך איז ר' יוסף בער נישט געווען אַ בריסקער, נאָר אַ נעסוויזשער (פון מינסקער גובערניע), פון דעם נעסוויזש, וועגן וועלכן ס'האָט אַזוי פיל געשריבן איינער פון די ערשטע רוסיש - יידישע שריפטשטעלער לעוואַנדאַ. ער איז געוואָרן רב אין בריסק אין 1878 און פאַרבליבן אין פאַרלויף פון 24 יאָר. נאָך זיין פּטירה, איז אַרויף אויף דעם „כסא הרבנות" זיין זון ר' חיים, איינער פון די אָריגינעלסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער מזרח - אייראָפּעיִשן יידנטום. ר' חיים האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס קעגנער פון ציוניזם, אין די ערשטע יאָרן פון הערצעליזם און פון די באַזעלער קאָנגרעסן. ס'האָבן נישט געהאָלפן די אַרויסטרעטונגען פון ר' יצחק יעקב ריינעס („המזרחי") און פון אברהם יעקב סלוצקי, וואָס אין זיין „שיבת ציון" האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ הכשר פון „מאה רבנים", אַז דער ציוניזם איז כשר.

ר' חיים סאָלאָווייטשיק האָט נישט מסכים געווען און מען קען זאָגן, אַז זיין „ניין" האָט זייער פיל האָן געשטערט די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג.

פון וואַנען איז געקומען אַזאַ שטרענגע פּאָזיציע?... ס'איז קיין שום ספק, אַז ר' חיים איז אַרויסגעגאַנגען פון ריינע רעליגיעזע קאָנצעפּטן („אם ד' לא יבנה בית!"...), נאָר ס'איז אין דעם אויך געווען אַ באַשטימטע טריישאַפט דער ערד, ווו ס'האָבן געלעבט אַזויפיל דורות, אַזעלכע גרויסע מאַסן פון יידן. אין זיין „אָרטאָדאָקסיע" איז געווען אויך אַ פּרינציפּ, אַז מיר יידן האָבן אַ מיסיע צו דערפילן „צווישן די פעלקער". ווי דאָס זאָל נישט קלינגען אויסטערליש, קען מען דאָך זאָגן, אַז דער קאָנסערוואַטיזם פון בריסקער רב האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער וועלט - אַנשויאונג פון דעם פילאָזאָף פון העסוי...

אָבער אין דער זעלבער צייט זענען געווען אין בריסק אויך אַנדערע פּערזענלעכקייטן. ס'איז געווען ר' לייזער לייזעראָוויטש, וואָס גאַנץ בריסק האָט גערופן „דער שניידערישער מגיד", ווייל ער האָט געפּרייִדיקט אַלע שבת, בין מנחה למעריב, אין דער שניידערישער קלויז. ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פיגור פון אַ פאָלקס-טריבון. אויסערלעך איז ער זייער געווען ענלעך צו זשאַן זשאָרעסן. איך, וואָס האָב געקענט ביידע, קען נישט פאַרגעסן, אַז זיי האָבן בוכשטעבלעך געהאַט דעם זעלבן פּנים, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווילינג. און וואָס פאַר אַ רעדנער איז געווען דער

שניידערשער מגיד!... דער בית מדרש פלעגט זיין פול, אָנגעפּאַקט, מען איז געשטאַנען אויף די קעפּ. און ער פלעגט דרשענען מיט היץ און מיט ענטוזיאַזם, ער פלעגט שטראָפן די גבירים, זיי פאָרויסגעזאָגט אַלע מינים פון פורעניות און פלעגט רופן דעם שניידער, דעם שוסטער, דעם סטאָלער, דעם באַנדער צו זיין שטאָלץ מיט זייער פאַך, ווייל זיי זענען אַלע קינדער פון ר׳ יוחנן הסנדלר, למשל! ..

אין יענע יאָרן איז דאָך פאָרגעקומען די געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן און ס׳האָט אָנגערירט בריסק, ווו ס׳האָט געלעבט אַ יידישע אינטעליגענץ. צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט בריסק געהאַט צוויי דעלעגאַטן: נח פינקלשטיין און לעאָן גאָראָדישץ. די התלהבות איז געווען אַזוי גרויס, אַז נח פינקלשטיין, קומענדיק פון קאָנגרעס, האָט אָנגעטאָן אַ „טערקישע פעסקע" און אַזוי שפּאַצירט איבער די בריסקער גאַסן. מען וואָלט געדאַרפט אָנקוקן דאָס פּנים פון דעם איינציקן אין בריסק טערק (אַ בעקער, אין אַלע שטעטלעך זענען דאַן געווען בעקערס טערקן). וואָס פלעגט טראָגן די רויטע פעסקע און קוקן מיט אַ שמייכל אויף נח פינקלשטיינען און גאָרנישט פאַרשטיין. בכלל, איז נח פינקעלשטיין געווען אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. נישט איינמאָל האָט מען זיך געקענט פרעגן: ווי אַזוי איז אין בריסק אויסגעוואַקסן אַזאַ דזשענטלמען? .. מיט זיינע מאַניערן, זיין אופן זיך אָנטון, זיין האַלטן זיך, האָט מען געקענט מיינען ,אַז ער איז אַ אַדעלמאַן.

נח פינקעלשטיין, ווי באַקאַנט, איז שפּעטער אַריבער צום טעריטאָריאַליזם און ער האָט געגרינדעט די יידישע טעגלעכע פרעסע אין וואַרשע. די צווייטע וועלט-מלחמה האָט אים פאַרכאַפּט אין פּאַריז (און אין וואַרשע איז אומגעקומען זיין גאַנצע משפּחה, ווי אויך זיין ברודער נחמיה), ער איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן און איז דאָ אין פּאַריז געשטאָרבן אין אַ גרויסער נויט.

אין בריסק זענען געווען נאָך צוויי אינטערעסאַנטע משפּחות: כהן און גאָלדבערג. מאַטעריעל איז דער חילוק געווען צווישן זיי ווי הימל און ערד, אָבער גייסטיק זענען זיי זייער געווען נאָנט. ר׳ חיים כהן איז געווען אַ בריסקער ייד, וואָס האָט דערגרייכט די גרעסטע שטופע, וואָס אַ ייד אין זיין שטעטל האָט געקענט טרוימען: ער האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט נאַפט אין באַקו און איז געוואָרן אויף דעם געביט אַ שותף פון דעם באַראָן עדמאָנד ראָטשילד!... ר׳ חיים כהן איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה און אַממערסטן האָט אים אינטערעסירט ארץ-ישראל און ער איז געוואָרן אַ מין „נדיב הידוע". ער פלעגט אויסגעבן אין יענע יאָרן הונדערטער טויזנטער גאָלד־רובלס פאַר דעם ישוב אין ארץ-ישראל.

די אַנדערע משפּחה, גאָלדבערג, האָט געהאַט אַלס שעף ר׳ אהרן נח. אַ העברעישער לערער, נאָר וואָס פאַר אַ משכיל, און וואָס פאַר אַ פען (ער פלעגט שרייבן אין „הצפירה", זעלטן אָבער זייער שאַרף): ס׳איז נישט געווען פאַר אים אַן אומבאַקאַנטער ליטעראַרישער געביט. זיין עלטערער זון מאיר גאָלדבערג, וואָס לעבט שוין נישט מער, האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין „המליץ" און שפּעטער האָט אים געקענט דער גאַנצער יידישער ניו-יאָרק; זיין צווייטער זון איז אברהם גאָלדבערג, דער יידישער זשורנאַליסט, דער באַקאַנטער לידער פון וואַרשעווער „היינט"; און זיין דריטער זון איז דער דיכטער מנחם...

בריסק האָט נאָך געהאַט איר היסטאָריקער. ס׳זענען נאָך פאַראַן בריסקער, וואָס דערינערן זיך דעם שלאַנקן אַלטיטשקן ליב פיינשטיין מיט זיין „הדרת פּנים"?... אַליין איז ער געווען אַ דאָמאַטשעווער. איז אָבער דאָמאַטשעוו נישט די פאָרשטאָט פון בריסק?... ער איז געשטאָרבן אַ זקן פון העכער אַכציק יאָר (אין 1903) און איך דערמאָן זיך זיין לויה. „גאַנץ בריסק" איז געווען אויף דעם בית עולם.

ער האָט אָנגעשריבן אין 1886 זיין „עיר תהילה". דאָס איז געווען די געשיכטע פון דער בריסקער קהלה. ס׳האָט געמאַכט אַ רושם. און ער האָט זיך פאַרשריבן אין דער פּלעיאַדע פון אַ שלמה בובער (לעמבערג), אַ חיים נתן דעמביצער (קראָקע), אָדער אַ שלמה ברוך ניסנבוים (לובלין), וואָס האָבן געשאַפן די זעלבע ווערק וועגן זייערע געבורטס־שטעט.

אריה ליב פיינשטיין האָט נאָך אָנגעשריבן אַ „אלף המגן" (אַרויסגעגעבן אין 1870, אַ פּירוש צו דער הגדה) און אויך פיל אַנדערע ביכער.

איך וויל פאַרענדיקן. דער שניידערישער מגיד האָט אויך געזען זיינע אַלע קינדער פאַרלאָזן בריסק: זיין עלטערער זון מתתיהו איז געווען רב אין ברוקלין, אַנדערע האָבן זיך אויך צעזייט איבער דער וועלט און איינער פון זיינע זין, דער באַקאַנטער וואַרשעווער זשורנאַליסט משה לייזעראָוויטש איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ דורך די דייטשן...

איך שטעל זיך דאָ אָפּ און אַנדערע וועלן קומען, מן הסתם, און דערציילן וועגן בריסק פון צווישן די צוויי מלחמות, וועלכן איך האָב נישט געקענט. היינט זענען בריסקער צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה ימים און בריסק אַליין, דאָס יידישע בריסק, עקזיסטירט נישט מער. די צעזייטע בריסקער טראָגן אין זיך דעם גייסט פון דער אַלטער און גרויסער יידישער קהלה און זיי האָבן אַ חוב: אָפּצוהיטן אַזאַ גייסט!...

דאָרע טייטלבוים (ניו־יאָרק)

בריסק, מיין בריסק

בריסק, מיין בריסק, שטאָט פון מיינע קינדער־יאָרן,
מיט ליכטיקע און פינצטערע זכרונות.
עס גליט און ברענט און לעבט אין מיין זכרון
יעדע ווונד, וואָס ס׳האָט געלאָזן דיר דער שונא.

איך קום צו דיר אין יעדער פרייער רגע.
איך קום צו דיר, ווען כ׳דרימל, ווען איך וואַך.
עס ווערט אַ פּאַראַשוט מיין שניי־ווייסער געלעגער
און ברענגט מיך צו דיר יעדע אויפדערנאַכט.

איך שפּרייז מיט שטילן, מיט אומעטיקן טראָט
פון גראַיעווער סלאָבאָדקע ביזן אַלטן מאַרק.
איך זוך אַ הויכן בוים אין מיטן קייסער׳ס סאָד.
איך זוך אַ הייל אין בויך פון בריסקער באַרג.

אַ בוים, ווו כ׳האָב פאַרקריצט אַמאָל מיין נאָמען
און אַ שורה פון מיין ערשטן יידיש ליד.
אַ הייל, וואָס האָט געשיצט מיך פון פּאָגראָמען,
אַ הייל, וואָס האָט דערמאָנט אַז כ׳בין אַ ייד.

גיי זוך אַ באַרג, אַז אַ באַרג איז יעדעס הויז
און היילן אָפּענע די הייזער ווי די קברים.
דער בית עולם, ווי אַ טייך פון די ברעגן איז אַרויס
און ציט זיך שוין פון מזרח, ביז צפון און ביז דרום.

אַ פאַרשנייטער בוים — מיין טאַטנס ווייסע קלויז,
צווישן שטיינער, צווישן אָפּגעברענטע ציגל.
איך גיין פון באַרג צו באַרג, פון הויז צו הויז
און זוך אַ סימן פון מיין אַלטן שטרויען וויגל.

איך קוק אויף שוואַרצע, שאָטנדיקע זריבן.
דאָ בין איך קיינמאָל רואיק ניט געשלאָפן.
פון דאַנען האָבן פאַנעס מיך פאַרטריבן.
פון זיי בין איך אין נאַכט אין פינצטערער אַנטלאָפן.

היימיש זיינען מיר די שוואַרצע סילועטן,
היימיש יעדער באַרג, יעדע גאַס, יעדער שטיין.
פון דאַנען פלעגט מען יידן אַרויסשלעפּן פון בעטן,
פון דאַנען פלעגן זיי צו אייגענע לוויות גיין.

איך זוך מיין „שקאָלע״ צווישן אָפּגעברענטע זריבן
און די רויזן, וואָס האָבן יעדן פרילינג זיך צעבליט.
דאָ האָב איך זיך אויסגעלערנט האַסן — ליבן,
דאָ האָבן איך ס׳ערשטע מאָל געהערט „פּאַרכאַטי זשיד״.

דאָך האָט מיך אַהער אַזוי געצויגן:
צו די ביכער, צו די מאַפּעס, צו די טינטערס.
דאָרט געלאָזן כ׳האָב אין לערערס בייזע אויגן
צוועלף הונגעריקע, צאָרנדיקע ווינטערס.

איך שפּרייז אויף די קברים פון מיין שטאָט.
איך גלעט די גרעזעלעך, די יונגינקע, די גרינע.
און ווי מונטער ווערט מיין אומעטיקער טראָט,
ווען כ׳טראַכט, אין זעלבן קבר ליגט ס׳אַלטע פּוילן מיט איר שנאה.

בריסק, מיין בריסק, וויג פון שלאַכטן און פּאָגראָמען.
זיכערער ווי שטענדיק שפּאַנט איצט איבער דיר
מיין טראָט.
נאָמען,
ווי לאַנג עס לעבט די ערד, ווי לאַנג עס לעבט דיין
וועסטו ווידער זיין אַ לעבעדיקע שטאָט!

נ. געלבאַרט

געדענק־טעג פון יידישן לאָדזש

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט איבער הונדערט יאָר צוריק. דאָס קליינע אָרט נעבן טייכל „לודקא". דאָס שטעטל לאָדזש, איז דעמאָלט באַשטאַנען פון צוויי קוואַרטאַלן: די יידישע אַלט־שטאָט אין צפון און דעם קריסטלעכן גייערס ראַיאָן אין דרום־טייל שטאָט. פּראָטעזשירט פון דער דעמאָלטיקער צאַרישער רעגירונג, מיטן צוועק איינצופירן די טעקסטיל־אינדוסטריע אין דעם אָקופּירטן טייל פּוילן, האָבן זיך אין לאָדזש אָנגעהויבן באַזעצן די ערשטע דייטשן פון זאַקסן, פון וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט די ערשטע אינדוסטריע־מכשירים. די נייע קוועלע פון פרנסה האָט גורם געווען אַ צופלוס פון יידן פון די קליינע אַרומיקע שטעטלעך און שפּעטער אויך פון ליטע און רוסלאַנד, ווי אויך פון די פּאָליאַקן פון די דערפער.

אויסער איינציקע גרויסע קריסטלעכע פירמעס האָבן די יידן איבערגענומען כמעט די גאַנצע איניציאַטיוו ביים אַנטוויקלען די טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדזש און אַרומיקע שטעטלעך, פירמעס ווי ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי, משה אהרן ווינער, דוד פּרוסאַק א. א. שפּעטער אשר קאָהן (ווידזעווער מאַנופאַקטור) און ברידער אייטינגאָן, זענען נישט געווען בלויז באַקאַנט אין פּוילן, נאָר אַפילו אין אייראָפּע און איבערן ים. (בלויז אין פּאָזנאַנסקיס פאַבריק זענען געווען באַשעפטיקט ביז אַ פופציק טויזנט אַרבעטער).

די געגנט פון אַלטשטאָט ביז גייערס ראַיאָן (צוליב די אַמאָליקע באַזוכן פון וועלף, גערופן: „ווילקי"), אַ שטח פון 5-4 קילאָמעטער, איז אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר אויסגעוואַקסן צו אַן אייראָפּעישער גרויסשטאָט. לאָדזש האָט פאַרן קריג געציילט איבער זיבן הונדערט טויזנט איינוווינער (דערפון ביי אַ פערטל מיליאָן יידן) און איז, ווי באַוווּסט, געווען די צווייטע גרעסטע שטאָט אין פּוילן, און אין קאָנטראַסטן, אפשר די ערשטע.

לעבן אַ גרויסער רייכקייט — אַ נאָך גרעסערע נויט; צווישן געשעפט און רויכערנדיקע קוימענס — אַ באַדייטנדיקער קרייז פון אינטעליגענץ: שרייבער, מאָלער און אַפילו אַ גרויסע צאָל בעלי חלומות און באָהעמע. אין דער רוישנדיקער און גרעסטער געשעפטס־גאַס, אין צפון־טייל (פּיאָטריקאָווער) האָט מען גערעדט כמעט בלויז יידיש. אין די געשעפטן האָט מען געשריבן וועקסלען און אויף די בוידעם־שטיבלעך — לידער... האָט זיך אַ יידישער שרייבער פון וואַרשע געוואָלט אָפּפרישן זיין נשמה אין קרייז פון אייגענע מענטשן, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט „אויף לופט" אין דעם פאַרויכערטן לאָדזש און געפונען אַ ריינע אַטמאָספער, אַ חברישע אַטמאָספער.

1892 — דער ערשטער שטרייק און ערשטער פּאָגראָם.

דער ערשטער עקאָנאָמישער שטרייק אין פּוילן איז אָן ספק דער פון די לאָדזשער טעקסטילאָוצעס פון דער גרויס־אינדוסטריע. די דעמאָלטיקע צאַרישע רעגירונג איז שנעל געקומען צוהילף די פאַבריקאַנטן אויף זייער רוף. די „נאַטשאַלסטוואָ" האָט אויסגענוצט דעם פינצטערן המון און אים געהעצט קעגן די שטרייקנדיקע און... יידן.

אויף „מרדכי גבאים גאַס", (אַזוי גערופן נאָך איר ערשטן הויז־באַזיצער) איז געווען דאָס שלאַכט־פעלד. די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט אויף דעם דערנעבנדיקן בית מדרש פּלאַץ און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. קרבנות זענען געווען פון ביידע צדדים.

יאָרן לאַנג שפּעטער פלעגט דאָס פּאָגראָם־געשפּענסט נישט פאַרלאָזן די איבערגעשראָקענע יידישע באַפעלקערונג.

1905 — דער בלוטיקער מיטוואָך — און דער... ענדעקישער טעראָר

נאָך דער רוסישער מפּלה אין קריג מיט יאַפּאַניע, האָט דער לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט, נאָכטוענדיק דעם מאָסקווער העלדישן אויפשטאַנד, אַנטשלאָסן דערקלערט קריג דער רעגירונג מיטן ציל צו דערגרייכן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג. גענעראַל שטרייקן און אַרויסטרעטונגען מיט געווער אין דער האַנט זענען געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג.

פּוילישע און יידישע אַרבעטער זענען געגאַנגען געאייניקט קעגן שונא. דער קולמינאַציע־פּונקט פון קאַמף האָט אין

דעם זומער דערגרייכט — דעם בלוטיקן מיטוואָך, וואָס איז געבליבן דער גרעסטער געדענק־טאָג אין דער געשיכטע פון לאָדזשער לעבן אין דער צייט ביזן ערשטן וועלטקריג. כמעט אין אַלע גאַסן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. דער יידישער קעמפער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. די רעאַקציע האָט זיך אָפּגערעכנט פאַר דער דרייסטקייט און אין משך פון 24 שעה אָן אָפּרו האָט דאָס מיליטער, וואָס איז צו דעם צוועק אַרויסגעשיקט געוואָרן, געשאָסן אויף יעדן לעבעדיקן נפש, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, אָדער ביים פענצטער פון דער וווינונג. נאָכן באַהערשן די לאַגע, האָט מען ווידער באַנוצט דאָס אַלטע מיטל, וואָס איז שפּעטער אַזוי ניי געוואָרן — דער פינצטערער המון — און דאָס מאָל אויפגעהעצט דורך דער אָרגאַניזירטער נ. ד. („נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן" — רעאַקציאָנערע פּוילישע פּאַרטיי) האָט זיך געוואָרפן אויף יידן. דער טעראָר האָט זיך שוין פּעריאָדיש איבערגעחזרט ביז צום קריג.

1914 — דער ערשטער וועלט־קריג

די דייטשן פון ווילהעלמס 24 מלוכות, וואָס האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק ביים אַנטשטיין פון דער שטאָט געהאָלפן גרינדן איר אינדוסטריע (טעקסטיל), האָבן אין משך פון איבער פיר יאָר די זעלבע אויסגערויבט און איבערגעלאָזן נאָך זייער מפּלה אַ חרובע ווירטשאַפט. דער הונגער בעת די קריגס־יאָרן האָט זיך צום שטאַרקסטן אָפּגערופן אין די גרויסע שטעט פון פּוילן און אין ערשטער ליניע וואַרשע, לאָדזש. גרויסע מאַסן, באַזונדערס יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע מעגלעכקייט צו עקזיסטירן, האָבן זיך געלאָזן אין דער פּראָווינץ, וואָס איז ווייניקער געטראָפן געוואָרן פון הונגער. טויזנטער מענטשן זענען געפאַלן פון עפּידעמישע קראַנקהייטן, דער עיקר פון פלעק־ און בויך־טיפוס. נישט געווען אַ הויז אין לאָדזש, וווּ אַ רויט צעטל פאַר דער טיר זאָל נישט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער עפּידעמישער געפאַר. די וואָרנונגען: „איינגאַנג פאַר סאָלדאַטן פאַרבאָטן", געצילט צו פאַרהיטן די אַרמיי פון דער עפּידעמיע האָבן אָבער גאָרנישט אָפּגעשרעקן די דעמאָלטיקע מיליטער־אַמטן צו רעקווירירן די סחורות און מעטאַלענע כלים פון די זעלבע הייזער.

1939 — דער מיטלאַלטער

ווידער דייטשן. געלע לאַטעס, געטאָ, דראָטן, בריקן און טויערן. דער צפון־טייל פון לאָדזש (אַלטשטאָט פון באַלוט) איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. ווי הינער אין שטייג, וואָס וואַרטן אויף דער שחיטה, פּלאָנטערן זיך די נאָכן לויפן אין דער פּראָווינץ געבליבענע הונדערט זעכציק טויזנט יידן אין איין ווינקל. אויך די, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָט דער טויט דעריאָגט. געראַטעוועט האָט זיך נאָר דער טייל, וואָס האָט דערגרייכט די רוסישע ערד און האָט זיך באַצייטנס עוואַקואירט טיפער אין לאַנד.

צו פריש זענען נאָך די זכרונות ביי לעבן־געבליבענע פאַר פּרטים פון די איבער פינף יאָר געטאָ־גיהנום; די, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן ביז דער ליקווידאַציע (1944), האָבן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַרענדיקט.

די שרעקלעכסטע געדענק־טעג פון יידישן לאָדזש.

מ. ספּעקטאָר

קאַמף און אומקום פון דער שעדלעצער קהילה

1939. די דייטשע אַרמיי, וואָס איז באַפאַלן פּוילן, דערנענטערט זיך צו שעדלעץ, וועלכע איז שוין באַזעצט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס בלייבט אָבער בלויז 8 טעג אין דער שטאָט.

ביים עוואַקואירן די שטאָט, רופט די סאָוויעטישע מיליטערישע מאַכט אַלע יידן מיטצופאָרן, עס וועט זיי געגעבן פרייער טראַנספּאָרט. אָבער בלויז אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג איז מיטגעפאָרן. דער גרעסטער טייל פון דעם יידישן ישוב איז, צום באַדויערן, געבליבן אין שעדלעץ און שפּעטער אומגעקומען אין היטלערישן גיהינום.

ווען די חיות זענען אָנגעקומען, האָבן זיי קודם כל באַוויזן זייער פּרצוף פון באַרבאַרן מיטן פאַרברענען די שול. אויסער דעם האָבן זיי צעראַבירט די יידישע געשעפטן.

זיי גיבן אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדער ייד מוז אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר יעדן דייטש. האָבן יידן אַראָפּגענומען דאָס היטל, זענען זיי געשלאָגן געוואָרן, האָבן אַנדערע יידן נישט אַראָפּגענומען, זענען זיי נאָך מער געשלאָגן געוואָרן.

יעדער ייד האָט געמוזט טראָגן אויפן אָרעם אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד.

יעדן טאָג האָט מען געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט.

עטלעכע הונדערט יידן ווערן גע־

טריבן צו פוס קיין וועגראָוו און פון דאָרטן ווערן זיי אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד.

יידן-ראַט אין געטאָ

די דייטשן שאַפן שפּעטער אַ יידן-ראַט. דער פּרעזידענט איז מנשה טשאַרניבראָדע.

דער ערשטער געטאָ איז באַשטאַנען פון עטלעכע גאַסן, דלוגע פון דעם סאָנד ביז סאָקאָלאָווער וועג, צוקומענדיק צו פּרעספּעקטאָווער גאַס, די גאַנצע לאַנגע ביז דעם סאָנדאָווער געסל. אין מיטן די יאַטקע-גאַס, די בראָווארנע און אַ טייל פון אקאַפּאָווער גאַס.

אַט דער קליינער שטח איז עס געווען באַשטימט פאַר אַ באַפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט יידן, ווייל די יידן פון די אַרומיקע חערפער האָבן אויך געדאַרפט פאַרלאָזן זייערע שטיבער און קומען וווינען אין געטאָ.

די ענגשאַפט איז געווען אַ שרעקלעכע. 3 פאַמיליעס האָבן געדאַרפט וווינען אין איין צימער מיט אַ קיך. די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין אַזאַ מין ענגשאַפט זענען אַזעלכע, אַז, ווען עס בראַכט אויס אַ טיפוס - עפּידעמיע, שטאַרבן אויס יעדן טאָג אין דורכשניט 20 פּערזאָן.

אַזוי ווי דער בית עולם האָט זיך געפונען אויסערן געטאָ, האָט מען נישט געטאָרט באַגלייטן די מתים צו דער קבורה.

אין געטאָ איז געווען אַ יידישע פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון 35 מאַן. איר אויפגאַבע איז געווען צו היטן, אַז עס זאָל נישט אַריינגעפירט ווערן קיין שפּייז - אַרטיקלען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון געטאָ.

דער קאָמאַנדאַנט פון דער פּאָליציי, שאַיע גאָלדבערג, אַ חוקער, איז געווען אַ געטרייער דינער פון די דייטשע תלינים. דער יידן-ראַט האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אַרבעטסאַמט, דער אַמט פלעגט יעדן טאָג אַרויספירן די יידן פון געטאָ אויף אַרבעט, בעיקר די אָרעמע יידן, ווייל די רייכע פלעגן זיך אויסקויפן פון דער אַרבעט פאַר געלט.

איין מאָל האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג רעוואָלטירט קעגן דעם ווילקיר פון אַרבעט-אַמט. 10 מאַן זענען דערשאָסן געוואָרן און די דייטשן זענען באַפאַלן דעם געטאָ און געמאַכט דאָרטן אַ בלוטיקן פּאָגראָם. זיי האָבן גערויבט און געשלאָגן. עס זענען געווען טויטע און פיל פאַרוווּנדעטע, צווישן זיי אַ סך קליינע קינדער.

יעדע פאַרזאַמלונג פון יידן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מען האָט אפילו נישט דערלויבט צו דאַווענען בציבור. ווען מען פלעגט כאַפּן פרומע יידן דאַווענדיק צוזאַמען אין אַ מנין, פלעגט מען זיי שלעפּן איבער די גאַסן, שלאָגן, אָפּשנייַדן די בערד און זיך איזדיעקעווען איבער זיי.

ליקווידאַציע פון געטאָ

די ערשטע ליקווידירונג - אַקציע פונעם געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 20-טן אויגוסט 1942, 6 אַזייגער באַגינען.

צו דער ליקווידירונגס - אַקציע זענען געבראַכט געוואָרן פון די דייטשן עטלעכע טויזנטער אוקראַינער ס. ס.-לייט, וועלכע זענען פון זיי קאָמאַנדירט געוואָרן.

אַלע יידן האָבן זיך געמוזט פאַרזאַמלען אויפן פּלאַץ פון געוועזענעם שולהויף און אויף דעם אַלטן בית עולם. דער, וואָס איז געבליבן אין שטוב, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

אַ טייל יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעגרייט. עס זענען געווען פאַלן, ווען מען האָט דערשטיקט די אייגענע קינדער, כדי זיי זאָלן מיט זייערע געוויינען נישט אַרויסגעבן די באַהעלטענישן.

די גרויסע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אויפן „פּלאַץ“. דער דייטשער קאָמאַנדאַנט פאַקיש האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן זאָלן זיצן. ווער עס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז תיכף דערשאָסן געוואָרן.

דריי טעג און דריי נעכט איז מען געזעסן אויפן „פּלאַץ“. פון צייט צו צייט פלעגן די מערדער עפענען אַ שיסעריי.

אַזוי זענען אומגעקומען אויפן פּלאַץ גופא אַן ערך 10 טויזנט יידן פון שעדלעץ, מאָרדע און לאָשיץ. אפילו די קראַנקע פון שפּיטאָל זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פלעגער און וועכטער. דער דאָקטאָר, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קראַנקע, איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיי.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן דער לאַוניק גלוכאָווסקי, וואָס האָט געהאַטעוועט אַ יידיש מיידל, אויפן פּלאַץ זי אַריינגענומען אין זיין אויטאָ און זי אויסבאַהאַלטן.

שפּעטער איז צווישן די לעבן - געבליבענע יידן פון דער „אַקציע“ געמאַכט געוואָרן אַ סעלעקציע. דער גרעסטער טייל איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקי. נאָר אַ קליינע צאָל, בײַ 1500 יידן זענען געבליבן אין שטאָט, ווייל די דייטשן האָבן זיי געדאַרפט האָבן כדי אויפצוראַמען דאָס געטאָ, כדי צונויפצוזאַמלען דאָס איבערגעבליבענע יידישע פאַרמעגן.

די 1500 יידן האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַזוי גערופענעם „קליינעם געטאָ“, אַ שטח פון 200 אויף 200 מעטער. ער האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם ראָג דלוגע און סאָקאָלאָווער שאָסיי ביזן ראָג פּראָספּעקטאָווע און אָקאָפּאָווע.

לעצטע ליקווידאַציע

די ערשטע קרבנות פון דעם קליינעם געטאָ זענען געווען 31 פרויען, וואָס די דייטשע מערדער האָבן דערשאָסן.

שפּעטער, דעם 25-טן נאָוועמבער 1942, האָט מען אַלע יידן פונעם „קליינעם געטאָ“ אַריבערגעפירט קיין גענשי באָרקי (נאָך דעם שלאַכן, אויף וואַרשעווער שאָסיי). אַהין האָט מען אויך פאַרשלעפּט די איבערגעבליבענע 150 יידן פון שטעטל סאַרנאַק.

אין גענשי באָרקי איז געווען אַ לאַגער פאַר ציגיינער, וווּ די דייטשן פלעגן זיי צונויפזאַמלען פאַרן דעפּאָרטירן.

דאָרטן האָבן די שעדלעצער און סאַרנאַקער ייִדן געוואַרט 5 טעג, ביז מען האָט זיי אַריינגעפּאַקט צו 60 מאַן אין אַ בהמה־וואַגאָן און אָפּגעפירט אין טרעבלינקע .

אַ גרופּע יונגע האָט געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד, נאָר די ייִדישע פּאָליציי, וועלכע איז ביזן לעצטן מאָמענט געבליבן טריי זייערע דייטשישע הערן, האָבן וועגן דעם צוויסן געגעבן די נאַציס. מען האָט אַרומגערינגלט דעם לאַגער. נאָר אַ קליינער טייל האָט זיך דורכגעריסן. אַנדערע זענען געפאַלן, אַ קליינער גרופּע איז געלונגען צו אַנטלויפן.

דעם 30־טן נאָוועמבער האָבן די דייטשן אָפּגעגעבן כבוד זייערע געטרייע משרתים — די ייִדישע פּאָליציאַנטן — זיי האָבן זיי דערשאָסן פאַרן אָפּפאָרן פון די מאַרטירער קיין טרעבלינקע.

צווישן די דעפּאָרטירטע האָט זיך געפונען אַ העלדישע ייִדישע פרוי, וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן און מיטגענומען מיט זיך אונטערן מאַנטל אַ זעג מיט אַ האַק. אַ דאַנק איר האָבן זיך געקענט ראַטעווען אייניקע ייִדן. צוזאַמען מיט איר האָבן זיי אויסגעהאַקט לעכער אין די וואַגאָנעס און אַנטלאָפן אין רעכטען גאַנג פון צוג. אייניקע זענען געפאַלן אונטער די קוילן פון די דייטשע גוט־באַוואָפנטע באַגלייטער, אָבער אַ געוויסער צאָל איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פונעם דייטשן קלעם.

ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין שעדלעץ און אומגעגנט

די ייִדישע באַפעלקערונג פון שעדלעץ און אומגעגנט האָט געציילט אַ גרופּע פון העלדישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם כבוד פון אונזער פאָלק און זיך נוקם געווען אין אונזערע שונאים.

דער דייטשער קאָמאַנדאַנט , דער תליון פאַביש איז דערהרגעט געוואָרן פון אונזערע פּאַרטיזאַנער.

אינעם העלדישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אויסגעצייכנט דער זון פון איטשע פעלדשער — יורעק אַלבערג, באַמבאָוויעץ, טשיבוצקים אַן אייניקל (איצל פון זייף־פאַבריק). ישראליק צוקער, דער זון פון אונזער פאַרשטאָרבענעם, אומפאַרגעסלעכן פּרעזידענט שמואל צוקער און בלאַשטיין, האָבן אָנגעפירט מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין מאָרדער וואַלד.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פלעגן מאַכן אָנפאַלן אויף די דייטשע הענקער, דורכפירן סאַבאָטאַזש־אַקטן. זיי האָבן מיט זייער מוט און ענערגיע מיטגעווירקט צום זיג איבערן שונא. זיי האָבן נקמה גענומען פאַר אונזערע דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער.

— —

אין 1948 ווערט פונקט 500 יאָר, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן שעדלעץ. עס איז געווען אַמאָל אַ שטאָט, וווּ עס האָבן געלעבט 17 טויזנט ייִדן. זיי האָבן זיך דאָרט פאַרוואָרצלט, געאַרבעט, געהאַנדלט, געשאַפן, אויפגעבויט אַן שיין, קולטורעל לעבן.

די דייטשע באַרבאַרן האָבן אָפּגעמעקט פון דער ערד דעם ייִדישן ישוב. זיי האָבן אפילו די מצבות פון אונזערע לאַנג־פאַרשטאָרבענע זיידעס און באָבעס פאַרשוועכט, געברוקירט מיט זיי די גאַסן.

זאָלן אונז די טויזנטער אומגעקומענע ברידער און שוועסטער פון שעדלעץ און אומגעגנט, פון אונזער פאָלק, דערמאָנען אונזער חוב — נקמה צו נעמען פון אונזערע הענקער און צו קעמפן מיט אַלע ערלעכע, פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע כוחות פון דער וועלט קעגן דעם רעאַקציאָנערן, מלחמה־העצערישן לאַגער, קעגן די שונאים פון אונזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

קלמן פרידמאַן

ציען זיך מחנות פאַרטריבענע

ציען זיך מחנות פאַרטריבענע
אויף זאַמדיקע וועגן פאַרבלוטיקטע,
אין האַרצן דעם וויי פון געשענדעטע
מיט שרעק אין די בעטנדע אויגן,

די קינדער צו מאַמעס געטוליעטע,
די מאַמעס פון וואָגלען פאַרמאַטערטע,
און טאַטעס פאַרבלייכט פון יסורים
פון ווייטיק אין דרייען געבויגן.

עס שלענגלען צום הימל זיך וואָלקנס רויך
די העלישע פלאַמען פון פייער־בראַנד
פון היימישע שטעטלעך פאַרשרפט'ע
באַגריסן די מחנות פון ווייטן.

און עמיץ צעווישן די וואָגלענדע,
אַ גרייז־גרויער זקן, אַן אַלטינקער,
טרייסט אַלץ די מחנות פאַרטריבענע
און האָפט נאָך אויף בעסערע צייטן.

וואָקזאַל־לידער

א.

ברענען צוויי לאַמטערן גרינע,
וואַרפן שאָטנס אין דער נאַכט.
גייט ווער אום אויף דער פּלאַטפאָרמע
הין און צ'ריק אין זיך פאַרטראַכט.

זיצט אַ גוי אַליין אין בודקע,
גענעצט הויך אַזוי און ברייט —
הילכט אַ פייף אויף אין דער שטילקייט
פון די פעלדער ערגעץ ווייט.

צינדט זיך אָן אַ רויטער פייער
אויף אַ סלופּ ווו אין דער הויך,
שלענגלט זיך אַ באַן פון ווייטן
און פאַרהילט די נאַכט אין רויך.

ב.

שטעלט ווער אָפּ זיך מיט אַ פּעקל,
ליינט דאָס סטאַנציע־שילדל איבער,
שפּרייט זיך אויף זיין מידן פּנים
זיס אַ שמייכל אויס אַ ליבער.

לויפט מיט פרייד אים ווער אַנטקעגן,
קושט באַהאַרצט אויס זיינע גלידער.
זיפצט פאַר זיך דער גוי אין בודקע:
אָט וואָס הייסט געטרייע ברידער.

און פון באַן אַרויסגעבויגן
אויסגעבלייכט פון וועג אַ מידער,
בענטשט ווער שטיל דאָס קליינע דערפל
און פאַרבענקט זיך נאָך אַ ברודער.

ניו־יאָרק

יזכור ...

דעם אָנדענק פון זעקס מיליאָן יידן,
גרויזאַם אומגעבראַכט דורכן נאַצישן רוצח.

דעם אָנדענק פון אַלע געפאַלענע יידישע סאָלדאַטן
פון די אַלירטע אַרמייען.

דעם אָנדענק פון אַלע יידישע העלדן,
ווידערשטענדלער, פאַרטיזאַנען און געטאָ־גבורים,
געפאַלענע אין קאַמף קעגן שונא.

דעם אָנדענק פון אַלע מיטגלידער, טוער און פריינט
פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער
באַוועגונג אין פראַנקרייך,
דערשאָסן, דעפאָרטירט, אומגעבראַכט
אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופאַציע
1939 — 1945

